STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01757

KULISN UN HINTERKULISN

Meir Braudo

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאיר בראַודאָ

★

קוליסן און הינטערקוליסן



מאיר בראַודאָ

מאיר בראודא

קוליסן און הינטערקוליסן

זכרונות, באַגעגענישן, געשטאַלטן
אין יידישן טעאַטער אין סאָוויעט־רוסלאַנד

הקדמה : דב סדן

פאַרלאַג „המנורה" תל־אביב
תשל״ד — 1974

©

נדפס בישראל

Printed in Israel

מאיר בראַודאָ / קוליסן און הינטערקוליסן

פאַרלאַג „המנורה״, רח׳ זנגביל 24, תל־אַביב, ישראל
דפוס „רות״, תל־אביב, טל. 828328

געווידמעט פאַני —
מיין געטרייער לעבענס־באַגלייטערין,
וואָס האָט געטיילט מיט מיר פרייד און לייד
אויף אַלע אונדזערע וועגן.
מאיר

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער מיטהילף פון:
מר זלמן שזר
און „קרן תל־אביב לספרות ואמנות״

אינהאלט

פאָרוואָרט 7

מיין קינדהייט 16

מיין ערשטער אַרויספאָר אין דער וועלט 25

צוריק אין רוסלאַנד 55

מיין באַגעגעניש מיט אסתר רחל קאַמינסקאַ . . . 58

די קיעווער טעאַטער־סטודיע

אין דער דראַמאַטישער קאָנסערוואַטאָריע 63

מיין אַרבעט אַלס אָנפירער פון דראַמקרייז 66

מיין ערשטע ליבע און מיין באַגעגעניש מיט זאַסלאַווסקין . 69

דער פינאַל פון מיין ערשטע ליבע 87

גוזיקיאַדע אין מיין קאַמף קעגן שונד 96

טעאַטער סטודיע „פרייקונסט” 114

אין אָדעסער יידישן מלוכה־טעאַטער 140

די צייט פון סטאַלין־קולט 181

אין אוקראַינישן טעאַטער 186

די דערפאָלגן פון נחמה ליפשיץ 214

דב סדן

א שטיק קולטור־יבשה

א

עס איז אַ קיימא־לן, אַז אַן אַקטיאָר, בפרט אַ יידישער אַקטיאָר, האָט וואָס צו דערציילן וועגן זיין לעבן, וואָס איז אַ מין טאָפּל־לעבן, — באַשטייט עס דאָך פון אַ פּאַראַלעל פון צוויי מאַרשרוטן, דער איינער מאַרשרוט, דער ביאָגראַפישער, אַ שטענדיקער נע־ונד, צומאָל פון עק וועלט ביז עק וועלט; דער אַנדערער מאַרשרוט, דער באַרופלעכער, סיי מלשון באַרוף סיי מלשון באַרופונג, אַ נישט מינדערער נע־ונד צווישן דראַמאַטישע קרעאַציעס; און ביידע נע ונדן וויקלען זיך אָפּ אין אַ שלל פון זיך בייטנדיקע אַרומען.

דער ביאָגראַפישער נע ונד צווישן שטעט און לענדער, דער קינסטלערישער נע־ונד צווישן טרופּן און רעפּערטואַרן, און די געשפּאַנטקייט צווישן די דאָזיקע ביידע עלעמענטן, צייכנט אויס דעם סאָרט זכרונות, וואָס פאַרנעמען אַ היפּשן פּלאַץ אין אונדזער מעמואַריסטישער ליטעראַטור. אפילו אַן אויבנאויפיקער ביבליאָגראַפישער דורכקוק פון דעם סאָרט באַווייזט, אַז אַק־טיאָרן האָבן אַ באַזונדערן אינטערעס צו דערציילן די טאָפּל־שטעגיקע ביאָגראַפיע זייערע, און זיי גייען נאָך זייער אינטערעס, אַ ראיה, אַז עס טאָן עס נישט בלויז די וואָס קענען פירן אַ פען, און נישט ווייניק אַקטיאָרן זענען נישט־דערגאַנגענע ליטע־ראַטן, נאָר אויך די וואָס קענען עס נישט, און זיי דערציילן און אַנדערע שרייבן. מעגלעך, אַז דער אינטערעס שפּייזט זיך פון באַזונדערן גורל פון דער מימישער קונסט, וואָס לעבט בלויז

אין דער מינוט פון שפּיל, און דער שפּילער וויל די דאָזיקע מינוטן, אין זייער אַטמאָספער און דעם גאַנצן אַרום דערהאַלטן.

אַזוי אַרום איז עס, בעצם, אַ פּרווו גובר צו זיין די טראַגעדיע, וואָס פרידריך שילער דערמאָנט זי אין פּראָלאָג צו „וואַלענשטיין", אַזוי צו זאָגן: „דעם שפּילער פלעכט די נאָכוועלט נישט קיין קרענץ, פאַרגענגלעך איז די קונסט פון שפּילער".

און עס איז אַ טרויעריקער זאַך, וואָס די טעכנאָלאָגיע אין איר אויפשטייג (פאָנאָגראַף, קינאָ, ראַדיאָ, טעלעוויזיע) האָבן אים נישט בטל געמאַכט, דען לעת־עתה איז נישט פאַראַן אַ כלי, וואָס זאָל קאָנען פאַרטרעטן דעם קאָנטאַקט צווישן לעבעדיקן שפּילער און לעבעדיקן צושויער. און דערמאָנענדיק דעם צושויער, דאַרף מען באַמערקן, אַז אויך דאָס פּובליקום האָט אַ באַזונדערן אינטערעס אין דער דאָזיקער מעמואַריסטיק, און מיר האָבן אַ כאַראַקטעריסטישע ראיה דערצו — די יידישע פּרעסע, בעיקר אין אַמעריקע, האָט דעם אינטערעס אויפגעכאַפּט און איז אים אַפּט נאָכגעקומען, אַ סימן — די זכרונות פון פּראָמינענטע שפּילערס, וואָס האָבן זיך דאָרט געדרוקט אין פיל המשכים, ממש ווי עס דרוקן זיך ראָמאַנען, און מאַסן לייענערס, בעיקר די וואָס האָבן די שפּילערס געקאָנט פון און אין זייערע ראָלן, האָבן די מעמואַרן ממש געשלונגען.

אַזוי, בערך, האָב איך רעזאָנירט, בשעת איך האָב, אין כתב־יד, געלייענט דאָס ביסל זכרונות פון מאיר בראודא, „קורליסן און הינטערקוליסן", און געפונען, אַז זיי דאַרפן דערגרייכן דעם לייענער־עולם, און דאָס מחמת אַ דרייפאַכיקן חשיבות.

ב

ערשטנס — דער מחבר, וואָס האָט איבערגעשפּרייזט די שוועל פון גבורות, און האָט נישט אָנגעווירן פון זיין וויגאָר און טעמפּעראַמענט, פאַרמאָגט אַ קאַליריקע, צומאָל קאַלעידאָסקאָפּישע ביאָגראַפיע. שוין דאָס בשותפותדיקע צווישן אים און דעם כלל געניטע און ריריקע שפּילערס, סיי דער ביאָגראַפישער סיי דער קינסלערישער נע־ונד, איז אַנדערש — דער קינדווייז נאָך אומבאַוווסטער און יינגלווייז שוין באַוווסטער אַנטשייד

פאַר די טעאַטער־ברעטער, טרייבט אים אַרויס פון געבוירן־שטעטל, צום ערשט קיין פּאַלטאַווע און שפּעטער קיין אָדעס, און דאָ הויבט ער אָן מיט וואָס ער האָט לעת־עתה געענדיקט, רעציטאַציע, און בעיקר מיט דעם וואָס האָט אויסגעפּילט זיין לעבן, טעאַטער־שפּיל. אָבער זיין ווייטערדיקער מאַרשרוט איז אַן אַנדערער — דער יונגער חבר פון דער גרופּע „אם אין אני לי מי לי" (אין דעם דאָזיקן זאָג פון הלל הבבלי האָט מענדעלע איבערגעזעצט דעם באַגריף און טערמין פון פּינסקערס אויטאָ־עמאַנציפּאַציע, און עס איז געוואָרן אַ דעוויז פון די פּועלי־ציון און אַ מאָטאָ פון זייער פּרעסע), וואָס האָט זיך אַרומ־געדרייט אין די ציוניסטישע קרייזן אין אָדעס, און וואָס האָט נישט געוואָלט דינען פּאַניען, לאָזט זיך נישט, ווי אַדעפּטן פון שווישפּילעריי האָבן עס דעמאָלס געטאָן, קיין אַמעריקע, נאָר קיין ארץ־ישראל, און דאָ הויבט ער, בעצם, אָן זיינע ערשטע אויפֿ־טריטן, בעיקר אין יידיש, און אפשר זענען די צוויי יאָר זיינע דאָ, זיין טרוימא, פון וועלכער ער האָט זיך נישט געקאָנט, אפילו ווען ער האָט געוואָלט אָדער געמוזט, אַרויסבאַפרייען, און אויב אַזוי, זענען זיי מסתמא די געהיימע באַגלייט־מוזיק פון זיין לעבן. דער צוזאַמענפּראַל פון שטורמישן גורל און פון ברויזנדיקן כאַראַקטער, ברענגט דערצו אַז דאָס בשותפותדיקע צווישן אים און די איבעריקע תל־אביבער פּליטים, וואָס זענען, מיטן אויסברוך פון דער ערשטער מלחמה, אַוועק קיין מצרים, באַקומט אַן אַנדערע נאָטע — ער ווערט, ווי אַ רוסישער רעצי־טאַטאָר און אקטיאָר, אַ בן־בית אין דער רוסישער אַמבאַסאַדע אין קאַהיר, און שפּעטער ווי אַ בולגאַרישער אַקטיאָר און רע־זשיסער אין בולגאַריע. און ווער ווייס, וויפל אַזעלכע נע־ונדן ער וואָלט נאָך געהאַט, ווען ער זאָל נישט געווען, אַ יאָר נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, זיך אומקערן קיין רוסלאַנד, און אָנהויבן זיין לאַנגיאָריקע יידישע אַקטיאָרישע, רעזשיסאָרישע און אַדמיניסטראַטיווע, טעאַטער־קאַריערע, וואָס האָט אָבער נישט פאַרקלענערט זיין אינטערנעם נע־ונד אין דער אייראָ־פּעישער און אַזיאַטישער, רוסישער אימפּעריע, וואָס האָט זיך שפּעטער אַ קאָפּ אויסגעשפּרייט איבער די נייע סאָוויעטיזירטע

לענדער — ליטע און מזרח־גאַליציע (דאָ טעטיק אין אַן אוק־ראיניש טעאַטער) און אפילו אַ קליינעם בולגאַרישן רעצידיוו, (צווישן בולגאַרן אין בעסאַראַביע), און פאַרענדיקט מיט אַ שפּעטן באַזוך אין מדינת־ישראל, וואָס האָט געפירט צו זיין אומקער אַהין, ווו ער האָט, בעצם אָנגעהויבן.

ג

צוויטנס — דער מחבר רעפּרעזענטירט אַ באַזונדערע מדרגה אין אַנטוויקל פון יידישן טעאַטער־שפּיל, און דאָס איז אויך קאָנטיק אין זיינע זכרונות. דען, בדרך כלל, לאָזן זיך די זכרונות פון אַקטיאָרן, בערך, אַזוי איינטיילן: זכרונות פון הויכווערטיקע שפּילערס אין אַ מינדערווערטיקן רעפּערטואַר, זכרונות פון מינדערווערטיקע שפּילער אין אַ הויכווערטיקן רע־פּערטואַר, זכרונות פון אַ ווערטיקן שפּילער אין אַ ווערטיקן רעפּערטואַר.

דער ערשטער טיפּ — זענען שפּילערס, וואָס זייער טאַלאַנט איז איבערגעוואַקסן די פּרימיטיווע **מדרגה פון יידישן טעאַטער** און דראַמע: די מעלאָדראַמע, וואָס איז מיט דער צייט מגולגל געוואָרן אין צוויי מסוכנע גלגולים — קיטש און שונד — און די דיסקרעפּאַנציע צווישן דער הויך פון שפּיל און דער נידער פון זיין סובסטראַט, און וואָס וואָלט באַדאַרפט, צו טרייבן, און האָט אויך געטריבן, צו אַ העכערן ניוואָ פון דער דראַמע, האָט אָבער אויך געפירט צום היפך — די הויך פון שפּיל האָט פאַרשטעלט אָדער פאַרמאַסקירט **דעם נידער פון סובסטראַט.**

דער צווייטער טיפּ — זענען שפּילערס וואָס האָבן, בשותפות מיט דער שאַפערישער דראַמאַטישער ליטעראַטור אין דער פאַר־ענטפערלעכער קריטיק, אויסגעגליכן דעם ווידעראַנאַנד צווישן הויכן שפּיל און נידעריקן סובסטראַט, געבויט דעם רעפּערטואַר אויף דער קינסטלערישער דראַמע, דער אָריגינאַלער און אי־בערזעצטער, און אַזוי אַרום געשאַפן די קולמינאַציע־פּונקטן פון יידישן קינסטלערישן טעאַטער.

דער דריטער טיפּ — זענען שפּילערס, וואָס האָבן געשטרעבט און האָבן דערגרייכט אַ נאָרמאַלן אויסגלייך, און אפילו אַ

האַרמאָניע, צווישן שפּיל און סובסטראַט, און זיי בעיקר, האָבן דאָס. אין צוזאַמענשפּיל פון פאַרמעסט אין דערגרייך, דערצויגן דעם עולם צו אַ קינסטלעריש באַדערפעניש און קינסטלערישן טעם, זיי האָבן עס געשאַפן די נאָרמע, פון וועלכער מען דאַרף אַרויף אָבער מען טאָר נישט אַראָפּ.

פאַר אונדזער מחבר, וואָס איז ממש אַן עקזעמפּלאַרישע ראיה פאַרן באַשטאַנד און דער באַשטאַנדיקייט פון אָט דעם טיפּ, איז דער ענין פון אויסגלייך צווישן דער ווערטיקייט פון שפּיל און ווערטיקייט פון סובטראַט, ווי אַן עיקר־פּראָבלעם, און דער אָפּשאַץ פון טאַלאַנט. און זיין קינסטלעריש־באַפרידיקנדיקע נאָרמע און דער אָפּשאַץ פון רעפּערטואַר און זיין קינסטלעריש באַפרידיקנדיקע נאָרמע, זענען דאָ אַ שטענדיקע פאָדערונג, לגבי זיך אַליין און לגבי זיין מיליע, און ער האָט זי אויך, ענערגיש און ערלעך, להלכה ולמעשה, מקיים געווען. און דאָס האָט נישט געהערט צו די לייכטע זאַכן — דאָ האָט זיך געהאַנדלט אין דער שווערסטער אויפגאַב: טעאַטער נישט ווי אַ לאַקעטקע פאַר אַ פער, ווי מיר האָבן עס צו טאָן ביים ערשטן טיפּ, אָדער פאַר אַן עליטע, ווי מיר האָבן עס צו טאָן ביים צווייטן טיפּ, דאָ האַנדלט זיך אין טעאַטער, ווי דאָס טעגלעכע ברויט פון דעם גרויסן עולם, וואָס פאַר אַ מוטשענינע דאָס איז — קען מען נאָכלייענען אין כמה וכמה קאַפּיטלען פון אונדזער בוך.

ד

דריטנס, דער ענין פאַרשאַרפט זיך נאָך מחמת די באַזונדערע אומשטאַנדן פון רעזשים, די קאָמוניסטישע פאַרטיי־דיקטאַטור אין אירע זיך בייטנדיקע גענעראַל־ליניעס, וואָס אַ טעאַטער האָט זיי נישט געוואָלט אָדער נישט געקאָנט אויסווייכן, און אונדזער מחבר האָט זיך, צום ערשט מיט מער און שפּעטער מיט ווייניקער התלהבות, אין די ליניעס באַוויגן, אַ סימן ער אַקטיוויזירט נישט איינמאָל, ווי אַ לעגיטים קאַמף־מיטל, אַ באַשולדיקונג אין לאָיאַליטעט־חשד לגבי דעם הערשנדיקן סיסטעם און זיינע פּרינציפּן.

ווער עס וועט נאָכגיין די סטאַציעס פון דער דאָזיקער אַקטיוויזאַציע, וועט לייכט באַמערקן, אַז פאַראַן א שטאַרקער חילוק צווישן פריער און שפעטער — דען פריער, ווען די אמונה אין דער רעוואָלוציע און איר גאַנג ברענט נאָך היפש, גייט דער ענין לאַיאַליטעט־פאַדערונג אויף דער ליניע פון כלל־סאָוועטישער קולטור־פּאָליטיק און איר סטראַטעגיע, אָבער שפעטער, ווען די דאָזיקע אמונה האָט זיך אַלץ מער אויסגעלאָשן, גייט דער ענין לאַיאַליטעט־פאַדערונג אויף דער ליניע פון ספּעציאַל־יידישער נאַציאָנאַל־פּאָליטיק אין איר טאַקטיק.

אמת, דער געראַנגל וועגן עצם קיום, סטאַטוס און ניוואָ פון אַ יידיש טעאַטער ווי אַ בולטער קולטור־אינסטרומענט פון אַן עקסטעריטאָריאַלן מיעוט אין אַ מדינה, וואָס איז געבויט אויף טעריטאָריאַל־נאַציאָנאַלע רעפּובליקעס, איז פון אָנהויב אָן געווען אַ שווערער, סיי אין דער צייט פון דער יעווסעקציע און סיי נאָך איר ליקווידאַציע, לאו־כל־שכן נאָך שפעטער, ווען די בהדרגהדיקע ליקווידאַציע פון דעם וואָס מען האָט גערופן סאָוועטיש־יידישע קולטור, האָט אונטערגעבראַכט די יידישע שולן, קאַטעדרעס, צייטונגען, און האָט, נאָכן ברוטאַלן אַקט פון אויסהרגענען דאָס שיינדל פון דער יידישער ליטעראַטור און קונסט, איבערגעלאָזט אַ זכר־לחורבן, אָדער זכר־לטיט, אין אַ פאָרעם פון אַ סערווילן זשורנאַל, און אין דעם געראַנגל זעען מיר אונדזער מחבר, אין ליכט פון זיינע זכרונות, ווי אַ שטענדיק אַקטיוון קעמפער. אַוודאי, פאַראַן אַ געוואַלדיקער חילוק צווישן פריער און שפעטער, — דער חילוק איז נישט אין דער עצם דיאַלעקטיק פון דעם אַנטוויקל־גאַנג, דען, דער פריערער אומ־ברענג פון דער העברעיש־קולטור, האָט שוין ממילא איינגע־שלאָסן אין זיך דעם שפעטערן אומברענג פון דער יידיש־קולטור, פונקט ווי דער גרונטיקער אויסראָט פון וואָרצלען ברענגט צום סוקצעסיוון אויסראָט פון איבעריקן געוויקס, דער חילוק איז אין דעם פאַרשטאַנדעניש לגבי דער שווידערלעכער דיאַלעקטיק.

עס איז נישט מער סטראַטעגיע, וואָס ווערט אָנגעווענדט אין די פריערע צייטן. ווען מען פאַררופט זיך אויף דער לעניניש ער קאָנסטיטוציע, וואָס אַסרט נאַציאָנאַלע דיסקרימינאַציע, כדי

צו פאַרהיטן פאַר־רעוואָלוציאָנערע רעצעדיוון. עס איז בלויז טאַקטיק, וואָס ווערט אָנגעווענדט אין שפּעטערע צייטן, ווען מען פאַררופט זיך אויף דער לענינישער קאָנסטיטוציע, וואָס אַסרט נאַציאָנאַלע דיסקרימינאַציע, כדי צו מיטיגירן אַ נאָך־רעוואָלוציאָנערע אומקאָנסטיטוציאָנאַלע נאָרמע. עס איז, בעצם, אַ מין צוריקגאַנג צום יידישן שתדלנות, ווי מיר האָבן זי געהאַט דורות־לאַנג, פון כאַטש אַ קלענערן טיפּ, ווי מיר קענען אים פון אַ ר' יאָסל איש ראָסהיים ביז אַ ר' משה מאָנטעפיאָרע. ווי אַזוי דאָס דאָזיקע שתדלנות זעט אויס — דערציילן איצט אויך די בלעטער פון די זכרונות וואָס ליגן איצט פאַר אונדז. עס איז ממש צו שטוינען, ווי דער מחבר איז נישט מיד געוואָרן, און געהאַלטן אין איין פאָרן און קלאַפּן אין כלערליי טירן און אנטישאַמבירן אין כלערליי אַמטן, און ניט צורו געלאָזט, ביז מען האָט אים אויסגעהערט, און ווי ביטער עס איז אים אָנגעקומען עפּעס צו פועלן, און דאָס וויסנדיק קלאָר, אַז די פעולה וועט נישט בטל מאַכן דעם כלל־גזר, נאָר העכסטנס אָפּרופן אַ פּרט־גזירה.

ווי ווייט אויך דאָס האָט אַ חשיבות, לערנען מיר אָפּ דערפון, אַז מען האָט פּאַרט פּרט־גזירות אָפּגערופן, און דאָס יידישע וואָרט איז נישט פאַרשטומט געוואָרן, און צומאָל האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אַ קלייניקייט איז געוואָרן אַ גרויסקייט. דען אָט האַלטן מיר שוין נאָך דער ליקווידאַציע פון יידישן טעאַטער, ווען דאָס יידישע קינסטלערישע וואָרט איז געצוווּנגען זיך בעל־כרחו צו באַגנוגענען מיט אַ מינימום — געזאַנג פון פאָלקליד און רעציטאַציע פון ליטעראַטור־טעקסט. אויך דאָס צו פועלן איז אָנגעקומען מיט גרינער גאַל; אָבער די ממונים, וואָס האָבן עס צוגעוואָרפן ווי אַ ביין, האָבן ווייט נישט געוווּסט, אַז די דאָזיקע קאָנצערטן, וו נחמה ליפשיץ האָט געזונגען און מאיר בראודאָ האָט רעציטירט, וועלן זיין איינער פון די אויפטאַקטן פון יידיש־נאַציאָנאַלן ווידער־אויפוועק פון מאַסן יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד, אַ ווידער־אויפוועק, וואָס האָט דעם געקרעמפּעווטן קאָנאַר צוריקגעפירט צו זיין בוים און זיינע וואָרצלען, אַזוי אַז דער גאַנג פון יחידים, ווי עס איז געווען

דאָס קאָנצערט־פּאַרל, איז אַ רמז אויפן גאַנג פון אַ רבים, ווי עס באַווייזט די עליה־כוואַליע אין אונדזער לאַנד אַריין.

ה

דער מחבר דערציילט אונדז וועגן אַ סך ענינים, וואָס זענען קאַפּיטלען, אָדער, לפּחות, דעטאַלן אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין סאָוועט־רוסלאַנד, און ממילא דערציילט ער אונדז וועגן אַ סך פּאַרשוינען, זייער כאַראַקטער, ווערט און ראָל אין די טרופּעס, וו ער גופא האָט אָנטייל גענומען, און מיר לייענען עס מיט אינטערעס, שוין מחמת דעם, וואָס, בדרך כלל, האָבן מיר וועגן דעם אַלעמען נישט פאַרמאָגט קיין איבעריק גרויסע אינפאָרמאַציע. ווייל, אויב עס האָבן אונדז נאָך דערגרייכט ידי־עות וועגן די שפּיצן פון טעאַטער, און מיר האָבן צומאָל אפילו געהאַט אַ שעת־כושר זיי צו זען, ביי זייערע גאַסטראָלן, מחוץ לרוסלאַנד, זענען די ידיעות וועגן גוטן נאָרמאַלן טעאַטער געווען זעלטענע, אַזוי אַז מיר האָבן, בערך, געוווּסט, ווי זעט אויס דער יידישער טעאַטראַלער ערב־שבת (דראַמאַטישע שולן, סטו־דיעס) און ווי עס זעט אויס דער וואָכנגאַנג (טרופּעס). אַוודאי געדענקען מיר, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ בוך פון אַ מעמוּ־אַריסט, מיט זיינע נאַטירלעכע אינטימיטעטן און סוביעקטי־וויטעטן, און נישט אַ פּאָרשונג פון אַ היסטאָרישן שטייגער, אַזוי אַז דער מחבר, ווי ווייט ער זאָל נישט געווען משתדל זיין, אָביעקטיוו צו זיין, לאָזט נאָך, אין אָפּשאַץ פון געשעענישן און בעיקר פון פּאַרשוינען, איבער אַ פּלאַץ פאַרן באַקענטן לאַטיי־נישן כלל: זאָל אויך דער אַנדערער צד אויסגעהערט ווערן. אָבער אויך דער היסטאָריקער וועט אים דאַנקען פאַר זיין באַמי, זיין לעבן און אַרום צו דערציילן, פּונקט ווי עס דאַנקט אים דער לייענער, ווס וועט זיך פרייען צו דערקענען אָדער דערמאָנען אַ שטיק יידישע קולטור־יבשה.

און צום סוף אַ באַמערק: דער מחבר דערציילט, אין ערשטן קאַפּיטל פון בוך, וועגן זיין אָפּשטאַם, און רעדט, אַ קאַפּ איראָניש, וועגן זיינס אַ זיידן, וואָס פלעגט שבת צו רעדן לשון קודש, און האָט זיך, אויף דער עלטער, געלאָזט, מיט פערד

און וואָגן קיין ארץ־ישראל און איז קוים דערפאָרן אין מיין געבוירן־שטאָט, בראָד. דוכט זיך מיר, אַז דאָס אייניקל האָט געמעגט מוותר זיין אויף דער איראַניע, עס איז דאָך פּאָרט מעגלעך, אַז אין זכות פון דעם און אַנדערע ייִדעס, זענען מיר געפאָרן און דערפאָרן אַהער; און וואָס שייך דעם מחבר, איז פּאָרט מעגלעך, אַז יענער ייִדע האָט עס גורם געווען, וואָס דאָס שייכות פון אייניקל צו אונדזער לאַנד איז באַשיינפּערלעך ראַ־שית כאחרית.

ירושלים, סיון תשל״ג

א. מיין קינדהייט

דאָס לעבן איז געווען אַזוי אינטערעסאַנט, אַזויפיל גוטע און שלעכטע צייטן, אַזויפיל איבערלעבונגען, אַזויפיל שטעט און לענדער באַזוכט, מיט אַזויפיל מענטשן זיך באַגעגנט, — גרויסע און קליינע, מיטעלע קינסטלער, אַז עס בעט זיך דאָס אַלץ צו דערציילן.

איך בין געבוירן אין אַ קליין שטעטל סאָסניצע טשערנעגאָווער געגנט (גובערניע). דער פאָטער, אַ שניידער, אַן אָרעמאַן אין זיבן פאַלעס. אַז אין שטעטל פלעגט מען ווען ברענגען אַ ביישפיל פון אָרעמקייט פלעגט מען זאָגן: „אַז ער איז אַזאַ קבצן ווי זלמן דער שניידער".

גענוי די דאַטע און דאָס יאָר ווען איך בין געבוירן איז שווער פעסטצושטעלן. מיין מאַמע האָט מיר געזאָגט: אַז מיין ברית איז געווען שבת הגדול, נאָר גענוי דאָס יאָר ווייסט קיינער ניט. אין דער מעטריקע האָט מען מיך שוין פאַרשריבן ווען איך בין אַלט געווען 3 יאָר, נאָר מען האָט מיך פאַרשריבן, אַז איך געבוירן אַ סך פריער. איך ווייס נישט צוליב וואָס פאַר אַ צוועק?...

לויט דער מעטריקע בין איך געבוירן געוואָרן אין 1892, נאָר איך פיל זיך ביים היינטיקן טאָג אַ סך יינגער...

פונעם טאַטנס צד איז ביי אונדזער משפחה ניטאָ קיין איין קרוב. זיינע עלטערן זענען געשטאָרבן ווען ער איז אַלט געווען אַנדערהאַלבן יאָר און ער האָט זיך דערצויגן ביי מאָטל־חיים דעם שניידער. דער אויסערלעכער אויסזען זיינער איז געווען ניט פון אַ שניידער: אַ קאָפּ געדיכטע גראָע האָר מיט אַ שיינער, ווייסער באָרד, ענלעך גיכער אויף אַ פּראָפעסאָר. ווי מיין מוטער האָט דערציילט איז ער אין דער יוגנט געווען זייער אַ שיינער. און זי האָט זיך פאַרליבט אין אים ווען זי האָט אים געזען שפּילן אויף אַן אימפּראָוויזירטער בינע די ראָל פון יוסף אין דער אַמאַטאָרן־פאָרשטעלונג „מכירת יוסף". דאָס האָט מיך שטענדיק געוווּנדערט: — ווי קומט עס? מיין מוטער איז געבוירן אין אַ פרומאַקישער משפחה. מיין זיידע גרשון איז געווען אַזוי פרום, אַז שבת

פלעגט ער רעדן נאָר „לשון קודש". מען דערציילט, אַז איינמאָל שבת נאָכמיטאָג, זיצנדיק ביי א ספר, האָט ער פלוצים דערזען, אַז די ציגן פונעם הויף זענען אַרויף אויפן דאַך פון דער שטאַל און האָבן אָנגעהויבן גריזשען דאָס שטרוי פונעם דאַך. האָט ער זיך געווענדעט צום בעל־הבית פון דער שטוב, וועלכער איז אין דער צייט געשטאַנען אויפן הויף און האָט אָנגעהויבן שרייען צו אים: „מיכאַילאָ, עזים עזים!" מיכאַילאָ, פאַרשטייט זיך, האָט נישט פאַרשטאַנען קיין עברית, האָט ער אים געפרעגט: „אַ שצאָ וואָנע טאַקע עזים? ד. ה. אויף אוקראַיניש: „וואָס הייסט עס עזים?...

אין דער צייט איז צוגעקומען מיין עלטערער ברודער לייוויק און האָט אים פאַרטייטשט: „עזים נאָ האַרי", (ציגן אויפן דאַך)... לאָזט זיך אויס, אַז מיין מוטער רבקה איז געווען אַ רעוואָלוציאָנערקע אין דער משפחה. אירע עלטערן זענען געווען קעגן אַזאַ שידוך; חתונה האָבן מיט אַ שניידער, דאָס איז אַ פלעק אין דער משפחה. נאָר זי האָט אויסגעפירט אירס. ווי אַזוי ס'האָט זיך איר געלעבט מיט אַזאַ מאַן? קאָן מען זיך פאָרשטעלן. ער איינער האָט באַדאַרפט פאַרדינען אויף צום לעבן פאַר 9 פאַרשוינען. מיר זענען געווען זיבן קינדער — 4 שוועסטער און דריי ברידער.

אַן אינטערעסאַנטער עפּיזאָד איז פאַרגעקומען אין דער משפחה. ווען מען האָט פאַרקנסט די ייִנגערע שוועסטער פון מיין מוטער, מיין מומע הינדע, אַן איר ווילן האָט מען זי געצוווּנגען חתונה האָבן מיט אַ מאַן, אַן אַלמן, מיין פעטער ביינוש, וועלכער איז אַלט געווען 37 יאָר און זי קוים 16 יאָר, — און דאָס גאַנצע לעבן האָט זי אים און איר גאַנצע משפחה 3 זין און 3 טעכטער מפרנס געווען. זי האָט געהאַנדלט מיט גענזן־פלייש. ער איז געווען אַ שמש אין „חברה קדישא". דאָס איז אייגנטלעך געווען זיין גרונט־פּראָפעסיע.

אַ גאָר אינטערעסאַנטער עפּיזאָד איז פאַרגעקומען אין דער מאַמעס משפחה, וועגן וועלכן עס האָבן מיר דערציילט מיין מוטער ווי אויך אירע שוועסטער, מיינע מומעס. מיין מוטער האָט געהאַט דריי שוועסטער מיט איין ברודער. איז אָט די גאַנצע משפחה מיט מיין זיידן און באָבן פון דער מאַמעס צד האָבן באַשלאָסן אַלע צוזאַמען אַרויספאָרן קיין ארץ ישראל. צוליב דעם צוועק האָבן זיי געקויפט אַ פערדל מיט אַ וואָגן און פאַרפּאַקט אין וואָגן אַלע זייערע בעבעכעס און זיך געלאָזט אין וועג אַריין. אַזוי אַרום זענען זיי מיט גרויסע שוועריקייטן דערפאָרן ביז בראָדי (גאַליציע)

נאָר וויטער פאַרזעצן זייער רייזע האָבן זיי שוין נישט געקאָנט ווייל עס האָט זיי פשוט אויסגעפּעלט געלט אויף הוצאות און זיי האָבן שוין אָנגעהויבן הונגערן און צוזאַמען מיט זיי אויך דאָס פערדל. האָבן זיי זיך געווענדעט צו דער בראָדער קהילה נאָך הילף. נאָר ווען די פאָרשטייער פון דער קהילה האָבן זיך דערוווּסט וועגן זייער ציל: מיט דעם פערדל אָנצוקומען קיין ארץ־ישראל, האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, זיי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַזוי אָרום קאָנען זיי פשוט שטאַרבן פון הונגער און ניט דערפאָרן מיט אַזאַ טראַנספּאָרט קיין פּאַלעסטינע.

די קהילה האָט זיי אויסגעהאַלטן מיט וואָס זיי האָבן געקאָנט. און זיי האָבן זיך געמוזט אומקערן אַהיים. אויפן וועג איז מיין פעטער איטשע־יודע מיט זיין פאַמיליע געבליבן אין פּאָלטאַווע, ווי אויך מיין מומע הינדע מיט איר מאַן. נאָך אַ מומע חיה מיטן מאַן זיינען אָפּגעפאָרן קיין גלוכאָוו און מיין מוטער מיט איר מאַן און די עלטערע שוועסטער אירע די מומע רייזל מיט איר פאַמיליע האָבן זיך אומגעקערט צוריק אין סאָסניצע.

ווען איך בין אַלט געוואָרן 6 יאָר האָט מען מיך אָפּגעגעבן צו אַ פּריוואַטן מלמד. נאָר לאַנג לערנען ביי אַ פּריוואַטן מלמד האָב איך ניט געקאָנט מחמת עס איז ניט געווען אויף „שכר לימוד". האָב איך אָנגעהויבן לערנען אין אַ תלמוד־תורה. אַלס אַ לערער פון רוסיש האָט מען איינגעלאַדן דעם דיאַקן פונעם היגן קלויסטער. נאָר זעלטן ווער פון די תלמידים האָט נאָכן ענדיקן דעם קורס פון תלמוד־תורה געקאָנט לייענען און שרייבן רוסיש. מחמת רוסיש האָט מען געלערנט אויפן שפּיץ מעסער, איין שעה אין וואָך. געלערנט האָט מען תנ"ך, גמרא און אַביסל העברעאיש.

ווי נאָר איך האָב זיך אויסגעלערנט לייענען האָב איך זיך צוגעכאַפּט צו פאַרשידענע ביכער. אַ שטויס צום לייענען האָט מיר געגעבן אַ מזל־דיקער צופאַל: דער בעל־הבית פון דער דירה וווּ מיר האָבן געוווינט, האָט געהאַלטן אַ בוכבינדעריי. זיינען דאָ געווען ספרים מכל המינים: רוסישע, יידישע, העברעאישע, שלום־עליכם, מענדעלע און אויך מאַפּו, פּרץ סמאָלענסקי, אחד העם, — און איך האָב פשוט געשלונגען די ביכער און פאַרשטייט זיך אָן אַ סיסטעם.

ציען צום טעאַטער האָט מיך אָנגעהויבן פון קינדוויז אָן. אַ פשוטע סיבה: מיין טאַטע איז געווען אַ פּורים־שפּילער. אַ כאַפּטע בעלי־מלאכות האָבן אין דער ווייבערישער שול אויפגעבויט אַן אימפּראָוויזירטע סצענע

און געשפּילט „מכירת יוסף". מיין עלטערער ברודער לייוויק איז אויך געווען אַ פּורים־שפּילער: ער האָט געשפּילט המנען. איז אָט זייענדיק איינמאָל אויף די פּראָבן פֿון מיין ברודערס „טרופּע" איז מיר זייער געפֿעלן געוואָרן די ראָל פֿון המנען און איך האָב אָנגעהויבן טרוימען צו שאַפֿן אַן אייגענע טרופּע און שפּילן אָט די ראָל. ווען איך בין אַלט געוואָרן עלף יאָר האָב איך איבערגעשריבן אַלע „שפּרוכן" און אַלע לידער פֿון אַ געשריבענעם עקזעמפּליאַר פּורים־שפּיל, צונויפֿגעפּויקט אַ כאַלאַסטרע קינדער, מיינע חברים, אויך תּלמידים פֿון דער תּלמוד־תּורה און אָרגאַניזירט אַ גרופּע „קליינע פּורים־שפּילער". איך בין געווען דער רעזשיסאָר פֿון דער טרופּע מחמת איך האָב געקענט אַלע לידער, אויסגעלערנט פֿון מיין ברודער.

איך האָב דאָ פֿאַרווירקלעכט מיין טרוים: מיט גרויס חשק געשפּילט המנען. קאָסטיומען, ווי דער שטייגער איז, האָבן מיר אימפּראָוויזירט פֿון פֿאַרשידענע אַלטוואַרג. מיט שאַשקעס און מיטן איבעריקן רעקוויזיט האָט אונדז באַזאָרגט ברוך דער סטאָליער. היטלען האָבן מיר געמאַכט פֿון קאַרטאָן. פֿאַרשטייט זיך, אַ סך האָט געהאָלפֿן דאָס, וואָס מיר האָבן געהאַט דערביי אַ בוכבינדעריי. מיין הוט האָט געהאַט די הויך פֿון אַן אַרשין, אונטן ברייט און אויבן שמאָל, אויסגעקלעפּט האַלב מיט זילבער און האַלב מיט גאָלד־פּאַפּיר. אַ קאָקאַרדע האָב איך אויסגעשניטן פֿון די פּאַפּירעלעך אין וועלכע עס ווערן פֿאַרוויקלט קאָנפֿעקטן, און עס איז אויף זיי געווען אויסגעמאָלט דער טערקישער סולטאַן אַבדול־חאַמיד. די הוט האָט געהאַט 2 דאַשקעס און געהאַלטן האָט זי זיך מיט אַגומע אויף מיין קאָפּ. אויבן איז געווען צוגעשוירענע פּאַפּיר־פֿרענזן, אינווייניק איז געווען אַ גלעקל, אַזוי, אַז ווען איך פֿלעג טרייסלען מיטן קאָפּ האָט עס אינעווייניק געקלונגען.

צו 13 יאָר פֿאַרלאָז איך דעם חדר און בין אַנגעקומען צו דעם בעל־הבית פֿון דער דירה זיך לערנען אַ מלאכה: איינבינדעריי, און צו 14 יאָר האָב איך שוין אָנגעהויבן פֿאַרדינען. אָבער מיין איינבינדעריי האָט מיך ניט באַפֿרידיקט. עס האָט מיך אָנגעהויבן ציען צו ווערן אַן אַקטיאָר. דעם חשק צו שפּילן טעאַטער האָבן אין מיין האַרץ אָנגעצונדן די יידישע טרופּעס, וועלכע פֿלעגן פֿון צייט צו צייט זיך אריינכאַפּן אין סאָסניצע. אַ באַדייטנדע ווירקונג האָט אין דעם פּרט געהאַט די יידישע טרופּע אונטער דער אַנפֿי־רונג פֿון גענפֿער, וואָס פֿלעגט שפּילן אַזעלכע פּיעסן: „בר כוכבא", „שולמית", פֿון אברהם גאָלדפֿאַדען. באַזונדער פֿלעגן מיך פֿאַרכאַפּן אַזעלכע

געשטאַלטן ווי בר־כּוכבא, אבישלום פון „שולמית", העלדישע פיגורן און דערצו נאָך אין אויסטערלישער הלבשה. דאָס האָט מיר געוואַלדיק אימפּאָנירט און פאַרקערט: „הערצעלע מיוחס" און אַזעלכע שטייגערישע פּיעסן זיינען מיר ניט געווען צום האַרצן.

עס איז מיר געוואָרן ענג און נמאס אינעם שטעטל. עס האָט מיך געצויגן אין אַ גרויסער שטאָט, פון וועלכער איך האָב זיך אָנגעהערט זייער פיל אינטערעסאַנטע זאַכן.

קוים 14 יאָר אַלט לאָז איך זיך אַוועק מיט צוואַנציק פּיטאַקלעך אין קעשענע אין וועג אריין — קיין פּאַלטאַווע וואו עס האָט שוין געאַרבעט אין אַ שניידעריי מיין עלטערע שוועסטער רחל און אַ פעטער מיט אַ מומע.

ווען איך בין אַריין דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן אין וואַגאָן פונעם צוג, בין איך אַרונטערגעקראָכן אונטערן באַנק און אַזוי אַרום האב איך געוואָלט דערפאָרן ביז פּאַלטאַווע, ווייל אויף קיין בילעט איז ביי מיר קיין געלט ניט געווען. נאָר אַזוי ווי די וואַגאָנעס זיינען דעמאָלט געווען ליידיק, האָט מיך דער קאָנטראָליאָר גלייך דערזען ליגנדיקן אונטערן באַנק, אַרויס־געשלעפּט און געפרעגט אַוווהין איך פאָר. נאָר אַזוי ווי קיין בילעטן האָב איך ניט געהאַט, האָט דער קאָנטראָליאָר באַפוילן דעם קאָנדוקטאָר מיך אַראָפּזעצן אויף דער נעכסטער סטאַנציע. נאָר צו מיין גרויס וווּנדער און פרייד האָט דער קאָנדוקטאָר מיך ניט אַראָפּגעזעצט און אַזוי בין איך דערפאָרן ביז ראָמאָדאַן, אַ סטאַנציע, וווּ איך האָב זיך באַדאַרפט איבערזעצן אין אַ צווייטן צוג, וועלכער פאָרט דירעקט קיין פּאַלטאַווע. ווען מיר זיינען אָנגעקומען קיין ראָמאָדאַן, האָט מיר דער קאָנדוקטאָר אָנגעוויזן אויף דער צווייטער זייט פונעם וואָקזאַל וווּ עס איז שוין געשטאַנען אַ צוג, און האָט מיר געזאָגט אַז מיט דעם צוג וועל איך קאָנען דערפאָרן ביז פּאַלטאַווע. ווען איך האָב אים פאַרגעלייגט עטלעכע פּיטאַקלעך האָט ער ניט געוואָלט זיי ביי מיר נעמען. און האָט מיר געזאָגט: זאָל דאָס דיר זיין אויף ברויט. נאָר ניט אַלע קאָנדוקטאָרן זענען געווען מיט אַזאַ גוט האַרץ. פון ראָמאָדאַן ביז פּאַלטאַווע האָט שוין דער קאָנדוקטאָר ביי מיר גענומען 70 קאָפּיקעס. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס אַלע פּאַסאַזשירן האָבן פּראָ־טעסטירט, ביי אַזאַ יינגל צו נעמען אַזויפיל געלט. אַזאַ רייזע האָט מיטן קאָנדוקטאָר (ווייל קיין בילעטן האָט אין יענער צייט קיינער ניט געקויפט...) געקאָסט 30 קאָפּיקעס. כ׳בין געווען צופרידן ווייל איך בין אָנגע־קומען קיין פּאַלטאַווע, מיט 30 קאָפּיקעס אין דער טאַש. קומענדיק קיין

פאָלטאַווע אויפן וואָקזאַל בין איך אַרויס אין דרויסן און אויסגעשריען מעשה־פריץ: איזוואָשטשיק; אַזוי האָט מען מיר געזאָגט, איז מען זיך נוהג ווען מען קומט אין אַ גרויסער שטאָט. איז צוגעפאָרן צו מיר אַ פאַעטאָן מיט 2 פערד געשפּאַנט און איך האָב זיך אַריינגעזעצט גאַנץ ברייטלעך און געהייסן זיך פירן אויף פאָטשטאַמסקע גאַס, סאָלדאַטסקע סינאַגאָגע. דאָרטן האָט געוווינט מיין פעטער איטשע־יודע אין קעלער־שטוב אונטער דער סאָלדאַטסקער שול, ווייל ער איז געווען אַ שמש אין דער שול. נאָר ווען איך האָב דעם פורמאַן אָפּגעגעבן מיינע לעצטע 30 קאָפּיקעס, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס דאַרף קאָסטן 40 קאָפּיקעס. נאָר ביי מיר איז מער ניט געווען. איז שוין דער פורמאַן געגאַנגען נאָך מיר און געטראָגן מיין קעסטל ווו איך האָב געהאַט מיין באַגאַזש, און דער פעטער האָט געמוזט צוצאָלן דעם פורמאַן 10 קאָפּיקעס פאַר דעם אומ־געבעטענעם גאַסט. די גאַנצע פאַמיליע דעם פעטערס, ד.ה. זיין ווייב די מומע שרה מיט דריי טעכטער זיינען, ווייזט אויס, געווען ניט צופרידן פון אַזאַ גאַסט... נאָר צו מיין גליק איז אָנגעקומען די מומע הינדע מיין מוטערס יינגערע שוועסטער און זי האָט מיך גלייך איינגעלאַדן צו זיך.

וועגן אַט דער מומע הינדע מוז איך זיך אָפּשטעלן און ווידמען איר עטלעכע שורות. זי האָט עס כשר פאַרדינט. ביי איר האָב איך זיך אויפגע־צויגן ביז מיר איז געוואָרן 17 יאָר. זי האָט זיך צו מיר באַצויגן מיט אַ וואַרעמער צאַרטקייט פון אַ מוטער. אין דער צייט ווען זי האָט באַדאַרפט קאָרמען ניט קיין קליינע פאַמיליע, 3 טעכטער מיט אַ זון. איר עלטערער זון האָט דעמאָלט געדינט אין מיליטער. איך בין אָנגעקומען אין אַ בוכ־בידעריי. איך האָב פאַרדינט איין רובל אַ חודש.

איר יינגערער זון כאַציע וואָס האָט תחילת געלערנט אין דער קאָוונער ישיבה און האָט שוין געקראָגן סמיכות אויף רבנות, האָט זיך פלוצים צוגעכאַפּט צו רוסיש און, בכלל צו וועלטלעכער בילדונג. אונטער זיין ווירקונג האָב איך גענומען שטודירן לויט דעם פּראָגראַם פון גימנאַזיע — איך האָב בדעה געהאַט — מעשה עקסטערן — האַלטן עקזאַמען און קריגן אַן אַטעסטאַט. איינצייטיק האָט ער מיך געלערנט העברעאיש און, זעלבסט פאַרשטענדלעך, דיקדוק. אָבער היות לויטן פריש באַקומענעם צירקוליאַר פונעם בילדונגס־מיניסטער קאַסאָ האָט מען אין יענער צייט פאַר עקסטער־נען פאַרמאַכט דעם וועג, האָב איך אויף אַ שטיק צייט אָפּגעלייגט מיין עקזאַמען...

נאָר איצט האָב איך זיך צוגעכאַפּט צו דער רוסישער און אַלוועלט־לעכער ליטעראַטור, אַלץ אונטער דער ווירקונג פון מיין שוועסטער־קינד כאַציע. פאַר מיר האָט זיך געעפנט אַ נייע וועלט. טאָלסטאָי, קופּרין, גאָרקי, גאָגאָל, באַלזאַק, מאָפּאַסאַן און אַנדערע. דאָס, פאַרשטייט זיך, האָט שטאַרק מיטגעהאָלפן מיין אַנטוויקלונג. איך האָב אָנגעהויבן זיך פאַרטראַכטן אויף פאַרשידענע פראַגן און מיין שוועסטערקינד האָט מיר געעפנט די אויגן אויף אַ סך זאַכן וועלכע איך האָב נאָך ניט פאַרשטאַנען. איך האָב צום ביישפּיל ניט געקאָנט פאַרשטיין און באַגרייפן, פאַרוואָס טאָרן יידן ניט וווינען אין קיעוו, כאַרקאָוו, מאָסקווע, פּעטערבורג ?... מיט וואָס זיינען מיר יידן ערגער פון אַלע פעלקער?

איצט קלינגט עס זייער נאַאיוו... און ער האָט מיר אויף אַלץ געגעבן אַן ענטפער. אַדאַנק אים האָט זיך ביי מיר אויסגעאַרבעט אַ געוויסער געשמאַק אין ליטעראַטור און איבערהויפּט אין דראַמאַטישער קונסט, צו וועלכער איך האָב ניט אויפגעהערט צו שטרעבן.

אין פּאָלטאַווע האָבן פון צייט צו צייט געשפּילט יידישע טרופּעס. זיי האָבן זיך גערופן: „דייטשיש־יידישע טרופּעס". אין טרופּע אונטער דער לייטונג פון זשיטאָמירסקע, און נאָך אַ טרופּע אונטער דער לייטונג פון ספּיוואַקאָווסקי און קראַוזע. אָט די טרופּע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר זייער גוטן אָרגאַניזירטן כאָר, מיט רייכע קאָסטיומען און אפילו דעקאָראַציעס, וואָס אין יענער צייט איז עס געווען אַ זעלטנהייט. חוץ דעם האָט די טרופּע באַשיינט דער אויסגעצייכנטער אַרטיסט, וועלכער האָט פאַרמאָגט אַ שיינע באַריטאָן־שטימע, לערמאַן; ער פלעגט אויפטרעטן אין די ראָלן: בר־כוכבא, אבשלום, אין „שולמית", פּרינץ „בן הדור" אין דער טיטל־ראָל. עס האָט אויך גאַסטראָלירט אין יענער צייט אין פּאָלטאַווע אַ יידישע טרופּע אונטער דער לייטונג פון סעם אַדלער נאָר דער רעפּערטואַר פון יענער טרופּע איז געווען זייער אַ ביליקער. אין פּאָלטאַווע פלעגן קומען די גרעסטע גאַסטראָליאָרן פון רוסישן און אויך פון אוקראַינישן טעאַטער. מיט אַ באַזונדערן דערפאָלג פלעגט אויפטרעטן די רוסישע טרופּע אונטער דער לייטונג פון באַסמאַנאָוו. איך געדענק נאָך, אַז ביי אים אין טרופּע האָט געשפּילט בערטאַנאָוו, דער נעסטאָר פון „הבימה". איך געדענק אים, ווען ער איז אויפגעטראָטן אין באַסמאַ־נאָווס טרופּע אין דער ראָל פון הערשעלע דובראָוונער אין יעקב גאָרדינס פּיעסע „גאָט, מענטש און טייוול". אין יענער צייט איז גאָרדין אויך געווען

פּאָפּולער אין רוסישן טעאַטער. עס זיינען געגאַנגען אַלע זיינע בעסטע פּיעסן אין רוסיש. אין דעם „מאלי״־טעאַטער אין מאָסקווע איז נאָך ביז די 30־יאָרן געגאַנגען „קרייצער סאָנאַטע״, „זאַ אָקעאַנאָם״ האָט עס גע־געהייסן אין רוסיש, „מירעלע אפרת״, „דער אומבאַקאַנטער״ איז געגאַנ־גען אונטערן נאָמען „ליבע און טויט״ „ליובאָוו אי סמערט״, „דער מטורף״ אין רוסיש „דוואָ נאַטשאַלאָ״, „די שחיטה״ און אַנדערע. אין באַסמאַנאָווס טרופּע האָבן זיך אויסגעצייכנט די אַרטיסטינס: מראווינאַ, סטעפּנאַיאַ און די אַרטיסטן בערזשע, באַרין און יערמאַלאָוו. זומער פלעגן צו אונדז קומען אויף גאַסטראָלן די ברידער אַדעלהיים, עסטרייכישע יידן; ביי זיי איז געגאַנגען אַ קלאַסישער רעפּערטואַר: „האַמלעט״, „אָטעלא״, „אוריאל אַקאָסטאַ״. אַ גאָר אומגעהויערן גרויסן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ. „נאָרא״, „בעזפּרידאַניצאַ״, „דער מאלצייט פונעם לעבן״ פון פּשיבישעווסקי.

אין אָנפאַנג פונעם טעאַטראַלן ווינטער־סעזאָן פלעגן קיין פּאָלטאַווע קומען אוקראַיִנישע טרופּעס: סאַקסאַגאַנסקי, היידאַמאַקאַ, סאַבינין און אַנדערע. אין 1909 יאָר איז אין פּאָלטאַווע געקומען די טרופּע היידאַמאַקאַ. אין דער טרופּע פלעגן אויפטרעטן די בעסטע אוקראַיִנישע אַקטיאָרן: קראָפּיווניצקי, זינקאָוועצקאַיאַ, שאַסטאַקאָווסקאַיאַ, מאַנעצקי. אין אָנפאַנג איז די טרופּע דורך מיט דערפאָלג. פאַרשטעלונגען פלעגן גיין ביי געפּאַקטע צושויער־זאַלן.

מען דאַרף צוגעבן אַז אין פּאָלטאַווע איז געווען אַ גרויסער, זייער שיינער שטאָט־טעאַטער. נאָר פלוצים האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די אַקטיאָרן פון דער טרופּע האָבן אַנטייל גענומען אין קיעוו אין יידישן פּאָגראָם. מער האָט מען נישט באַדאַרפט. דער טעאַטער איז געווען ליידיק אויף די בעסטע פאַרשטעלונגען. ס׳האָט ניט געהאָלפן די דערקלערונג אין די צייטונגען פון ראַבינער גלעזער, וועלכער האָט אָפּגעלייקנט פון „זיכערע קוועלן״, אַז עס איז ניט אמת. דער אַנטרעפּרעניאָר היידעמאַקאַ איז אָפּגע־פאָרן פון פּאָלטאַווע מיט אַ דעפיציט פון דריי טויזנט רובל. דער גרעסטער טייל צושויער אין טעאַטער איז באַשטאַנען פון יידן.

אין פּאָלטאַווע פלעגט אויך אָפט קומען אַן אוקראַיִנישע טרופּע אונטער דער לייטונג פון אַרטיסט סאַבינין, אַ ייד לויטן אָפּשטאַם. ער אליין איז געווען אַ באַגאַבטער אַקטיאָר און האָט געהאַט עטלעכע טאַלאַנטירטע אַקטיאָרן אין דער טרופּע, אַ גוטן כאָר מיט גוטע טענצער. ער האָט אויך

געהאַט אין זיין רעפּערטואַר יידישע פּיעסן. זייער אַ גוט איינשטודירטע פאַרשטעלונג איז ביי אים געווען „שולמית״. ער אַליין האָט געשפּילט אויסגעצייכנט אבישלומען. די פאַרשטעלונג איז געגאַנגען ביי פּראַכטפולע רייכע דעקאָראַציעס מיט שיינע קאָסטיומען, — אַ זעלטענע זאַך ביי יענער צייט. די פאַרשטעלונג איז אויפגעפירט געוואָרן מיט ליבע און האָט געמאַכט אַ פיל שענערן איינדרוק ווי זי איז געגאַנגען אין דער יידישער טרופּע ספּיוואַקאָווסקי און קראַוזע. אין סאַבינינס טרופּע איז געגאַנגען „אוריאל אַקאָסטאַ״, ער אַליין אין דער הויפּט-ראָל. דער ספּעקטאַקל איז אויך געגאַנגען מיט דערפאָלג. בכלל האָט זיך געפילט אין סאַבינינס טרופּע אַ גרויסע ליבע צו די ספּעקטאַקלען מיט אַ יידישער טעמע.

באַגנוגענען זיך בלויז מיט באַזוכן טעאַטער, בלייבנדיק אַ פּאַסיווער צושויער, האָט מיין היציקער טעמפּעראַמענט ניט סובל געווען. ניט אומ־זיסט, האָט מיר מיין מוטער דערציילט אַז ווען איך בין געקומען אויף דער וועלט, האָב איך געמאַכט אַ געוואַלדיקן געשריי און געפילדער. און מיין באָבע וועלכע איז געשטאַנען דערביי האָט געזאָגט: „דאָס וועט עפּעס זיין אַן אויסרייסעניש!״... בכלל פלעגט מיין מאַמע באַנוצן אויסטערלישע ווערטלעך: „וואָס שרייסטו ווי אַ וואַנהויז?״ פלעגט זי מיר זאָגן. דאָס זיינען געווען ווערטער פון „צאנה וראנה״, וועלכע זי פלעגט לייענען אַלע שבת.

די ערשטע פאָלקס-לידער, וועלכע איך האָב געהערט, זענען געווען פון מיין מוטער „שוואַרצע קאַרשן פלעגן מיר רייסן און ראָזעווע קאַרשן פלעגן מיר לאָזן שטיין״ און נאָך אַזעלכע לידער. ווי איר זעט, אַז צו ווערן אַן אַקטיאָר האָב איך באַקומען בירושה פון מיינע עלטערן און פון מיין עלטערן ברודער. — „מען באַדאַרף אַליין אָנהויבן שפּילן״ — האָט אַן אינערלעכער קול מיך ניט געלאָזט רוען. און איך בין עטלעכע מאָל אויפ־געטראָטן אין אַ דראַמקרייז, וווּ איך האָב געהאַט צו שפּילן אייניקע ראָלן צווישן זיי חיים-לייב אין שלום עליכמס „אַ דאָקטאָר״. אָבער מערסטנטייל פלעג איך אויפטרעטן ווי אַ רעציטאַטאָר. איך האָב דעקלאַמירט ביאַליקס ווערק „דאָס לעצטע וואָרט״, „בעיר ההרגה״, „על השחיטה״ (די לעצטע אין העברעאיש), מאָריס ראָזענפעלדס „אויפן בוזים פונעם ים״, ש. פרוגס „די פאַפּירענע בריק״ פון יהודה הלוי׳ס „ים לידער״ אין ביאַליקס איבערזעצונג אין יידיש.

מיין ערשטער ארויספאר אין דער וועלט

אין גיכן פארלאז איך פאלטאווע און לאז זיך אוועק קיין אדעס. דאס איז געווען אין 1910 יאר. אין אדעס האבן דעמאלט געשפילט פיר יידישע טרופעס. אין איינער פון זיי האט געשפילט אסתר־רחל קאמינסקאיא אונטער דער דירעקציע פון סאבסיי.

זי איז שוין דעמאלט געווען א בארימטע אקטריסע, מען קאן זאגן, אין פולן גלאנץ. אינעם באשטאנד פון אט דער טרופע זיינען געווען זייער באגאבטע אקטיארן: ליבערט, ווייסמאן, זאסלאווסקי, טייטלבוים, סאניע איידלמאן און א זייער טאלאנטירטע, א נאך זייער יינגע אקטריסע, אסתר־רחלס טאכטער, רעגינא קאמינסקאיא, וועלכע איז, צום גרויסן באדויערן, זייער יונג אוועק פון דער וועלט.

וואס פאר א בלי־צייט פארן יידישן טעאטער דאס איז געווען! אלע פיר טרופעס האבן געשפילט ביי געפאקטע הייזער. די צווייטע טרופע איז געשטאנען אונטער דער דירעקציע פון אברהם פישזאן. אויך אין דער טרופע זיינען געווען באגאבטע אקטיארן, ווי מישא פישזאן, זאס־לאווסקאיא, קוטנער, איריס, דראנאוו, — נאר דער רעפערטואר פון דער טרופע איז געווען אמיינסטן שונד־פיעסן: „א מענטש זאל מען זיין", „בינקע פינקע", „דאס פינטעלע ייד", „וועלוול עסט קאמפאט" און אנד. זעלטן פלעגט ווערן אויפגעפירט אין דער טרופע א גוטע פיעסע וועלכע האט געהאט א ליטעראריש קינסטלערישן ווערט. איך געדענק א ספעק־טאקל, וועלכער איז געגאנגען אלס בענעפיס פון דעם אקטיאר ארקא, א פעיקער אקטיאר נאר ער פלעגט שטענדיק איבערטרייבן אין דראמאטישע סצענעס. אויפן לשון פון די דעמאלסדיקע יידישע אקטיארן האט עס געהייסן „ער פלעגט רייסן קוליסן". ס'איז געגאנגען „אוריאל אקאסטא" פון ק. גוצקאוו. ארקא האט די גאנצע ראל כמעט דעקלאמירט אין א היכן טאן נאר ער האט אזוי שטארק געשריען אז צום לעצטן אקט איז ער הייזעריק געווארן. פארן לעצטן אקט איז אויפגעטראטן דער אקטיאר וועלכער האט געשפילט „ראובן" אין דער פיעסע, (אך געדענק

ניט זיין נאָמען) — און האָט געבעטן דעם הויך געשעצטן פובליקום, אין נאָמען פון אַרקאַ, אַז מען זאָל אים אַנטשולדיקן, וואָס אינעם לעצטן אַקט וועט ער ניט קאָנען שפּילן מיט אַזאַ קראַפט, ווי ער האָט געשפּילט אין די



בראודא אַלט 18 יאָר אין אָדעס

פאַריקע אַקטן, מחמת ער איז קראַנק געוואָרן. ער איז הייזעריק געוואָרן. ביי אַרקאַ שפּילן די ראָל אַקאָסטאַ — אַזוי האָט געמאָלדן דער אַקטיאָר, — איז ווערט אַ שמעק טאַבאַק!... נאָר איצט האָט פּשוט געטראָפן אַן אומגליק: פּלוצים איז ער קראַנק געוואָרן. נאָר שענער פון אַלץ איז געווען, וואָס דעם לעצטן אַקט האָט אַרקאַ געשפּילט בעסער ווי אַלע פריערדיקע

אַקטן. ער האָט גערעדט שטיל, הארציק, זיין אויפרעגונג וואָס ער איז הייזעריק געוואָרן האָט אים געבראַכט אין אַן אמתן שעפערישן צושטאַנד.

די דריטע טרופּע האָט געשפּילט אויף מאלדאַוואַנקע אונטער דער אָנפירונג פונעם אַרטיסט קאַריק אויך אַ באַגאַבטער נאָר ער פלעגט שפּילן סענטימענטאַלע מעלאָדראַמעס. די פערטע טרופּע האָט געשפּילט אויף דער לאַנזשעראַנאַווסקע גאַס אין אינטערנאַציאָנאַלן קלוב אונטער דער דירעקציע און לייטונג פון לאַגער און קראַוזע אויך שונד־רעפּערטואַר. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָט אימפּאָנירט נאָר איין טרופּע. דאָס איז די



בראודא מיט יעקב באָטאָשאַנסקי אין אָדעס אין יאָר 1911

טרופּע ווו עס האָט געשפּילט און געשיינט אסתר־רחל קאַמינסקאַיאַ מיט איר ריזן פּערסאנאַל. דעם אויבן־אָן אין דער טרופּע האָט פאַרנומען יעקב גאָרדין: „מירעלע אפרת", „די שחיטה", „כאַסיע די יתומה", „קרייצערס

סאָנאַטע", „דער אומבאַקאַנטער", „די שבועה". אַפּט האָט מען אויך אויפֿגעפֿירט „די מוטער" פֿון דוד פּינסקי און זודערמאַנס „היימאַט", אַלץ אַזעלכע פּיעסן, ווו די קרוין־ראָלן האָט געשפּילט די מאַמע פֿון יידישן טעאַטער אסתּר־רחל.

איך בין פּשוט געווען פֿאַרשיכורט פֿון אַט דעם שפּיל. עס האָט מיך אַזוי פֿאַרכאַפּט און שטענדיק געטראָגן אין פֿאַנטאַסטישע וועלטן, מיין טרוים צו ווערן אַן אַקטיאָר האָט זיך אַזוי פֿאַרשטאַרקט, אַז איך האָב אָנגעהויבן פֿאַרנאַכלעסיקן די אוראָקן, די לעקציעס, וואָס איך האָב גענומען ביי אַ סטודענט און ווידער געגרייט זיך צום עקזאַמען, צו באַקומען אַן אַטעסטאַט. מיט מיר צוזאַמען אין איין צימער האָט געוווינט יעקב באַטאַשאַנסקי פֿון קיליע, בעסאַראַביע, דער צוקונפֿטיקער רעדאַקטאָר פֿון דער אַרגענטינער יידישער צייטונג „די פּרעסע". מיר זיינען ביידע אַלט געווען צו 17 יאָר און ביידע געהאַט די זעלבע אידעאַלן און די זעלבע צילן. ער האָט אויך געטרוימט ווערן אַן אַקטיאָר און מיר דאַכט, אַז ערגעץ האָט ער געשפּילט. דאַכט זיך אין רומעניע. מיר האָבן זיך געחברט אַ יאָר אַנדערהאַלבן. איך בין אפֿילו געווען ביי אים, ד.ה. ביי זיין פֿאַמיליע צו גאַסט. איך האָב פֿאַרבראַכט פּסח ביי אים און זיין פֿאַמיליע. דער טאַטע איז געווען אַ שוחט און דאָס איז געווען אַ שטרענג־רעליגיעזע שטוב. אין מיין זכּרון האָט זיך פֿאַרקריצט יעקב באַטאַשאַנסקיס געשטאַלט: אַ שוואַרץ געקרייזלטער קאָפּ, אַ ביסל איינגעהויקערט — אַ יידישע פּלייצע.

נאָר פּרובירן אַריינדרינגען אין איינער פֿון די טרופּעס האָט זיך מיר אַפֿילו ניט געחלומט. ווו נעמט מען דרייסטקייט, חוצפּה, פֿאָרלייגן מיין דינסט אַלס אַן אַקטיאָר? ווו וועל איך נעמען מוט אַרויסצורעדן עס פֿאַר אַ דירעקטאָר... איך האָב עפּעס דערשפּירט אַן אומרו, עס איז מיר אַריין עפּעס ווי אַ דיבוק און מיך געטריבן ערגעץ ווייט, ווייט זוכן מזל, געפֿינען מיין גליק. און גאָר גיך האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין. און עס האָט זיך ביי מיר אָנגעהויבן די תּקופֿה פֿון וואַנדערן.

נאָר איידער מיר וועלן צוטרעטן צו דער דאָזיקער תּקופֿה, וויל איך זיך אָפּשטעלן אויף מיין טעטיקייט אַלס ציוני. פֿאַרשטייט זיך, זייענדיק אין פּאָלטאַווע, ווו עס איז געשאַפֿן געוואָרן די פּאַרטיי פּועלי ציון און מיינע שוועסטער־קינדער נחום און כאַציע (יחזקאל) וואָבעל, וועלכע זיינען געווען גרויסע אָנהענגער פֿון בער באָראָכאָוו און זיינען געווען באַפֿריינדעט מיט דעם יונגען וויטקין, דעם צוקונפֿטיקן זרובבל, וועלכער איז שוין צו יענער

צייט געווען אין ארץ ישראל, בין איך אויך געווען נאָענט צו דער אידייע פון פועלי ציון. איך בין פאַרשטייט זיך געווען ווייט פון וועלכער־ניט־איז איבערצייגונג, ווייל מיין ציל אין לעבן איז געווען טעאַטער, נאָר געגויגט בין איך געווען צו ציוניזם.

אין אָדעס, וווינענדיק אין איין צימער מיט יעקב באַטאַשאַנסקי, וועלכער איז שוין געווען אַן אויסגעשפּראָכענער ציוניסט, האָט ער מיך באַקאַנט מיט אַ געוויסער גרופּע יונגעלייט ציוניסטן און איך בין אַריין אין אַ קרייז וועלכער האָט געטראָגן דעם נאָמען „אם אין אני לי מי לי״. אונדזער אויפגאַבע איז געווען פאַרשפּרייטן שקלים און זאַמלען געלט אויף „קרן קימת״. איך פלעג באַזוכן די שול „יבנה״ אויף „באַלשאַיאַ אורנאַוטס־קאַיאַ״ ווו אַלע שבת פלעגן אויפטרעטן ציוניסטישע גאונים: יוסף קלויז־נער, אוסישקין, זשאַבאָטינסקי. מיר, אַ גרופּע יונגעלייט, פלעגן אין שול־הויף שטיין און לאַנג דיסקוטירן אויף ציוניסטישע טעמעס. און איינמאָל האָב איך אַזוי הייס דיסקוטירט און ווען איך האָב געוואָלט אַ קוק טאָן אויף מיין זייגער, האָב איך אים שוין ניט געפונען אין טאַש... אין אָדעס זיינען געווען גרויסע ספּעציאַליסטן קעשענע־גנבים... נאָר זיי האָבן ניט געהאַט קיין שייכות צום ציוניזם...

אין דער זעלבער צייט איז אין אָדעס געווען אַן אַלוועלטלעכע אויס־שטעלונג. אויף דער אויסשטעלונג איז געווען אַ פּאַוויליאָן פון ארץ ישראל, פון דער שולע „בצלאל״ מיט פּראָפעסאָר שאַץ בראש, דעם גרינדער פון „בצלאל״. אַזוי ווי איך האָב געהאַט אַ שייכות צו בוכבינדעריי, האָט מען מיך איינגעלאַדן צו פאַרוואַלטן אין אַ ספּעציעלער אָפּטיילונג פון פאָטאָ־גראַפיעס אין ראַמען. די ראַמען פלעג איך אַליין מאַכן. איך האָב זיך דערנאָך באַקענט מיטן פּראָפעסאָר באָריס שאַץ. אין דער ליידיקער צייט לעג איך פאַר אים דעקלאַמירן ביאַליקן, פרוגן, ראָזענפעלדן.

איינמאָל, קומענדיק אהיים, טרעף איך אַן איינלאַדונג פון פּראָפעסאָר שאַץ אויף זיין חתונה. די איינלאַדונג איז געווען אַדרעסירט: „טאוואַריש־טשו פּערעפּליאָטשיקו״ אין יענער צייט פלעגט מיך אַזוי אין שפּאַס רופן באָריס שאַץ. דאָ אין אָדעס האָט ער חתונה געהאַט דאָס צווייטע מאָל מיט דער פרוי דאָקטאָר פויזנער. די חתונה איז פאָרגעקומען אין זיין וווינונג אויף אַ ווילע, וועלכע האָט זיך געפונען אויפן פראַנצויזישן (איצט: „פּראָלעטאַרישן״) בולוואַר. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָט זייער אימפּאָנירט אַזאַ איינלאַדונג פון אַזאַ הויכער פּערזאָן. איך בין גלייך

אַוועק אויף דער חתונה. ווען איך בין שוין געקומען אַהין איז שוין די חתונה געווען אין פולן גלאַנץ. נאָר ווען איך האָב דערזען אַזעלכע גרויסע מענטשן ווי ביאַליק, פרוג, אוסישקין, זשאַבאָטינסקי, דאָקטאָר ספיר, האָב איך גלייך זיך געוואָלט אומקערן צוריק. מען דאַרף צוגעבן, אַז דעמאָלט בין איך געווען זייער אַ באַשיידענער. ווי קום איך צו אַזעלכע גדולים?... נאָר מיך האָט באַמערקט דער פּראָפעסאָר און האָט מיך גלייך גענומען פאַרן האַנט און האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַר די געסט: — „דאָס איז דער טאָוואַרישטש פּערעפּליאַטשיק וועלכער דעקלאַמירט ביאַליקס שירים און אַנדערע דיכטער..." און אַלע האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיטן פריש־געקומענעם רעציטאַטאָר. מען האָט מיך מכבד געווען מיט אַ גלאָז כרמל־ווייַן און איך האָב באַקומען חוצפה און איך האָב אָנגעהובן דעקלאַמירן. ווי אַזוי איך האָב דעמאָלט פאַרגעלייענט אַזעלכע געניאַלע ווערק פון אונדזער גרויסן חיים נחמן ביאַליק, איז מיר שווער צו זאָגן. איך בין זיכער אַז דאָס איז געווען שלעכט, ווייל דעמאָלט האָב איך געוויס נישט פאַרשטאַנען אַזוי טיף אָט די ווערק ווי איך פאַרשטיי זיי איצט. נאָר מען האָט מיר דאַרט געגעבן אַ גוטע אָפּשאַצונג, פאַרשטייט זיך, נעמענדיק אין באַטראַכט מיין יוגנט.

קומענדיק אין 1912 יאָר צוריק קיין פּאָלטאַווע האָב איך דאָ גע־טראָפן אַ זייער אינטערעסאַנטע גרופּע יונגעלייט. דאָס איז געווען אַ ציוניסטישער קרייז פון סאַמע אינטעלעקטואַלע יוגנטלעכע אין פּאָל־טאַווע. די גרופּע פלעגט זיך פאַרנעמען ניט נאָר מיט פאַרקויפן שק־לים, פאַרשפרייטן ציוניסטישע ליטעראַטור. מיר פלעגן זיך אָפט צו־נויפקומען און פאַרלעזן ביכער, פּובליציסטיק ווי אויך בעלעטריסטיק און נאָכדעם אויף דער טעמע דיסקוטירן. אָפט פלעגט אונדז פאַרלעזן רעפעראַטן דער היגער לערער פון העברעאיש סאָלאָוויטשיק, דער שריי־בער רובינאָוו. דער צענטער איז געווען די קוואַרטיר אין קאַנטאָר „קאָנ־טאָראַ טאַק" פון ציוניסטישן כלל־טוער רפאל ווילענסקי. ער איז עטלעכע מאָל געווען אַ דעלעגאַט אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן. זיין פרוי וויערא סאָלאָמאָנאָוונאַ און זיין טאָכטער נחמה (נינאַ) און זייער זון ליאָוואַ. די גאַנצע משפחה האָבן אין די 20־קער יאָרן עמיגרירט קיין ארץ־ישראל. אַלע זיינען זיי שוין אויף דער אמתער וועלט. וועגן זייער זון איז ווינט־שענסווערט זיך אָפּצושטעלן און אָנשרייבן אַ פּאָר שורות. ער איז געווען אַ פאַרברענטער צעירי־ציון און נאָך איידער זיין גאַנצע משפחה איז

אַרויסגעפֿאָרן קיין ארץ־ישראל איז ער צופֿוס מיט אַ גרופּע אַוועק דורך קאַווקאַז, טערקיי — קיין פּאַלעסטינע. דאָ איז ער פּלוצים געוואָרן אַ קאָמוניסט, געוועזן אַרעסטירט, און ווען ער איז אַרויס פֿון טיורמע, איז ער אָפּגעפֿאָרן קיין בערלין. דאָרט איז ער אויך געווען אַרעסטירט און איז אויסגעביטן געוואָרן מיט פּאָליטישע פֿאַרברעכער קיין ראַטנפֿאַרבאַנד. אין 1927 יאָר האָב איך אים שוין געטראָפֿן אין מאָסקווע. ער האָט געאַרבעט אין נאַרקאָמפּראָס אַלס רעצענזענט־צענזאָר פֿון ליטעראַטור. מען דאַרף צוגעבן אַז ער האָט געהאַט הויכע בילדונג, געלערנט אין פֿראַנקרייך, אין נאַנסי און טולוז, און ער האָט פּערפֿעקט באַהערשט עטלעכע שפּראַכן: פֿראַנצויזיש, דייטש, ענגליש, העבעראיש, רוסיש. אין אָנהויב פֿון די 30־קער יאָרן איז ער שוין געווען אין דער אָפּאָזיציע פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אין אַ שיינעם טאָג קומט ער צו מיר צוגיין און הויבט אָן פּרעדיקן ווידער ציוניזם. מיין פֿרוי האָט זיך דערשראָקן און יעדעס מאָל ווען ער פֿלעגט קומען צו אונדז פֿלעגט אויף מיין פֿרוי אָנפֿאַלן אַ פּחד. ער פֿלעגט אַזוי אָפֿן און דרייסט זידלען אַלע מנהיגים פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אַז מיר האָבן זיך געוווּנדערט וואָס ער איז ניט אַרעסטירט. נאָר איינמאָל, ווען איך בין געקומען קיין מאָסקווע — איך האָב שוין דעמאָלט געאַרבעט אין אָדעסער יידישן מלוכה־טעאַטער, — האָב איך שוין געטראָפֿן זיין פֿרוי, וועלכע האָט מיך געבעטן זיך ניט דערנענטערן צו איר ווייל ליאָווע ווילענסקי איז שוין געווען אַרעסטירט. אין 1937 האָט מען אים געשאָסן. זיין שוועסטער נחמה, וועלכע פֿלעגט זיך מיט מיר איבערשרייבן, ווען איך בין געווען אין אָדעס, האָט זיך זייער באַאומרואיקט וועגן זיינע אויגן. ער האָט געהאַט קראַנקע אויגן — נאָר ער איז שוין דעמאָלט אויף דער וועלט ניט געווען.

פֿון אונדזער גרופּע איז ניט לאַנג, אין 1967 יאָר, געשטאָרבן דאָ אין ישראל איינער פֿון מיינע נאָענסטע חברים תנחום גלייכענהויז (כרמלי). ער איז געווען אַ לערער פֿון העברעאיש און אַ פּעאיקער מאַטעמאַטיקער. נאָר אין ארץ ישראל איז ער געווען אַ פּשוטער בויער. ער האָט געבויט הייזער אין תל־אביב און אין חיפה. געשטאָרבן אויף הר הכרמל אין בית אבות. איינער פֿון אונדזער גרופּע איז געווען אַ פּראָפֿעסאָר פֿון ירושלימער אוניווערסיטעט (אליעזר גאַרדאַנאָוו. עולה געווען אין ישראל אין 1965 יאָר).

אין 1914 יאָר בין איך עולה געווען קיין ארץ־ישראל. דאָ זיינען שוין געווען מיינע צוויי קוזינעס שרה און גנעסע, טעכטער פֿון מיין מומע

הינדע און זייערע אַ שטיף־שוועסטער חנה, מיט פיר זין. קומענדיק קיין פּאַלעסטינע האָב איך אַ פּאָר חדשים געאַרבעט אין אַ בוכבינדעריי דערנאָך אין דער פערמע „בן שמן", געפלאַנצט בוימער אין הרצל־וואַלד. געאַרבעט מיטן פּיאַש, געטאַרמיכעוועט די בוימער. און מיט דער קירקע אויסגע־וואַרצלט שטיינער פון דער ערד, געווען אַ שומר.

עס דערמאָנט זיך מיר אַ שיינע לבנה־נאַכט. איך היט אַ טאָל פון מאַנדל־בוימער. מען האָט מיך אינסטרוקטירט ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיטן ביקס, מיט אַ נאַגאַן, און ווי אַזוי איך זאָל זיך נוהג זיין ווען איך זע דערנעענטערן זיך אַן אַראַבער צו די בוימער. איך דאַרף אויסשרייען דריי מאָל: „מין האַדאַ!" נאָר אויב מען ענטפערט ניט דאַרף איך שיסן פריער אין דער לופט. פּלוצים דערזע איך עפּעס אַ ווייסעס באַוועגט זיך צווישן די בוימער. שריי איך אויס: „מי האַדאַ"! און דאָס האַרץ קלאַפּט מיר אין מיין ברוסט ווי מיט אַ האַמער. און אויף מיין דריטן געשריי, ווען קיינער האָט ניט געענטפערט האָב איך אויסגעשאָסן אין דער לופטן. אויף מיין שאָס האָט עפּעס אָנגעהויבן וויינען ווי אַ קליין קינד. און דאָ זיינען אָנגע־קומען רייטער־שומרים און פרעגן מיך: — וואָס האָט געטראָפן? האָב איך זיי געענטפערט אַז דאַכט זיך איך האָב געשאָסן אַן אַראַבער... — וווהין האָסטו געשאָסן? — פרעגן זיי מיך. — „אין דער לופטן" — ענטפער איך. האָבן זיי געמאַכט אַ געלעכטער. לאָזט זיך אויס, אַז דאָס איז געווען אַ שאַקאַל...

נאָר איידער איך וועל פאַרזעצן, וויל איך כראָנאָלאָגיש זיך אפּשטעלן פונעם ערשטן טאָג ווען איך האָב אָנגעהויבן צו וואַנדערן אויף דער וועלט.

אין 1914 יאָר אין יאַנואַר חודש, האָב איך דעזערטירט פון דער רוסישער אַרמיי און בין אַוועק קיין ארץ ישראל. אין אָדעס איז געווען אַ געוויסער שמריהו זעלדיטש מיט וועלכן איך האָב זיך צונויפגעשריבן פון פּאָלטאַווע און וועלכער האָט מיר פאַר 35 רובל פאַרקויפט אַן אויסלענדישן פּאַספּאָרט, אייגנטלעך ניט קיין זעלבשטענדיקן פּאַספּאָרט, נאָר אַ שותף אין אַ משפחה־פּאַספּאָרט אין וועלכן עס זיינען געווען פאַרשריבן דריי ברידער, אַ פרוי פונעם עלטערן ברודער און אַ קינד פון 5 יאָר. דער עלטערער ברודער האָט געהייסן מרדכי קאַפּלאַן, 28 יאָר אַלט. דאס איז געווען ניט קיין אַנדערער נאָר דער רעדאַקטאָר פון „הפועל הצעיר" און דער צו־קונפטיקער פאַרזיצער פון כנסת יוסף שפּרינצאַק. זיין פרוי האָט געהייסן ציפּע קאַפּלאַן לויטן פּאַספּאָרט און זיין זון — ישראליק, 5 יאָר אַלט. צווי

ברידער חיים קאַפּלאַן 18 יאָר אַלט און לייזער קאַפּלאַן 16 יאָר אַלט — דאָס בין איך געווען.

געקומען קיין אָדעס מיט 5 טעג פריער איידער די שיף איז אָפּגעגאַנגען, בין איך פאַרפאָרן אין אַ האָטעל אויף יעקאַטערינענסקי גאַס, טאַקע צו דעם זעלבן זעלדיטשן. דאס איז געווען זיין האָטעל. דאָרטן האָב איך געטראָפן אַ יונגן מאַן, וועלכער האָט לויטן פּאַספּאָרט געהייסן חיים קאַפּלאַן, אַ תושב פון גראָדנע. אין אָדעס האָב איך געהאַט אַ גוטע באַקאַנטע אַ שיין מיידל, מיין ערשטע ליבע. בין איך אַ שיינעם אויף־דער־נאַכט אַוועק מיט איר שפּאַצירן אויף רעשילעווסקאַ גאַס. שטעלט אונדז אָפּ אַ שלעכט־געקליידעטער יונגערמאַן און רופט מיך אָן ביים ריכטיקן נאָמען און זאָגט מיר: אַז ער ווייס, אַז דאָנערשטיק, (דאָס איז געווען דינסטיק) דאַרף איך אָפּפאָרן מיט דער שיף קיין פּאַלעסטינע מיט אַ פאַלשן פּאַספּאָרט און אויב איך וועל אים נישט געבן קיין 25 רובל, וועט ער גלייך רופן אַ גאָראָדאָוואָי און מען וועט מיך אַרעסטירן. איך דאַרף פּשוט פאַרדינען ביי אייך אַ פּאָר רובל — האָט ער אונטערגעשטראָכן. זאָג איך אים, אַז ביי מיר וועט ער גאָרניט פאַרדינען ווייל איך האָב קוים אויף הוצאות... זאָגט ער: — „טאָ גיט 15 רובל!". זאָג איך: קיין גראשן ניט. און טאמער גייט ער ניט אַוועק, וועל איך רופן אַ גאָראָדאָוואָי, און מען וועט אים אַרעסטירן. זאָגט ער: — „גיט כאָטש 10 רובל". שריי איך: גאָראָדאָוואָי!... קומט אָן אַ גאָראָדאָוואָי, ווייז איך אים אַ פּאַספּאָרט מיט אַ פאַמיליע־נאָמען מאַהילעווסקי, וועלכן איך האָב באַקומען ביי אַ חבר אין קרעמענטשוק. איך רוק אים אריין אין יד 2 זילבערנע רובל און זאָג אים: — „עפּעס אַ בראָדיאַגע איז צו מיר צוגעשטאַנען און בעט ביי מיר געלט!" מען דאַרף צוגעבן, אַז איך בין געווען עלעגאַנט געקליידעט און יענער האָט אויסגעזען ווי אַ שלעפּער. האָט ער אים אָנגענומען פאַרן קאַרק און פאַרטריבן און איך האָב געכאַפּט אַ דאָראָזשקע און בין געקומען מיט מיין מיידל אין האָטעל. ווען איך האָב עס דערציילט זעלדיטשן האָט ער זיך אָנגעהויבן בייטן אינעם געזיכט... ווייזט אויס, אַז דאָס האָט זעלדיטש אַליין אים צוגעשיקט ווייל פון וואַנען האָט יענער געקאָנט וויסן מיין גאַנצע ביאָגראַפיע מיט אַלע קלייניקייטן?

דאָנערשטיק דעם 5־טן יאַנואר 1914 האָבן מיר זיך געזעצט אויף דער שיף „„פיאָטר וועליקי" (פּעטער דער גרויסער) וועלכע האָט אונדז געדאַרפט ברענגען קיין אַלעקסאַנדריע, עגיפּטן. אין אַלעקסאַנדריע האָבן מיר זיך

באַדאַרפט איבערזעצן אויף אַן עסטרייכישע שיף וועלכע האָט אונדז באַ־דאַרפט ברענגען דירעקט קיין יפו.

יוסף שפּרינצאַק האָב איך ביז דער שיף ניט געזען. אויף דער שיף האָבן מיר זיך באַקענט מיט אים און מיט זיין גאַנצער משפחה. איידער די שיף האָט געדאַרפט אָפּגיין פון אָדעסער האַפן איז פאָרגעקומען אַזאַ מין עפּיזאָד:

אַלע זיצן שוין אויף די ערטער און איך גיי אַרום איבער דער שיף, איז אָנגעקומען פּלוצים אַ הויכער זשאַנדאַרם און ווענדעט זיך גלייך צו מיר מיט אַ שטרענגן טאָן:

— וווהין פאָרסטו?

— קיין פּאַלעסטינע.

— ווי הייסטו?

— לייזער קאַפּלאַן.

— ווי האָט געהייסן דיין טאַטע?

— יקותיאל.

— וואָס ביסטו פאַר א מיעשטשאַנין?

— אַ גראָדנער.

— ווי הייסט דיין עלסטער ברודער?

— חיים.

— ווי הייסט דער סאַמע עלטערער?

האָב איך זיך פאַרטראַכט — מען האָט מיר דאַכט זיך, ניט געזאָגט געננוי, ווי ער הייסט. נאָר איך האָב געהערט אין דעם מאָמענט ווי יוסף שפּרינצאַק איז אַריין אין שיף און דערמאָנט דעם נאָמען שמריהו. האָב איך אַ זאָג געטאָן: שמריהו. מער האָט מען ניט באַדאַרפט. מען פירט אונדז אַלעמען אויפן דעק און דער זשאַנדאַרם לאָזט אונדז איבער און גייט אריין אין אַ קאַיוטע וווּ עס איז געזעסן דער זשאַנדאַרמסקע פּאָלקאָווניק. נאָר דער פּאַספּאָרט ביי שפּרינצאַקן געבליבן אין זיינע הענט. איידער וואָס ווען האָב איך פאָרגעלייגט מיר זאָלן אַראָפּ פון דער שיף און זיך אויסמישן מיטן המון. האָט שפּרינצאַק געזאָגט: אויב ער האָט ביי אונדז איבערגעלאָזט דעם פּאַספּאָרט, הייסט עס, אַז קיין געפאַר דראָט ניט. אין דער צייט ווען זעלדיטש האָט אונדז געזאָגט: גייט, גייט! האָט קיין מורא ניט! דער

פאַלקאָווניק איז אַרויס און האָט גענומען ביי שפּרינצאַקן דעם פּאַספּאָרט און שפּרינצאַק האָט אים, פאַרשטייט זיך, אַלץ געענטפערט געגוי. האָט דער פּאָלקאָווניק אַ זאָג געטאָן: „ווסיאָ ווּפּאָריאַדקע״ אַלץ איז אין אָרדע־נונג! און דער קוימען האָט געגעבן דריי מאָל אַ הייזעריקן פייף און מיר זענען אָפּגעשווימען פונעם ברעג.

דער וועג איז געווען זייער אַ פריילעכער. שפּרינצאַק האָט אונדז אונטערגעהאַלטן מיט זיינע וויצן. מען דאַרף באַמערקן, אַז שפּרינצאַק איז געווען זייער אַ שאַרפזיניקער און האָט פאַרמאָגט אַ סך הומאָר. מיך האָט ער גערופן „שמריה״ נאָר דאָס איז געווען ביז איך האָב אָנגעהויבן פאַר־ווילן דעם עולם מיט מיינע רעציטאַציעס. דעמאָלט האָט ער מיר אַ נאָמען געגעבן „מאַקס לינדער״ — מאיר, — זאָגט ער, — איז „מאַקס״, און אַן אַקטיאָר וועל איך מסתמא זיין אין דער צוקונפט, בין איך „מאַקס לינדער״.

מיר זיינען אָנגעקומען קיין אַלעקסאַנדריע האָבן מיר באַדאַרפט דאָ איבערנעכטיקן. האָט אונדז שפּרינצאַק געפירט אויף אַ יידישער אכסניה. נאָר ער האָט זיך טועה געווען אין נומער פון הויז און ער האָט אָנגעקלאַפּט צו אַן אַראַבער. און איך האָב פלוצים אַ זאָג געטאָן אויף אַראַביש אַ פראַזע, וועלכע עס האָט מיר געזאָגט איינער א יונגערמאַן, וועלכער פאָרט שוין דאָס צווייטע מאָל קיין ארץ־ישראל, „אין אַל דיך״. אויף אַראַביש הייסט עס: „אין דיין גאָט אַריין״. ווי שפּרינצאַק האָט דערהערט אָט די פראַזע האָט ער גלייך געזאָגט: לאָמיר זיך אָפּטראָגן פון דאַנען ווייל איך האָב על־פּי טעות אָנגעקלאַפּט צו אַן אַראַבער. און אַז אַן אַראַבער וועט דערהערן אָט די ווערטער, קאָן מען כאַפּן אַ מיאוסן פסק! איר זענט דער אמתער ווילדער! — מאַכט ער צו מיר. קורץ, מיר האבן זיך שנעל אַפּגעטראָגן און גלייך אָפּגעזוכט די יידישע אכסניה און דאָ איז קלאָר געוואָרן, אַז שפּרינצאַק האָט נישט אויף קיין בילעט אויף צו פאָרן ווייטער. און איך בין געווען דער סאַמער רייכסטער אין דער גרופּע. איך האָב באַקומען 100 רובל אויפן וועג. האָב איך אויסגעבאָרגט שפּרינצאַקן די נויטיקע סומע און אין צוויי טעג אַרום האב איך עס באַקומען טעלעגראַפיש דורך דער אַנגלאָ־פּאַלעסטינער באַנק. איך האָב דערווייל געהאַט אַ מעגלעכקייט צו באַקוקן די שיינע שטאָט אַלעקסאַנדריע און ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין יפוער גומריק, קיין פּאָרט איז אין יפו ניט געווען, האָט מען אונדז אויף שיפלעך געבראַכט צום ברעג. שפּרינצאַק מיט מיינע קוזינעס האָבן אונדז באַגעגנט נאָר אויפן ברעג איז געוואָרן אַ טומל, טויב צו ווערן. אַלע שרייען,

אײן אַראַבער שלעפּט בײ מיר דאָס רענצל, אַ צװײטער פּוצט מיר די שיך און גלײך „האָט באַקשיש!" איך בין קוים פּטור געװאָרן פון זײ. איך בין פאַרפאָרן צו מײן קוזינע װעלכע האָט געװױנט אין נוה צדק.

עס איז געװען אַ שײנע, ראָמאַנטישע צײט. די יוגנט האָט דעמאָלט געלעבט מיט אידעאַלן. עס זענען געװען געװיסע שטרעבונגען. אין בן־שמן נאָך דער אַרבעט, פלעגן מיר קומען אין בית־אוכל. אַ רײצנד שײן מײדל אַ געװעזענע קורסיסטקע צפורה, האָט אונדז באַדינט. נאָכן עסן אָנגעהױבן זינגען און טאַנצן „טוב לעבוד ולחיות בארצנו" נאָר אױפן מאָטיװ פון אַן אוקראַיִנישער פּיעסע „נאַטאַלקאַ פּאָלטאַװקאַ". און דאָ האָב איך אױך אָפּגעזוכט מײן אױדיטאָריע. איך פלעג זײ מהנה זײן מיט מײנע דעקלאַמאַציעס. צו מיר זײנען דערגאַנגען קלאַנגען, אַז אין תל־אביב, אין דער גימנאַזיע הרצליה, פּירט מען אױף „טאַרטיוף" פון מאָליער און דאַרט פעלט אַן אַקטיאָר. מען דאַרף שפּילן דעם שוטר, װעלכער אַרעסטירט טאַרטיופן און קײנער װיל ניט שפּילן אַזאַ קלײנע ראָל. בין איך געקומען קײן תל־אביב און האָב פאַרגעלײגט מײן דינסט און מען האָט מיך אַרײנגענומען אַלס אַ מיטגליד אין דער „הבימה העברית". אַזױ האָט געהײסן דער דראַמקרײז. װען איך האָב אָפּגעשפּילט אָט די ראָל איז אַרױס אַ רעצענזיע אין „הפּועל הצעיר". מיר האָט זיך געדוכט, אַז װעגן אַזאַ ראָל װעט מען גאָרניט שרײבן. און פּלוצים, האָט אָפּגעמערקט דער רעצענזענט — איך געדענק ניט ריכטיק זײן נאָמען, דאַכט זיך הפּתר. ער האָט אָנערקענט, אַז איך האָב פּעאיקײטן נאָר די ראָל האָב איך אינטערפּרעטירט ניט ריכטיק. איך האָב געשפּילט ניט קײן שוטר נאָר עפּעס אַ העלד פון אַ מיטל אַלטערלעכער טראַגעדיע. אַזױ קאָן מען שפּילן „אוריאל אַקאָסטאַ". מיט דעם האָט ער מיר פעסטגעשטעלט מײן אַמפּלואַ. איך האָב שטענדיק געשטרעבט צו שפּילן אוריאלן און איך האָב אים „געשפּילט" אױב מען קאָן זיך אַזױ אױסדריקן, װײל עס איז געװען אַ שװאַכע ־ראָװינציעלע טרופּע, אָן געהעריקע קאָסטיומען און אָן דעקאָראַציעס.

אַ שײנער עפּיזאָד האָט זיך אױך פאַרקריצט אין מײן זכרון, װעלכן איך האָב איבערלעבט אין ארץ ישראל. פּסח איז פאַרגעקומען די חגיגה אין רחובות. האָבן מיר זיך אַװעקגעלאָזט צופוס מיט אײנעם אַ חבר דורך ראשון לציון און נס־ציונה. זײנען מיר שױן אָנגעקומען שפּעט אין אָװנט און מיר האָבן געמוזט נעכטיקן אין נס־ציונה. דערװײל האָבן מיר זיך דערפילט הונגעריק און מיר האָבן אָנגעהױבן זוכן אַ רעסטאָראַציע װו מיר

זאָלן קאָנען עפּעס עסן. פּלוצים דערזעען מיר אַ שאַלאַש איבערגעדעקט מיט אַ ברעזענט און ס׳שטייען דריי טישלעך — צוויי זיינען פאַרנומען און איינער איז פריי. האָבן מיר פאַרנומען דעם פרייען טיש. איז צו אונדז צוגעגאַנגען די בעל־הביתטע און געפרעגט: די יונגעלייט ווילן עפּעס עסן? — ס׳פאַרשייט זיך, — ענטפערן מיר. — „איז וואָס וועט איר עסן?" פרעגט אונדז די בעל־הביתטע. — „וואָס איז ביי אייך דאָ?" — פרעגן מיר. — אפשר האט איר אַן עוף? אַ פיינקוכן, אַ בוליאָן מיט לאָקשן? און גיט אונדז אַ פלאַש וויין". מיט איין ווארט, מיר האבן באשטעלט אַ גוטן אָונט ברויט, אַ יום־טובדיקן. אַז מיר האָבן געענדיקט עסן רופן מיר צו די בעל־הביתטע און פרעגן זי: — וואס קומט אייך? זאגט זי: די יונגעלייט מיינען, אז ביי אונדז איז א רעסטאָראַציע?" — „וואָס דען איז ביי אייך?" — פרעגן מיר. — „פשוט אַ פּריוואַטע דירה". — פאַרוואָס איז דאָ דריי טישלעך? — ווייל מיר זיינען דאָ דריי משפחות. יעדע משפחה האָט אַ טיש אונטער דעם אַלגעמיינעם ברעזענט, וועלכער שיצט אונדז פון דער זון. מיר ווייסן, אז דאָ איז נס־ציונה איז קיין רעסטאָראַציע ניטאָ און איר זענט הונגעריק, האָבן מיר אייך אָנגעקאָרמעט. זאָל אייך זיין צו געזונט! — יאָ, נאָר מיר ווילן באַצאָלן. — אַ ניין! באַצאָלן דאַרף מען ניט. אויב מיר וועלן ביי אייך נעמען געלט, וועט עס שוין ניט הייסן קיין מצוה... מיר זיינען געבליבן פאַרשעמט פאַר אונדזער חוצפה, וואָס מיר האָבן נאָך אויסגעקליבן און נאָך באַשטעלט אַ פלאַש וויין... נאָר מיר האָבן זיי גוט אָפּגעדאַנקט און זענען אַוועק שלאָפן אין אַ שייער. אויף מאָרגן זיינען מיר אָנגעקומען קיין רחובות.

די חגיגה האָט געעפנט שמריהו לעווין. מיר האבן זיך באַקענט מיט דער דעמאָלטיקער, נאָך אָרעמער, אינדוסטריע פונעם לאַנד. נאָר פאַר אונדז איז עס געווען אַן אמתער יום־טוב. — נאָך פסח, — האָב איך באַשלאָסן, מאַכן אַ לוסט־רייזע איבערן גליל. אין אַנגלאָ־פאַלעסטינער באַנק איז פאַר מיר געווען אַ געוויסע סומע, דאָס געלט וואָס איז מיר געבליבן פון דער רייזע פון רוסלאַנד. אַביסל האָב איך אָפּגעשפּאָרט פון מיינע פאַרדינסטן און איך האָב ארויסגענומען דאָס ביסל געלט, און באַשלאָסן צו פאָרן. גייענדיק איבער די גאסן פון תל־אביב האָב איך באַגעגנט צפורהן, דאָס מיידל, וואָס האָט אונדז עסן געגעבן אין בן־שמן. ווען איך האָב איר געזאָגט אַז איך קלויב זיך אויף אַ לוסט־רייזע קיין גליל, האָט זי זיך אָנגעכאַפּט אין דער אידייע און האָט געזאָגט אַז זי קלייבט זיך אויך צו

פאָרן אהין. קורץ, מיר האָבן באַשלאָסן פאָרן צוזאַמען. אויף אזא באַג־לייטערין האָב איך אפילו ניט געחלומט...

די רייזע פון יפו קיין חיפה האָבן מיר געמאַכט אויף א דיליזשאַנס. מיר דוכט, אַז אין יענער צייט איז קיין איין אויטאָמאָביל נאָך ניט געווען אין לאַנד. נאָר אט די רייזע אויף אַ דיליזשאנס, האָט אונדז, אַן אַן אויטאָמאָביל געבראַכט אַ סך פרייד און פאַרגעניגן, וואָס ביים איצטיקן שנעלן טעמפּ פון לעבן קאָן מען פון דעם אפילו ניט טראַכטן. נו שטעלט אייך פאָר ווי אַזוי וואָלט איך געקאָנט זיצן געאָרעמט מיט אָט דער רייצנדער צפורהן און זינגען „בין נהר פרת ונהר הדקל, על ההר מתמר דקל...״ ווען מיר זאָלן געווען פאָרן אויף אַ מאַשין, צו דען וואָלטן מיר געקאָנט באַאָבאַכטן אָט דעם שיינעם, אָריענטאַלישן פעיזאַזש? פון איין זייט ים און פון דער צווייטער זייט דער באַרג כרמל!... דער כרמל איז נאָך דעמאָלט געווען אַ וויסטער, עס זיינען אַרומגעלאָפן הירשן אויף אים. אויפן ברעג פונעם ים זעט מען אַ ביידל. אינעם ביידל שטייט אַן אַראַבער אויף די קני און טוט תפילה צו אַללאַכן... צפורה זיצט נאָענט נעבן מיר. איך קוק אין אירע שוואַרצע אויגן. דער קאָפּ אירער ליגט אויף מיין אַקסל. איך גלעט אירע שוואַרצע האָר. איבער מיין גאַנצן קערפּער גייט דורך אַזאַ מין אַנגענעמע וואַרעמקייט...אַ! פאַרוואָס בין איך ניט קיין דיכטער, איך זאל עס קאָנען איבערגעבן אין אַ פּאָעטישער פאָרם.

געקומען אין חיפה האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין אַ האָטעל, גענומען אין צימער ביט צוויי בעטן נאָר חס־ושלום גאָרניט געמיינט... פּשוט, צפורה האָט מורא געהאַט בלייבן אַליין — עס דרייען זיך אַרום האָטעל אַראַבער. מיר האבן פאַרלאָשן דעם גאַז־לאָמפּ וועלכער איז געשטאַנען אויפן טיש, צווישן אונדזערע בעטן, און איינגעשלאָפן... איינדערפרי, ווען די זון האָט אַריינגעשיינט מיט אירע ברענענדיקע שטראַלן צו אונדז אין פענצטער, האָב איך זיך אויפגעכאַפּט פונעם שלאָף און האָב דערזען אז ביי צפורהן איז אראָפּגעפאלן דער ליילעך מיט וועלכן זי איז געווען צוגעדעקט און זי ליגט אַ האַלב־נאַקעטע אין בעט... איך דריי אויס מיין קאָפּ צום וואַנט איך זאל עס ניט זען, נאר איך ליג... און מיין גאַנצער וועזן ברענט... וואָס ווייטער איז געשען איז שוין ניט אינטע־רעסאַנט...

מיר זיינען מיט צפורהן אַרומגעפאָרן אויף אייזלען, אויף פרדות און אָפּטמאָל געגאַנגען צופוס פון איין קאָלאָניע צו דער אַנדערער. באַזוכט

מרחביה, תל־עדת, דגניה, כנרת, פוריה, מלחמיה, יבניאל און אַנדערע, געווען אין טבריה, געפאָרן אין שיפל אויפן ים כנרת, איבערגעגאַנגען צופוס דעם ירדן. אומעטום האָט מען אונדז וואַרעם אויפגענומען, געגעבן עסן און אינערגעץ האָט מען ביי אונדז קיין געלט ניט געוואָלט נעמען, אַחוץ אין טבריה און צפת.

פאָרנדיק צוריק אין יפו בין איך זיך מישב און לייג פאָר צפורהן מיר זאָלן חתונה האָבן. איך האָב זיך אנדערש ניט פאָרגעשטעלט — וויבאַלד מיר זיינען אַזוי נאָנט, הייסט עס, אַז איך בין פאַרפליכטעט מיט איך חתונה צו האָבן... נאָר זי האָט מיך פשוט אויסגעלאַכט: — „ערשטנס, ביסטו נאָך א שנעק קעגן מיר" — אַזוי האט זי מיר געזאָגט. זי איז געווען עלטער פון מיר מיט 3 יאָר. און צווייטנס, — האָט זי מיר געזאָגט: — „דיין טאַטע איז אַ שניידער און איך קאָן ניט חתונה האָבן מיט אַ זון פון אַ שניידער, וויל מיין טאַטע איז אַ רב!... איך בין זיכער. אַז זי האָט עס געזאָגט אין שפּאַס, ווייל, ווי מען האָט מיר דערציילט, מענטשן וועלכע זענען געווען מיט איר פון איין שטאָט, באַרדיטשעוו, איז איר טאַטע קיין רב ניט געווען. און ס׳פאַרשטייט זיך, ניט דאָס איז געווען די שטערונג צו אונדזער הייראַט. נאָר דאָ האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־קריג און עס האָט זיך אָנגעהויבן גאָרניט קיין גוט לעבן אין לאַנד. אַמעריקאַנער שיפן האָבן בלאָקירט די ברעגן פונעם לאַנד. ברויט האָט מען געקאָנט קריגן נאָר פאַר גאָלדענע מטבעות. עס זיינען געוואָרן אַ סך אַרבעטסלאָזע. אין דער צייט איז צו מיר געקומען דער אַרטיסט נחמן זיבעל, וועלכער האָט זיך געפינען אין לאַנד און מיך געבעטן אָנטייל נעמען אין אַ פאָרשטעלונג אויף יידיש. מיר זיינען שוין מיט אים אויפגעטראָטן איינמאָל, איך מיט רעציטאַציעס און ער מיט לידער אויף יידיש. נאָר קיין עקסצעסן זיינען ניט פאָרגעקומען. ווען איך בין געקומען אין לאַנד האָב איך געטראָפן אויף די גאַסן אַן אַפיש, ווו עס איז געווען געמאָלדן אַ פאָרשטעלונג „שולמית" אויף יידיש. אויפן אַפיש איז געווען אונטן אַ באַמערקונג: „אַל תהיו בכעס". אַזוי האָט זי זיך אָנגעהויבן. זיי האָבן זיך פאַרענטפערט, וואס זיי שפּילן אויף יידיש, ווייל אין יענער צייט פלעגן זייער אָפט אויסברעכן סקאַנדאַלן אויף יידישע פאָרשטעלונגען. און כך הוה. עס האָט ניט געהאָלפן דאָס פאַרענטפערן זיך — דער ספּעקטאַקל האָט אַרויסגערופן געשלעגן, מען האָט אַרויסגערופן טערקישע סאָלדאַטן און דאָס האָט אויך נישט געהאָלפן. די תלמידים פון דער גימנאַזיע

הרצליה האָבן באַמבאַרדירט מיט שטיינער דעם לאָקאַל וווּ עס איז פאָרגע־קומען די פאָרשטעלונג. אגב, דער לאָקאַל האָט געהערט צו אַ געשמדטן יידן, פיינגאָלד, אַן ענגלישער בירגער. די פאָרשטעלונג האָבן אויפגעפירט ניט קיין פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן נאָר אַ דראַמקרייז, ליבהאָבער פון דראַמאַטישער קונסט.

זיבעל האָט מיר געזאָגט אַז אַ העלפט פון דער הכנסה וועט גיין פאַר די אַרבעטסלאָזע און אַ העלפט פאַר די אַקטיאָרן. מען דאַרף באַמערקן, אַז אויסער זיבעלן און נאָך אַ פּאָר אָנטיילנעמער פון דער פאָרשטעלונג זיינען אויך ניט געווען קיין פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן. דאָס זיינען געווען די משפחה בוך־וואָלקאָוויטש פון פוילן. אַזוי ווי דאָס איז געגאַנגען וועגן אַזאַ ציל ווי אַרבעטסלאָזע, און אַזוי ווי מיר האָט זיך שטאַרק פאַרוואָלט שפּילן אַזאַ גרויסע ראָל, וועלכע מען האָט מיר פאָרגעלייגט, האָב איך געגעבן מיין הסכמה. איך האָב געטראַכט, אַז איצט, אין אַזאַ צייט פון אַ וועלט־קריג אויב עס גייט אין אַזאַ ווילטעטיקן צוועק, וועט ניט קומען צו קיין סקאַנדאלן... מיר האָבן געמאַכט פּראָבן צו דער פּיעסע „די יידין" („זשידאָווקאַ") פון סקריב. איך האָב רעפּעטירט די ראָל פון דעם קאַרדי־נאַל. איינמאָל, אויף אַ פּראָבע איז געקומען אַ שליח פונעם ספרדישן רב חכם־באשי, אַז מען רופט אונדז אַרויס צום חכם־באשי. איך מיט זיבעלן און וואָלקאָוויטשן זיינען גלייך אַוועק צו אים. עס איז פאַר אונדז געזעסן אַ שיינער ייד ביט אַ שוואַרצן קאָפּ האָר, אויף וועלכן ער האָט געטראָגן אַ זיידענע יאַרמולקע מיט אַ שיינער שוואַרצער הערצל־באָרד, מיט פייער־דיקע שוואַרצע אויגן, אין אַ לאַנגען כאַלאַט פון אַטלאַס אויך שוואַרצן. ער האָט זיך צו אונדז געוואָנדן אויף אַ שיינעם העברעאיש מיט די ווערטער: „איך בין ניט קיין פּרינציפּיעלער העברעאיסט ווי איך, פאַרשטייט זיך, קיין פּרינצי־יעלער זשאַרגאָניסט, נאָר איך זיץ דאָ כדי אָפּצוהיטן דעם שלום צווישן אונדזערע ברידער יידן. בעט איך אייך, אַזוי ווי צו מיר זענען דערגאַנגען ידיעות, אַז איר גרייט אַ פאָרשטעלונג אויף זשאַרגאָן, — אַזוי האָט ער זיך אויסגעדרוקט, „זשאַרגאָן", ניט קיין יידיש, — און אַזוי ווי אַזאַ פאָרשטעלונג רופט אַרויס עקסצעסן, בעט איך אייך אָפּהאַלטן מיטן אויפ־פירן אייער פאָרשטעלונג ביז מיר וועלן נישט צונויפרופן אין תל־אביב קיין אסיפה פון אייערע פאַרשטייער און פון די פאַרשטייער פון די העברע־איסטן, און דאָרט באַשליסן די פראַגע וועגן דער פאָרשטעלונג". מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, געגעבן אונדזער הסכמה. אויף דער זיצונג זענען

געקומען כמעט אַלע גדולים פון דער יידישער באַפעלקערונג ד.ה. אַלע פאַרשטייער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע: ד״ר רופין, דאָקטאָר טהאָן, ד״ר שיינקין, ד״ר באָגראַשאָוו, ד״ר לוריע און אַנד.

מען האָט אונדז געשטעלט אַ גאַנצע רייע פראַגן: וואָס האָט אונדז געצווונגען צו שפּילן אַ יידישע פאָרשטעלונג? צי דערפאַר ווייל מיר זענען פּרינציפּיעלע יידישיסטן? צי צוליב מאַטעריעלע צוועקן? אָדער אפשר צוליב ווילטעטיקע צוועקן? צי אויס ליבע צו קונסט? צי דערפאַר וואָס מיר באַהערשן ניט די העברעאישע שפּראַך? אונדזער ענטפער איז געווען אַ קורצער; גערעדט האָב איך; מיינע חברים האָבן העברעאיש ניט פאַרשטאַנען.

— מיר זיינען ניט קיין פּרינציפּיעלע יידישיסטן, מיר אַכטן זייער די העברעאישע שפּראַך און מיר גלויבן אין איר אויפלעבונג, און עטלעכע פאַרשטעלונגען אין יידיש קאָנען אין קיין פאַל ניט שטערן די אויפלעבונג פון העברעאיש; נאָר אין יפו וווינען יידן, וועלכע פאַרשטייען ניט קיין העברעאיש און דערפאַר באַקומען זיי ניט קיין שום גייסטיקע שפּייז אויף דער שפּראַך וואָס זיי פאַרשטייען. דעריבער האַלטן מיר, אַז מען דאַרף אין תל־אביב שפּילן אויף העברעאיש און אין יפו אויף יידיש, ביז דער צייט, ווען די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג וועט ניט באַהערשן די העברעאישע שפּראַך. דערצו גייט די פאָרשטעלונג 50% פון דער איינאַמע פאַר די אַרבעטסלאָזע.

דאָקטאָר רופין און דאָקטאָר טהאָן זיינען געווען פאָלקאָם מסכים מיט אונדזער מיינונג און אויף דעם האָט זיך געקאָנט פאַרענדיקן אונדזער באַראַטונג. נאָר עס איז אויפגעשטאַנען דאָקטאָר באָגראַשאָוו, נאָך דעם, ווי רופין מיט טהאָנען זיינען אַוועק און האָט געמאָלדן „מיר זיינען ניט מסכים מיט רופינען, אויך ניט מיטן דאָקטאָר טהאָן. מיר זיצן דאָ, כדי צו פאַרהיטן די אויפלעבונג פון דער העברעאישער שפּראַך און אַלץ וואָס וועט אונדז שטערן, וועלן מיר באַקעמפן. מיר וועלן וואַרפן שטיינער, ברעכן שויבן, אויב איר וועט שפּילן אויף יידיש. נאָר איר דאַרפט זיין דזשענטעל־מענער: אַזוי ווי איצט איז קריגס־צושטאַנד און עס קאָן קומען צו אַ בלוט־פאַרגיסונג, דעריבער דאַרפט איר זיך אָפּהאַלטן מיט אייער פאַרשטע־לונג ביז עס וועט זיך ענדיקן די מלחמה״.

— מיר אָנערקענען נאָר קולטורעלע מיטלען צום קאַמף. איר קאָנט פירן אַ פּראָפּאַגאַנדע אין דער פּרעסע אָדער מינדלעך קעגן אונדזער

פאַרשטעלונג. נאָר וואַרפן שטיינער, אָדער ברעכן שויבן? דאָס פּאַסט ניט פאַר קולטורעלע מענטשן צו וועלכע איר פאַרעכענט זיך... אונדז האָבן ניט אָפּגעשראָקן קיין רוסישע כוליגאַנעס, האָבן מיר פאַר יידישע כוליגאַנעס אוודאי קיין מורא ניט. און מיר וועלן בלייבן דזשענטעלמענער אויב מיר וועלן ניט וואַרטן מיט אונדזער פאַרשטעלונג ביז נאָך דער קריג, ווער ווייסט, ווען זי קאָן זיך ענדיקן?...

אויף דעם האָט זיך פאַרענדיקט אונדזער דיסקוסיע. די פאַרשטעלונג איז דורך עטלעכע מאָל ביי געפּאַקטע הייזער און צו קיין עקסצעסן איז עס ניט געקומען. ווי די צוקונפט האָט באוויזן, איז מיין מיינונג געווען אַ ריכטיקע. העברעאיש איז געוואָרן די מלוכה־שפּראַך פון ישראל. נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס עס שפּילן אין לאַנד עטלעכע טרופּעס אויף יידיש, שטערט עס ניט דער אויפלעבונג פון העברעאיש, עס שטערט ניט, אויך דערפאַר, ווייל אַט די פאַרשטעלונגען, וואָס גייען דאָ אין יידיש, האָבן קיין שום שייכות ניט מיט דראַמאַטישער קונסט.

אין דער ראָל פון דעם קאַרדינאַל האָב איך געהאַט אַ געוויסן דערפאָלג, און פון דער ראָל, קאָן מען זאָגן, האָט זיך אָנגעהויבן מיין אַקטיאָרישע טעטיקייט.

דערווייל האָט מען אָנגעהויבן אַרויסשיקן פון לאַנד רוסישע בירגער. עס איז אויפן ברעג פון יפו געשטאַנען אַן איטאַליענישע שיף און מען האָט אָנגעהויבן אַרויסשיקן אויף דער שיף, אַלעמען, אָן אַ סיסטעם. ווען מען האָט געפּאַקט אין גאַס און געפרעגט: „אינטי מאָסקאָבי?" דו ביסט אַ רוסישער — האָט מען אים געשלעפּט צו דער שיף. אַזוי האָט מען אָפּגעריסן קינדער פון עלטערן, מענער פון פרויען, פרויען פון מענער.

דערנאָך איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, מען זאָל ניט אַרויסלאָזן קיין יונגע מענער, פון 17 ביז 50 יאָר. איך האָב זיך געמוזט איבערטאָן פאַר אַ פרוי און אַזוי אַרום, אויף אַן אַמעריקאַנער קריגס־שיף אָנגעקומען קיין אַלעקסאַנדריע. מען האָט אונדז אַלעמען אַרויסגעזעצט פון שיף און געבראַכט אין אַ געביידע וואָס האָט געהייסן „גאַבאַרי" און דאָרטן האָבן מיר באַדאַרפט זיצן 2 וואָכן קאַראַנטין. נאָך דעם זעלבן אויפדערנאַכט ווען מיר זיינען אַהער אָנגעקומען בין איך אַריבערגעקראָכן איבער אַ געמויערטן פון ציגל פּאַרקאַן און האָב זיך אַוועקגעלאָזט איבער די גאַסן פון אַלעקסאַנדריע אָן אַ גראָשן אין טאַש און אָן באַגאַזש. אין דאָס וואָס איך בין געווען געקליידט דאָס איז

געווען מײַן גאַנץ פֿאַרמעגן. האָב איך זיך געלאָזט גײן צום ייִדישן קוואַרטאַל, צו דער ייִדישער אכסניה, וווּ מיר זײַנען אײַנגעשטאַנען מיט יוסף שפּרינצאַקן. גײ איך און טראַכט: „וואָס וועט זײַן, אַז דער בעל־הבית פֿון דער אכסניה וועט מיר הייסן גלײַך באַצאָלן פֿאַרן געלעגער?... און פּלוצים האָט עפּעס אַ קלינג געטאָן אונטער מײַנע פֿיס. איך גיב אַ קוק: אין אַ פּאַפּירל, אײַנגעוויקלט, 3 שילינג. איך האָב זיך אַזוי דערפֿרייט, פּונקט ווי איך וואָלט געפֿונען דרײַ מיליאָן. בין איך שוין געוואָרן בײַ זיך דרייסטער. אָנגעקומען אין דער אכסניה, באַצאָלט אַ שילינג פֿאַרן געלעגער, פֿאַר אַ שילינג אָפּגעגעסן אָוונט־ברויט און זיך געלייגט אַ גליקלעכער שלאָפֿן מיט אַ שילינג אין קעשענע. אויף מאָרגן אינדערפֿרי ווי איך בין אַרויס אין גאַס, הער איך קינדער שרײַען: מאיר! מאיר! טראַכט איך: אפֿשר רופֿט מען עס מיך? נאָר פֿון וואַנען ווייסן די קינדער, אַז איך הייס מאיר? לאָזט זיך אויס, אַז דאָס זײַנען די קינדער פֿון מײַן קוזינע חנה, וועלכע, לויט מײַן מיינונג, וואָלטן שוין לאַנג באַדאַרפֿט זײַן בײַ איר ברודער אין אוגאַנדע, ווּהין זי האָט זיך געקליבן פֿאָרן. נאָר צו מײַן גליק איז זי נאָך אין אַלעקסאַנדריע. פֿאַרשטייט זיך, אַז איך בין אַריבער צו איר. זי האָט געהאַט אַ גוטע וווינונג. באַגעגנט זיך מיט יעקב לערנער, אַ זינגער מיט אַ גוטער שטימע, אַ ביסל אַ חזן, און גלײַך האָבן מיר אָרגאַניזירט אַ קאָנצערט ווו איך בין אויפֿגעטראָטן מיט מײַנע רעציטאַציעס. נאָר איך מוז מודה זײַן, אַז איך האָב ניט געהאַט קיין גרויסן דעראָלג בײַ די אַלעכסאַנדריער צושויער. אָבער מיר האָבן פֿאַרדינט אויף הוצאות צו פֿאָרן קיין קאַיר און דאָרטן אויפֿפֿירן אונדזער פּיעסע „די ייִדין” וועלכע מיר האָבן געשפּילט אין יפֿו. די גאַנצע טרופּע אונדזערע האָט זיך געפֿונען אין אַלעקסאַנדריע און מיר האָבן באַשלאָסן פֿאָרן צוזאַמען מיט יעקב לערנערן אַלס פֿאַרשטייער אין קאַיר, דינגען אַ געביידע און אָרגאַניזירן אַזעלכע גאַסטראָלן.

אין דער צײַט האָבן געגרייט אַ פֿאַרשטעלונג אויף ייִדיש די געוועזענע גרופּע פֿון תל־אביב די „הבימה העברית” מיטן רעזשיסאָר ידידיה בראש. זיי האָבן געגרייט אָסיפּ דימאָװס ״שמע ישראל״ און מען האָט מיך אײַנגעלאָדן אין דער גרופּע שפּילן די ראָל פֿון ענמאַן. נאָך עטלעכע פּראָבן האָב איך זיך איבערצייגט, אַז די ראָל גייט מיר ניט אונטער, פּשוט עס פֿעלט מיר דערפֿאַרונג צו שפּילן אַזאַ קאָמפּליצירטע און אַ ביסל אַ העל־בלויע ראָל. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פֿון דער ראָל.

מיר זיינען געקומען קיין קאַיר גאַנץ פרי. האָבן מיר קודם־כל אָפּגעפּרישטיקט אין אַ ביליקער קאַפע. באַצאָלט פאַרן עסן און מיר זיינען אַרויס נאָר מיט אַ פּאָר שילינג אין דער טאַש. מיר האָבן געהאַט אַ בריוו צום פאַרזיצער פונעם דראַמאַטישן פאַריין וועלכער האָט עקזיסטירט אין קאַיר, אַ געוויסער יהושע אַדלער. דער פאַרשוין האָט אויף מיר ניט געמאַכט קיין איינדרוק פון אַן אַקטיאָר. אַ מענטש ביי די 55 — און אפשר זעכציק יאָר, מיט גראָע וואָנצעס, וואָס איז עס פאַר אַן אַקטיאָר, וועלכער טראָגט וואָנצעס? — טראַכט איך מיר. ער האָט אונדז גאַנץ קאַלט אויפ־געגומען, נאָר ער האָט אונדז גלייך אַרויסגעהאָלפן מיט אַ גוטער עצה: „איך האָב ערשט איבערגעלייענט אין אַ פראַנצויזישער צייטונג אַ מודעה מען זוכט רוסישע אַקטיאָרן. אַלע פאַרשטווער פון די מלוכה"ס פון דער „אַנטאַנטע" האָבן פאַראַנשטאַלט אַ קאָנצערט אויף ענגליש, פראַנ־צויזיש און איטאַליעניש נאָר קיין רוסישע אַקטיאָרן זיינען ניטאָ. אויב עס זיינען דאָ רוסישע אַקטיאָרן בעט מען זיי זיך ווענדן אין דער רוסישער אַמבאַסאַדע.

מיר זיינען קיין רוסישער אַקטיאָרן, נאָר רוסיש, הגם מיט יידישן אקצענט, קענען מיר. און מיר לאָזן זיך צו דער רוסישער אַמבאַסאַדע.

אויפן וועג זאָגט מיר לערנער: „וואָס הייסט מיר גייען אין דער רוסיטער אַמבאַסאַדע? מיר זיינען ביידע דעזערטירן פון דער רוסישער ארמיי?.." זאָג איך אים, זאָרג זיך ניט, מיר זיינען דאָך אַקטיאָרן און דער אַמבאַסאַדאָר איז ניט קיין זשאַנדאַרם. דערצו האָב איך אַ פּאַספּאָרט. איך בין מרדכי קאַפּלאַן און דו ביסט אברהם קאַפּלאַן. נאָר צו דעם איז ניט געקומען. קיין פּאַספּאָרטן האָט מען ביי אונדז ניט געבעטן. מיר האָבן זיך געמאָלדן מיט אונדזערע וויזיט־קאַרטן, איך אַלס „אַרטיסט — דראַמאַטיק" און לערנער אלס „אַרטיסט טענאָר". איך האָב אים נאָר געבעטן אַז ער זאָל ניט רעדן ווייל ער האָט רוסיש גערעדט מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם יידישן באַרדיטשעווער אַקצענט. נאָר לערנער האָט פאַרמאָגט אַ שיינע טענאָר־שטימע און ער האָט געהאַט אין זיין רעפּערטואַר עטלעכע רוסישע ראָמאַנסן. ער איז דערצו געווען אַ שיינער יונג מיט אַ שיינער שוואַרצער שעוועליור, מיט ברענענדיקע שוואַרצע אויגן, א הויכער וווקס. אָט די אַלע מעלות האָבן געראַטעוועט די לאַגע. דער אַמבאַסאַדאָר סמירנאָוו אַ הויך סימפּאַטישער אינטעליגענטער מאַן, האָט אונדז זייער העפלעך אויפגענומען. מען דאַרף צוגעבן אַז כמעט אַלע דיפּלאָמאַטישע טוער,

וועלכע האָבן פאַרגעשטעלט אין אויסלאַנד דאָס צאַרישע רוסלאַנד, זיינען געווען הויך קולטורעלע מענטשן, גאָר ניט ענלעך אויף די רוסישע סאַטראַפּן אין רוסלאַנד גופא.

דער אַמבאַסאַדאָר האָט אונדז באַקענט מיט זיין פרוי, אַ גראַציעזער, שיינע דאַמע. זי האָט אויפגעזוכט אין אירע נאָטן דעם ראָמאַנס „אי נאָטש אי לונאַ" און לערנער האָט אויפגעזונגען דעם ראָמאַנס מיט אַזויפיל חן הגם מיט אַ יידישן קאָלאָריט, נאָר זיין שטים האָט זייער שיין געקלונגען אין דעם פּראַכטפולן סאַלאָן. דער אַמבאַסאַדאָר מיט זיין פרוי זיינען געווען צופרידן. איך האב אויך אָנטייל גענומען אין קאָנצערט, מיט אַ קופּלעט וועלכן איך האָב אויסגעלערנט פונעם סאַטיריקער סאַרמאַ־טאָוו. דער קופּלעט איז געבויט אויף אַ געלעכטער אונטער מוזיק און ער האָט געהאַט דערפאָלג. איך האָב אים געמוזט אויך זינגען אויף ביס, ווייל מער קיין קופּלעטן האָב איך נישט געקענט. פּאַרלעזן, רעציטירן אין רוסיש, — האָט געזאָגט דער אַמבאַסאַדאָר, — איז ניט כדאי, ווייל רוסיש פאַרשטייט מען דאָ זעלטן. און איך בין פּלוצים געוואָרן אַ קופּלעטיסט... מילא, פּרנסה... דער אַמבאַסאַדאָר האָט באַטראַכט אונדזערע מלבושים און האָט אונדז געזאָגט: „ווו האָט איר זיך אָפּגעשטעלט? ווי איז אין אַלגעמיין אייער מאַטעריעלע לאַגע? איר דאַרפט זיך ניט זשענירן. אין דער צייט פון קריג זיינען מיר פאַרפליכטעט צו העלפן די רוסישע בירגער, וועלכע געפינען זיך אין אַ נויט אין אויסלאַנד". ער האָט גלייך באַפוילן דעם סעקרעטאַר, ער זאָל באַשטעלן פאַר אונדז ביידן אַ נומער אין האָטעל „קאָנטינענטאַל" און מען האָט גלייך זיך צונויפגערעדט טעלעפאָניש מיטן אייגנטימער פונעם רעסטאָראַן סאַמועל, אַז מיר דאַרפן דאָרט עסן צוויי וואָכן פאַרן קאָנצערט. מיר האָבן זיך געזעגנט מיטן אַמבאַסאַדאָר און זיין פרוי און זיינען אַוועק עסן מיטאג אין רעסטאָראַן „סאַמועל". מיין חבר לערנער האָט געהאַט זייער אַ גוטן אַפּעטיט. ער פלעגט אויפעסן אַ פּאָרציע קאָטלעטן און דערנאָך בעטן נאָך אַ פליישפּאָרציע, אַ „געבראָטנס". ווי מיר האָבן זיך צוגעזעצט צו אַ טיש צו עסן האָב איך באַמערקט אַז נעבן בופעט שטייט אַ הויכער, ברייט־פּלייציקער מאַן און קוקט אויפמעדקזאַם אויף אונדז. זאָג איך לערנערן: — „עפּעס קוקט ער אין אונדזער ריכטונג די גאַנצע צייט" זאָג ער — „וואָס איז דיין עסק?". פּלוצים זע איך, אַז דער הער גייט גלייך צו אונדז. צוגעגאַנגען, זאָגט ער צו אונדז: — „פּאַרלע־ווו־פראַנסע?" ענטפערן מיר: — „נאָ". „דיו ספּיק ענגליש"...

זאָגן מיר ווידער: „נאָ". ווענדעט ער זיך שוין ווידער אויף איטאַליעניש: — „פּאַרלאַטאַ איטאַליאַנאַ"? — „נאָ". „שטי ראָמאַנעשטי?"... „נאָ!" קורץ, אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך ער זאָל אונדז ניט פרעגן, ענטפערן מיר „נאָ!" איז ער זיך מישב און זאָגט מיר אויפן אויער: „שפּרעכן זי דויטש?" ענטפער איך: „יאַוואָל!" זאָגט ער שוין מיט אַ צופרידענעם שמייכל אויפן פּנים: „זענט איר דאָך יידן! אַבי מען זאָגט מיר: „רוסישע אַקטיאָרן". איך זע דאָך אַז דאָס זיינען מאחינו בני ישראל. און ער זעצט זיך צו צום טיש. ער הייסט דעם גאַרסאָן דערלאַנגען אַ פלאַש שאַמפּאַניער. לאָזט זיך אויס, אַז דאָס איז אַליין דער אייגנטימער פונעם רעסטאָראַן „סאַמועל". ער איז אַליין פון רומעניע און ער איז געווען באַקאַנט מיטן גרינדער פונעם יידישן טעאַטער אברהם גאָלדפאַדען. ס'פאַרשטייט זיך, אַז נאָכן עסן אין דעם רעסטאָראַן האָבן מיר שוין ניט געהונגערט.

נאָכמיטאָג זענען מיר ווידער געקומען אין דער רוסישער אַמבאַסאַדע ווו דער אַמבאַסאַדאָר סמירנאָוו האָט אויף אונדז געוואַרט. ער האָט אונדז פאַרבעטן זיך זעצן אין זיין אויטאָמאָביל. און מיר פאָרן... וווהין? ווייסן מיר ניט. די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן אַ גרויסן קליידער־געשעפט „קאָנפעקסיאָן מאַיער". אַזוי ווי — זאָגט סמירנאָוו, — איך וועט אויסקומען זיך באַגעגענען מיט מענטשן פון דער העכסטער געזעלשאַפט, דעריבער דאַרפט איר זיין געקליידעט ווי עס פּאַדערט זיך פון דער העכערער געזעלשאַפט... קורץ, מיר האָבן איבערגעלאָזן אונדזערע אַלטע, אַביסל פאַר דער צייט, אָפּגעריבענע אַנצוגן און מיר האָבן זיך אָנגעטאָן „בגדי מלכות". אויף זיין מאַשין האָט אונדז דער אַמבאַסאַדאָר געבראַכט אין האָטעל „קאָנטינענטאַל", זיך געזעגנט מיט אונדז, איבערגעלאָזט אַן אַדרעס וווהין מיר דאַרפן קומען אויף פּראָבע און איז אַוועק.

ווען איך מיט לערנערן זענען אריין אין דעם פּרעכטיקן נומער פונעם האָטעל, האָט זיך אונדז ניט געגלויבט אַז דאָס אַלץ קומט פאַר אויף דער וואָר. אונדז האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס אַלץ חלומט זיך אונדז... קומענדיק אין אַ פרעמדער, גרויסער שטאָט קאַיר, אָן אַ גראָשן, קאָן מען זאָגן, און פּלוצים אַזאַ גליק!.. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף צוויי פאָטעלן און גענומען לאַכן, ביז מיר האָבן זיך שוין אַראָפּגעקייקלט אויפן טעפּיך...

דער קאָנצערט איז פאָרגעקומען אין 12 טעג אַרום. די אַמבאַסאַדע האָט אונדז אויך באַזאָרגט מיט פראַקן, מיט ווייסע העמדער, לאַקירטע שיך

מיט ווייסע האַנדשו און אַלץ אויף דעם חשבון פון דער אַמבאַסאַדע. נאָכן קאָנצערט האָט מען אונדז דערלאַנגט אין אַ קאָנווערט צו 5 פונט שטערלינג אַלס האָנאָראַר.

פאַר דער צייט האָבן מיר געדונגען אויף זייער לוינבאַרע באַדינגונ־גען דעם טעאַטער „פרינטאַניע". פון שטייערן האָט מען אונדז באַפרייט אַלס אויסגעוויזענע פון פּאַלעסטינע. די טרופּע אונדזערע איז געקומען ניט אין דער צייט, ווי זיי האָבן טעלעגראַפירט, נאָר פריער מיט צוויי שעה. אַזוי ווי מיר האָבן זיי ניט באַגעגנט, זיינען זיי אַוועק אונדז זוכן און פאַרשטייט זיך געקומען אין האָטעל „קאָנטינענטאַל" נאָר דער קאַפּעלדינער האָט זיי נישט אַריינגעלאָזט צו אונדז ווייל זיי זענען געווען אָרעם געקליידט... ווען זיי האָבן אונדז דערזעען אויף די טרעפּ פונעם וועסטיבול, האָבן זיי אונדז תחילת, ניט דערקענט. „צוויי פרינצן" — האָבן זיי געזאָגט אויף אונדז. אַזוי רייך האָבן מיר אויסגעזען.

אונדזערע אַקטיאָרן האָבן מיר אָפּגעפּירט אין יידישן קוואַרטאַל „דאַר־באַר־באַראַבלע" ווו מיר האָבן פאַר זיי געדונגען פּריוואַטע וווינונ־גען, און אָנגעהויבן אונדזערע פאַרשטעלונגען. דער זאַל איז געווען איבער־געפּולט, נאָר ליידער, ניט מיט יידן פון „באַר־באַר־באַראַבלע" נאָר פון „אַז בעקי" ד.ה. פונעם קוואַרטאַל פון פּראָסטיטוציע. דער צושויער איז געווען ניט קיין געהויבענער, זייער וויט פון קולטור און בכלל פון אָנשטענדיקייט... און דווקא זיי, האָבן ליב געהאַט פּיעסן מיט אַ רעליגיעזן אינהאַלט... אַז לויט דער פּיעסע פלעגט זיך רחל ווארפן אין פייער־קעסל און שרייען „שמע ישראל", פלעגט זיך טאָן חושך אין צושויער־זאַל. זיי פלעגן לאַנג אַפּלאַדירן... נאָר „גאָט פון נקמה" פון שלום אַש האָבן זיי ניט געקאָנט פאַרדייען...

העלפט גאָט — עס הויבן זיך אָן גרויסע היצן. דער זאַל פּוסט־עוועט פון טאָג צו טאָג אַלץ מער. און די טרופּע פּלאַצט. די אַקטיאָרן צעלויפן זיך — אייניקע קיין אַמעריקע דורך אַלזשיר, אַנדערע פּרווון זיך אַדורכברעכן אַ וועג קיין אמעריקע דורך איטאַליע און איך אויך מיט זיי צוזאַמען. איטאַליע איז, ווי באַוווסט, געווען פאַראייניקט מיט דער „אַנטאַנטע", האָט מען מיר פאַרגעלייגט אָדער אַריינטרעטן אין דער איטאַליענישער אַרמיי אָדער זיך צוריקקערן קיין רוסלאַנד. איך האָב אויסגעקליבן דאָס לעצטע. נאָך לאַנגן נע־ונד פון לאַנד צו לאַנד פאַל איך אַריין קיין בולגאַריע אין דער הויפּט־שטאָט סאָפיאַ.

מען דאַרף צוגעבן, אַז אין יעדער שטאָט און אין יעדן לאַנד, וועלכע איך בין דורכגעפאָרן, האָבן מיך פינאַנסירט די רוסישע אַמבאַסאַדעס, ווען ניט, וואָלט איך, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט זיך באַוועגן פון איין שטאָט אין דער אַנדערער. מען פלעגט מיר געבן אַ געוויסע סומע און שטעלן אויפן פּאַספּאָרט אַ שטעמפּל און איך פלעג זיך אונטערשרייבן אַז איך בין מתחייב דאָס געלט אומקערן אין מיניסטעריום פאַר אויסערלעכע ענינים.

געקומען אין סאָפיאַ, בין איך פאַרפאָרן צייטווייליק אין אַ האָטעל און גלייך געפונען אַרבעט אין אַ בוכבינדעריי. גייענדיק איינמאָל איבערן גאַס, שטעלט מיך אָפּ אַ יונגערמאַן און פרעגט מיך: איר האָט אַ שוועסטער ראָזאַ?״ קוק איך אים אָן. „יאָ״, — ענטפער איך, — „איך האָב אַ שוועסטער ראָזאַ״. „איר זייט זייער ענלעך צו אייער שוועסטער״, — זאָגט ער מיר. „אויב אַזוי, זיינט איר מיינער אַ קרוב. מיין שוועסטער־קינד האָט חתונה געהאַט מיט אייער שוועסטער״. עס איז ניט אַזאַ נאָענטע קרובה־שאַפט — טראַכט איך מיר, נאָר דאָ איז אַ פרעמד לאַנד און אַ פרעמדע שטאָט, איז גוט אַזאַ קרוב אויך. דאָס איז געווען אַ סטודענט פון סאָפיער אוניווערסיטעט מרגלית. און ווען מיר האָבן זיך צערעדט, דערוויס איך זיך, אַז מרגלית איז דער פאָרזיצער פון דער ציוניסטישער געזעלשאַפט „תרבות״. ער האָט מיך געבראַכט אַהיים און האָט מיך באַקענט מיט זיין פרוי, און איר ברודער און אַ דאַנק אָט דער באַגעגעניש הויב איך אָן אויפטרעטן מיט מיינע רעציטאַציעס. די סאָפיער געזעלשאַפט „תרבות״ האָט פאַראַנשטאַלט אַן אָוונט ווו עס זיינען אַרויסגעטראָטן אַקטיאָרן פון בולגאַרישן טעאַטער און איך בין געווען איינגעלאַדן אויפטרעטן מיט ביאַליקס שירים אויף העברעאיש.

דער דערפאָלג איז געווען אַן אומגעהויערער, ווייל דאָס איז בכלל געווען אַ סענסאַציע פאַר דער היגער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און פאַר אַלע יידן וועלכע זיינען געווען ציוניסטיש געשטימט. אין בולגאַריע האָבן דעמאָלט געוווינט, אַמייסטן ספרדישע יידן, אַזוי, אַז יידיש איז דאָ ניט געווען אויפן אָרט. און נאָכדעם, ווען איך האָב פאַרגעלייענט זשאַבאָ־טינסקי׳ס „הספד״ אויף רוסיש, האָט עס געהאַט נאָך אַ גרעסערן דערפאָלג, ווייל רוסיש פאַרשטייען דאָ כמעט אַלע אינטעלעקטועלע.

ווען די בולגאַרישע אַקטיאָרן האָבן מיך דערהערט, אַז איך באַזיץ די רוסישע שפּראַך, הערנדיק מיך פאָרלייענען אין רוסיש, האָבן זיי מיך

אַנגעהויבן אויספרעגן פון וואַנען איך בין? און וואָס טו איך אין סאָפיע? און האָבן מיר גלייך פאַרגעלייגט אַרבעטן מיט זיי צוזאַמען. איך פלעג פאַרלייענען רוסיש און זיי בולגאַריש. און אַזוי האָב איך אָפּגעאַרבעט מיט זיי דריי מיט אַ האַלב יאָר. איך פלעג פאַרלייענען גאָגאָלן, אַפּוכטינען. נאָר מיט דער צייט האָב איך געלערנט בולגאַריש און האָב אָנגעהויבן פאַר־

בראודא אין דער ראָל פון גראף טראָסט — „די ערע" פון זודערמאַן אין סאָפיע, אין יאָר 1918.

לייענען די זעלבע ווערק אויף בולגאַריש און מען האָט מיר איבערגע־זעצט מאָריס ראָזענפעלדס „אויפן בוזעם פונעם ים". אין בולגאַריש האָט עס געהייסן „בוריאַ" און איך פלעג עס אָפּט פאָרלעזן אויף די קאָנצערטן אויף וועלכע איך פלעג אויפטרעטן כמעט אין אלע שטעט אין בולגאַריע. ס'האָט זיך געשאַפן אַ גרופּע אין דער צייט ווען בולגאַריע איז אַריין אין דער מלחמה, פאַראייניקט מיט דייטשלאַנד, — וועלכע פלעגט ארומפאָרן מיט קאָנצערטן פון וועלכע 30% פון דער איינאַמע פלעגט גיין אויף

„קראַסני קרעסט" אָדער אויף שטיצע פּאַר די סאָלדאַטישע משפחות. די גרופּע איז באַשטאַנען פון דריי פּערזאָן די פּרימאַדאָנאַ פון דער בול־גאַרישער אָפּערע, מאַריאַ וואַסיליעוואַ, איר שוועסטער, באַיאַנקאַ וואַסי־ליעוואַ, אַ טשעליסטין. זיי פלעגן זיך אַקאָמפּאַנירן און איך פלעג פירן דעם פּראָגראַם און רעציטירן. מיר זיינען צוויי מאָל דורכגעפאָרן כמעט אַלע שטעט אין בולגאַריע מיט אונדזערע קאָנצערטן מיט דערפאָלג.

עס פלעגט אויך אָפט אָנטיילנעמען אין די קאָנצערטן פון וועלכע איך בין געווען דער איניציאַטאָר און אָרגאַניזאַטאָר, — די בעסטע אַרטיסטן פון בולגאַריע: בודעווסקאַ־גאַנצשעוואַ, סניעזשינאַ, דער טענאָר און פּרעמיער פון דער בולגאַרישער אָפּערע מאַקעדאָנסקי. מען דאַרף צוגעבן, אַז בולגאַריע איז געווען אין קריג מיט איר בעסטן פריינט — רוסלאַנד, וועלכע האָט באַפרייט בולגאַריע פון דער טערקישער מאַכט, פון וועמען איז געווען אונטערדריקט גאַנצע 500 יאָר. דעריבער האָט זי זיך באַצויגן צו אונדז, „רוסישע" בירגער מיט יושר און חסד. נאָר אייניקע מיינע חברים, זיינען געווען אינטערנירט אין דער פּראָווינץ. אָבער איך ארבעטנדיק אויפן „רויטן קרייץ" בין געווען ניט נאָר ניט אינטערנירט, נאָר איך האָב באַקומען אַ דערלויבעניש צו פאָרן אין אַלע שטעט פון דער מלוכה. מיין פּאַספּאָרט האָב איך פאַרביטן אין האָלענדישן קאָנסולאַט, וועלכער האָט אין יענער צייט פאַרביטן דעם רוסישן קאָנסול. דאָס איז געווען אַ בלאַנק, מיט אַ שטעמפּל, און אויף דער צווייטער זייט איז געווען אַ שטאַמפּ מיט אַן אונטערשריפט פון דעם וויצע־זיכערהייט־מיניסטער אַז איך האָב דאָס רעכט צו פאָרן אין יעדער שטאָט און מען דאַרף מיר קומען צו הילף צו אָרגאַניזירן אונדזערע קאָנצערטן. אין יענער צייט זיינען געווען אַ סך דעזערטירן פון דער רוסישער אַרמיי אין בולגאַריע. נאָך די ערשטע טעג, ווען איך בין געקומען אין סאָפיע האָב איך פּלוצים באַקומען אַ מעלדונג פון דער געהיימער פּאָליציי אַז איך מוז קומען זיך מעלדן. ווען איך בין געקומען, האָט מיך אויפגענומען אַ שטרענגער נאַטשאַלניק מיט גראָע וואָנצעס. די ערשטע פראַגע: „פּאַטשעמו פריעכאַל?" צו וואָס ביסטו געקומען? און ווען איך האָב אים דערציילט אַ באָבע־מעשה, אַז איך וואַרט דאָ אויף מיין פרוי, וועלכע איך האָב נאָך ניט געהאַט, נאָר שפּרינצאַק האָט מיר אָוועקגעגעבן זיין פּאַספּאָרט און איך האָב שוין געהייסן מרדכי קאַפּלאַן און מרדכי האָט דאָך אַ פרוי; דאָס שוואַרצע העמדל, וואָס איך האָב דעמאָלט געטראָגן האָט אַרויסגערופן זיין פאַרדאַכט און מיט אַ

שטרענגן טאָן האָט ער אַ פרעג־געטאָן: „דו ביסט אַן אַנאַרכיסט?" „גאָט באַהיט" — האָב איך געענטפערט — „מיין פרוי איז אין אַמעריקע און איך וואַרט דאָ אויף איר". האָט ער מיך געהייסן אָפּשערן די לאַנגע האָר און אָנטאָן אַ קראַגן אָנשטאָט אַ שוואַרצע העמדל. אגב, ווען איך האָב באַוויזן מיין פּאַספּאָרט אין אַלעקסאַנדריע אין רוסישן קאָנסולאַט, האָט דער סעקרעטאַר, אַ געשמדטער ייד, מיך איראָניש אַ פרעג געטאָן: —„וויפל איז אייך יאָר?" און אַז איך האָב אים געזאָגט, אַכט און צוואַנציק, האָט ער געמאַכט אַ געלעכטער און געזאָגט: „זאָג בעסער וווּ האָסטו געקויפט דיין פּאַספּאָרט?" מיט דעם האָט זיך געענדיקט, דאָס איז געווען לעכערלעך. אויסגעזען האָב איך אויף 17—18 יאָר און אין פּאַספּאָרט בין איך 28 יאָר...

האָט זיך איינמאָל געטראָפן אַז איך בין מיט מיין גרופּע געקומען אויף גאַסטראָלן קיין פּלאָווידיוו. דאָרט איז געווען אינטערנירט מיינער אַ חבר דובינסקי. ער האָט געוווינט אויף קוואַרטיר ביי אַ ספרדישער משפחה. דאָס איז געווען אַ פּאָר טעג פאַרן קאָנצערט. בין איך אַוועק צו דובינסקין אין אַן אָוונט און אָפּגעזעסן דאָרט ביז 12 אויפדערנאַכט. אין פּלאָווידיוו איז געווען קריגס־צושטאַנד. אין גאַס האָבן געמעגט אַרומגיין בולגאַרישע בירגער ביז 11 אַזייגער אין אָוונט און בירגער פון אַ פיינטלע־כער מלוכה האָבן זיך געמעגט באַוועגן אין די גאַסן נאָר ביז 7 אַזייגער פאַרנאַכט. אַרויסגייענדיק פון דובינסקין האָט מיך גלייך אויפן ראָג געכאַפּט אַ סטראַזשאַר (אַ פּאָליציי־מאַן). די גאַסן זיינען ניט געווען באַלויכטן. פּלוצים איז דערשינען פאַר מיינע אויגן אַ לאַמטערן מיט אַ בייזן געזיכט: — „טי זאַטשאָ ני סי וואַיניק?" (פאַרוואָס ביסטו ניט קיין סאָלדאַט) פרעגט ער מיך. ענטפער איך אים אויף בולגאַריש: — „דערפאַר ווייל איך בין אַ רוסישער בירגער". — „ווייז דיינע דאָקומענטן!" גיט ער שוין אַ געשריי. דער פּאַספּאָרט איז געווען געדרוקט אויף פראַנצויזיש, זאָג איך אים: ער זאָל לעזן אויף דער צווייטער זייט. ער האָט איבערגעלייענט עטלעכע מאָל, און איז גלייך געוואָרן ווייכער. — יאָ, זאָגט ער, — ווי אַזוי וועסטו ווייטער גיין? צום האָטעל איז נאָך ווייט און ביז דאָרטן זיינען דאָ עטלעכע פּאָליציייִשע פּאָסטנס? גיט ער מיר אַ פּאָליציייסקע און יענער האָט מיך באַגלייט ביזן האָטעל. דעם פּאַס האָט ער פאַרהאַלטן און געזאָגט אַז איך וועל אים באַקומען מאָרגן אין דער קאָמענדאַטור. אויף מאָרגן אינדערפרי, האָט אָנגעקלאַפּט אין מיין טיר אַן

אַגענט ציוויל געקליידעט. ער האָט מיר געבראַכט מיין פּאַספּאָרט און מיך פאַרבעטן קומען צום קאָמענדאַנט. דער קאָמענדאַנט האָט מיך העפלעך אויפגענומען און מיר אַרויסגעגעבן אַ פּאַפּיר לויט וועלכן איך מעג זיך באַוועגן אין די גאַסן אַ גאַנצן מעת־לעת.

נאָך אַן עפּיזאָד איז פאָרגעקומען אין ווידין. אַזוי ווי די קאָנצערטן פלעגן גיין לטובת דעם „רויטן קרייץ" פלעג איך קומען אין שטאָט און פלעג זיך ווענדן צום פאָרזיצער פון „רויטן קרייץ". איינמאָל קום איך אין רעסטאָראַן עסן מיטאָג, ווו ס'האָט מיך באַדינט אַ רוסישער אָפיציאַנט. צווישן אונדז האָט זיך געשאַפן אַ פריינטשאַפט. אַזוי ווי מיר זיינען ביידע לאַנדסלייט און קאָנען זיך דורכריידן אויף רוסיש, פלעג איך זיך שטענדיק מיט אים באַגריסן, אי ביים קומען אי ביים אַוועקגיין. דער פאָרזיצער פון ווידינער „רויטן קרייץ" וועלכער האָט איינמאָל געמיטיקט מיט זיין פרוי אין דעם רעסטאָראַן, האָט באַמערקט, אַז איך האָב דעם אָפיציאַנט געדריקט די האַנט ביים געזעגענען זיך מיט אים. האָט ער מיר געמאַכט אַ באַמערקונג: „איר אַרבעט מיט דער פרימאַדאָנאַ פון דער בולגאַרישער אָפּערע און איר דריקט די האַנט אַ „לאָקאַי". כ'האָב אים געענטפערט: — „ביי מיר זיינען אַלע מענטשן גלייך, און איך נויטיק זיך ניט אין דערציונג, ווייל מיין דערציונג האָב איך באַקומען אין איראָפּע". איז ער שוין געווען אויף מיר אָנגעצויגן. און ווען מיר האָבן זיך געדאַרפט אָפּ־רעכענען, האָט ער געפאָדערט ס'זאָל קומען זיך רעכענען וואַסיליעוואַ אַליין. זי איז געווען דערפון שטאַרק אויפגערעגט און האָט מיט כעס אים געזאָגט: — „דער הער בראַודאָ איז ביי אונדז אַ בכבודיקער און באַגליבטער מענטש און איך וועל ניט דערלויבן אים צו באַליידיקן. איך דריק אויך די האַנט אַלע אָפיציאַנטן ווייל עס זיינען פאַראַן לאַקאַיען וואָס זיי שטייען אַ סך העכער פון דער אַזוי גערופענער, פאַרדריפּטשעטער אַריסטאָקראַטיע"... וואַסיליעוואַ איז געווען אַ הויך קולטורעלע פרוי און זייער אַ סימפּאַטישער מענטש.

אַ צווייטער עפּיזאָד איז פאָרגעקומען אין בורגאַס אויך מיטן פאָרשטייער פון בורגאַסער „רויטן קרייץ". דער האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגע־זאָגט צו אָרגאַניזירן דעם קאָנצערט. — דאָ, — זאָגט ער, — ניט לאַנג, איז געווען אַ הונגער־בונט, מענטשן האָבן ניט וואָס צו עסן... איז איצט ניט די צייט פאַר קאָנצערטן... האָב איך שוין געגעבן אַ טעלעגראַמע די שוועסטער וואַסיליעוואַ זיי זאָלן ניט אַרויספאָרן. אין אָוונט פאַר מיין

אַוועקפֿאָר בין איך געזעסן אין רעסטאָראַן פֿונעם האָטעל, האָט זיך ביי מיין טישל אַוועקגעזעצט אַ פֿאַלקאָווניק. דער פֿאַלקאָווניק האָט זיך מיט מיר צערעדט — ער האָט גערעדט רוסיש. און ווען איך האָב אים דערציילט נאָך וואָס איך בין געקומען אין בורגאַס, האָט ער זיך זייער פֿאַראינטערעסירט און ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז דער קאָנצערט וועט ניט פֿאָרקומען און אויך די סיבה פֿאַרוואָס איז ער געוואָרן שטאַרק אויפֿגערעגט: „ווו איז דער פֿאַרזיצער גערטזשיקאָוו? איך וועל אים הייסן אַרעסטירן!" האָט ער אויסגעשריגן, לאָזט זיך אויס, אַז ער איז דער נאַטשאַלניק פֿונעם בורגאַסע גאַרניזאָן. ער האָט גלייך געגעבן אַ טעלעגראַמע די שוועסטער וואַסיליעוואַ אין סאָפֿיע, אַז דער קאָנצערט וועט פֿאָרקומען. אויף מאָרגן אינדערפֿרי איז צו מיר געקומען אַ גאַנצער זוואָד מיט סאָלדאַטן. דער פֿאַלקאָווניק האָט זיי מיר צוגעשיקט זיי זאָלן העלפֿן אָרגאַניזירן דעם קאָנצערט. און דער קאָנצערט האָט געהאַט אַ גרויסן דערפֿאָלג. וואָס איז געוואָרן מיטן פֿאַרזיצער פֿון „רויטן קרייץ" ווייס איך ניט.

וועגן אַ דריטן עפּיזאָד מוז איך אויך דערציילן. מיר האָבן אויך געגעבן אַ קאָנצערט אין לאָמפּעלאַנג. דאָס איז אַ קליין שטעטל. קיין האָטעל איז דאָרט ניט געווען בין איך געווען אויף קוואַרטיר ביי אַ היגן לערער פֿון דער שולע, זייער אַן אינטעליגענטער מענטש, און זייער אַ גאַסטפֿריינטלעכער. ער איז געווען זייער ענלעך אויף דעם רוסישן פּראָזאַאיקער און פּובליציסט וולאַדימיר קאָראָלענקאָ. ער האָט געטראָגן אויך אַזאַ באָרד און האָט געהאַט אַזאַ אָנגענעמען סימפּאַטישן שמייכל. דער אונטערשיד צווישן אים און קאָראָלענקאָ איז געווען, וואָס קאָראָלענקאָ איז געווען אַן אויפֿריכטיקער יידן־פֿריינט און ער איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער אַנטיסעמיט... אינטערעסאַנט איז געווען דאָס, וואָס מיך האָט ער אָנגענומען ניט פֿאַר קיין יידן, ווייל אויף בולגאַריש האָב איך גערעדט מיט אַ רוסישן אַקצענט און די בולגאַרישע יידן זענען אַלע כמעט ספֿרדים, און זיי האָבן אַן אַנדערע אויסשפּראַך און אַ גאַנץ אַנדערן אויסזען. און דער בעל־הבית פֿון דער דירה האָט געשאָטן פֿעך און שוועבל אויף אונדזער אָרעמען יידישן פֿאָלק. נאָר אַזוי ווי איך האָב דאָרטן פֿאַרבראַכט נאָר 3 טעג, האָב איך באַשלאָסן ביז מיין אַוועקפֿאָר ניט אויסזאָגן אים דעם סוד פֿון מיין אָפּשטאַמונג. שוין זיצענדיק אויף דער שיף, איז ער געקומען זיך געזעגענען מיט מיר און געבראַכט אַ גאַנצן קויש מיט פּרוכטן. איך האָב אים באַדאַנקט פֿאַר זיין גאַסטפֿריינטלעכקייט, איך האָב

אים אויך געזאָגט עטלעכע קאָמפּלימענטן אַלס מענטש, אָבער איך האָב אים געזאָגט, אַז ער האָט נאָר אַ קליינעם חסרון אין זיינע איבערצייגונגען... ווי קומט עס, אַז אַזאַ אינטעליגענטער מענטש ווי ער, איז אַן אַנטי־סעמיט? — „וואָס וווּנדערט עם אייך אַזוי” — האָט ער מיך געפרעגט. האָב איך אים געענטפערט: „פאַרוואָס באַציט איר זיך אַזוי פריינטלעך צו מיר, אין דער צייט, וואָס איך בין דאָך אויך אַ ייד?” ער האָט אויף מיר אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן און האָט אָנגעהויבן שטאַמלען. האָב איך אים געהאָלפן אַרויסגיין פון דער ניט באַקוועמער לאַגע: — „באַטראַכט זיך גוט, ווען אייער מיינונג וועגן יידן. ניט אַלע יידן זיינען אַזעלכע ווי איר שטעלט זיך פאָר. איר האָט זיך וואַרשיינלעך באַגעגנט מיט יידן, וועלכע זיינען ניט קיין גוטע מענטשן. אונדזער פאָלק, ווי אַלע פעלקער, האָט אויך דאָס רעכט צו האָבן אין אירע רייען שלעכטע ווי אויך גוטע מענטשן. ניט אַלע בולגאַרן זיינען גוטע, פונדעסטוועגן האָב איך ניט קיין שלעכטע מיינונג וועגן בולגאַרישן פאָלק. נעמט אין באַטראַכט, וויפל געניאַלע מענטשן אונדזער קליין פאָלק האָט אַרויסגעגעבן. שפּינאָזאַ, היינע, איינשטיין און אַנדערע. ווען איר וועט זיך באַקענען מיט דער יידישער געשיכטע, ווען איר וועט זיך באַקענען מיט אַלע פאַרפאָלגונגען וואָס דאָס יידישע פאָלק איז אויסגעשטאַנען, מיט אַלע בלבולים וואָס זיינען אויסגעטראַכט געוואָרן דורך זיינע שונאים, שרייבט מיר אַן אַ בריוו. אָט איז מיין אַדרעס”.

אין 3—4 חדשים ארום, האָב איך באַקומען פון אים אַ בריוו ווו ער האָט מיר געשריבן, אַז ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיטן שיקזאַל פונעם יידישן פאָלק. און רעווידירט איצט זיין מיינונג וועגן אים. איך האָב אים אויף זיין בריוו ניט געענטפערט, ווייל עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע תקופה אין מיין לעבן.

אין רוסלאַנד איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע.

אין אַ שיינעם טאָג, הער איך דורך די פענצטער פון מיין צימער ווי די צייטונג־פאַרקויפער שרייען: — „רעוואָלוציאָטאַ וואָף ראַסייאַ” — אַ רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. פון דעם טאָג אָן האָב איך אָנגעהויבן לייענען צייטונגען און אין 1919 יאָר באַקום איך אַ דערלויבעניש אַרויסצופאָרן קיין רוסלאַנד.

צוריק אין רוסלאַנד

אין 1919 יאָר בין איך פון וואַרנע אויף אַ בולגארישער שיף אָנגעקומען קיין פּאָלטאַווע. געטראָפן מיינע עלטערן און אונדזער גאַנצער פאַמילע, אַלע געזונט. עס איז שווער צו באַשרייבן די פרייד פון מיינע נאָענטע, ווען זיי האָבן מיך דערזען. אַ לאַנגע צייט האָבן זיי געהאַלטן, אַז איך בין שוין אויף דער וועלט ניטאָ. איך בין געקומען אין אַ שלעכטער צייט. פון איין זייט פּעטליורא און פון דער צווייטער זייט די פראַנצויזישע אינטערווענץ אין אָדעס. איך האָב איבערגעלעבט אין פּאָלטאַווע אַ שרעקלעכע נאַכט, ווען פּעטליוראַ האָט פאַרלאָזט אוקראַינע און עס זיינען אָנגעקומען די באָלשעוויקעס. אין יענער צייט, פלעגט זיך די מאַכט אין די שטעט זייער אָפט בייטן.

אין פּאָלטאַווע איז געשטאַנען אַ יידישע טרופּע אונטער דער דירעקציע בראַסלאַווסקי. אין דער טרופּע זיינען געווען אַ גאַנצע ריי טאַלאַנטירטע אַקטיאָרן: קאַלמאַנאָוויטש, מאַלווינאַ צוקער, מ. ליכטענשטיין, וויעראַ קאָניעווסקאַיאַ און אַנדערע. דער רעזשיסאָר איז געווען שלום ברין, אַ גאַנץ אינטעליגענטער מענטש, נאָר אַ שוואַכער אַקטיאָר מיט אַ שלעכטער אויסשפּראַך. ער איז געווען פון ליטע אָדער ווייסרוסלאַנד און אַנשטאָט אַ „ש" האָט ער באַנוצט אַ סאַמעך. ער האָט גערעדט אויף דער שפּראַך: ווו אַ סניידער האָט געסאַסן אַ סוסטער סאַבעס נאָך סעוועס".
דער רעפּערטואַר, אַחוץ איינציקע גאָלדפאַדן־פּיעסן איז באַשטאַנען פון שונד. דער „קאָמיקער — פּראָסטאַק" פון דער טרופּע איז געווען מענדעלאָוויטש. נאָך יעדער פאַרשטעלונג פלעגט ער זינגען אַ קופּלעט. דעם קופּלעט פלעגט ער פאַרענדיקן לויט וואָס פאַר אַ מאַכט עס איז געווען אין שטאָט. איז אין שטאָט געשטאַנען די רויטע אַרמיי, האָט ער געענדיקט מיטן „אינטערנאַציאָנאַל"; ווען די אוקראַינער זיינען געשטאַנען אין שטאָט, פלעגט ער פאַרענדיקן מיט „יאַבלאָטשקאַ". אין דער צייט פון העטמאַן סקאָראָפּאַדזקי פלעגט ער פאַרענדיקן מיט „התקוה". פאַרן לעצטן אַקט האָט ער זיך איינמאָל געוואָנדן צום געהילפס־רעזשיסאָר:

— „גיי ארויס אין גאַס און דערוויס זיך, וואָס פאַר אַ מאַכט איז היינט אין שטאָט, ווייל איך ווייס ניט, מיט וואָס צו ענדיקן מיין קופּלעט...״

ווען די באָלשעוויקעס האָבן זיך פאַרפעסטיקט אין פּאָלטאַווע איז געשאַפן געוואָרן אַ טעאַטראַלער קאָמיטעט און שלום ברין איז געוואָרן פאַרזיצער פונעם קאָמיטעט. מען דאַרף צוגעבן, אַז אין יענער צייט, האָבן יידן פאַרטראָטן זייער וויכטיקע און אָנפירענדיקע און פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס אין דער מאַכט. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דאָס לעבן איז געווען זייער שווער, עס פלעגן טרעפן טעג, אַז עס האָט פּשוט געפעלט ברויט. נאָר מאָראַליש האָבן זיך יידן געפילט אַלס גלייכבאַרעכטיקטע בירגער פונעם לאַנד. עס זיינען געווען יידישע שולן, יידישע געריכטן ד.ה. די פּראָצעסן פלעגן זיך פירן אויף יידיש, אויב יידן האָבן זיך געמשפּט. עס איז געווען צו זאָגן אַז אין פּאָלטאַווער גובערניע זיינען געשטאַנען פיר יידישע טרופּעס. אין פּאָלטאַווע — בראַסלאַווסקי, אין קרעמענטשוק — בראַנדעסקאַ, אין מירגאָראָד — בעקער, אין פּיריאַטין — זאַסלאַווסקי, אין ראָמני האָט מען דער טרופּע פאַרווערט צו שפּילן. (דאָרטן זענען געווען גוזיק און שאַראָוונער), — ווייל זיי האָבן געשפּילט נאָר שונד־רעפּערטואַר.

מיטן אָנקומען פון די באָלשעוויקעס אין פּאָלטאַווע, האָט די פּאָלטאַווער טרופּע אויך געענדערט דעם רעפּערטואַר. מען פלעגט שפּילן גאָרדינס פּיעסן, ליבינס פּיעסן און אפילו שלום עליכם און שלום אַש פּיעסן.

האָב איך מיט נאָך אַן אַקטיאָר אהרן אַמזעל זיך געווענדעט צו ברינגען וועגן אונדזער אַרבעט אין טעאַטער. האָט ער אונדז פאַרגעלייגט אַ מאַנדאַט מיט אַ קאָמאַנדירונג פון פּאָלטאַווער טעאַטראַלן קאָמיטעט, צו פאָרן אין די שטעט וווּ עס שטייען די יידישע טרופּעס, און נאַציאָנאַליזירן זיי און אין וועלכער טרופּע מיר וועלן וועלן, אָנהייבן דאָרט צו אַרבעטן.

אין דער ערשטער שטאָט, וווהין מיר זענען געקומען, איז געווען מירגאָראָד. דאָרטן איז געשטאַנען די טרופּע פון דירעקטאָר בעקער. עס האָט באַדאַרפט גיין די פּיעסע „די פאַרבלאָנדזשעטע שעפעלע״ האָט מען ספּעציעל פאַר אונדז פאַרביטן די פאַרשטעלונג מיט דער פּיעסע „דער יידישער קעניג ליר״ פון י. גאָרדין. די ראָל פון קעניג ליר״ האָט געשפּילט אַ גוטער אַקטיאָר, פריידענרייך, זיין עלטערע טאָכטער, פרוי עבענהאָלץ, אַ פעאיקע אַקטריסע. די ראָל פון יפה האָט געשפּילט ראָזענ־טאַל, אַ גוטער אַקטיאָר, נאָר שטאַרק פאַרשטאַמפּירט. די הויפּט־ראָל, די

יינגסטע טאכטער האָט געשפּילט רוזשע בעקער, דעם דירעקטאָרס טאָכטער, נאָר זי האָט אזוי פאַרוויינט די ראָל, אַז מען האָט נישט געקאָנט אורטיילן צי דאָס איז גוט אָדער שלעכט... וועגן די איבעריקע אַקטיאָרן איז גאָרנישט ניטאָ וואָס צו זאָגן. דאָס איז געווען אַ פאָרשטעלונג פון אַ פּראָווינציאָנעלן, קולטורלאָזן טעאַטער. מען האָט נאָך צו דעם אריינגעשטעלט קופּלעטן וואָס האָבן קיין שייכות ניט געהאט מיט דער פּיעסע. און די פּיעסע אַליין איז פון די שוואַכסטע ביי גאָרדינען. דער איינדרוק איז געווען ניט קיין פּאָזיטיווער. אין אַזאַ טרופּע האָט זיך מיר ניט געוואָלט אָנהויבן מיין קאַריערע אַלס יידישער אַקטיאָר.

אין ראָמני האָט מיר פאָרגעלייגט יעקב גוזיק אַ סומע געלט איך זאל אים דערלויבן שפּילן זיינע אָפּערעטן, ווייל די קולטור־ליגע האָט אים פאַרבאָטן אַלע זיינע שונדפּיעסן. איך האָב אים, פאַרשטייט זיך, שאַרף געענטפערט אויף זיין פאָרשלאג... און איך בין אָפּגעפאָרן קיין פּיריאַטין. איך שרייב „איך״ ווייל אַמזעל האָט זיך אומגעקערט קיין פּאָלטאַווע.

מיין באגעגעניש מיט אסתר רחל קאמינסקאיא.

געקומען אין פּיריאַטין בין איך גלייך אַוועק אינעם האָטעל ווו עס האָט געוווינט זאַסלאַווסקי. ווען איך בין אַריין אין וויעסטיבול האָט מיך באַגעגנט אַ הויכע, סימפּאַטישע דאַמע. איך האָב ביי איר געפרעגט, ווו איך קאָן זען זאַסלאַווסקין. האָט זי מיר געענטפערט, אַז איצט איז ער ניטאָ און ער וועט ערשט קומען אין אָוונט. די שטים אירע ווי אויך איר אויסזען האָט זיך מיר אויסגעוויזן זייער באַקאַנט. ערגעץ האָב איך שוין געהערט אָט די אַנגענעמע שטימע.

פּלוצים זענען פאַר מיר דערשינען אַ גאַנצע ריי געשטאַלטן און איך נעם זיך אָן מיט מוט און פרעג: — איר זענט געוויס די באַרימטע אַרטיסטין אסתר רחל קאַמינסקאַיאַ? — יאָ, — ענטפערט זי מיר מיט אַ ליבלעכן שמייכל. אָ, איך האָב אייך געזען אין אייערע בעסטע ראָלן און ביז היינט איז מיר געבליבן דער בעסטער איינדרוק וועגן אייך. קורץ ס'איז פאַרגעקומען אונדזער באַקאַנטשאַפט, פון וועלכער איך בין געווען, קאָן מען זאָגן, אויפן זיבעטן הימל. ווען איך האָב איר געזאָגט, צוליב וואָס איך בין געקומען, האָט זי מיך פאַרבעטן צו זיך אין צימער און דאָ האָט זי אָנגעהויבן אויסרעדן איר ביטער האַרץ — זיך געקלאָגט אויף זאַס־לאַווסקין, וועלכער האָט מיט איר געהאַט אַ שאַרפן סיכסוך. זיי האָבן אַ צייט געשפּילט צוזאַמען, אָבער זי איז געצוווּנגען איבעררייסן אירע גאַסטראָלן ביי אים אין טרופּע.

— זייער אַ ביטערער פאַרשוין, שווער מיט אים אויסצוקומען, — האָט זי מיט אַ זיפץ באַמערקט. און דאַך, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט איר פאַרשאַפט שמערצן, האָט זי אים, ווי אַן אַקטיאָר, געגעבן גאָר אַ הויכע אָפּשאַצונג.

— איר פאַרשטייט, — זאָגט זי מיר, — ליבערט, ווייסמאַן, יוליוס אַדלער זענען טאַקע באמת גוטע, טייערע אַקטיאָרן, — אויף מיר אַזאַ יאָר, — אָבער קיין איינעם פון זיי קאָן מען נישט גלייכן צו זאַסלאַווסקין. ער איז אַן אויסנאַם. ניטאָ מער אַזעלכע אַקטיאָרן ווי ער, באמת.

דאס זענען בובשטעבלעך אירע ווערטער.

בריוו האָט מיך געבעטן, אַז אויב קאַמינסקאַיאַ וועט וועלן קומען אין פּאָלטאַווער טרופּע אויף גאַסטראָלן זאָל איך זי איינלאַדן אין נאָמען פון דעם פּאָלטאַווער טעאַטראַלן קאָמיטעט. ווען איך האָב עס איר פאַר־געלייגט, האָט זי זיך אין דעם אַנגעכאַפּט. נאָר זי האָט מיך געבעטן, איך זאָל איר העלפן אַרויספאָרן קיין פּאָלטאַווע. ס׳איז אין יענער צייט געווען גאָרניט פון די גרינגע זאַכן... זי האָט זיך געגוויטיקט אין אַ באַזונדערן וואַגאָן, כדי אַרויספירן אירע אַלע קאָסטנס מיט איר גאַרדעראָב. דערצו איז זי געווען ניט אַליין. מיט איר זענען אירע פּלימעניקעס, דער אַקטיאָר לואי מיט זיין פרוי, די אַקטריסע ליכטנבערג. מיט גרויס מי האָב איך זיך דערשלאָגן פאַר איר אַ וואַגאָן און האָב זי מיט אירע קרובים און מיט אַלע קאָסטנס אָפּגעשיקט קיין פּאָלטאַווע. איך האָב זיך נאָך פאַרהאַלטן דאָ אויף אַ פּאָר טעג. אין אָוונט האָב איך נאָך באַזוכט אַ פאָרשטעלונג פון זאַסלאַווסקיס טרופּע. עס איז געגאַנגען „די נבלה" פון פּרץ הירשביין. זאַסלאַווסקי האָט אין דער פאָרשטעלונג זיך ניט באַטייליקט. די הויפּט ראָל, מענדל, האָט געשפּילט דער אַקטיאָר גוטהערץ. ניט קיין שלעכטער אַקטיאָר, נאָר אָן אַ חוש, מיט ווייניק קולטור. די פרויען־ראָל האָט געשפּילט זייער אַ גוטע, קולטורעלע אַקטריסע, סאָניע איידלמאַן. בערל־חזיר האָט געשפּילט זאַסלאַווסקיס ברודער נאומאָו, נאָר שוין צו חזיריש... איך האָב זיך דאָ געטראָפן מיט זאַסלאַווסקין און ער האָט מיך פאַרבעטן אין אָוונט צו אים אין האָטעל, נאָך דער פאָרשטעלונג. און דאָ האָט זיך אָנ־געהויבן אַ קאָמעדיע. ווען איך האָב אָנגעקלאַפּט צו אים אין נומער, האָט ער מיר אַליין געעפנט די טיר און אָנגעוויזן אויף אַ בילד, אַ שלעכטע קאָפּיע פון דער דזשאָקאָנדאַ און מיך געבעטן פאַרנויגן זיך פאַרן בילד. איך האָב אים אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם, און בין דורך ווייטער. ער האָט זיך געזעצט נעבן אַ שרייבטיש — איך האָב זיך געזעצט קעגנאיבער, און ווען איך האָב אים איבערגעגעבן, נאָך וואָס איך בין צו אים געקומען, האָט ער מיר מיט קיין איין וואָרט נישט געענטפערט. אויס־געשטרעקט זיין האַנט און האָט מיר געזאָגט: „צום ווידערזעען"

אויף מאָרגן בין איך אַוועק אין „נאַראַבראַז" („פאַרוואַלטונג פאַר בילדונג"). אַלע טעאַטערן האָבן דעמאָלט געהערט צו אָט דער פאַרוואַל־טונג. דאס איז איינגנטלעך געווען אַן אָפּטיילונג פון „נאַרקאָמפּראָס" — פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר בילדונג, און האָב דעם פאַרוואַלטער באַוויזן

מיין מאַנדאַט, אַז איך בין געקומען אויספאַרשן און אויפקלערן דער טרופּע די באַדינגונגען, אויף וועלכע צו נאַציאָנאַליזירן דעם טעאַטער. איך האָב זיך באַקלאָגט אויף דער אויפנאַמע פון זאַסלאַווסקין, וועלכער האָט פשוט חוזק געמאַכט פון מיר... מען האָט אים גלייך אַרויסגערופן אין דער פאַרוואַלטונג און ער איז געקומען בלייך ווי די וואַנט. ער האָט זיך צו מיר געוואָנדן אויף יידיש: יונגערמאַן! איר קאָנט אומגליקלעך מאַכן אַ מענטשן. וואָס, איר פאַרשטייט דען נישט קיין שפּאַס?... זאָג איך אים:
— אַזוי שפּאַסן קאָנט איר מיט אייער פרוי און איך פאָדער אַכטונג צו מיין פּערזאָן! — ער האָט זיך אָנגעהויבן אַנטשולדיקן פאַר מיר, און האָט איינגערעדט דעם פאַרוואַלטער, אַז ער האָט געמאַכט אַ שפּאַס און דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט אָט דער אינצידענט.

אסתר רחל קאַמינסקאַיאַ האָב איך געהאָלפן אַרויספאָרן מיט איר פאַמיליע און מיט אַלע קאָסטנס אָפּפאָרן קיין פּאָלטאַווע. און מיר האָבן מיט איר אָפּגעמאַכט, אַז ווען זי וועט ענדיקן די גאַסטראָלן אין דער פּאָל־טאַווער טרופּע, זי איז געווען איינגעלאַדן אויף אַ חודש, וועלן מיר, מיט איר צוזאַמען אָרגאַניזירן אַ טרופּע פון די בעסטע אַרטיסטן און איך וועל אָנהויבן אַרבעטן אין דער טרופּע בראש מיט קאַמינסקאַיאַ. דאָס האָט מיר מער פון אַלעמען אימפּאָנירט און איך האָב זיך אומ־געקערט אין פּאָלטאַווע, אין פּאָלטאַווע האָט זי אַ חודש געשפּילט אירע באַליבסטע ראָלן. איך האָב, פאַרשטייט זיך, קיין איין אָוונט נישט דורכ־געלאָזט. ערשט איצט האָב איך באַגריפן ווי ווונדערבאַר זי איז געווען אין „מירעלע אפרת". זי האָט די געשטאַלט אויפגעהויבן אויף אַ קאָלאָ־סאַלער הויך ביז צו דער מדרגה פון אַ שעקספּיריש געשטאַלט. אַזעלכעס האָט גאָרדינען זיך אפילו ניט געחלומט. שוין אָפּגערעדט דערפון, אַז זי פלעגט מיט איר עמאָציאָנעלער קראַפט געוואַלדיק דערשיטערן דעם גאַנצן צושויער־זאַל, עפּעס אַזוי, ווי אַ כישופמאַכעריך. נישט ווייניקער איז געווען איר עמאָציאָנעלע אויסווירקונג אינעם ספּעקטאַקל „טערעזאַ ראַקען" (עמיל זאָלאַ). אוממעגלעך צו פאַרגעסן אין דער פאָרשטעלונג, די פאַראַליזירטע פרוי, אין דעם מאָמענט אין דער סצענע ווען זי איז ניט אימשטאַנד אַ וואָרט אויסצורעדן, האָט זי מימיש אַזוי מייסטעריש אויסגעדריקט, אַז מען האָט פאַרגעסן, אַז דאָס איז אַקטי־אָרישע שפּיל. ס'איז דאָס לעבן אַליין. אין קיין פאַל ניט נאַטוראַ־ליסטיש, נאָר אויפריכטיקע, רעאַלע סצענישע איבערלעבונג. זי האָט

געוויס קיינמאָל נישט דערלערנט סטאַניסלאַווסקיס סיסטעם, נאָר זי האָט געלעבט, (ניט געשפּילט) אויף דער סצענע לויט מעטאָדן פון סטאַניסלאַווסקין.

אַזוי ווי אין יידישן טעאַטער האָט מען מיך נאָך ניט געקענט אַלס אַקטיאָר, האָב איך באַשלאָסן זיך באַווייזן אין דער ראָל וואָס איך האָב צוגעגרייט, נעמלעך אוריאל מזיק אין „גאָט, מענטש און טייוול" פון יעקב גאָרדין. איך בין געווען דער אָרגאַניזאַטאָר פונעם ספּעקטאַקל. דעם ספּעקטאַקל האָט אָפּגעקויפט די היגע, פּאָלטאַווער ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און די פאַרשטעלונג האָט באַדאַרפט גיין אין גרויסן שטאָטישן טעאַטער. קאַמינסקאַיאַ האָט געגעבן איר הסכמה צו שפּילן די ראָל, פריידעניו, אינעם ספּעקטאַקל. ליכטענשטיין — הערשעלע דובראָווּ־נער, נאָר שלום ברין, וועלכער האָט אין דער טרופּע פריער געשפּילט די ראָל, האָט אָנגעהויבן פּראָטעסטירן: וואָס הייסט, מען גייט מיך פאַרבייטן מיט אַ ייִנגל?... קורץ, מען האָט מיך נישט צוגעלאָזט צום פּסוק... דאָס איז געווען מיין ערשטע אַנטוישונג ווען איך האָב זיך באַגעגנט מיט די יידישע אַקטיאָרן. פון אונדזער אידייע צו שאַפן אַ קולטורעלן, קינסטלערישן טעאַטער בראש מיט דער קאַמינסקאַיאַ איז גאָרניט געוואָרן. ס'איז, פאַרשטייט זיך, געווען נאַאיוו. שלום ברין איז געווען דער פאָרזיצער פון טעאַטראַלן קאָמיטעט; ווער ער דען דער־לאָזן צו שאַפן אַזאַ מין קאָלעקטיוו, אָן אים?... אין דער צייט איז אָנ־געקומען פון קיעוו אַ פאַרשטייער פונעם „אונדזער ווינקל", וועלכער איז געשטאַנען אין קיעוו און געשפּילט אונטער דער אָנפירונג פון בוימוואָל און האָט איינגעלאַדן קאַמינסקאַיאַ אין דער קיעווער טרופּע. איך בין געפאָרן צוזאַמען מיט איר קיין קיעוו. זי האָט מיר צוגעזאָגט, אַז זי וועט זיך באַמיען, מען זאָל מיך אַריינעמען אין דער טרופּע. נאָר קומענדיק אין קיעוו, האָב איך זיך אַליין איבערצייגט, אַז דאָס איז געווען אוממעגלעך. די טרופּע איז באַשטאַנען פון די בעסטע יידישע אַקטיאָרן פון יענער צייט: ליבערט, ווייסמאַן, עפּשטיין, זיגמונט טור־קאָוו, שיינבערג, אידאַ קאַמינסקאַיאַ, פאַניע עדעלמאַן. אויף קלענערע ראָלן זיינען געווען פרידמאַן און נאָך אַ רייע אַקטיאָרן פון וועלכע איך געדענק ניט זייער פאַמיליען־נאַמען.

ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס מיר איז ניט געלונגען אָנקומען אין דער טרופּע, איז ביי מיר וועגן דער קאַמינסקאַיאַ, אַלס אַקטריסע און אויך

אַלס מענטש, געבליבן די בעסטע מיינונג. מילא, וועגן איר אַרטיסטישן טאַלאַנט, איז ער אָפּגעשאַצט געוואָרן פריער און בעסער פון מיר. הגם איך האַלט, אַז וועגן אסתר רחל קאַמינסקאַיאַ איז זייער ווייניק געשריבן געוואָרן. נאָר צו איר גרויסן, אומגעהויערן גרויסן טאַלאַנט, איז זי געווען אַ טייערער, גוטער, גוטהאַרציקער מענטש. זי האָט זיך מיט ליבע און אויפריכטיקייט באַצויגן צו אַלע אַקטיאָרן. אויף פּראָבע פלעגט זי קומען די ערשטע ווי אויך צום ספּעקטאַקל. צו דער בינע האָט זי זיך באַצויגן ווי צו אַ הייליקייט. עס האָט אויף איר גערוט די שכינה, ווען זי פלעגט נאָר אַרויף אויף דער בינע.

די קיעווער טעאטער־סטודיע און די דראמאטישע קאנסערוואטאריע.

אין קיעוו האָט די קולטור־ליגע געשאַפן אַ סטודיע וועלכע האָט זיך געגרייט צו שאַפן אַ קינסטלערישן יידישן מלוכה־טעאַטער. די אָר־גאַניזאַטאָרן זיינען געווען: דוד בערגעלסאָן, אפרים לויטער און פּראָספער קונין, אַ ייד מיט אַ לאַנגער, געלער באָרד. אַט דער ייד מיט דער באָרד, האָט מיך פאַרבראַקירט אויפן עקזאַמען. איך האָב פאָרגעלייגט „אויפן בועזם פון ים" פון מאָריס ראָזענפעלד. האָט ער אַרויסגעזאָגט אַזאַ מיינונג: אַז איך האָב עס פאָרגעלייענט ווי אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר און אין דער סטודיע דאַרף מען נאָר אָנפאַנגער... בין איך אַוועק זיך עקזאַמינירן אין דער רוסישער טעאַטראַלער שול. די שול האָט זיך אָנגע־רופן „דראַמאַטישע קאָנסערוואַטאָריע" אונטער דער אָנפירונג פון מאָרדזשאַנאָוו. אין דער זעלבער צייט איז אין קיעוו געגאַנגען דע פאָר־שטעלונג „פוענטע עווענכונא" (שעפסן־קוואַל) פון לאָפּע דע־וועגא. דאָס איז געווען אַ גלענצענדער ספּעקטאַקל, מען קאָן זאָגן, אַ געניאַלער. אין דעם ספּעקטאַקל האָבן זיך באַטייליקט: יורעניעוואַ, סטעפאַן קוזניעצאָוו, אַלעקסיעוואַ־מעסכיעווא, דוואַן־טאַרצאָוו, פּוטיאַטאַ. דאָס זיינען דעמאָלט געווען די בעסטע רוסישע אַקטיאָרן אין דער פּראָווינץ. דער ספּעקטאַקל פלעגט זיך ענדיקן מיט דעם: אַז אַלע צושויער ווי איין מענטש פלעגן זיך אויפהויבן פון די פלעצער און שרייען: „פוענטע עווענכונאַ!" די סצענע האָט דערציילט: דאָס דאָרף „פוענטע עווענכונאַ" האָט שוין ניט געקאָנט איבערטראָגן די פאַרפאָלגונגען פונעם קאָמאַנדאַר און מען האָט אים געהרגעט. און אַלע איינוווינער פון דאָרף האָבן באַשלאָסן: אַז ווי מען זאָל זיי נישט פּייניקן און שלאָגן, זאָלן זיי אויף דער פראַגע: ווער האָט געהרגעט דעם קאָמאַנדאַר? ענטפערן: „פוענטע עווע־כונא!" און אָט, ווען דער אויספאָרשער האָט שוין אויספּראָבירט אַלע מיטלען פון פּייניקן און אַלע האָבן געענטפערט נאָר צוויי ווערטער: „פוענטע עווענכונאַ!" דעמאָלט האָט ער זיך געווענדעט צו די צושויער:

— „איר זייט דאָך בייגעווען אַט דעם מאָרד... איך בעט אייך, זאָגט מיר: ווער האָט געהרגעט דעם קאָמאַנדאָר?" — האָט דער גאַנצער זאַל אויסגעשריען: „פּוענטע עווענכונאַ!". איך האָב דריי מאָל באַזוכט די פאָרשטעלונג, און אַלע דריי מאָל געשריען צוזאַמען מיט אַלעמען: „פּוענטע עווענכונא". דאָס שפּילן פון די אַקטיאָרן פלעגט אַזוי פאַרכאַפּן דעם צושויער, אַז עס איז אוממעגלעך געווען ניט צו ענטפערן.

איז אַט דער הויך־טאַלאַנטירטער רעזשיסאָר, האָט מיך אָנגענומען אין דער דראַמאַטישער קאָנסערוואַטאָריע, נאָך דעם, ווי איך האָב פאַר־געלייענט אויף רוסיש זשאַבאָטינסקיס „הספּד" אויף הערצלס קבר. עס זענען געווען זייער אינטערעסאַנטע לעקציס, נאָר, ליידער, איז די אַרבעט אין דער שולע איבערגעריסן געוואָרן, ווייל די רויטע אַרמיי איז אָפּגעטראָטן פון קיעוו און עס האָבן געזאָלט פאַרנעמען די שטאָט די דעניקינצעס.

האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן קיין מאָסקווע. ביי מיר איז שוין פון פריער געווען אַזאַ געדאַנק: מען דאַרף פרן קיין מאָסקווע און דורכ־גיין אַ דראַמאַטישע שול. עפּעס דערציילט מען נסים פון אַ גרויסן, טאַלאַנטירטן רעזשיסאָר וואַכטאַנגאָוו, וועלכער אַרבעט אין הבימה. נאָר קיין מאָסקווע בין איך נישט דערפאָרן. איך בין געבליבן שטעקן אין אַ שטעטל סנאָווסק, ווייל פון איין זייט האָט געבושעוועט דעניקין און פון דער צווייטער די פּאָליאַקן און איך האָב געמוזט איבעררייסן מיין רייזע.

געשען איז אַזוי: אין וואַגאָן אין וועלכן איך בין געפאָרן, משטיינס געזאָגט, אַ וואַגאָן. דאָס איז געווען פראַכט־וואַגאָן מיט אַן אייזערנעם אויוועלע, די אַזוי גערופענע „טיעפּלושקע" — זיינען צו מיר צוגע־שטאַנען צוויי רויט־אַרמייער און האָבן געוואָלט ביי מיר רעקווירירן מיין גאַרדעראָב. איך האָב מיט זיך געפירט צוויי וואַליזקעס מיט מיינע קאָס־טיומען פאַר דער בינע. אין יענער צייט, פלעגט מען רעקווירירן ביי די בורזשואַן אויב זיי האָבן געהאַט צופיל זאַכן, נאָר איך האָב געהאַט אַ צייגעניש פון דער אַרטיסטישן פּראָפעסיאָנעלן פאַריין, אַז ביי מיר טאָר מען גאָרניט רעקווירירן ווייל דאָס איז מיין גאַרדעראָב פאַר דער בינע. נאָר מיינע דאָקומענטן האָבן ניט געהאָלפן ווייל דער טערמין האָט זיך געענדיקט און פאַרלענגערן האָב איך ניט געקאָנט, מחמת קיעוו, גאַנץ אוקראַינע איז געווען פאַרנומען מיט דעניקינס אַרמיי. די רויט־אַרמייער האָבן שוין געהאַלטן מיינע וואַליזקעס און דאָ האָט זיך דער צוג אָפּ־

געשטעלט אויף דער סטאַנציע סנאָווסקאַיאַ. אין וואַגאָן זענען אַריין אַ גאַנצע בריגאַדע טשעקיסטן, צווישן זיי איינער מיט אַ בערדל, מיט אַ נאַגאַן אין דער זייט. ער איז גלייך צו צו אונדז און האָט אָנגעהויבן פרעגן: „וואָס קומט דאָ פאָר?" ווייז איך אים מיינע דאָקומענטן. הייסט ער זיינע מיטאַרבעטער אַלץ טראָגן אין טשעקאַ און מיר זאָגט ער אין אויער אויף אַ ריינעם יידיש: „גייט, גייט! אַלץ וועט זיין גוט." ווען איך בין אַריינ־געקומען אינעם צימער פון טשעקאַ, פרעגט ער מיך: וווהין איך פאָר? זאָג איך: קיין מאָסקווע. שמייכלט ער: ווי אַזוי קאָנט איר דערפאָרן קיין מאָסקווע, אַז נישט ווייט פון ווייסרוסלאַנד שטייען שוין די פּאָליאַקן, און איר מוזט דורכפאָרן האָמעל, זשלאָבין...?" פרעג איך אים: — וואָס־זשע טוט מען? — איר זענט אַן אַקטיאָר, — זאָגט ער, — איז בלייבט דערווייל ביי אונדז. איר וועט אָנפירן מיט אונדער יידישן דראַמ־קרייז.

מיין ארבעט אלס אנפירער פון דראמקרייז.

בקיצור איך בין געבליבן אין סנאָווסק. דאָ איז געווען אַ יידישער דראַמאַטישער קרייז וועלכער פלעגט פון צייט צו צייט אויפפירן פאַרשטע־לונגען אויף יידיש. דער דראַמקרייז איז באַשטאַנען פון אַ גרופּע אינטע־לעקטואַלע יונגנט, געוועזענע סטודענטן, וועלכע האָבן איבערגעריסן זייער לערנע צוליב דעם בירגער־קריג וואס האָט געהערשט אין לאַנד. צווישן זיי איז געווען אַ יונגער בחור, אילירשאַ עפשטיין, וועלכער איז אין יאָר 1920 אומלעגאַל אַפּגעפאָרן קיין ארץ ישראל. דאָס איז ניט קיין אַנדערער ווי אליהו אילת, וועלכער איז שפּעטער געווען אַמבאַסאַדאָר פון ישראל אין אַמעריקע צוויי יאָר און אַכט יאָר אין ענגלאַנד. נאָר דעמאָלט איז ער געווען אַ יונגער בחור און האָט געשפּילט אונטער מיין רעזשי אין אַ דראַמקרייז. אינטערעסאַנט איז דאָס, וואָס ניט קוקנדיק אויף זיין יוגנט, פלעגט ער ביי מיר שפּילן כאַראַקטער־ראָלן. פאַר מיר איז דער דראַמקרייז געווען אַ שולע. איך האָב געאַרבעט אַלס רעזשיסאָר און באַקומען פּראַק־טיק, דערפאַרונג אַלס אַקטיאָר. איך האָב אויפגעפירט גאָרדינס פּיעסן, „גאָט, מענטש און טייוול", „כאַסיע די יתומה", „דער אומבאַקאַנטער", „סאַפאָ", „זשידאָווקאָ" פון סקריב אין י. לערנערס באַאַרבעטונג, שלום אַש'ס „גאָט פון נקמה" און אַנדערע. אין דראַמקרייז זיינען געווען זייער פעאיקע יונגעלייט. צווישן זיי האָט זיך אויסגעטיילט אַ זייער אינטעלי־גענטע פרוי מעטאַ לוריע. זי פלעגט שפּילן אַלע הויפּט־ראָלן, נאָר אַט די אַלע אַנטיילנעמער פונעם דראַמקרייז האָבן מיר דערציילט אַז אין דעם דראַמקרייז איז געווען אַ גאָר טאַלאַנטפולע אַרטיסטין, אַ געוויסע צילע פלעשצאַנסקאַיאַ פון סמאַרגאָן, וועלכע לערנט איצט אין אוני־ווערסיטעט אין ראָסטאָוו. נאָר וועגן איר שפּעטער.

מיין קוואַרטיר איז געווען ביי אַ רוסישער פאַמיליע, וועלכע האָט געוווינט אין אַ באַזונדערער ווילע הינטער דער שטאָט. דאָ איז געווען געוועזענע אַדל־משפחה (דוואָריאַניע). אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָבן די הויף־הינט אַנגעהויבן שטאַרק בילן. מיין בעל־הבית האָט פאַרמאַגט צוויי

געזונטע כלבים. קומט אַריין צו מיר אין צימער די באַלעבאָסטע און זאָגט מיר, אַז צוויי מענער, שלעכט געקליידעטע, זעען אויס ווי שלעפּער, פרעגן זיך נאָך אויף מיר. האָב איך געבעטן זיי אַריינלאָזן. זיינען אַריין צוויי מענטשן: איינער אַן עלטערער מענטש, דער צווייטער אַ יונגערמאַן. זיי האָבן זיך פאָרגעשטעלט אַז זיי זענען אַקטיאָרן און זענען אין אַ ביטערער לאַגע: זיי זענען אַנטלאָפן פון אַ פּאָגראָם פון טשערקאַסי. זיי זענען געקומען אַהער פינף אַקטיאָרן און זיי בעטן מיך אָפּלייגן אַ אונדזער פאָרשטעלונג, וואָס האָט באַדאַרפט גיין דעם נאָענסטן שבת, ווייל זיי ווילן אין דעם טאָג שפּילן זייערע אַ פאָרשטעלונג. זיי נויטיקן זיך זייער און בעטן מיך קומען צוהילף און אויך אָנטיילנעמען אין זייער פאָר־שטעלונג. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין היגן האָטעל, זיך באַקענט מיט די איבעריקע אַקטיאָרן. לאָזט זיך אויס, אַז אַקטיאָרן זיינען זיי נאָר דריי: דרוט, זיין ווייב טשארני לאַנצעט און איר ברודער, דער יונגער אַרטיסט לעוו לאַנצעט. עס איז דאָ נאָך אַ פרוי, אַ שוועסטער פון דרוט, נאָר זי איז אַ בילעטערין, זי שטייט ביי דער טיר און קאָנטראָלירט די בילעטן. די פינפטע איז אַ קינד פון 3—4 יאָר, טשארני לאַנצעטס אַ קינד. ס׳גייט ביי זיי די פּיעסע „אָן אַ היים״, נאָר ניט גאָרדינס. לאָזט זיך אויס, אַז די מחברין פון דער פּיעסע איז אַליין די הויפּט־אַרטיסטין פון דער טרופּע, טשארני לאַנצעט. די פּיעסע האָבן זיי ניט, זיי האָבן זי פאַרלוירן, נאָר זיי שפּילן זי אויסווייניק. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט צו שפּילן אין אַ פּיעסע, מיט וועלכער איך האָב ניט געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען. נאָר זיי זאַלבעדריט האָבן אָפּגעשפּילט די גאַנצע פּיעסע: יעדער פון זיי האָט געשפּילט צו צוויי אָדער דריי ראָלן.

איך מוז צוגעבן, אַז אין דעם שטעטל סנאָווסק, איז געווען אַן אינטעלעקטועלער יידישער צושויער. אַ סך זענען געווען אינטערנירט פון דער ליטע אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַזוי, אַז די פאָרשטעלונג האָט געהאַט אַ מאָראַלישן דורכפאַל. דער עולם האָט באַלד נאָכן ערשטן אַקט זיך אָנגעהויבן פונאַנדערצוגיין. די פאָרשטעלונג ביי 50—60 מענטשן, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס אַלע בילעטן זענען געווען אויספאַרקויפט.

די אַקטריסע טשארני לאַנצעט איז געווען אַ הויכע, ברייטפּלייציקע, גאַנץ דיקע יידענע, מיט אַ הייזעריקער שטימע. איר מאַן, דער אָנפירער פון דער טרופּע, דרוט, איז געווען אַ מענטש ביי די 60 און גערעדט

אויף עפעס אַ מאָדנער שפּראַך. ער האָט געזונגען אַ קופּלעט „אשמנו״, האָט זיך אים פּלוצים אָנגעהויבן אָפּקלעפּן דאָס בערדל, האָט ער זיך געכאַפּט פּאַרן באַק און אָנגעהויבן שרייען „אוי מיין באַק!״. לעוו לאַנצעט איז געווען אַלט 35 יאָר, אַ פּעאיקער אַקטיאָר נאָר שטאַרק פאַרשטאַמפּירט. זאָגן אויף דער בינע פּראָסט אַ פּאָר ווערטער האָט ער ניט געקענט, נאָר מיט פּאַטאָס. ער האָט גערעדט נאָר מיט אַ שרייאיקן טאָן.

זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז שפּילן נאָך אַ פאָרשטעלונג וועלן זיי שוין נישט קאָנען, ווייל דער עולם וועט ניט קומען. זיינען זיי צוגעשטאַנען צו מיר, מיר זאָלן שפּילן מיט זיי צוזאַמען מיטן קרייז. איך וואָלט זיך געווען אָפּגעזאָגט, האָבן זיי איינגערעדט דעם קרייז און מיר האָבן געמוזט שפּילן מיט זיי עטלעכע פאָרשטעלונגען. ס׳איז געגאַנגען „הערצלע מיוחס״, האָב איך געשפּילט יעקב בעל־עגלה און לעוו לאַנצעט אייזיקל. נאָר שטעלט זיך פאָר אַ טייבעלע, טשערני לאַנצעט... אַ טייבעל׳ע פון העכער 100 קילאָגראַם. נאָכהער האָבן זיי מיך איינגערעדט שפּילן מיט זיי אַ פּיעסע, „די שוואַרצע חופה״. איך האָב געשפּילט דעם העלד פון דער פּיעסע, אַ סאָלדאַט, וועלכער איז געקומען פון פראָנט, און טשאַרני מיין כלה. וועלכע שטאַרבט אינעם פינאַל פון דער פּיעסע. נאָר זי שטאַרבט אויף מיינע הענט. האָב איך פאַרגעלייגט אַז אַזוי ווי זי ליגט אין בעט קראַנק — און פּלוצים, הויבט זי זיך אויף וועט זי זיצנדיק פאַלן אויף מיינע הענט. נאָר זי האָט נישט מסכים געווען מיט מיין מיזאַנסצענע, זי דאַרף שטאַרבן אויף דער אַוואַנסצענע. שטייט זי אויף און גייט צו דער אַוואַנסצענע, גלאָצט אויס די אויגן און טוט אַ פאַל! איך שטעל אונטער די הענט, נאָר איך האָב זיך פּלוצים דערשראָקן פאַר אָט דער פּיראַמידע וועלכע פאַלט אויף מיינע הענט, איך האָב מורא געהאַט אַז איך וועל פאַלן גלייך מיט איר. האָב איך צוגענומען מיינע הענט איז זי געפאַלן אויף די ברעטער פון דער בינע און האָט אויפגעהויבן אַ שטאַלב שטויב. פאַלנדיק האָט זי „געמאַכט אַ רוסישע מאַמע!״... נאָר איך בין אַנטלאָפן פון דער בינע און מער האָב איך שוין מיט זיי נישט געשפּילט. זיי האָבן צוגענומען דאָס גאַנצע געלט וואָס די ספּעקטאַקלען האָבן געגעבן און אָפּגעפאָרן.

מיין ערשטע ליבע און מיין באגעגעניש מיט זאסלאווסקין.

נאָך זייער אָפּפאָר האָבן מיר ווייטער פאָרגעזעצט צו שפּילן אונדזערע פאָרשטעלונגען. עס זענען אָנגעקומען נאָך אַ פּאָר אַקטיאָרן אין סנאָווסק. איינער אַן אַקטיאָר מאַגאַזינער מיט זיין פרוי. זיי האָבן מיך איינגעלאַדן אָנקומען אין דער יידישער טרופּע וועלכע איז געשטאַנען אין נאָוואָזיבקאָוו אונטער דער לייטונג פון שיינפעלד. איך האָב שוין באַדאַרפט אָפּפאָרן אין נאָוואָזיבקאָוו, איז געקומען פון ראָסטאָוו צילי״ע פלעשצאַנסקאַיאַ און מע האָט מיך איינגערעדט צו בלייבן נאָך אַ קורצע צייט אין סנאָווסק און אויפפירן מיט איר א פּאָר פּיעסן. מיר האָבן מיט איר אויפגעפירט י. גאָרדינס „קרייצערס סאָנאַטע״ אויף רוסיש („זאַ אַקעאַנאַם״) זי האָט געשפּילט די הויפּט־ראָל עטי׳ן. און מען דאַרף זאָגן, ניט שלעכט. זי האָט אַרויסגעוויזן ניט קיין קליינע אַרטיסטישע פעאיקייטן. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ הייסער ראָמאַן צווישן מיר און ציליען. דעם אמת זאָגן, האָט זי תחילת אויף מיר ניט געמאַכט קיין גרויסן איינדרוק אַלס פרוי. נאָך אונדזער ערשטער באַקאַנטשאַפט איז זי אויף מאָרגן געקומען צו מיר אין מיין צימער. זי האָט גיך אָפּגעזוכט מיין וווינונג, ווייל, ווי איך האָב פריער געשריבן, האָב איך געוווינט ווייט פון שטאָט.

אריינגעקומען צו מיר, האָב איך זיך אַביסל פאַרוווּנדערט. ווי קומט עס אַ יונג מיידל צו אַ ניט פאַרהייראַטן בחור. און נאָך אַן אַקטיאָר אין אַ באַזונדער צימער. האָט זי מיך אויסגעלאַכט און געזאָגט: היינט איז אַ שיינער, וואַרעמער טאָג — עס איז געווען פסח־צייט, — עס איז פרילינג. קומט אַביסל שפּאַצירן אין סנאָווסקער וואַלד. און אַ וואַלד איז געווען אין סנאָווסק אַ גרויסער און אַ שיינער, ער איז געווען זייער צוגעפּאַסט פאַר פאַרליבטע פּאָרלעך.

מיר זיינען מיט ציליען אַוועק טיף אין וואַלד. מיר האָבן געשמועסט וועגן טעאַטער, וועגן פּאָליטיק, וועגן ליבע און זי האָט זיך געהאַלטן

אַביסל צו פֿריי, פּריוואַל... און האָט געמאַכט אַן איינדרוק פֿון אַ קולטורעל, אינטעליגענט מיידל, נאָר אין דער זעלבער צייט אַביסל צו לייכטזיניק, שטיפֿעריש. זי האָט אין זיך פֿאַרמאָגט גענוג רייץ... און סימפּאַטיע, אַ שלאַנקע, עטוואָס העכער פֿון מיטלוווּקס, פֿעסט געבויט אַ רונדיק פּנים מיט אַ פּאָר חושימדיקע ליפּן, גרויסע גרינע אויגן מיט אַ ליבלעכן שמייכל. זי האָט זיך אַזוי געהאַלטן אַז עס איז שווין דערגאַנגען צו קושן. איך האָב זי געקושט — זי האָט מיר געענטפֿערט מיט נאָך הייסערע קושן. און עס איז שיער ניט פֿאָרגעקומען דאָס, וועגן וואָס מען טאָר ניט אויסזאָגן... נאָר דאָ האָט זי זיך באַהערשט און געזאָגט: — „איר זייט דאָך אַ קולטורעלער מענטש... איר זענט דאָך ניט קיין ווילדע חיה? ...״ — יאָ, זאָג איך, — נאָר אין דעם זענט איר אַליין שולדיק מיט אייער פֿרייען האַלטן זיך!... „איר זענט אַביסל גערעכט״ — האָט זי געזאָגט, — נאָר מען מעג זיך דערלויבן נאָר ביז אַ געוויסער מאָס!...״

קורץ, איך האָב זיך פֿון יענעם טאָג פֿאַרליבט אין אָט דער מיידל, נאָר איך בין אינגיכן אָפּגעפֿאָרן פֿון סנאָווסק. איך בין געפֿאָרן אין נאָוואָ־זיבקאָוו אין שיינפֿעלדס טרופּע. זי האָט מיך באַגלייט צום באַן. מיר האָבן זיך מיט איר זייער מילד געזעגנט און אָפּגערעדט צווישן זיך, אַז איך וועל זיך פֿאַרפֿעסטיקן אין דער טרופּע זאָל איך פֿאַרלייגן שיינפֿעלדן זי אַריינצונעמען אין טרופּע אַלס אַן אָנפֿאַנגערין און מיר וועלן חתונה האָבן.

געקומען אין נאָוואָזיבקאָוו. די טרופּע האָט פֿאַרמאָגט צוויי באַגאַבטע אַקטיאָרן: ליאַמפּע און סטאַיאַנאָווסקאַיאַ, שיינפֿעלדס פֿרוי. זי איז געווען ניט קיין שיינע פֿרוי נאָר זייער אַ גוטע אַקטריסע. ליאַמפּע איז געווען אַ שיינער יונג, הויך געבויט. ער האָט געשפּילט יונגע העלדן נאָר ער איז געווען גיכער אַ כאַראַקטער־אַקטיאָר לויט זיינע אינדיווידועלע, אינערלעכע געגעבענע. מיין ערשטע ראָל אין דער טרופּע איז געווען דער סטודענט ברונין אין דער פּיעסע „דער תּלמיד חכם״. נאָכהער האָב איך געשפּילט בן־יוחאי אין „אוריאל אַקאָסטאַ״, ליאַמפּע אוריאל. נאָר די ראָלע איז אים ניט געלונגען. אין „חורבן ירושלים״ האָב איך גע־שפּילט די ראָל פֿון גדליהו.

נאָר דאָ האָב איך אָנגעהויבן באַקומען בריוו פֿון ציליען. זי האָט געשריבן לאַנגע ליבעס־בריוו אין דריי שפּראַכן: אין רוסיש, יידיש

און העברעאיש. בריוו אויף 10 און מאַנכעס מאָל אויף 15 זייטן. איך האָב פּשוט קיין צייט ניט געהאַט לייענען אירע בריוו. אינדערפרי פּראָבע, אין אָוונט אַ ספּעקטאַקל, היינט דאַרף מען נאָך לערנען ראָלן ווייל אונטער אַ סופליאָר האָב איך קיינמאָל ניט געקאָנט שפּילן. אַלע ראָלן פלעג איך שפּילן אויסווייניק. ס׳האָט מיר געהאָלפן מיין אויסגעצייכנטער זכרון, און אַזוי ביזן היינטיקן טאָג. פלעג איך שוין אירע בריוו לייענען פאַרן שלאָף... איז אָט מיט אירע בריוו האָט זי מיך שטאַרק פאַרליבט אין זיך און איך האָב אָנגעהויבן טרוימען וועגן איר אי בייטאָג אי ביינאַכט... און אין אַ געווויסן טאָג באַקום איך פון איר אַ בריוו אַז זי האָט באַשלאָסן אַרויספאָרן צו מיר. נאָר זי איז דערפאָרן ביז האָמעל. ווייטער האָט זי ניט געקאָנט פאָרן ווייל עס זענען שוין געשטאַנען נאָענט די פּאָליאַקן, און ציליע האָט זיך געמוזט אומקערן צוריק. מיר זיינען פאַר דער צייט אָפּגעפאָרן אויף גאַסטראָלן אין בריאַנסק. און איך האָב ווידער אָנגעהויבן באַקומען פון איר לאַנגע בריוו. זי האָט שוין מיך גערופן צוריק אין סנאָווסק ווייל אירע עלטערן האָבן זיך דערוווסט פון אונדזער ליבע און זיי זענען געווען קעגן אונדזער שידוך און זי האָט שוין אַ צווייטן מאָל ניט געקאָנט אַרויספאָרן. איבעררייסן מיט די עלטערן האָט זי דערווייל ניט געוואָלט. האָט זי מיך אָנגעהויבן בעטן קומען אין סנאָווסק. זיך נענטער באַקענען און מיר וועלן צוזאַמען ווירקן אויף די עלטערן און נאָכהער אָפּפאָרן צוזאַמען אין מאָסקווע אין אַ דראַמאַטישער שול. דאָס איז געווען אונדזער טרוים.

דעם אמת זאָגן, האָט מיר די טרופּע ניט אימפּאָנירט. מען שטעלט זייער אָפט שונד־פּיעסן, מען אַרבעט אָן אַ רעזשיסאָר. און איך וואַרף אַוועק די טרופּע און פאָר צוריק אין סנאָווסק. ס׳׳פאַרשטייט זיך, אַז ווען ניט ציליע, וואָלט איך שוין דעמאָלט ניט געפאָרן צוריק קיין סנאָווסק נאָר ערגעץ אַנדערש...

געקומען אין סנאָווסק ניין אַזייגער אין אָוונט. פאַרפאָרן אין האָטעל און גלייך צו ציליען. נאָר ליידער ציליע איז ניט געווען אינדערהיים. דער טעאַטער, דאָס איז געווען אַ באַראַק פון ברעטער, וועלכער האָט זיך געפונען אויסערן שטאָט, הינטערן וואַלד. ד.ה. מען דאַרף דורך אַ שטיק וואַלד, אַ לבנה נאַכט און אָט קומט מיר אַקעגן אַ שלאַנקע פרוי אין אַ ווייסן קלייד, מיט פעך־שוואַרצע, געקרייזלטע האָר, מיט אויסדריקלעכע גרינע אויגן. דאָס איז געווען ציליע, נאָך וועלכער איך האָב אַזוי גע־

בענקט, וועגן וועלכער איך האָב גאַנצע נעכט געטרוימט. פאַר מיר האָט זי אין דעם מאָמענט אויסגעזען ווי אַ געטין. מיין פריינט נתן ראַזאָווסקי, האָט זי אָנגערופן „די פייע פון סנאָווסקער וועלדער”. מיר האָבן זיך שווייגנדיק באַגעגנט, זיך געגומען פאַר די הענט און מיר זיינען גע־אָרעמט אַוועק אין טיפן, סנאָווסקער וואַלד, אַזוי שווייגענדיק זיינען מיר געגאַנגען אַ לאַנגע צייט. ביז מיר זיינען געקומען צו זיך און אָנגעהויבן רעדן. וועגן וואָס מיר האָבן אין דעם גליקלעכן אויפדערנאַכט גערעדט, איז שווער איצט זיך צו דערמאָנען. וועגן אונדזער ליבע? ניין, דאָס האָבן מיר נאָר מיט אונדזערע ליבענדע הערצער געפילט, נאָר ניט גערעדט וועגן דעם. וועגן קונסט, וועגן אַרבעטן צוזאַמען. נאָר פאַרשטייט זיך, ניט וועגן אַזאַ קונסט, ווי אין שיינפעלדס טרופּע, וועגן הויכער אויפריכטיקער איבערלעבונג אין דער דראַמאַטישער קונסט. וועגן אונדזער צוקונפט? אַ, ניין, וועגן דעם האָבן מיר גאָרניט געטראַכט. אונדז איז געווען גוט. דאָס לעבן האָט באַקומען אַ באַדייטונג. עס איז כדאי צו לעבן, ווען מען ליבט אַזוי שטאַרק. מיר האָבן וועגן אַלץ פאַרגעסן און ניט באַמערקט, אַז עס האָט שוין אָנגעהויבן צו טאָגן. נאָך דעם אויפדערנאַכט, האָב איך דערפילט, אַז ציליע איז פאַר מיר אַלץ, אָן איר האָט דער לעבן מיינער קיין שום ווערט ניט. ציליע איז אַ פאַרקערפּערונג פון אַלעס וואָס איז שיין, דערהויבן, פּאָעטיש. זי איז ווירקלעך געווען אַ פּאָעטישע נאַטור. זי האָט געשריבן אַזעלכע שיינע, פּאָעטישע בריוו, אין אַזאַ שיינעם יידיש.

נאָר לאַנג פאַרהאַלטן זיך אין סנאָווסק האָב איך נישט געקאָנט. מיר האָבן מיטן קרייז אויפגעפירט אַ פאָרשטעלונג, און מיר האָבן זיך געגעבן דאָס וואָרט, שרייבן איינער דעם אַנדערן און אַז זי וועט סוף כל סוף איינרעדן אירע עלטערן, וועט זי קומען צו מיר. און איך בין אָפּ־געפאָרן קיין פּאָלטאַווע. אין פּאָלטאַווע האָב איך זיך באַגעגנט מיטן אַרטיסט זאַסלאַווסקי. אַזוי אַרום קאָן מען זאָגן, אַז בין השמשות אין מיין שטרעבונג צו עכטער סצענישער קונסט האָט זיך געענדיקט אינעם יאָר 1920 ווען איך האָב זיך באַגעגנט מיטן גרויסן, טאַלאַנטפולן יידישן אַקטיאָר רודאָלף (ראובן) זאַסלאַווסקי, וועמענס טרופּע האָט דעמאָלט געשפּילט אין פּאָלטאַווע.

אין זאַסלאַווסקיס טרופּע האָב איך געשפּילט ביזן יאָר 1922 — אין פּאָלטאַווע, ראָמני, באָברויסק, מינסק.

ווס הט מיך אַזוי שטאַרק צוגעצויגן צו דער טרופּע? קודם־כל

האָט מיך פאַראינטערעסירט דער רעפּערטואַר! שלום עליכמס „טוביה דער מילכיקער“, שלום אַשס „די יורשים“, „גאָט פון נקמה“, שעקספּירס „האַמלעט“, גוצקאָווס „אוריאל אַקאָסטאַ“, אָסיפּ דימאָווס „שמע ישראל“, אַנדרעיעווס „דער געדאַנק“, גריגאָרי געס „טרילבי“, סטרינדבערגס „דער פאָטער“, איבסענס „נאָראַ“, „די גייסטער“. הגם זאַסלאַווסקי האָט ניט באַקומען קיין טעאַטראַלע בילדונג און דערצו איז זיין קולטור־באַגאַזש געווען זייער אַ באַגרענעצטער, דערפאַר אָבער האָט ער פאַרמאָגט אַ גאונישע אינטואיציע. צייטנווייז פלעגט ער אימפּראָוויזירן, אָבער זייער אָפט פלעגט ער קומען אויף די פּראָבע מיט אַ געניי דורכגעטראַכטן פּלאַן. זיינע אויסטערלישע אַנטפּלעקונגען, וואָס פלעגן ווען־ניט־ווען ביי אים זיך דורכרייסן אויף דער בינע, זיינען אים סתם, פונעם הימל ניט אַראָפּגעפאַלן. ער האָט ניט איינמאָל זיך געלאָזט פאָרן אין די שטעט, ווו עס האָבן גאַסטראָלירט די אויסערגעוויינלעך באַגאַבטע רוסישע אַקטיאָרן: מאַמאָנט דאָלסקי, אָרליעניעוו, איוואַנאָוו־קאָזעלסקי, אַנדרעיעוו־בורלאַק, די ברידער אַדעלהיים. ס'איז געווען ממש ווי מען זאָגט: הוה מתאבק בעפר חכמים ושותה בצמא את דבריהם" (וואַלגער זיך אויס אין שטויב פון חכמים און טרינק דורשטיק זייערע רייד). ער האָט זיי ניט נאָכגעמאַכט, ניט נאָכגעקרימט, אָבער ער האָט געקראָגן די נויטיקע פּעולה. דאָס איז ביי אים געווען במקום אַ שול: ער האָט ביי די גאונים זייער פיל געלערנט. אין דער ערשטער רייע אַ שטרעבונג צו אידעיש־פולווערטיקן רעפּערטואַר. שפּילן „האַמלעט“, „אַקאָסטאַ“, בערנאַרד שאָוס פּיעסן, ווי „קאַנדידאַ“ וכדומה. זאַסלאַווסקי האָט פאַרמאָגט אַ שיינע שטים, דער טעמבער פון זיין שטים האָט אויך פאַרכאַפּט מיט עפּעס אַ לירישער אָנגעזעטיקטקייט.

אין יעדער ראָל פלעגט זאַסלאַווסקי אַריינהויכן זייער פיל איידעלע געפילן, וועלכע פלעגן גיין פון דער נשמה. ער האָט אין די יידישע ראָלן געהאַט זייער פיל חן, שאַרם. באַזונדערס האָט ער זיך אַנטפּלעקט אין אַזעלכע ראָלן ווי הערשעלע דובראָוונער, טוביה דער מילכיקער. אָט פאַרטראַכט ער זיך און הויבט אָן זינגען, ריכטיקער, מורמלען עפּעס אַ ניגון פונעם דאַוונען. אָט טוט ער עפּעס אַ זאָג: האָדלען, חוהן און דווקא מיט אַ שמייכל און מיט אַזאַ גלאַנץ אין די אויגן. און אָט דער טוביה ווערט אייך אַזוי אָנגעבאַקן אין האַרצן און איר דערזעט אין טוביהן אַ גרויסע, ליכטיקע נשמה. זיין טוביה איז געווען די נשמה און די חכמה

פון יידישן פאָלק. און אַט אַזוי האַרציק און אומפּאַרגעסלעך איז ער געווען אין דער ראָל פון הערשעלע דובראָוונער אין גאָרדינס „גאָט, מענטש און טייוול".

זיין טעמע איז געווען — דער טרוים וועגן אַ בעסער, שענער לעבן. ער פּלעגט מיט אַזאַ צעווייטיקט האַרץ אויסדריקן די יידישע ליידן! אָבער דאָס האָט אים נישט געשטערט צייטנווייז זיך אַ ריס טאָן פון יידישן לעבן, פונעם יידישן תהום און זיך אַ הויב טאָן העכער פון דאָס ריין יידיש-נאַציאָנאַלע צו אַזעלכע פילאָזאָפישע הויכן, ווי האַמלעטס-געדאַנקענגאַנג, צו פאַרקערפּערן אויף דער בינע דעם פרייהייטס-דורשטיקן גייסט פון אַקאָסטאַ.

ניט אומזיסט האָט די מוטער פון יידישן טעאַטער, די גאונישע אסתר רחל קאַמינסקאַיאַ אַזוי הויך אָפּגעשאַצט זאַסלאַווסקין.

די טרופּע אין פּאָלטאַווע איז באַשטאַנען פון אַ ריי טאַלאַנטפולע אַקטיאָרן: ליכטענשטיין, קאַלמאַנאָוויטש, מאַלווינאַ צוקער, ווי אויך יונגע אַקטיאָרן, שער, אַבעליאַוו און דער שרייבער פון די שורות איז אויך געווען יונג. אין דער טרופּע האָב איך אין משך פון צוויי יאָר געהאַט די מעגלעכקייט צו שפּילן אַזעלכע ראָלן, ווי אוריאל מזיק אין „גאָט, מענטש און טייוול", מאָטל קאָסאָי אין שלום עליכמס „דאָס גרויסע געווינס" פאַן כראַביאַ אין אשס „די יורשים", קעניג קלאַוודיאַ אין „האַמלעט", דער פּאַסטאָר אין איבסענס „די געשפּענסטער", העלמער אין **„נאָראַ", פּרינץ** אועלסקי אין „קין", בילי אין „טרילבי", בן-יוחאי אין „אוריאל אַקאָסטאַ".

ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס איך האָב דאָ אין זאַסלאַווסקיס טרופּע זיך באַרייכערט מיט אַ היבש ביסל סצענישער דערפאַרונג, האָב איך, פונדעסטוועגן ניט באַקומען קיין פאָלקאָמע שעפערישע באַפרידיקונג. ס'וועט אָפּט מאָל אויסקומען צו שפּילן מיט 3—4 פּראָבן. אונטער אַ סופליאָר איז מיר אוממעגלעך געווען צו שפּילן און איך פלעג מוזן פאַר זייער אַ קורצער צייט אויסלערנען די ראָלן אויסווייניק. די ראָלן זיינען נישט געווען דורכגעטראַכט, ניט געווען באַאַרבעט. און איך האָב ווידער אָנגעהויבן טרוימען וועגן פאָרן אין מאָסקווע, און דורכגיין אַ שולע. עפּעס האָב איך געלייענט און געהערט וועגן דעם מאָסקווער קינסטלערישן טעאַטער „מכאַט". מען דערציילט וועגן אים וווּנדער-לעכע זאַכן. נאָר איך האָב זיך אָפּגעהאַלטן, איך האָב געוואַרט ביז ציליע

וועט זיך איינפאַרשטיין מיט אירע עלטערן, און מיר וועלן פאָרן צוזאַמען. נאָר ניט אַזוי גיך איז עס געשען; אונדזער טרוים אַרבעטן צוזאַמען און לעבן צוזאַמען האָט זיך בכלל ניט פאַרווירקלעכט. נאָר וועגן דעם שפּעטער. פון איין זייט איז מיר געווען אינטערעסאַנט צו שפּילן מיט אַזאַ באַגאַבטן אַקטיאָר ווי זאַסלאַווסקי, נאָר דאָס איז אפשר געווען דאָס שווערסטע אין מיין סצענישער טעטיקייט. דערפאַר וואָס ס'איז אויס־געקומען פאַרשווענדן אַ שלל ענערגיע, צו באַקעמפן זאַרלאַווסקיס אַנאַרכאָ־אינדיווידואַליסטישע גענג. זאַסלאַווסקין האָט אַלע מאָל געערגערט צו קוקן, ווי די ווולגאַרע, אומגעלומפּערטע, אַמעריקאַניש־יידישע שונד־אָפּערעטע שטויסט אַרויס פון דער בינע די ערנסטע, פּראָבלעמען־רייכע דראַמאַטורגיע. אים האָט גרייזלעך פאַרדראָסן, וואָס די יידישע צושויער אין דער מערהייט, נעמען קאַלט אויף איבסענס „די געשפּענסטער", „אוריאל אַקאָסטאַ", סטרינדבערגס „דער פאָטער", בשעת פון „כינקע־פּינקע", „חנטשע אין אַמעריקע", „וועלוועלע עסט קאָמפּאָט", „באָרג מיר דיין וווייב" וכדומה, לעקן זיי די פינגער. דעריבער פלעגט טרעפן אַז שפּילענדיק אויף דער בינע האָט זאַסלאַווסקי חוזק געמאַכט פון די צו־שויער. „סאיז אַן עולם־גולם — דער מאָגן זייערער וועט אַלץ פאַר־דייען", — פלעגט ער זיך פאַרענטפערן. דערפאַר אָבער, אַז ער האָט געוווסט אַז אינעם צושויער־זאַל זיצט אַ קולטורעלער מענטש, וואָס איז אומשטאַנד ווי געהעריק אָפּצושאַצן זיין קונסט, האָט ער וווּנדערבאַר געשפּילט.

אַ שטיק צייט, האָבן מיר געשפּילט אין פּאָלטאַווע, זאַסלאַווסקי האָט זיך פאַרליבט אין אַ שיינער, זייער קולטורעלער פרוי. ווען אָט די פרוי איז געזעסן אין צושויער־זאַל, האָט אין דעם אָוונט זאַסלאַווסקי ממש באַצויבערט דעם גאַנצן עולם מיט זיין שפּילן. ער פלעגט פאָרן אַנהויב פונעם ספּעקטאַקל צוגיין צום פאָרהאַנג אַ קוק טאָן דורך אַ שפּאַלט אינעם צושויער־זאַל.

— אהא, די בלאָנדע איז דאָ אין טעאַטער — אוי, וועלן מיר עס היינט אַ שפּיל טאָן גאָר אויף אַן אַנדער אופן!" ניטאָ וואָס צו ריידן, אַז ער גופא האָט געשפּילט אין גאָר אַ געהויבענער שטימונג — אַלע אַקטיאָרן וועלכע האָבן גענומען אָנטייל אין אָט דער פאָרשטעלונג, האָבן זיך אונטערגעגאַרטלט. היות, די בלאָנדע איז געווען מיין שכנה, — האָב איך געטאָן אַלץ, וואָס נאָר מעגלעך איז, כדי זי צו ברענגען אין

טעאַטער. זי האָט געמוזט קוקן אונדזערע פאָרשטעלונגען צו צווײ, צו דרײ מאָל, הגם זי האָט גאָר שוואַך פאַרשטאַנען ייִדיש. אײנמאָל, װען מען האָט אין אָוונט באַדאַרפט שפּילן אָסיפּ דימאָװס „דער זינגער פון זײַן טרויער" האָט די בלאָנדע צוליב אַ װיכטיקער סיבה — גראָד ניט געקאָנט קומען אויפן ספּעקטאַקל. זאַסלאַװסקי האָט געשפּילט די הויפּט־ראָל, יאָשקע, דער אַקטיאָר קאַלמאַנאָװיטש דעם װאַסער־פירער, יאָשקעס פאָטער. װי נאָר זאַסלאַװסקי האָט דערזען קאַלמאַנאָװיטשן אויף דער בינע, האָט ער אַ שלעפּ געטאָן דעם טישטעך פונעם טיש, בליץ־שנעל אָנגעטאָן דעם טישטעך קאַלמאַנאָװיטשן אויפן קאָפּ און גלײַך גענומען זינגען „אל מלא רחמים". עס האָבן זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער די צושויער, עס האָבן געקײַכט די אַקטיאָרן, אָבער דאָס איז שוין געװען אַ באַלאַגאַן — ניט קײן ערנסטע דראַמאַטישע פאָרשטעלונג.

אין באָברויסק האָט זאַסלאַװסקין מיטן דרינען זיך פאַרגלוסט שפּילן אוריאל מזיק („גאָט מענטש און טײַװל) און ניט געקוקט דערויף, װאָס זײַן באַליבטע ראָל איז געװען הערשעלע דובראָװנער, איז שוין די ראָל אויסגעקומען צו שפּילן ליכטענשטײנען. ער איז אויך געװען אויסגעצײכנט אין דער ראָל. ליכטענשטײן האָט זײער ליב געהאַט די ראָל, דעריבער האָט ער זיך ערנסט צו איר באַצויגן. זאַסלאַװסקי האָט דעם טעקסט פון מזיקן ניט געקאָנט, האָט ער אויף דער בינע אָנגעהויבן לאַכן. דאָס איז געװען אַ געװוינהײט. ער פלעגט אָפט זיך צעלאַכן אויף דער בינע, אָן אַ פאַרװאָס. איז נאָך קאַרג װאָס ער לאַכט — האָט זיך אים פאַרגלוסט זײער, אַז אויך ליכטענשטײן זאָל זיך צעלאַכן. װי ער האָט זיך ניט געפּלײסט אין ערשטן אַקט צעלאַכן אים, איז עס אים ניט געלונגען. אינעם צװײטן אַקט איז פאַראַן אַ מאָמענט, װען הערשעלע זאָגט צו מזיקן: „צו װאָס באַדאַרף איך אַזוי פיל געלט — איך װעל דאָך ניט טראָגן פינף קאַפּאָטעס און עסן פינף מיטאָגן"... (מען דאַרף באַ־מערקן אַז ליכטענשטײן איז געװען געבענטשט מיט אַן אומגעהויערן אַפּעטיט — ער איז קאַפּאַבל געװען אויפעסן דרײַ אָדער פינף װאַרעמעסן אַ טאָג) ענטפערט זאַסלאַװסקי (אוריאל מזיק) ליכטענשטײנען אויף זײַן רעפּליקע: „מאַכט זיך ניט, ר' הערשעלע — איר קענט עס דווקא יאָ!" אַזוי אַרום האָט זאַסלאַװסקי געטראָפן פונקט אין פינטל אַרײַן, און ליכ־טענשטײן האָט זיך צעלאַכט.

דאָס לאַכן אויפן דער בינע אין די ערנסטע מאָמענטן, דאָס איז

שוין געווען אַ געווינהייט און ער האָט מיט דעם אָנגעשטעקט אויך קאַלמאַנאָוויטשן און אויך ליכטענשטיינען. דערצו האָט מען נישט געדאַרפט קיין באַזונדערן הומאָר אָדער לעכערלעכע צופאַלן. אין ראָמני האָט זיך זאַסלאַווסקי צעלאַכט אויף דער פאָרשטעלונג פון אוריאל אַקאָסטאַ״ אין דער סצענע אין שול, ווען ער לייענט דעם פאַרמעט, וואָס דער רב דע־סאַנטאָס האָט צוזאַמענגעשטעלט, ווו אַקאָסטאַ רעזיגנירט פון זיינע איבערצייגונגען. ביי דעם זאָגן: — „איך, אוריאל אַקאָסטאַ, אַ ייד, געבוירן אין פּאָרטוגאַל״, — האָט ער זיך פּלוצים צעלאַכט. ווען איך האָב אין אַנטראַקט אים פאַרגעוואָרפן: — „ווי אַזוי האָט איר זיך געקאָנט צעלאַכן ביי אַזאַ ערנסטער, מען קאָן זאָגן טראַגישער סצענע?״ — האָט ער מיר געענטפערט: — ״איך האָב זיך דערמאָנט אַז דער ספּעקטאַקל גייט היינט צו גלאַט!״

אין פאַלטאַוּוע, אין אידסעקציע, האָט געאַרבעט אַ געוויסע מאַדאַם פּיין. זי האָט פאַרמאָגט אַ רויטע נאָז, חוץ דעם וואָס זי איז געווען אַ פאַרזעעניש. אַז זאַסלאַווסקי מיט קאַלמאַנאָוויטשן פלעגן זי דערזעען, פלעגן זיי זיך מוזן צעלאַכן. האָט די דירעקציע פון טעאַטער אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז ווען מאַדאַם פּיין וועט קומען אין טעאַטער זאָל מען זי אָוועקזעצן ניט נענטער פון דער 10־טער רייע. ווייל גאָט זאָל אָפּהיטן, ווען זיי וועלן זי חלילה דערזען פון דער בינע, איז שוין פאַרפאַלן די פאָרשטעלונג.

אין 1920 יאָר דאָס איז געווען די צייט פון בירגער־קריג, האָט אין פאַלטאַוּוע זיך ניט געפונען קיין קלעפּער, וועלכער זאָל צוקלעפּן אונדזערע אַפישן. אַפישן? דאָס רעדט זיך נאָר אַזוי „אַפישן״. דאָס זיינען געווען פּלאַקאַטן געשריבענע מיט דער האַנט. קיין איין דרוקערייַ האָט דעמאָלט אין פאַלטאַוּוע ניט געאַרבעט; האָבן איינמאָל פאַרטראַכט זאַסלאַווסקי מיט קאַלמאַנאָוויטשן: זיי וועלן אַליין גיין קלעפּן די פּלאַקאַטן. מען דאַרף צוגעבן, אַז דיביידע אַקטיאָרן זיינען געווען שטאַרק באַליבט ביי דעם פאַלטאַוּוער יידישן צושויער. אַזוי אַז דער פּלאַקאַט אַליין איז שוין געווען אַ רעקלאַמע. און דער עולם אין יענער צייט האָט זייער גוט באַזוכט אונדזער טעאַטער. אונדזער טרופּע האָט געהייסן „צווייטער סאָוויעטישער פאַלטאַוּוער טעאַטער״. איז אָט קאַלמאַנאָוויטש האַלט דאָס פּעקל פּלאַקאַטן מיט דעם עמער מיט קלייסטער און זאַסלאַווסקי שמירט מיטן פּענדזל, קלעפּט די פּלאַקאַטן. פּלוצים האָבן זיי דערזען די

מאַדאַם פּיין גיין. דער עמער מיטן קלייסטער מיט די אַפּישן זיינען שוין געלעגן אויף דער ערד. און ביידע האָבן זיך אַזוי צעלאַכט, אַז זיי זיינען געפאַלן אויפן שניי און מאַדאַם פּיין איז צוגעגאַנגען נאָכ־הער צו זיי און געפרעגט זיי: „וואָס לאַכט איר?...״ האָבן זיי שוין קיין כוח ניט געהאַט צו לאַכן...

אין אַ געוויסן טאָג זיינען מיר געזעסן אין אידסעקציע און געפירט אַ באַראַטונג איבערן רעפּערטואַר פון אונדזער טעאַטער. אַלץ איז געווען גוט נאָר פּלוצים איז אַריין אין צימער מאַדאַם פּיין מיט דער רויטער נאָז, מער האָט מען ניט באַדאַרפט. די באַראַטונג האָט מען געמוזט איבעררייסן.

אין אַפּריל 1920 האָט זיך די טרופּע צעשפּאָלטן. זאַסלאַווסקי, ליכ־טענשטיין, אַבעליאַוו, איך בתוכם און נאָך עטלעכע אַקטיאָרן זיינען אָפּגעפאָרן אויף גאַסטראָלן אין ראָמני. קאַלמאַנאָוויטש מיט עטלעכע אַקטיאָרן זיינען נאָך געבליבן אין פּאָלטאַווע. נאָר מיינע זכרונות וועלן ניט זיין קיין פולקאָמע, אויב איך וועל ניט באַשרייבן אַן עפּי־זאָד — אַ באַגעגעניש מיט גוזיקן אײדער מיר זיינען געקומען אויף גאַסטראָלן אין ראָמני. יעקב גוזיק איז געזעסן אין ראָמני מיט זיין משפחה און האָט ניט געשפּילט. די קולטור־ליגע איז דעמאָלט געווען אין דער מאַכט פאַר יידיש טעאַטער און מען האָט אים פאַרווערט צו שפּילן ווייל זיין רעפּערטואַר איז באַשטאַנען נאָר פון שונד־פּיעסן.

אין פעברואַר 1920 באַקום איך אַ בריוו פון ציליען. זי איז געווען דעמאָלט אין האָמעל צו גאַסט ביי איר קוזין, זי בעט מיך קומען אומ־באַדינגט קיין האָמעל — מיר מוזן זיך טרעפן און באַשליסן וואָס ווייטער צו טאָן. בעט איך זיך אָפּ ביי זאַסלאַווסקין אויף צוויי וואָכן און פאָר אַרויס אין האָמעל. קיין סטאַבילע צוגן האָבן דעמאָלט נאָך ניט קורסירט. צופעליקע מאַרשרוטן־באַנען פלעגן גיין. קום איך אין ראָמאַדאַן, — דאָרט האָב איך באַדאַרפט וואַרטן אויף אַ צוג וועלכער גייט דירעקט קיין האָמעל. זיצנדיק אויפן קאַלטן וואָקזאַל, מעלדעט מען פּלוצים, אַז מאַכנאָ מיט זיין באַנדע דערנענטערן זיך קיין ראָמאַדאַן און דאָ פאָרט אַ רויט־אַרמייאישער פאַנצער־צוג. נאָר דער צוג גייט בלויז ביז ראָמני. בלייב איך שטעקן אין ראָמני אויף צוויי וואָכן. ווען מען האָט שוין אָפּגעטריבן מאַכנאָ און דער וועג קיין האָמעל איז שוין פריי, האָב איך שוין ניט קיין געלט אויף ווייטער פאָרן און ניט אויף אומקערן זיך צוריק קיין פּאָלטאַווע. באַגעגן איך גוזיקן און פרעג אים: אפשר ווייסט

ער, ווער וויל קויפן אַ גאָלדענעם זייגער? פרעגט ער מיך: „פאַרוואָס זאָלט איר פאַרקויפן אייער זייגער?" דערציייל איך מיין לאַגע. זאָגט ער מיר: — „צו וואָס דאַרפט איר פאַרקויפן דעם זייגער? דאָ איז „קולט־פּראָסוויעט" אַרבעט אייער פריינט סווידערסקי. ער איז דער פאַרוואַלטער פון קולט־פּראָסוויעט". באַקומט ביי אים אַ דערלויבעניש מיר זאָלן שפּילן צוזאַמען אַ ספּעקטאַקל, וועט איר פאַרדינען אויף אָפּצופאָרן קיין האָמעל. איר וועט באַקומען 50% פון דער הכנסה. און ווירקלעך, סווידערסקי האָט מיר גלייך געגעבן אַ דערלויבעניש. און איך קום ביי גוזיקן, ליגט שוין אַ פּיעסע אויפן טיש. מיר וועלן — זאָגט ער, — שפּילן „מעדעאַ". מיין ווייב איז אַ געשפּילטע מעדעאַ. איר האָט אין פּאָלטאַווע געשפּילט יאַזאָנען. מיין טאָכטער ליאַליע וועט שפּילן די פּרינצעסן קרעאוזאַ און איך וועל שפּילן קרעאָנען. קאָסטיומען וועלן מיר נעמען פון „בר־כוכבא". האָב איך געגעבן מיין הסכמה און בין אַוועק אויף דער קוואַרטיר ווו איך האָב געוואָהנט. דאָס איז געווען אַרום 3 אַזייגער בייטאָג. אינדערפרי 11 אַזייגער, גיי איך אַרויס אין גאַס און דערזע אַן אַפיש פון וועלכן מיר איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן. מען דאַרף נעמען אין אַכט, וואָס פאַר אַ געניאַלער אַדמיניסטראַטאָר גוזיק איז געווען. אין דער צייט, ווען אַלץ איז רואינירט, צו קריגן פּאַפּיר און אָפּדרוקן איבער נאַכט אַפישן? דאָס האָט נאָר געקאָנט גוזיק. און די אַפיש האָט געמאָלדן: נאָר איין גאַסטראָל־פאָרשטעלונג פון דעם באַקאַנטן יידישן אַרטיסט פון די ניו־יאָרקער און וואַרשעווער טעאַטערן — ב. ברוידא — י. גאָרדין „עדעאַ" אָדער „די ווילדע פּרינצעסין". אין דער ראָל פון יאַזאָן שפּילט מ. ברוידא.

קום איך צולויפן צו גוזיקן שטאַרק אויפגערעגט: — „וואָס האָט איר געטאָן?" — זאָג איך אים. איך בין אַ יונגער אַקטיאָר אַן אָנפאַנגער, פאַרוואָס האָט איר מיך אָפּגעדרוקט מיט אַזעלכע גרויסע בוכשטאַבן, וואָס בין איך פאַר אַ גאַסטראָליאָר, וואָס פאַראַ ניו־יורק — איך בין אפילו אין וואַרשע קיינמאָל ניט געווען. און וואָס באַדייט דאָס פּייפּלער־טעאַטער? מען וועט דאָך אונדז פאַרוואַרפן מיט פּולע אייער!...

ענטפערט ער מיר רואיק: — איר ווילט דאָך פאַרדינען אויף הוצאות, אַ פּומליקאַ דוראַ! — זאָג ער מיר אויף רוסיש — ער האָט אין לעבן שטענדיק גערעדט רוסיש און אַ ביסל ווי אַ הונדאָסער,

גערעדט אין נאָז. ביסלעכווייז האָט ער מיך באַרואיקט און גלייך געמאַכט אַ געשעפט. ער האָט ביי מיר אָפּגעקויפט מיינע 50% פאַר 250 מיליאָן. דעמאָלט האָט מען פאַר אַ מיליאָן געקאָנט אָפּעסן אַ מיטאָג.

דער טעאַטער איז געווען געפּאַקט. אַלע בילעטן זיינען געווען פאַר־קויפט, מען האָט שוין אפילו באַזעצט צושויער אין אָרקעסטער. אין טעאַטער איז אַ ביטערע קעלט און מיר שפּילן האַלב־נאַקעטע אין טריקאָ. גוזיק רופט מיך אַרויס אויף דער בינע, ער ווייזט מיר די דעקאָראַציע וואָס ער האָט צונויפגעשטיקעוועט און פרעגט מיך, צי קאָן מען שוין געבן דעם דריטן קלינג? זאָג איך בו אים: — איר זייט דאָך נאָך ניט פאַרגרימירט און נאָך ניט אָנגעטאָן, זאָגט ער: עס מאַכט ניט. איך קום דאָך אָן אויף דער בינע אַ סך שפּעטער.

מען הויבט אויף דעם פאָרהאַנג. די פאָרשטעלונג הויבט זיך אָן. מעדעאַ — מאַדאַם פריילעך, גוזיקס ווייב, קומט אַרויס אויף דער בינע אָנגעטאָן אין אַ פעל פון אַ טיגער. איך נעם זי אָן פאַר דער האַנט. קיין איין ריכטיקע רעפּליקע האָט זי מיר ניט געגעבן — גערעדט עפּעס אייגענעם טעקסט. און דאָ קומט אָן קרעאָן — גוזיק. אָנגעטאָן אין הויכע שטיוול, מיט וועלכע מען גייט אויף דער יאַגד. אַ רעקל פון אַ רוסישן באָיאַר פון 18־טן יאָרהונדערט, אָנגעמאָלט מיט בלויען שמינק. וואָנצעס און אַ שפּאַניש בערדל, גרימירט אַלס דאָן־קיכאָט. נאָר אויפן קאָפּ טראָגט ער אַ גאָלדענעם רייף און רעדט דייטשמעריש. „העראוס פון מיין שטאַט!"... טראַכט איך מיר: גוט וואָס זאַסלאַווסקי איז דאָ ניטאָ. ער וואָלט שוין געהאַט פון וואָס צו לאַכן. נאָר מערקווירדיקער פון אַלץ איז, אַז דער עולם נעמט אויף די פאָרשטעלונג זייער וואַרעם. נאָכן צווייטן אַקט, מאַכט ער צו מיר: — אפשר בלייבט איר נאָך מאָרגן? דאָס געשעצטע פובליקום בעט מען זאָל ווידערהאָלן דעם ספּעקטאַקל. טראַכט איך מיר: מען כאַלטורעט שוין איינמאָל, לאָמיר כאַלטורען נאָכ־אַמאָל. און איך גיב מיין הסכמה. גייט ער אַרויס צום פובליקום פאַרן פאָרהאַנג און מעלדעט: — דער אַרטיסט בראַודאָ האָט גוטמוטיק, געגעבן זיין הסכמה צו בלייבן נאָך אויף איין גאַסטראָל. און אויף מאָרגן איז געווען די זעלבע הכנסה. פאַר דער פאָרשטעלונג האָב איך שוין באַקומען אַלע 50% אַזוי אַז איך האָב שוין געהאַט כמעט אַ מיליאַרד. מיט אַזאַ סומע האָב איך שוין זיך געלאָזט אין וועג אַריין גאַנץ דרייסט.

ווען איך האָב געזאָגט גוזיקן: און איר האָט נאָך געזאָגט, אַז אייער ווייב איז אַ געשפּילטע „מעדעא", נאָר זי קאָן דאָך ניט די ראָל?... זאָגט ער מיר: „זי איז אַ געשפּילטע, נאָר ניט קיין רעפּעטירטע..."

ענדלעך, בין איך געקומען קיין האָמעל. ציליע האָט מיך באַגעגנט. עס איז געווען אַ פרײדיקע באַגעגעניש. אָפּגעשטעלט האָב איך זיך ביי איר קוזין יעקב. אין דעם צימער זיינען מיר געווען זאַלבעפערט. יעקב און זיין געליבטע חנה און איך מיט ציליען. ציליע האָט מיר דערציילט אַז יעקב איז אין איר פאַרליבט נאָר זי באַציט זיך גלייכ־גילטיק צו אים. אויף מיין פראַגע: — ווער איז דען חנה? — האָט זי מיר געענטפערט, אַז ער לעבט מיט איר, נאָר זי וועט ניט זיין זיין כלה.

מיר האָבן מיט ציליען פאַרבראַכט נאָר דריי טעג. און איך האָב זיך געאיילט צו פאָרן צוריק אין פאָלטאַווע, ווו זאַסלאַווסקי מיט דער טרופּע וואַרטן שוין אויף מיר. מיר האָבן אָפּגערעדט, אַזוי ווי די עלטערן אירע זיינען נאָך אַלץ קעגן אונדזער ליבע, וועלן מיר נאָך אויסוואַרטן אַ געוויסע צייט ביז זי וועט זיי איבערצייגן, אַז זיי זאָלן געבן זייער הסכמה אויף אונדזער הייראַט.

אין פאָלטאַווע לאַנג זיך ניט פאַרהאַלטן. מיר זיינען געקומען גאַסט־ראָלירן קיין ראָמני. דאָ האָבן מיר געטראָפן גוזיקן מיט זיין פאַמיליע. גוזיקס צוויי טעכטער ליאַליאַ און ביבא זיינען אָנגעקומען אין אונדזער טרופּע, ווי אויך זיין פרוי מאַדאַם פריילעך. אונדזערע גאַסטראָלן זיינען דורך מיט דערפאָלג. גוזיק איז געווען אונדזער אַדמיניסטראַטאָר. און פאַרשטייט זיך, עס האָבן זיך אָנגעהויבן שפּאַסן אין טעאַטער. פון איין זייט גוזיק און פון דער צווייטער זייט זאַסלאַווסקי מיט זיינע שטיפעריייען.

איינמאָל, ווען עס איז געגאַנגען ביי אונדז „די געשפּענסטער", דער צושויער־זאַל איז געפּאַקט, עס הערשט אַ הייליקע שטילקייט אין זאַל. פּלוצים קומט גוזיק הינטער די קוליסן און בעט זאַסלאַווסקין אָפּהאַלטן אַ ווײַלע מיט געבן דעם פאָרהאַנג, ווייל ער מוז באַרואיקן דאָס פּובליקום. גייט ער אַרויס פאַרן פאָרהאַנג און מעלדעט: „איך בעט דאָס געשעצטע פּובליקום, זייט רואיק. עס ברענט אויף פערטן קוואַר־טאַל!... האָט זיך גלייך אָנגעהויבן אַ פּאַניק אין טעאַטער. פרעגט אים זאַסלאַווסקי: „צו וואָס האָט איר דאָס געטאָן?" זאָגט ער: „עס איז דאָך מיין פליכט צו באַרואיקן דאָס הויכגעשעצטעס פּובליקום"... דערציילן זיינע טעכטער, אַז אַן ענלעכער פאַל איז מיט זיי געווען ערגעץ אין

שטעטל ווו זיי האָבן געשפּילט. פּלוצים האָט מען דערהערט אַ שיסערײַ. עס איז געווען אין דער צייט פון בירגער־קריג, אין דער צייט, ווען פאַרשידענע באַנדעס פלעגן אָפט באַפאַלן שטעט און דערפער. די קינדער זיינע מיט די איבעריקע אַקטיאָרן האָבן אָנגעהויבן שרייען פון שרעק. קומט ער און באַרואיקט זיי אויף רוסיש: „קינדער זייט רואיק — דאָס איז אַ באַנדע".

מען האָט געמאָלדן, אַז עס וועט ביי אונדז גיין „דאָס גרויסע געווינס" פון שלום עליכם. דער באַשטאַנד פון דער טרופּע איז געווען ניט קיין גרויסער. אינעם „גרויסן געווינס" איז דאָ אַ סך עפּיזאָדישע ראָלן. האָט מען פאַרגעלייגט גוזיקן שפּילן דעם באַנקיר גאָלדענטאַלער אין דער פאָרשטעלונג. זאָגט ער: — „זייער גוט. אַ באַנקיר? לאַקירטע שיך, אַ פראַק, אַ צילינדער, ווייסע האַנדשו, באַקענבאַרדן..." מען דאַרף באַמערקן, אַז גוזיק האָט אין לעבן גערעדט רוסיש און אויף דער בינע „דייטשמעריש". קיין יידיש האָט ער ניט גערעדט, און העברעאישע ווערטער פלעגט ער אויסמעקן אין זיינע ראָלן. צום ביישפּיל: ער פלעגט שטענדיק שפּילן בר־כוכבא, „אבישלום און שולמית"; נאָר אין „בר־כוכבא" איז דאָ אַ זאַץ: „הערט מיך אויס יידן, איר בני־יהודה! הערט מיך אויס — אפתח פי ואגידה!"... די לעצטע ווערטער האָט ער ניט געקענט אויסרעדן, האָט ער געזאָגט צום סופליאָר: אָט די יאַפּאַנישע ווערטער גיט מיר ניט!"

אין אָוונט אויף דער פאָרשטעלונג אין ערשטן אַקט, קומט ער אַריין אָנזאָגן שימעלע סאָראַקער אַז ער האָט געוווּנען דעם גרויסן געווינס. דער סופליאָר גיט אים די ווערטער: — „איר ווייסט שוין?" זאָגט ער: „זי וויסן שאָן?". זאַסלאַווסקי שמייכלט שוין. דער סופליאָר: — „מזל טוב!". גוזיק: — „שטאָ זאַ מזל־טוב?... וואָס זאָגט ער דאָרט? „איך גראַטולירע!"... דאָ האָט זיך זאַסלאַווסקי צעלאַכט און מען האָט געמוזט אַראָפּלאָזן דעם פאָרהאַנג.

אין טאָג פונעם ערשטן מאַי איז ביי אונדז געגאַנגען אַ בייטאָגיקער ספּעקטאַקל. מען האָט געשפּילט מאַרק אָרנשטיינס „דאָס אייביקע ליד". זאַסלאַווסקי שפּילט ניט אין דער פּיעסע. זעצט ער זיך אַוועק אין בודקע סופלירן. סופלירט ער ניט דעם טעקסט נאָר די רעמאַרקער. אויף מיין אויפטריט לייענט ער: „עס קומט אַריין אַ שיינער בחור האָט אַ כלה אין סנאָווסק האָט געשפּילט מיט ליאָמפּען טעאַטער אין נאָוואָזיבקאָוו"....

איך האָב געקענט די ראָל, האָב איך נישט געלייגט קיין אַכט אויף זיינע שטיפערייען נאָר אָט קומט אויף דער בינע ליכטענשטיין און זאַסלאַווסקי גיט אים ניט קיין וואָרט. ער קערט זיך אום מיטן רוקן צו אונדז און זוכט איןביידל מיט די פינגער, וואָס ער דאַרף לייענען. נאָר ליכטענשטיין האָט שוין געמוזט אימפּראָוויזירן און זאַסלאַווסקי אין ביידל זיצט און לאַכט.

עס גייט אַ פאָרשטעלונג „אסתרקע בלייכמאַן״. ליכטענשטיין סופלירט, ווייל ביי אונדז איז קיין סופליאָר ניט געווען און מיר פלעגן סופלירן לויט דער ריי, ווער עס איז געווען פריי. איך קום אויף דער בינע און בערטאַ זאַסלאַווסקאַיאַ, זיין פרוי לויט דער האַנדלונג, דערלאַנגט מיר אַ גלאָז טיי, נעמט זאַסלאַווסקי דאָס גלאָז און זאָגט: „די טיי איז קאַלט!״ און גיסט אויס די טיי אויף ליכטענשטיינען אין ביידל. אין לעצטן אַקט איז די האַנדלונג, אַז זאַסלאַווסקי ליגט קראַנק אין בעט און איך ברענג אים אַ טשאַיניק טיי. הער איך ווי ליכטענשטיין פון ביידל זאָגט מיר: „גיט אים ניט דעם טשאַיניק!״ איך האָב באַלד ניט פאַרשטאַנען וואָס ליכטענשטיין מיינט און זאַסלאַווסקי לאַכט שוין. ער נעמט דעם טשאַיניק און גיסט אויס אויף ליכטענשטיינען דע גאַנצן טשאַיניק מיט וואַסער.

אונדזערע גאַסטראָלן האָבן געהאַלטן ביים ענדע אין ראָמני און מיר קלייבן זיך קיין באַברויסק. לייג איך פאָר זאַסלאַווסקין, מען זאָל זיך אויפן וועג אָפּשטעלן אין סנאָווסק. זאַסלאַווסקי איז מסכים און איך בין אויפן זיבעטן הימעל. איך פיר צו ציליען אין סנאָווסק אַ גאַנצע טרופּע. געקומען אין סנאָווסק טרעף איך דאָרטן שיינפעלדס טרופּע. נאָר שיינפעלד זאָגט מיר אַז זיי שפּילן די לעצטע פאָרשטעלונגען, און איך זאָל ניט מעלדן אונדזערע פאָרשטעלונגען ביז זיי וועלן ניט ענדיקן זייערע. ער האָט מיך געבעטן, איך האָב אים צוגעזאָגט. נאָר עס איז גרינג צוצוזאָגן... אין סנאָווסק קען מיך קינד און קייט. ס׳איז אַ קליין שטעטל. און איך ווייס ניט פון וואַנען — עס איז גלייך פאַרשפּרייט געוואָרן אַ קלאַנג אַז איך בין געקומען מיט זאַסלאַווסקיס טרופּע און מען האָט ביי מיר אָנגעהויבן פאָדערן בילעטן. און דאָס האָט צו מיין באַדויער געשאַדט שיינפעלדס לעצטע פאָרשטעלונגען. איך מעלד אונדזערע ערשטע פאָרשטעלונגען. „דער געדאַנק״ פון לעאָניד אַנדעיעוו, „טרילבי״ פון גריגאָרי, „שמע ישראל״ א. דימאָוס. און אין צוויי טעג זיינען אַלע בילעטן פאַרקויפט געוואָרן.

אין אַ שיינעם אינדערפרי, זאָגט מיר מיין באַלעבאָסטע: עפּעס אַ יונגערמאַן אין אַ העלן מאַנטל פרעגט זיך נאָך אויף מיר. דאָס איז געווען זייער פרי און איך בין נאָך געשלאָפן. כאַפּ איך זיך אויף און איך גיי אַרויס. קומט מיר זאַסלאַווסקי אַנטקעגן אין אַ שלעכער שטימונג. „וואָס האָט איר צו אונדז געהאַט?" — זאָגט מיר זאַסלאַווסקי, — איר האָט אַ כלה אין סנאָווסק דאַרפט איר פאַרפירן אַ גאַנצע טרופּע?... פרעג איך אים: — „וואָס איז געשען?" זאָגט ער מיר: „ס'טייטש! עס שטייט אַ יידישע טרופּע אין שטאָט און אַ רוסישע טרופּע שפּילט אונדזער רעפּערטואַר, „דער פאָטער" סטרינדבערגס"?... זאָג איך אים: ערשטנס, איז שוין די יידישע טרופּע לאַנג אָפּגעפאָרן — עס העגנען אַלטע פּלאַקאַטן; און צווייטנס, קיין רוסישע טרופּע איז דאָ ניטאָ, דאָס שפּילט אַ רוסישער דראַמקרייז פון די אייזנבאַנער. „אפשר דאַרפט איר געלט?". פרעגט ער מיך — פון וואַנען האָט איר געלט? — ענטפער איך אים, — איך האָב שוין פאַרקויפט אַלע בילעטן אויף די ערשטע פאָרשטעלונגען... „ס'טייטש! גזלן!" שרייט ער צו מיר, — ווי אַזוי האָט איר פאַרקויפט אַלע בילעטן, אַז אין שטאָט איז קיין איין פּלאַקאַט אונ־דזערער ניטאָ?"... זאָג איך אים, אַז אין סנאָווסק בין איך אַליין אַ פּלאַ־קאַט, און די פּלאַקאַטן דאַרף מען היינט אַרויסהענגען. גלייך האָט זיך גע־ביטן זיין שטימונג. מיר זיינען געקומען אויפן וואָקזאַל, האָבן מיר געטראָפן בערטאַ זאַסלאַווסקאַיאַ טענהן צו ליכטענשטיינען: ווי קאָנט איר אַזוי רואיק טרינקען טיי? מען האָט פאַרטרויט אַ יינגל ער זאָל פאַרשטעלן אונדזער טרופּע! ער האָט אַ כלה אין סנאָווסק האָט ער אומגליקלעך געמאַכט אַ גאַנצן קאָלעקטיוו! און אונדז פאַרשלעפּט אין אַ העק!... זאָגט איר זאַסלאַווסקי: — „שאַ! רעג זיך ניט אויף, אַלץ איז גוט, מיר קאָנען שוין טיילן די מאַרקע"... הקיצור, מיר האָבן זיי גלייך גענומען פירן אויף די קוואַרטירן וועלכע איך האָב פאַר זיי צוגעגרייט.

זאַסלאַווסקי האָט זיך גענומען די בעסטע קוואַרטיר, ביי ראַכלינען. דאָס איז דער פאָטער פון באַוווסטן דירידזשאָר (דיריגענט) נתן ראַכלין, איצט פאָלקס־אַרטיסט פון ראַטנפאַרבאַנד, לאַורעאַט פון דער מלוכה־פּרעמיע. זיין פאָטער איז געווען אַ קאַפּעלמייסטער פון היגן אָר־קעסטער פון די פייערלעשער און זיין מוטער האָט געשפּילט אַנדערהאַלבן יאָר צוריק אין מיין קרייז.

די טרופּע האָט מען אויפגענומען זייער וואַרעם. די גאַנצע צייט,

העכער אַ חודש זיינען געגאַנגען די פאַרשטעלונגען און ליכטענשטיין האָט מיך געפרעגט: — „אפשר האָט איר נאָך אַזאַ שטאָט, ווו איר האָט נאָך אַ כלה?"...

נאָר פּאָר מיר איז עס געווען, קאָן מען זאָגן, מיין האָניק־חודש מיט ציליען. אַלע נאַכט, נאָך די פאַרשטעלונגען, אין וואַלד. אַך יוגנט! ווהין ביסטו אַזוי גיך פאַרשווונדן?...

געענדיקט אין סנאָווסק די גאַסטראָלן, זיינען מיר אָפּגעפאָרן אין באָברויסק. אין באָברויסק זיינען מיר ווידער גוט אופגענומען געוואָרן. אַלע נאַכט געפּאַקטע צושויער־זאַלן. איך האָב געהאַט דערפאָלג ביי יונגע מיידלעך, נאָר מיינע געדאַנקען זיינען געווען אין סנאָווסק, ביי ציליען.

און אָט באַקום איך אַ בריוו, אַז זי קומט אין באָברויסק, אַזוי ווי מיר האָבן אָפּגערעדט. איך גיי אויפן וואָקזאַל אין אַ געהויבענער שטימונג.. איך וואַרט מיט אומגעדולד אויף דעם צוג. דער צוג איז מיט רעש אָנגעקומען. נאָר ציליע איז ניט געקומען... איך ווייס ניט וואָס איבערצוטראַכטן. איך טעלעגראַפּיר און באַקום אַ טעלעגראַמע, אַז זי קומט אין צוויי וואָכן אַרום. איך גיי ווידער זי באַגעגענען און ווידער דאָס זעלבע. ציליע איז ווידער ניט געקומען. אויף מיין טעלעגראַמע באַקום איך אַן ענטפער אַז איבער געוויסע סיבות האָט זי ניט געקאָנט קומען און זי וועט קומען אין 10 טעג אַרום. אומגעדולדיקע, שלאָפלאָזע נעכט. ענדלעך, איז געקומען דער באַשטימטער טאָג... און ציליע איז ווידער ניט געקומען. איך לויף איבער אַלע וואַגאָנעס, איך זוך זי, נאָר אומזיסט! ציליע איז ניטאָ. און עס פאַלט אויף מיר אַ געוואַלדיקע פאַרצווייפלונג. וואָס פאַר אַ זין האָט מיין לעבן אָן ציליען?!... מען גיט דעם דריטן קלונג. דער צוג דאַרף אָט־אָט רירן פון אָרט און איך לויף פאַרויס און וויל זיך וואַרפן אויף די רעלסן. אַ גליק, וואָס אויפן פּעראָן איז געווען מיינע אַ באַקאַנטע, אַ שוועסטער פון אונדזער אַקטיאָר אַקון. זי האָט באַמערקט אַז מיט מיר איז עפּעס ניט גלאַט, שפּירט זי די גאַנצע צייט מיר נאָך און לאָזט זיך לויפן נאָך מיר און שרייט מען זאָל אָפּשטעלן דעם צוג. און איך פיל, אַז איך פאַרליר מיין באַוווסטזיין און עפּעס צוויי שטאַרקע הענט האַלטן מיך... ווען איך בין געקומען צו זיך בין איך געזעסן אויף אַ דראָזשקע, וועלכע האָט מיך אין דער באַגלייטונג פון אַקונס שוועסטער געפירט אַהיים. אינדערפרי טרעף איך אונדזער סופליאָר, וועלכער איז ניט לאַנג אָנגעקומען אין אונדזער טרופּע, טייטש, מיר האָבן צוזאַמען געוווינט אין איין

צימער. מאַכט ער צו מיר: „איך פאַרשטיי מען האָט ליב אַ מיידל ווי דאָס גאַנצע לעבן. נאָר מער ווי דאָס אייגענע לעבן איז עס שוין אומ־נאָרמאַל!"... נאָר פאַרזעצן מיין טעטיקייט אין טעאַטער האָב איך שוין ניט געקאָנט. פאַר איך אָפּ אין מיין געבורט־שטעטל סאָסניצע. ווידער אַ וואַלד, הויכע, שלאַנקע סאָסנעס, אַ פרישע לופט. איך הויב זיך אָן באַרואיקן נאָר אויפן האַרצן איז שווער. איך האָב זיך באַגעגנט ווידער מיט אַ מיידל, מיט וועלכער איך בין נאָך אין דער קינדהייט געווען באַקאַנט. זייער אַן אינטערעסאַנט מיידל. מיר שפּאַצירן מיט איר, אין וואַלד, נאָר פאַרבייטן ציליען קאָן זי מיר ניט... און איך באַשליס פאָרן צוריק אין באָברויסק. אויפן וועג גיי איך אַראָפּ אוי דער סטאַנציע סנאָווסקאַיאַ און מען דערציילט מיר וועגן אַ גאַנצער טראַגעדיע וואָס איז פאָרגעקומען אין איר משפחה. דער פאָטער אירער האָט זיך אַזוי שטאַרק אויפגערעגט פון דעם, וואָס ציליע האָט געוואָלט צו מיר אַרויספאָרן, איז קראַנק געוואָרן, נאָר איצט האַלט ער ביי געזונט ווערן און געפינט זיך מיט ציליען אין האָמעל. בלייב איך שוין אין סנאָווסק וואַרטן אויף ציליען.

אויף אַ „וועשטערינקע" ביי אילת׳ס מומע, וועלכע האָט געלעבט אין סנאָווסק, באַגעגענען מיר זיך, נאָר מיר ריידן ניט איינער מיטן צווייטן. איך גיי אַרויס אין אַ צווייטן צימער ווו עס איז געווען פינצטער. פּלוצים דערפיל איך ציליעס האַנט. זי לייגט מיר אַריין אין האַנט אַ צעטל. איך גיי אַרויס צו דער שיין און לייען. זי רופט מיך אַרויס. מיר דאַרפן זיך באַגעגענען און אַלץ דערקלערן איינער דעם צווייטן, איר חברטע, מעטא לוריע, אויך מיינע אַ פריינדין, וואָס ווייס וועגן אונדזער גאַנצן ראָמאַן, וואָרנט מיך איך זאָל ניט גיין אויף דער באַגעגעניש מיט איר — „איר זענט אויפריכטיק פאַרליבט" — זאָגט זי מיר, — און ציליע איז זייער לייכטזיניק. גייט ניט!"... נאָר איך בין אַוועק. ציליע נאָך מיר. און ענדלעך זעצן מיר זיך אַוועק אויף אַ בענקל נעבן וואַלד. און ציליע זאָגט מיר: — „איך שווער דיר ביי מיין קראַנקן טאַטן אַז איך ליב דיך און איך וועל זיין דיין פרוי. מען דאַרף נאָר צוּוואַרטן. מיין פאָטער וועט פאָלקאָם געזונט ווערן, וועל איך קומען צו דיר." און מיר באַשליסן אַז איך פאָר קיין מאָסקווע זיך לערנען און זי וועט קומען צו מיר. נאָר דערווייל דאַרף זי פאָרן אין האָמעל... וועט זי מיך באַגלייטן בין האָמעל און דאָרטן וועלן מיר פאַרברייננגען עטלעכע טעג. און איך וועל פון דאָרטן אָבפאָרן קיין מאָסקווע.

דער פינאל פון מיין ערשטע ליבע

געקומען אין האָמעל האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט ביי איר קוזין וועלכער איז אין דער צייט געזעסן אין טורמע. איך ווייס ניט פאַר וועלכע זינד? נאָר ניט פאַר פּאָליטישע, — אין דעם בין איך איבערצייגט. מיר זיינען געשלאָפן אין איין צימער נאָר ניט חס־וחלילה אין איין בעט... מיין ליבע צו ציליען איז געווען אַ מער פּלאַטאָנישע. מיט דעם מיינט ניט, אַז איך האָב צו איר געפילט אַ ריין פּלאַטאָנישן געפיל. איך האָב אין ציליען געזען אַ פרוי מיט אַ גרויסן טעמפּעראַמענט. נאָר יעדעס מאָל אין אונדזערע נאָענטע באַציונגען פלעג איך זיך באַהערשן... איך האָב באַשלאָסן, אַז געשלעכטלעכע באַציונגען קאָנען צווישן אונדז זיין ווען מיר וועלן ווערן אָפיציעל מאַן און ווייב... אָט אין דעם איז געווען מיין טעות!... אויף מאָרגן אינדערפרי, ווען מיר זיינען אויפגעשטאַנען פון שלאָף, איז ציליע געווען אין אַ שלעכטער שטימונג. עס האָט זיך געפילט, ווי זי זאָל זיין באַליידיקט אויף מיר?... אָפּגעפרישטיקט, מיר זיינען אַרויס אין גאַס, האָט זיך פאַר אונדזערע אויגן אַנטפּלעקט אַן אַפיש: אַ יידישע טרופּע אונטער דער אָנפירונג פון מ. רובין און מ. ליכטענשטיין. עס גייט אַ פּיעסע פון יעקב גאָרדין „די אמתע קראַפט" און גלייך נאָך דעם ווי מיר האָבן איבערגעלייענט דעם אַפיש, באַגעגענען מיר ליכטענשטיינען. פאַר דער צייט האָט זיך זאַסלאַווסקי צעקריגט מיט ליכטענשטיינען און ער האָט זיך פאַראייניקט מיט מ. רובינען. אויך זייער אַ טאַלאַנטירטן אַקטיאָר. זיי שפּילן אַ גוטן רעפּערטואַר. „זשאַן און מאַדלענאַ" פון אָקטאַוו מירבאַ, „אוריאל אַקאָסטאַ", „די יורשים" (שלום אש). דערזעענדיק מיך האָט זיך ליכטענשטיין דערפרייט און האָט מיר גלייך פאָרגעלייגט צו אַרבעטן אין דער טרופּע. און ציליע האָט מיך אויך צוגערעדט דערוייל צו בלייבן עס איז ניט וויט פון סנאָווסק און זי האָפט, אַז אינגיכן וועט זי קומען אַהער און דאָן וועלן מיר ביידע פאָרן קיין מאָסקווע זיך לערנען. און איך נעם אָן ליכטענשטיינס פאָרשלאָג. ציליע איז אָפּגעפאָרן קיין סנאָווסק און איך הויב אָן צו אַרבעטן אין דער טרופּע. מיר

האָבן געשפּילט אין אַ שיינער טעאַטער־געביידע א.ג. פון קאַלינין. די רעגירונג האָט געשטיצט דעם טעאַטער, נאָר דאָס איז נאָך ניט געווען קיין מלוכה־טעאַטער. אין דער טרופּע זיינען געווען אַ ריי קולטורעלע, פּעאיקע אַקטיאָרן: סאָניע איידעלמאַן, קלעבאַנאָוו און זיין פרוי ניאַניע קלעבאַנאָוואַ, קאַמינסקי, הערצאַג און אַנדערע. איך האָב גלייך באַקומען גוטע ד.ה. אַנפירנדיקע ראָלן — פאַן כראַביאַ אין די „יורשים", אוריאל מזיק אין „גאָט, מענטש און טייוול", ראָבערט אין „זשאַן און מאַדעלען." אין אַ שיינעם טאָג באַקום איך אַ טעלעגראַמע פון צילען אַז זי פאָרט אַרויס. איך גיי זי באַגעגענען מיט אַ שטאַרקן קלעם אינעם האַרצן. און אָט! צילע איז געקומען.

פאַרפאָרן אויף מיין קוואַרטיר, וועלכע איך האָב דאָ געדונגען פאַר אונדז ביידן. איך בין געווען אויפן זיבעטן הימל. זי פלעגט שטענדיק זיצן אין לאָזשע, ווען איך פלעג שפּילן אויף דער בינע. איינמאָל האָב איך כמעט ווי פאַרשפּעטיקט אויף אַ פאָרשטעלונג איבער איר. זי פלעגט זייער פיל צייט פטרן אויף איר טואַלעט... ליכטענשטיין, האָט דאַן גענומען מיין אַדרעס, — ווייל טאָמער וועט איר פאַרשפּעטיקן, זאָלן מיר כאָטש וויסן וווּ איר געפינט זיך... — האָט ער געזאָגט. זי איז אָפּגעוועזן צוזאַמען מיט מיר צוויי וואָכן. דערנאָך איז זי אָפּגעפאָרן אין סנאָווסק, פאַרנעמען אירע איבעריקע זאַכן. אין עטלעכע טעג נאָך דעם, גיי איך איינמאָל אין גאַס און הער עמיצער רופט מיך ביים נאָמען. איך טו אַ קוק — אויף אַ דאָ־ראָזשקע זיצט ציליעס קוזין יעקב. ער פאָרט פון טורמע, ערשט באַפרייט זיך. „איר זיינט דאָ אין האָמעל?" — פרעגט ער מיך. — יאָ, — ענטפער איך אים, — איך שפּיל אין דער יידישער טרופּע. — פאַרוואָס האָט ציליע מיר נישט געזאָגט ווען זי איז געווען ביי מיר אין טורמע אַז איר זענט אין האָמעל? — פרעגט ער מיך. זאָג איך: — איך ווייס נישט. „אויב איר האָט היינט אין אָונט צייט, קומט אַריין צו מיר. איך האָב מיט אייך צו רעדן וועגן זייער אַ וויכטיקן ענין". איך בין אין דעם אָונט גראַדע געווען פריי, בין איך געקומען צו אים. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשפּרעך זייער ניט קיין אָנגענעמער, ווען ער איז צו מיר צוגעשטאַנען מיט דער פראַגע: פאַרוואָס האָט אים ציליע ניט געזאָגט, וועגן מיין אָנוועזנהייט אין האָמעל? האָב איך אים געזאָגט: אפשר האָט זי אייך נישט געוואָלט פאַרשאַפן קיין שמערצן. ווייל ווי איך ווייס פון אירע רייד, זענט איר פאַרליבט אין איר און איר זענט געוויס איפערזיכטיק וואָס זי ליבט אַן

אַנדערן ?... דאָ איז ער פשוט אויפגעשפּרונגען פון אָרט. „איך בין פאַר־ליבט אין איר?" — האָט ער אויסגעשריען און ווייזט מיר אַ פּעקל בריוו פון איר צו אים, פול מיט ליבע־דערקלערונגען... „איז ווער, נאָך אייער מיינונג איז חנה? מיט וועלכער איר האָט זיך באַקענט, ווען איר זענט געווען אין האָמעל?" — פרעגט ער מיך. זאָג איך, אַז ציליע האָט מיר געזאָגט, אַז איר האָט נאָר מיט איר געשלעכטלעכע באַציונגען, נאָר איר ליבט זי נישט... ווערט ער נאָך מער אויפגערעגט. איז אַטוואָס, זאָגט ער מיר: חנה איז מיין כלה, זי איז אָפּגעפאָרן קיין קיעוו פאַרענדיקן איר בילדונג, נאָכדעם וועלן מיר הייראַטן, נאָר געשלעכטלעכע באַציונגען האָב איך מיט ציליען. איך קאָן דאָס באַשטעטיקן אין איר קעגנוואַרט. איך בין אַוועק פון אים אין אַ טרויעריקער שטימונג. הייסט עס, אַז איך ליב אַן אויסגעלאַסענע פרוי? אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן און אָנגעהויבן טראַכטן פון אַוועקפאָרן. וווהין? ווייס איך אַליין ניט. אויף מאָרגן קומט צו מיר יעקב און דערציילט מיר, אַז ער האָט טעלעגראַפירט ציליען. אַזוי ווי ער איז באַפרייט און זי דאַרף ברענגען אייניקע זאַכן וואָס זי האָט מיטגענומען ווען זי איז געווען דאָ מיט איר פאָטער, און אַז איך בין אָפּגעפאָרן קיין מאָסקווע. בלייבט נאָך אויף אַ פּאָר טעג און איך וועל אייך באַשטעטיקן אין איר געזעלשאַפט. איך האָב באַשלאָסן צו בלייבן. איך בין נייגעריק געווען ווי אַזוי זי וועט זיך האַלטן. מילא, וועגן מיין צושטאַנד, איז בעסער ניט צו דערמאָנען. אין אַ טאָג אַרום קומט ער צו מיר און זאָגט: ציליע איז געקומען. קומט אין אָוונט. אין אָוונט קום איך צו אים אין צימער— ציליע זיצט אויף זיין געלעגער, ער ביים טישל, איך צווישן זיי ביים פענצטער. דאָס איז געווען די מיזאַנסצענע. ווענדע איך זיך צו יעקבן ניט קוקנדיק און ניט באַגריסנדיק זיך צו ציליען: „איז דאָס אמת, איר האָט מיט ציליען געהאַט נאָענטע באַציונגען?" ענטפערט ער: „יאָ", אָט דאָ אין דעם צימער". ווערט אַ ניט באַקוועמע שטילקייט נאָך וועלכער ציליע זאָגט צו מיר: „נו, רעדט, איר האָט דאָך געוואָלט עפּעס זאָגן?" זאָג איך צו איר: „וואָס זאָל איך אייך זאָגן? זאָגן אַז איר זענט אַ פּראָסטיטוטקע, וועט עס זיין צו שוואַך ווייל אַ פּראָסטיטוטקע טוט עס פאַר געלט און ווער ווייסט, אפשר צווינגט דאָס זי די נויט? נאָר איר, דערקלערט זיך איינצייטיק אין ליבע צוויי מענער און שרייבט אַזעלכע בריוו פול מיט פּאָעזיע? צו וואָס האָט איר עס געטאָן? איך צערייס פון היינטיקן טאָג אַלע מיינע באַציונגען מיט

איך. און וועגן אַט דער פאַרגאַנגענהייט, ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט מיט אייך וועל איך שטענדיק דערמאָנען מיט עקל צו אייך!...״ —

„און איך,״ — זאָגט ציליע, — „וועל פאַרהיטן וועגן אייך מיינע בעסטע דערינערונגען. און אַט וועגן די מינוטן, ווען איר האָט מיך אַזוי אכזריותדיק באַליידיקט וועל איך זיך באַמיען צו פאַרגעסן!...״

איך בין אַוועק צו זיך און אַ גאַנצע נאַכט געוויינט ווי אַ קליין קינד. פאַרוואָס קומט עס מיר? איך האָב דאָך געהאַט צו איר אַזאַ זויבערן אויפריכטיקן געפיל?... נאָר גיי שריי חי וקיים! עס איז אַזאַ פאַלשע וועלט און איך בין אַזוי ניט צוגעפּאַסט צו איר...

אויף מאָרגן קומט ווידער צו מיר יעקב און בעט מיך ווידער קומען. ציליע פאָרט אַוועק היינט, און זי וויל אייך זען. איך האָב זיך לאַנג געוואַקלט נאָר איך בין אוועק צו איר. אַלץ איינס, איז דער געפיל מיינער געבליבן צו איר. על האָט מיך געצויגן צו איר ווי מיט אַ מאַגנעט.

איך האָב זי שוין געטראָפן אין אַ טרויעריקער שטימונג. זי איז געזעסן מיט פאַרוויינטע אויגן און איך האָב צו איר אַ גרויס רחמנות. מיר האָט זיך אַזוי געוואָלט צוגיין צו איר, אַרומנעמען און קושן, אויס־ווישן אירע טרערן און טרייסטן זי. איך האָב פאַרשטאַנען נאָך איר אויס־זען, אַז זי איז שטאַרק פאַרצווייפלט. און יעקב ווענדעט זיך צו מיר:

„איצט,״ — זאָגט ער, — ״וועל איך אייך זאָגן דעם אמת. דאָס וואָס איך האָב נעכטן געזאָגט איז ניט אמת. איך האָב פשוט געוואָלט באַשטראָפן ציליען דערפאַר, וואָס זי האָט באַליידיקט חנהן, מיין כלה. און אויב איר האָט ווירקלעך ליב ציליען דאַרפט איר דאָס ניט נעמען אין אַכט.״

איצט האָט ער שוין ביי מיר אַרויסגערופן אַ געפיל פון עקל!... יאָ, — זאָג איך, — פון וואַנען זאָל איך איצט וויסן ווען איר האָט געזאָגט אַ ליגן? צי נעכטן, צי היינט?... איבריקנס, — זאָג איך, — לאָמיר וועגן דעם ניט רעדן. איך וואָלט זייער געוואָלט, אַז ס׳זאָל זיין אַ ליגן דאָס וואָס איר האָט נעכטן געזאָגט. ציליען האָב איך שטאַרק ליב!... דאָ האָט זי זיך שטאַרק צעוויינט. — נאָר עפּעס איז פאָרגעקומען נאָכן נעכטיקן אָוונט, וואָס עס פּייניקט מיך. לאָמיר עס לאָזן אַזוי ווי עס איז. די צוקונפט וועט אַליין אונטערזאָגן, וואָס איך וועל ווייטער באַשליסן. לאָמיר זיך געזעגענען מיט ציליען ווי פריינט. קיין שלעכטס ווינטש איך איר ניט. איך אַנטשולדיק זיך פאַר מיינע נעכטיקע שאַרפע רייד!...

״אַ ניין! — זאָגט זי צו מיר — איך קאָן מען אין גאָרניט באַשולדיקן״

און טוט אַ בייזן קוק אויף איר קוזין. מיר באַגלייטן זי צום באַן. זי איז אָפּגעפּאָרן און צוגענומען ביי מיר מיין רו. איך קאָן גאָרניט טאָן. איך זאָג זיך אָפּ צו אַרבעטן אין דער טרופּע און איך פֿאָר אין סנאָווסק. נאָך לאַנגע, לאַנגע יאושדיקע געדאַנקען באַשליס איך צערייסן מיינע באַציונגען מיט ציליען. אויף מיר אין דעם זינען האָט געווירקט איר חברטע, מעטא לוריע. איך שרייב איר אָן אַ צעטל ווו איך בעט מיר צושיקן מיינע בריוו צו איר און שיק איר אָפּ אירע בריוו. האָט זי מיר אויך שריפטלעך געענטפערט, אַז זי איז מסכים, מיר אָפּגעבן מיינע בריוו, נאָר פריער וויל זי זיך מיט מיר באַגעגענען.

אין אָוונט האָב איך זיך מיט איר געטראָפן. עס איז געווען אַ ליכטיקער, נאָר קאַלטער, פּראָסטיקער אָוונט. נאָר ווייזט אויס, אַז מיר האָבן די קעלט ניט געפילט. ווייל אונדזער געשפּרעך האָט געדויערט העכער דריי שעה. זי האָט מיר געוואָלט דערווייזן אַז די בריוו צו יעקבן האָבן קיין שום ווערט ניט. „איר קענט ניט די פּרויען, — זאָגט זי צו מיר. מיר פּרויען ווילן אַז אַלע מענער זאָלן זיין פאַרליבט אין אונדז. ער איז אַמאָל געווען ווירקלעך פאַרליבט אין מיר. מיר זענען מיט אים געוואַקסן צוזאַמען נאָך אין די קינדער יאָרן. און פּלוצים, האָט ער זיך פאַרליבט אין חנהן. האָב איך אים געוואָלט אָפּשלאָגן פון איר. דאָס איז געווען אַזאַ שטיפעריי נאָר ליב האָב איך אייך. און אַלס באַווייז: קאָן איך היינט אָפּפאָרן מיט אייך צוזאַמען, וווהין איר ווילט. קאָן דאָס זיין, אַז איר גלויבט אַז איך קאָן זיך פאַרליבן אין אַזאַ פּוסטן בחור ווי יעקב?... איר דערנידעריקט זיך אַליין. איר זענט אינטערע־סאַנט, פול מיט אינהאַלט, אָנגעזאָפּט מיט אידייען. אייער שטרעבונג צו קונסט צו אמתדיקער קונסט דאָס אימפּאָנירט מיך זייער. נאָך דעם ווי ער האָט געהאַנדלט, קאָנט איר זיך פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ מענטש ער איז. אפילו, ווען איך זאָל געווען געהערן געשלעכטלעך צו אים, וואָס דאָס איז אוממעגלעך, איז וואָס פאַר אַ מאָן, קאָן וועגן דעם אַזוי רעדן?... איך גיב אייך מיין וואָרט, אַז אחוץ אייך, ווערט קיינער פאַר מיר ניט עקזיסטירן. איך האָב באַקומען אַ גוטע שטראָף, פאַר מיין לייכטזיניקייט...

איך האָב געפילט, אַז אָפּרייסן זיך פון ציליען איז פאַר מיר אומ־מעגלעך. אויב איך פאַרלאָז זי איצטער, פאַרליר איך מיין גאַנץ לעבן. אָן איר האָט מיין עקזיסטענץ קיין זין ניט... און איך זאָג איר: „מיט

מיין גאַנצן וועזן בין איך צוגעבונדן צו אייך. עס וועט מיר זייער שווער זיין אויב איך וועל זיך היינט מיט אייך צעשיידן. איך ליב אייך מיטן גאַנצן האַרצן. נאָר איך האָב אייך אויפגעהערט צו אַכטן. איר זייט געווען פאַר מיר אַ היילִיקייט, אַ געטין, און וועלכער איך האָב געגלויבט. אַזוי ווי אַלע גלויביקע גלויבן אין גאָט. און אָט איז די געטין פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין... איך האָב ניט געוואָלט אַרויסזאָגן דאָס וואָרט, וועלכעס איז מיר געלעגן אויפן צונג... אין אַן אויסגעלאַסענער פרוי!... אייך וועט זיין זייער שווער מיט מיר... לאָמיר זיך צעשיידן אויף אַ יאָר צייט. אויב עס וועט אונדז אַנהויבן ציען איינעם צום צווייטן, וועלן מיר זיך ווידער באַגעגענען און מיט דער צייט, וועלן מיר פאַרגעסן אַלדאָס שלעכטס, וואָס ס'איז צווישן אונדז פאָרגעקומען פאַר דער לעצטער צייט". פילנדיק, אַז איך צעשייד זיך מיט דאָס טייערסטע און ליבסטע אין מיין לעבן, האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט, לאַנג זיך געקושט און בין אַוועק פון איר. זיך אַוועקגעזעצט אין אַ וואַגאָן, וועלכער האָט מיך געפירט אין ערגעץ ניט — זיצנדיק אין וואַגאָן, האָב איך געמאַכט אַן איבערבליק איבער די לעצטע יאָרן. אַלע איבערלעבונגען — פאַרוואָס בין איך אַזוי פאַרליבט אין צילִיען?... איך האָב דאָך באַגעגנט אַ סך שענערע מיידלעך ווי צילִיע. איך האָב זיך דערמאָנט אַן עפּיזאָד, וואָס איז פאָרגעקומען אין באָברויסק, ווען איך האָב געאַרבעט מיט זאַסלאַווסקין. עס איז געגאַנגען פראַנץ מאָלנאַרס אַ קאָמעדיע, „דער טייוול". זאַסלאַווסקי האָט געשפילט „דעם טייוול" און איך האָב גע־שפּילט אַ יונגן קינסטלער, אַ מאָלער. נאָכן צווייטן אַקט, גיט מען מיר אַ קליין בריוועלע, ווו אַ געוויסע פרוי, אַ מיידל צי אַ פאַרהייראַטע רופט מיך אַרויס אויף אַ באַגעגעניש הינטער דער שטאָט ביי דער אַלטער פעסטונג וואָס איז געבליבן פון פאַרצייטן נעבן באָברויסק, מיטן ציל, צו באַקענען זיך מיט מיר...

נאָך דער פאָרשטעלונג זאָגט מיר זאַסלאַווסקי: אָט איר שפּילט אַ יונגן, עלעגאַנטן יונגנמאַן און איך שפּיל אַ העסלעכן טייוול. און ווער באַקומט בריוולעך פון פרויען, איינלאַדונגען אויף אַ ראַנדעווו? ער ווייזט מיר אַ בריוועלע ענלעך צו מיינעם. נעם איך אַרויס מיין בריוועלע און ווייז אים. לאָמיר, — זאָגט ער, — אַ קוק טאָן: אפשר איז דאָס די זעלבע דאַמע? ניין, עס זיינען פאַרשידענע האַנטשריפטן און אין פאַרשיידענע ערטער, — די צייט כמעט די זעלבע. און זאַסלאַווסקי

פאַלט איין ווי שטענדיק אַ שטיפערישער פּלאַן, איך זאָל גיין צו זיין דאַמע און ער צו מיינער און דערנאָך זאָלן מיר זיך טרעפן אַלע צוזאַמען. איך טו אָן זיין מאַנטל מיט זיינע פּענסנע מיט זיין הוט, ער מיינע. מיר זענען געווען כמעט די זעלבע וווקס, ער אַביסל העכער. און אויף מאָרגן באַגעגן איך אַ פרוי, אַלט אומגעפער אַ יאָר 22—23. איך רעד אין זיך, בכדי זי זאָל נאָך דער שטימע ניט דערקענען, אַז דאָס איז ניט זאַסלאַווסקי נאָר זי זינגט זאַסלאַווסקין לויב־געזאַנגען. מיך האָט שוין דאָס אַביסל דערעסן, פרעג איך זי: נו, ווי געפעלט אייך אָט דער אַקטיאָר וואָס האָט געשפּילט דעם מאַלער? קוקט זי אויף מיר אַביסל מיט חשד, און זאָגט: יאָ, אַ שיינער בחור, שפּילט ניט שלעכט, נאָר צו זאַסלאַווסקין קומט ער ניט... אויב אַזוי, זאָג איך איר, איז קומט, וועל איך אייך באַקענען מיט זאַסלאַווסקין, — און טו אויס דעם הוט, מיט די פּענסנע, און זי דערזעט, אַז דאָס איז ניט זאַסלאַווסקי, בלייבט זי אין אַ פאַרלעגנהייט. דערצייל איך איר דעם וויץ, מיט די בריוועלעך. צעלאַכט זי זיך: נאָר אַקטיאָרן, זאָגט זי, זיינען פעיק אויף אַזעלכע שפּיצלעך... און מיר באַגעגענען זיך מיט זאַסלאַווסקין און מיט מיין דאַמע, וועלכע איז געווען אַ סך שענער און יינגער פון זאַסלאַווסקיס דאַמע, און מיר פאַרברענגען צוזאַמען אַן אָוונט. אין דעם טאָג איז קיין פאַרשטעלונג ניט געווען. און איך טראַכט: אָט דאָס מיידל, וועלכע האָט מיר געשריבן וואָלט אפשר געווען אַ סך בעסער, און שענער פון ציליען איז זי געווען לפי ערך... איז פאַרוואָס, דער טייוול זאָל עס נעמען, ציט מיך נאָר צו ציליען?...

אין דרויסן איז געווען אַ שטאַרקער ווינט. עס שיט אַ שניי און עס ווערט, קאָן מען זאָגן, אַ שטורעם. דער צוג בלייבט שטיין אויף אַ קליינער סטאַנציע און פאָרט ניט ווייטער. אין וואַגאָן ווערט שטאַרק קאַלט. איך גיי אַריין אין וואָקזאַל. אַ קליינע פאַרלאָזטע געביידע ווו עס איז נאָך קילער ווי אין וואַגאָן. דער וועכטער פון דער סטאַנציע לייגט מיר פאָר אַריין צו אים אין קוואַרטיר זיך אָנוואַרעמען. זיצנדיק ווער איך אַנטשלאָפן אויף אַ באַנק. עס חלומען זיך מיר אויסטערלישע חלומות. איך זע אין נעפּל ציליען אין ווייסן קלייד צווישן די סאָסנע בוימער באַלויכטן מיט עפּעס אַ שטראַל פון טעאַטראַלן פּראָזשעקטאָר. און פלוצים הער איך אַ געוויין פון אַ קינד. איך כאַפּ זיך אויף. די זון שיינט אינדרויסן, דער וועטער האָט זיך איינגעשטעלט. איך דערוויס זיך,

אַז מיר שטייען אויף דער סטאַנציע מאַקאָווע. דערמאָן איך זיך אַז דאָ ניט ווייט ליגט אַ שטאָט גלוכאָוו, וווּ עס וווינט מיינע אַ מומע, די מומע חיה, און איר טאָכטער, מיין קוזינע חנה, מיט וועלכער איך האָב זיך באַקענט אין פּאָלטאַווע. נאָר ווי אַזוי קומט מען אין דער שטאָט אַז אַהין גייט ניט קיין באַן? בין איך זיך מישב און איך רוף אַרויס צום טעלעפאָן מיין קוזינע, און איר ברודער קומט צופאָרן מיט אַן אייגענעם פערד און וואָגן, ד.ה. מיט אַ שליטן און ער זעצט מיך אַוועק אין שליטן און דעקט מיר צו די פיס מיט עפּעס אַ פעלץ און מיר קומען בשלום קיין גלוכאָוו. מען נעמט מיך אויף זייער וואַרעם. דער מאַן פון מיין מומע איז אַ קצב, אַ פאַרמעגלעכער ייד: אַן אייגן הויז מיט אַ גאָרטן וווּ עס וואַקסן עפּל, באַרן.

לאָזט זיך אויס, אַז איך בין פּונקט אָנגעקומען צו דער צייט. זיי האָבן דאָ אַ דראַמקרייז אין וועלכן עס באַטייליקט זיך מיין קוזינע חנה מוראַש־קאָווסקאַיאַ און זיי זוכן אַ רעזשיסאָר, אַן אָנפירער מיטן קרייז. און איך הויב אָן אַרבעטן מיטן דראַמקרייז. דער דראַמקרייז האָט פאַרמאָגט עטלעכע פעיקע ליבהאָבער פון דראַמאַטישער קונסט. סאָניאַ אָרלאָווסקאַיאַ שפּילט יונגע ראָלן, מיין קוזינע כאַראַקטער־ראָלן. איך הויב אָן מיט זיי אַרבעטן אויף דעם זעלבן רעפּערטואַר וואָס איך האָב געשפּילט מיט זאַסלאַווסקין. „שמע ישראל"... „דער גערדאַנק", „טרילבי" — נאָר איך אַליין שפּיל שוין ניט די ראָלן וואָס איך האָב געשפּילט ביי זאַסלאַווסקין נאָר זאַסלאַווסקיס ראָלן. קערזשענצעוו אין „דעם גערדאַנק", סווענגאַלי אין „טרילבי". מיר האָבן גרויסע הכנסות. דער קרייז איז שוין אַ האַלב־פּראָפעסיאָנעלער. די אָנטיילנעמער באַקומען באַצאָלט פאַר יעדע פאָרשטעלונג. איך האָב אָבער נאָך ניט פאַרגעסן ציליען, נאָר ווען איך אַרבעט טראַכט איך ניט פון איר. ווי איך בלייב נאָר אַליין, הויבט זיך אָן עפּעס אַ שטאַרקע בענקשאַפט... און איך בין גרייט אַוועקצוואַרפן אַלץ און פאָרן צוריק אין סנאָווסק... איך זוך עפּעס אַן אָביעקט, איך זאָל זי קאָנען פאַרגעסן, עמיצן, וועלכער זאָל מיר קאָנען זי פאַרבייטן. און איך האָב באַמערקט: אַז סאָניאַ אָרלאָווסקאַיאַ, די „גערלאַיניע" פון דער טרופּע איז ניט גלייכגילטיק צו מיר... האָב איך אָנגעהויבן אָפטער זיך באַגעגענען מיט איר. אירע אייגענע אַ שוועסטער מיט אַ ברודער וועלכע שפּילן אויך אין קרייז, זיינען זייער צופרידן פון אָט אַזאַ ראָמאַן... נאָר זי האָט אַ חתן, וועלכער שפּילט אויך

אין דראַמקרייז. ער איז ניט געפעלן איר משפּחה. ער איז אַ פּראָסטער „חי וקיים" נאָר אַ ווילער בחור. און עס הויבט זיך אָן אַ טראַגעדיע און איך מוז פון דאַנען אויך אַרויספאָרן. פאַר מיר איז עס געווען נאָר אַ פּלירט אויף צו פאַרגעסן ציליען. און אַביסל האָט עס מיך געטרייסט, נאָר איך בין געווען זייער ווייט פון צעשלאָגן זייער שידוך. און דאָ באַקום איך אַ בריוו פון גוזיקן, — ער לאַדט מיך איין צו זיך אין זיין טרופּע. ער האָט באַקומען אַ דערלויבעניש צו שפּילן מיט אַ תנאי: ער זאָל שטעלן דריי מאָל אין דער וואָך ערנסטע פּיעסן, דראַמעס, קאָמעדיעס און דריי מאָל אין דער וואָך אָפּערעטן. ענטפער איך אים, אַז איך האָב מורא מיר זאָלן זיך חלילה נישט קריגן, ווייל אונדזערע איבערצייגונגען איבער קונסט זיינען פאַרשידענע. שרייבט ער מיר אַז פאַרקערט, נאָר ווייל איך האָב זאַסלאַווסקיס רעפּערטואַר, לאַדט ער מיך איין. איך וועל זיין דער רעזשיסאָר פון דער דראַמע און אליין שפּילן די הויפּט־ראָלן.. אַלס רעזשיסאָר אויף אָפּערעטן אַרבעט ביי אים אַן אַרטיסט לאַנדסמאַן. האָב איך אים אָנגעשריבן, אַז איך פאַרדין דאָ מיליאַרדן און אויב איך וועל איך ביי אים אויך קאָנען פאַרדינען מיליאַרדן, וועל איך קומען. גיט ער מיר אַ טעלעגראַמע: „מיליאַרדער פאָרט אַרויס". איך פאָר אָפּ אין ראָמני צו גוזיקן אין דער טרופּע.

גוזיקיאדע און מיין קאמף קעגן שונד

אין ראָמני האָב איך געטראָפן גוזיקס טרופע אין פולן באַשטאַנד. גוזיק, זיין פרוי פריילעך, ליאַליע גוזיק, ביבאַ גוזיק און אַניאַ גוזיק — אַלע זיינע טעכטער, — די לעצטע נאָך אַ גאָר יונגע, 16—17 יאָר אַלט, אַ יונגער אַקטיאָר אַן אָנפאַנגער דער צוקונפטיקער מאַן פון אַניאַ

בראודא אין דער ראָל פון לואיס קאַרשונסקי אין דער פיעסע „דער אומבאַקאַנטער" פון גאָרדין — ראָמני, יאָר 1922.

גוזיק — גאָלדבערג, באַסין, לאַנדסמאַן און זיין פרוי און אנד. די ערשטע פּיעסע, וועלכע איך האָב אויפגעפירט אין דער טרופּע, איז געווען „דאָס גרויסע געווינס" פון שלום עליכם. אַליין געשפּילט שימעלע סאָראָקער. י. גאָרדינס „דער אומבאַקאַנטער", „גאָט מענטש און טייוול". אין דער ערשטער האָב איך געשפּילט לואיס קאָרשונסקי און אין דער צווייטער אוריאל מזיק. „די פּוסטע קרעטשמע" פון פּרץ הירשביין, „אַ שנירל פּערל" פון שלום אַש. אין „דער פּוסטער קרעטשמע" האָב איך געשפּילט די ראָל פון איציק. „טרילבי" אין דער ראָל פון סווענגאַלי. „דער געדאַנק" פון לעאָניד אַנדרעיעוו אין דער ראָל פון קערזשענצאָוו; „די זיבצניעריקע" פון מאַקס דרייער. אַלץ וואָלט געווען גוט, ווען ס'וואָלט ניט געקומען צו דעם, אַז איך האָב זיך געמוזט באַ־טייליקן עטלעכע מאָל אין די שונד־אָפּערעטן. ליאַליע גוזיק, זייער אַ טאַלאַנטפולע אַרטיסטין, סיי אין דער אָפּערעטע און סיי אין דער דראַמע, איז געקומען צו מיר מיט אַ ביטע אָנטייל צו נעמען אין דער פאָרשטעלונג, וועלכע איז באַשטימט אויף איר בענעפיס „די אַמעריקאַנערין". „איך שפּיל דאָך אין אַלע אייערע ספּעקטאַקלען, — האָט זי מיר געזאָגט, — בעט איך אייך מאַכן אַן אויסנאַם, נאָר צוליב מיר". איך האָב איר ניט געקאָנט אָפּזאָגן ווייל איך האָב זיך באַצויגן צו איר מיט אַכטונג. זי איז געווען אַ גוטע, טאַלאַנטפולע אַרטיסטין. געהאַט פיל שאַרם. אין „די טעג פון אונדזער לעבן" פון לעאָניד אַנדרעיעוו האָט זי אויסגעצייכנט אויסגעפירט די ראָל „אָל־אָל". אויך אין „טרילבי" האָט זי גראַציעז אויסגעזען און געשפּילט מיט גרויס מייסטערשאַפט און אין אַנד. נאָך אין דער ראָל פון איזידאָר אין „דער אַמעריקאַנערין" האָב איך זיך געפילט, פּונקט ווי מען זאָל מיר אָנטאָן אַ פרעמדן אָנצוג. איך האָב פּשוט איבערגעלעבט חיבוט־הקבר...

וויפל איך האָב זיך ניט באַמיט משפּיע צו זיין אויף די אַקטיאָרן, ווען זיי האָבן באַדאַרפט אויסקלייבן אַ פּיעסע צו זייערע בענעפיסן, שטעלן ערנסטע פּיעסן, מיט אַן אינהאַלט, האָט עס ניט געהאָלפן. איבער די בענעפיסן, האָט זיך שוין באַקומען אַז דראַמען ווערן שוין אויס־געפירט נאָר צוויי מאָל און אפילו איין מאָל אין דער וואָך. דאָס איז שוין געווען קעגן מיין אָפּמאַך מיט גוזיקן. און איך האָב אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן שונד. נאָר דאָס האָט ניט געהאָלפן. די מערהייט אין דער טרופּע איז געווען פאַר אָפּערעטן.

איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט, קומט צו מיר גוזיק מיט אַ דעלעגאַציע פון דער טרופּע: איך מוז גיין שפּילן דעם הערצאָג אין „כינקע פינקע״. עס איז קראַנק געוואָרן דער אַקטיאָר, וואָס דאַרף אויספירן די ראָל. דער טעאַטער איז היינט פול געפּאַקט. איך טענה: אַז איך קען דאָך ניט די ראָל, איך האָב אין מיין לעבן קיינמאָל ניט געשפּילט אין דער פּיעסע. נאָר גוזיק זאָגט, אַז די טרופּע האָט אַ גוטן סופליאָר. איר זענט דאָך אַ דערפאַרענער אַקטיאָר? מיט איין וואָרט, איך האָב געמוזט גיין שפּילן דעם הערצאָג. אָנגעטאָן אַ פראַק, אַ צילינדער, כ׳בין אַרויס אויף דער בינע, דער סופליאָר דערלאַנגט מיר דייטשמערישן טעקסט, איך קאָן עס אין מויל ניט נעמען... די סיטואַציע איז אַזאַ: איך דאַרף פאַלן אויף די קני און דערקלערן זיך, דעם יידישן מיידל דינה אין ליבע, פאַלט מיר איין אַ געדאַנק: איך דערמאָן זיך אַ מאָנאָלאָג פון דעם פּרינץ לעאָפּאָלד אין דער פּיעסע „די יידין״ וועלכע איך האָב אַמאָל געשפּילט. איך רעד אָפּ דעם גאַנצן מאָנאָלאָג פונעם פּרינץ אויס־ווייניק. דער סופליאָר איז אַנטשוויגן געוואָרן און איך אָנשטאָט צו זאָגן: „רחל, איך האָב דיך ליב״, זאָג איך „דינה, איך האָב דיך ליב, איך בין גרייט פאַר דיר האַס און קללות איבערצוטראָגן...״ דער עולם אַפּלאָדירט. אַז איך גיי אַרויס פון דער בינע, זאָגט צו מיר גוזיק: „גראַנדאַוניק, איר קענט דאָך די ראָלע אויסווייניק?... זאָג איך אים: דאָס איז דאָך פון אַן אַנדערע פּיעסע. ענטפערט ער מיר, שוין אין רוסיש: „קאַקאַיאַ ראַזניצאַ״ (וואָס איז די נפקה מינה).

נאָך דעם צופאַל מיט דער פאָרשטעלונג, האָב איך באַשלאָסן זיך צעשיידן מיט גוזיקן. נאָר פּונקט איז צוגעקומען לויט דער ריי מיין בענעפיס. קלייב איך אויס די פּיעסע „דער געדאַנק״, וואָס האָט אַרויס־גערופן אַ געלעכטער ביים גאַנצן קאָלעקטיוו. ווער וועט קומען אויף אַזאַ פאָרשטעלונג? די פּיעסע האָט מען שוין דאָ פיל מאָל געשפּילט. כאַרלאַ־מאָוו, דער בעסטער אויספירער פון דער ראָל קערזשענצעוו האָט די פּיעסע געשפּילט אין רוסיש. זאַסלאַווסקי, רובין, האָבן זי געשפּילט אין יידיש. און איצט גיי איך נאָך אָט די אַלע גרויסע אַקטיאָרן עס שפּילן אין מיין בענעפיס? עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ דיסקוסיע און אין דעם קומט אָן גוזיק. — וועגן וואָס דיסקוטירט איר דאָ? — פרעגט ער. זאָג איך אים: איך האַלט, אַז אין טאָג פון בענעפיס פון אַן אַקטיאָר, דאַרף ער ווייזן די בעסטע ראָל פון זיין רעפּערטואַר און ניט טראַכטן

וואָס פאַר אַ „סבאַר" די פּיעסע וועט מאַכן. און זאָג אים, אַז איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף „דער געדאַנק". זאָגט גוזיק: זייער ריכטיק האָט איר געטאָן. איך פאַרזיכער אייך, אַז עס וועט זיין אַן „אָנשלאָג". און אויב גוזיק זאָגט צו, מעג מען אים גלויבן. אַן אַדמיניסטראַטאָר איז ער געווען אַן ערשט־קלאַסיקער. און גוזיק האָט זיך דערשלאָגן אַן „אָנשלאָג", מען קאָן זאָגן, נאָך מער פון אַן „אָנשלאָג". ער האָט אַריינ־געזעצט מענטשן אין גרוב, ווו עס האָט באַדאַרפט זיצן דער אָר־קעסטער. ער האָט צעשיקט איינלאַדונגען אין שטאָט. אַרויסגעלאָזט גרויסע פּלאַקאַטן, מיט אַן אויפשריפט: „דער בענעפיס פונעם פּרעמיער און רעזשיסאָר פון דער טרופּע. ער האָט אָרגאַניזירט מען זאָל מיר צוטראָגן מתנות און בלומען. נאָכן צווייטן אַקט איז ער אַרויף אויף דער בינע און האָט מיך וואַרעם באַגריסט. דאָס וואָלט געווען גוט ווען ער וואָלט ניט געהאַלטן קיין פּאַטעטיש רעדע און דערצו מיט איבערגע־טריבענע לויב־געזאַנגען. און אַ בלאַף האָט ער דערציילט, אַז ווען איך בין אויפגעטראָטן אין רומעניע (איך בין דאָרט קיינמאָל ניט געווען) האָט מיך באַגריסט מיט בלומען די קעניגין קאַרמען סילוואַ. אין ניו־יאָרק האָט מען נאָך מיין בענעפיס אויף די הענט מיך אַרויסגעטראָגן פון טעאַטער. (אין ניו־יאָרק האָב איך אפילו ניט געחלומט צו זיין). ווען איך האָב זיך צו אים געווענדעט: צו וואָס ער באַדאַרף אַזוי פיל ליגנס, אין דער צייט, ווען קיינער וועט אין דעם ניט גלויבן?... האָט ער זיך געווענדעט צום גאַנצן קאָלעקטיוו: — „איר קוקט אים נאָר אָן! איך מאַך אים אַ רעקלאַמע און ער איז נאָך ניט צופרידן!...

דעם יונגן אַקטיאָר גאָלדבערג, דעם צוקונפטיקן מאַן פון אַנאַ גוזיק, האָב איך פאַרגעלייגט צו זיין בענעפיס „די רויבער" פון אַ. שילער. האָט ער אַפילו הערן ניט געוואָלט — אים האָט ניט אינטערעסירט צו שפּילן אַזאַ ראָל ווי קאַרל מאָר. און ער האָט זיך אויסגעקליבן צו זיין בענעפיס „יידעלע דער בלינדער" אַ ביליקע, סענטימענטאַלע שונד־אָפּערעטע. גאַנץ אַנדערש האָב איך זיך באַצויגן צו ראָלן. איך דערמאָן זיך אַ פאַל: כ'האָב אָקאָרשט אָנגעהויבן אַרבעטן ביי זאַסלאַווסקין אין זיין טרופּע אין פּאָלטאַווע. טוט ער מיך איינמאָל אַ פרעג: וועמען האָט איר געשפּילט אין קיעוו אין „די יורשים" שלום אַשס. איך האָב זייער שטאַרק געוואָלט שפּילן די ראָל פון פּאַן כראַביאַ. ניט פאַרטראַכטנדיק זיך זאָג איך, אַז איך האָב געשפּילט דעם פּאַן־כראַביאַ. זאָגט ער: אויב אַזוי גייט

מאָרגן די פּיעסע. אינדערפרי וועלן מיר מאַכן איין פּראָבע און איין אָוונט גייט די פּיעסע. אַלע זיינען — חוץ מיר — געווען געשפּילט. וואָס־זשע טוט מען? האָב איך איבערנאַכט אויסגעלערנט אויף אויסווייניק די ראָל. אינדערפרי אויף פּראָבע, האָב איך געבעטן דעם סופליאָר, אַז איך וועל רעדן זאָל ער שווייגן. ווי אַזוי איך האָב געשפּילט מיט איין פּראָבע די ראָל, איז מיר שווער צו זאָגן, ווייל זיך אַליין זעט מען דאָך ניט. נאָר איך האָב געביטן פינף קאָסטיומען אין דעם גאַנג פון דער פאָרשטעלונג, און איך בין זייער געפעלן געוואָרן. זאַסלאַווסקי האָט מיך געלויבט: — „איר אַלע יונגע אַקטיאָרן, נעמט אַראָפּ אַ ביישפּיל, אַ יונגער אַקטיאָר האָט איינמאָל געשפּילט די ראָל, שפּילט ער שוין דעם צווייטן מאָל אָן אַ סופלאָר". נאָר אין אַ פּאָר יאָר אַרום, זיצן מיר מיט זאַסלאַווסקין אין קיעוו אין אַ קאַפע. צוזאַמען מיט אונדז איז געזעסן דער סופליאָר פון קיעווער יידישן טעאַטער „אונדזער ווינקל" לייפּציגער. און עס איז געקומען צו רייד, וועלכע אַקטיאָרן שפּילן אָן אַ סופליאָר. האָט זאַסלאַווסקי אָנגעוויזן אויף מיר, אַז איך האָב איינמאָל געשפּילט אין קיעווער טעאַטער „אונדזער ווינקל" די ראָל פון פאַן־כראַביאַ אין „די יורשים"... האָט אים לייפּציגער געזאָגט: „די ראָל האָט געשפּילט שיינבערג". קוקט אויף מיר זאַסלאַווסקי... זאָג איך אים: איך האָב פּשוט געוואָלט שפּילן די ראָל, דעריבער האָב איך געזאָגט אַז איך האָב זי שוין געשפּילט. — פון וואַנען האָט איר געקענט די ראָל אויסווייניק? — פרעגט ער מיך. און ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב די ראָל אויסגעלערנט אויף אויסווייניק איבער אַ נאַכט, — נו, זאָגט ער, — אויב אַזוי קומט אייך נאָך אַ גרעסערער יישר כוח!

נאָך די דערציילונג וועגן מיין אַרבעט אין גוזיקס טרופּע וועט ניט זיין אויסגעשעפּט אויב איך וועל ניט באַשרייבן, ווי אַזוי איך האָב אויפגעפירט די אַזוי גערופענע ליטעראַרישע פּיעסן מיט גוזיקס פרוי, די מאַדאַם פריילעך. ווען איך האָב צעטיילט די ראָלן פון דער פּיעסע „טרילבי" האָב איך פאַרשטייט זיך די ראָלן טרילבי געגעבן ליאַליע גוזיק. זי איז אינדיווידועל געווען זייער צוגעפּאַסט צו דער ראָל. נאָר איר מוטער, די מאַדאַם פריילעך האָט געמאָלדן אַז טרילבי איז אַ דראַ־מאַטישע ראָל און ליאַליע איז אַן אָפּערעטן אַקטריסע, דעריבער דאַרף זי שפּילן די ראָל. איך האָב איר געענטפערט, אַז טרילבי איז לויט דער פּיעסע אַלט 22 יאָר. און די מאַדאַם פריילעך איז געווען 50 יאָר.. זאָגט זי מיר:

פאַרוואָס שפּילט איר „ליובאָווניקעס״? מען דאַרף נעמען אין אַכט, אַז איך בין דעמאָלט אַלט געווען 24 יאָר און געשפּילט אין דער פּיעסע האָב איך סווענגאַלי וועלכער איז לויט דער פּיעסע אַלט 46 יאָר. קורץ, ס'איז געוואָרן אַ קריג צווישן ליאַליען מיט דער מוטער. ס'איז דער־גאַנגען צו אַ גרויסן סקאַנדאַל. אין דעם קומט אָן גוזיק, פרעגט ער: — וואָס האָט געטראָפן? זאָג איך אים, אַז אייער פרוי קאָן זיין איז אַ גרויסע אַרטיסטין, נאָר זי וויל שפּילן טרילבי. דערזעט ער אַז ער איז אַריינגעפאַלן, זיין ווייב וועט אים דערגיין די יאָרן אויב ער וועט איר ניט געבן גערעכט. זאָגט ער אין רוסיש: איך ווייס פון גאָרניט, איר זענט אַ רעזשיסאָר און אַלע דאַרפן טאָן אַזוי ווי איר דיקטירט. איך האָב די ערע!״ ער פאַרנויגט זיך ריטערלעך, אַזוי פלעגט ער זיך שטענדיק פאַרנייגן, און גייט אַוועק. די מאַדאַם פריילעך האָט מיך אַזוי אויפגערעגט, אַז איך האָב איר געזאָגט: אַז זי קאָן שפּילן טרילביס באָבע און ניט טרילבי. האָט זי נאָך דעם געשפּרעך 12 יאָר מיט מיר ניט גערעדט. אין 12 יאָר אַרום, אין לענינגראַד, ווען איך בין געזעסן ביי אַנאַ גוזיק אין איר צימער אין האָטעל, איז פּלוצים אַריין די מאַדאַם פריילעך, און באַגריסט זיך מיט אַלעמען, ווער עס איז געזעסן אין צימער, נאָר ניט מיט מיר. זאָגט איר אַניע: מאַמע, דאָס איז דאָך בראודא. דערלאַנגט זי מיר צוויי פינגער און זאָגט מיר: אַ! דאָס איז דאָך דער „כודאָזשניק!״

אַ צווייטער פאַל איז געווען מיט דער מאַדאַם פריילעך ווען איך האָב אויפגעפירט „די זיבנצניאָריקע״ פון מאַקס דרייער. איך שפּיל אַ פאַל־קאָווניק און זי שפּילט מיין פרוי. אויף די פּראָבן האָט זי נאָך גערעדט דעם טעקסט פון דער פּיעסע, נאָר אין אָוונט אויף דער פאָרשטעלונג האָט זי גערעדט אייגענעם טעקסט. די ראָל האָט זי ניט געקענט. דעם סופליאָר הערט זי ניט גוט, האָט זי אָנגערעדט עפּעס אַ מאָדנעם טעקסט וואָס האָט קיין שום שייכות ניט צו דער פּיעסע און ניט צו איר ראָל. נאָכן ערשטן אַקט זאָג איך צו איר: איר וועט מיר אַנטשולדיקן מאַדאַם פריילעך, נאָר איר קענט דאָך ניט די ראָל... זאָגט זי מיר: דאָס קאָנט איר ניט די ראָל... נעם איך די פּיעסע ביים סופליאָר און ווייז איר וואָס עס איז געשריבן און וואָס זי האָט גערעדט אויף דער בינע. גיט זי אַ שליידער די פּיעסע אויפן דיל און זאָגט מיר: „וואָס ווייזט איר מיר די פּיעסע — וואָס בין איך אַ ליוביטעלעניצע? זאָגט מיר דער סופליאָר

שטילערהייט: „וואָס ווייזט איר די פּיעסע — זי קאָן דאָך ניט לייענען״... און דערציילט מיר, אַז אין די פּיעסן, וואָס זי שפּילט שוין פון לאַנג, צום ביישפּיל גאָרדינס פּיעסן, רעדט זי נאָכן סופליאָר ווייל פאַר דער צייט האָט זי שוין אויסגעלערנט די ראָלן. נאָר אין אַזעלכע פּיעסן, אויף דער פּראָבע, ווען איך סופליר הויך, רעדט זי מיר נאָך, נאָר אויף דער בינע אימפּראָוויזירט זי. זי קאָן ניט לייענען, ניט קיין יידיש און אויך ניט קיין רוסיש און זי פּרעטענדירט אויף צו שפּילן נאָר יונגע ראָלן. אָט דאָס איז דאָס יידישע טעאַטער...

קורץ, איך פאַרלאָז גוזיקס טרופּע און פאָר קיין מינסק צו בראַנ־דעסקאָ. מיר האָט אים רעקאָמענדירט דער אַרטיסט באַסין, וועלכער איז געווען באַקאַנט מיט בראַנדעסקאָ. אויפן וועג קיין מינסק, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין סנאָווסק. באַגעגנט זיך מיט ציליען. עס איז דורך דאָס באַשטימטע יאָר. איך האָב זי באַגעגנט גאַנץ גלייכגילטיק. די ליבע איז פאַרביי. צופיל אומאַנגענעמלעכקייטן, און מען קאָן זאָגן שמערצן, באַליידיקונגען, האָט מיר געבראַכט אָט די ליבע. זי האָט שוין געהאַט אַ חתן און מיך האָט עס ניט געאַרט... איך האָב איצט געטראַכט נאָר פון קונסט. מינסק איז אַ גרויסע שטאָט. בראַנדעסקא אַ באַרימטער יידישער אַקטיאָר, עס וועט זיין אינטערעסאַנט מיט אים צו אַרבעטן.

ווען בראַנדעסקא האָט מיך געפרעגט אין וועלכער פּיעסע איך וויל אויפטרעטן צו מיין דעביוט? האָב איך געזאָגט: אין „דעם גערדאַנק״ פון לעאָניד אַנדרעיעוו. זאָגט ער: איר שפּילט קערזשענצעוו, זענט איר דאָך דער צווייטער בראַנדעסקאָ און צוויי בראַנדעסקאָ׳ס קאָנען צוזאַמען ניט אַרבעטן... אפשר — זאָג איך, — וועל איך אין דער צוקונפט זיין דער ערשטער בראַנדעסקאָ?... ווערט ער צעטומלט פון מיין חוצפּה... אַ יונגער אַקטיאָר, דעם נאָמען בראַודא הער איך צום ערשטן מאָל... זאָגט ער. זאָג איך אים: איך פאַרשטיי אייך. איר צווייפלט אין מיינע פעאיקייטן. איר קענט מיך ניט, האָט איר מורא מיך אַרויס־לאָזן אין אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכער ראָל. איך פיר אויף אַליין די פּיעסע. מיר וועלן מאַכן אַ פּראָבע. איך וועל רעפּעטירן אין טאָג און אויב איר וועט זען, אַז עס איז שלעכט, וועט איר מיך ניט אַרויסלאָזן אין דער ראָל. ער האָט מסכים געווען. אויף דער ערשטער פּראָבע נאָכן ערשטן אַקט, האָט ער אָפּגעשטעלט די פּראָבע און האָט מיר געמאָלדן, אַז ער האָט שוין געהייסן דרוקן אַפישן צו מיין דעביוט. — אויב, — זאָגט ער, —

עס וועט זיך אויף דער פאַרשטעלונג אַרויסווייזן, אַז דאָס איז אמת, וואָס דער אַקטיאָר באַסין האָט געזאָגט וועגן אייך, אפילו נאָר אויף 50%, וועל איך שוין זיין צופרידן.

די פאַרשטעלונג איז געגאַנגען ביי 50—60 פּראָצענט צושויער איין זאַל. נאָר איך האָב געהאַט אַ מאָראַלישן, קינסטלערישן דערפאָלג. ער איז געקומען צו מיר הינטער די קוליסן און מיך באַגריסט: עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז באַסין איז געווען גערעכט אויף אַלע הונדערט פּראָצענט. און איך בין פאַרעכנט געוואָרן אַלס אָנפירנדיקער אַקטיאָר אין דער טרופּע. נאָר גלייך איז פאָרגעקומען אַ קאַמף צווישן אונדז: ערשטנס דער רעפּערטואַר. אמת, עס איז געגאַנגען „די רויבער" פון שילער און בראַנדעסקאָ האָט אויסגעצייכנט געשפּילט די ראָל פון פראַנץ מאאר. נאָר דער הויפּט רעפּערטואַר איז געווען „דער תלמיד חכם", „דער טאַנץ פאַרן טויט" פון סאָפיאַ בעלאַיאַ און אפילו „מלכה'לע־סאָלדאַט". מיך האָט ער געצוווּנגען שפּילן אין גאָרדינס „די שחיטה" בצלאל ראַפּאָפּאָרט, אַ ראָל, וואָס איז קיין פאַל ניט געווען אין מיינע קינסטלערישע מעגלעכקייטן. „דער מטורף" אין דער הויפּט ראָל בן־ציון. מיט איין רעפּעטיציע, בכדי אָפּצושוואַכן דעם דערפאָלג פונעם „געדאַנק". און וואָס פאַר אַ פּיעסע איך האָב ניט פאָרגעלייגט, האָט ער אָפּגעוואָרפן.

און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ ראָמאַן צווישן מיר און בראַנדעסקאָס פרוי ווישניאַקאָוואַ. איידער איך בין געקומען אין מינסק, האָט מיך באַסין געוואָרנט: אַז ווישניאַקאָוואַ איז אַ לייכטזיניקע פרוי. בראַנדעסקאָ האָט זי ניט ליב און אַז עס קומט אַ יונגער אַקטיאָר אין דער טרופּע מוז זי אים פאַרליבן אין זיך. איז אויב איך וויל אַרבעטן אין דער טרופּע, זאָל איך זיין פאָרזיכטיק!... ווישניאַקאָוואַ איז שוין געווען ביי אַ פערציק יאָר. זי איז געווען פון אַ קליינעם וווּקס, נאָר מיט אַ זייער אינטעליגענט געזיכט. שיין געבויט, אַ צערטלעכע הויט, מיט שיינע ברענענדע, לײדנ־שאַפטלעכע אויגן. זי פלעגט שטענדיק בריען מיט איר בליק. נאָר איך בין איך געווען זייער פאָרזיכטיק, און אַלע אירע רייצנדע בליקן האָבן אויף מיר ניט משפיע געווען. נאָר אין אַ געוויסן פרימאָרגן באַקום איך אַ בריוו פון איר ווו זי רופט מיך אַרויס — זי וויל זיך מיט מיר באַ־געגענען. זי האָט מיט מיר צו רעדן וועגן אַ זייער אַ וויכטיקן ענין.

בכלל דאַרף איך באַמערקן, אַז אויף אַלע זיצונגען וועגן רעפּערטואַר פלעגט זי מיך שטענדיק אונטערשטיצן, קעגן איר מאַן בראַנדעסקאָ.

בראַנדעסקאָ איז געווען שטאַרק פאַרליבט אין איר און איז געווען אייפערזיכטיק. מ׳האָט מיר איבערגעבן, אַז ער האָט איר געמאַכט אַ סקאַנדאַל איבער מיר. מיר דאַכט, אַז ער האָט קיין שום גרונט ניט געהאַט דערצו. ווען מען האָט מיר איבערגעבן, אַז ער אייפערט זי צו מיר, האָב איך אויפגעהערט אַריינצוגיין אין זייער צימער, מיר האָבן געוווינט אין האָטעל אַ צימער קעגן אַ צימער. איינמאָל אויף פּראָבע פרעגט ער מיך: וואָס קומט איר ניט אַריין צו מיר? זאָג איך אים, אַז צו מיר זענען דערגאַנגען רכילות; אַז צווישן מיר און זיין פרוי איז דאָ אַ פאַרבינדונג, דעריבער וויל איך אים דערווייזן אַז ער האָט אַ טעות... — אויב אַזוי, — זאָגט ער, — איז דאָך דאָס אַ באַווייז, אַז עס איז יאָ פאַראַן צווישן אייך עפּעס אויב איר מיידט אויס מיין הויז. הייסט עס, אַז איר באַגעגנט זיך ערגעץ אנדערש?... זאָג איך אים: — אויב איר ווילט אויסהיטן אייער פרוי זי זאָל אייך ניט פאַראַטן, איז דער בעסטער מיטל, פאַרשפּאַרט זי אין צימער און לאָזט זי ניט אַרויס, וועט איר אויך דעמאָלט ניט זיין זיכער אויף הונדערט פּראָצענט... אַ פרוי גיט זיך אַן עצה, אויב זי איז ניט געטריי דעם מאַן... איך דאַרף אייך צוגעבן, אַז ווישניאַקאָוואַ איז אַ פעיקע אַקטריסע און אויך אַ הויך קולטורעלע, אַנטוויקלטע אינטעליגענטע פרוי. מיר האָבן מיט איר איינמאָל צוזאַמען געלייענט שעקספּירן, האָט זי אים טראַקטירט זייער אינטערעסאַנט, זייער אָריגינעלע געדאַנקען פלעגט זי אַרויסזאָגן. און וואָס אַן אמת איז, זי איז מיר געווען געפעלן. זי האָט אין זיך געהאַט זייער פיל ווייבלעכקייט, אַ רייצנדיקע צוציאונגס קראַפט. נאָר ווי איך האָב פריער באַמערקט, בין איך געווען פאָרזיכטיק... נאָר ס׳האָט ניט געהאָלפן... מיר האָבן זיך באַגעגנט געהיים און זי האָט מיר אָנגעהויבן דערציילן, אַז זי איז אומגליקלעך מיט בראַנדעסקאָ. ער איז אַ גוטער אַקטיאָר, נאָר שטאַרק אָפּגעשטאַנען, אומקולטורעל. זי שטרעבט צו אַ גוטן רעפּערטואַר און בראַנדעסקאָ איז מער פאַר שונד־רע־ערטואַר. און זי האָט מיר פאָרגעלייגט פאַרלאָזן די טרופּע און צוזאַמען שאַפן אַ קולטורעלע טרופּע מיט אַ גוטן רעפּערטואַר. עס זיינען דאָ אין דער טרופּע אַקטיאָרן וואָס וועלן פאָרן מיט אונדז. דער פּלאַן איז אַרויסצופאָרן קיין באָברויסק. איך בין מסכים געווען און שוין אויפדערנאַכט נאָך אַ פאָרשטעלונג, אַלץ דערציילט באַסינען מיט וועלכן איך האָב צוזאַמען געוווינט אין איין

צימער. און באַסין האָט עס אויף מאָרגן גלייך דערציילט בראַנדעסקאָן. בראַנדעסקאָ, האָט ביים מיטאָג אין רעסטאָראַן געווענדעט זיך צו מיר: „איר ווילט אַוועקפאָרן פון דער טרופּע מיט מיין ווייב?" זאָג איך אים, אַז ניט איך וויל, נאָר זי וויל... קורץ, אַ סקאַנדאַל. עס ווערט צונויפגערופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון דער טרופּע און איך דערצייל אָפנהאַרציק, אַז מיך באַפרידיקט ניט דער רעפּערטואַר און דעריבער האָב איך אָנגענומען אַזאַ פאָרשלאָג. אַקטיאָרן האָבן פאַרגעלייגט שלום צווישן אונדז. בראַנדעסקאָ האָט צוגעזאָגט בייטן דעם רעפּערטואַר. נאָר ער האָט ניט געהאַלטן דאָס וואָרט. בין איך שוין געווען אָנגעצויגן אויף אים... און עס הט זיך אָנגעהויבן אַ ליבע צווישן מיר און ווישניאַקאָווא. נאָר קיין עכטע, אמתע ליבע האָט זיך ניט באַקומען. ניט נאָר צוליבן אונטערשייד אין עלטער, נאָר דער עיקר צוליב סיבות פון אָרגאַנישער פאַרקריפּלונג וואָס האָבן מיך אָפּגעשטויסן פון איר. האָט זי זיך אומגעקערט צו איר פריערדיקן געליבטן. דאָס איז געווען אַ הויכער, שיינער מאַן, שייקע הורוויץ, אַ זשורנאַליסט, אַ מיטאַרבעטער פון דער יידישער צייטונג „אָקטאָבער". ער פלעגט אָפט שרייבן רעצענזיעס איבער אונדזערע פאָרשטעלונגען. ער איז ווירקלעך שטאַרק געווען פאַרליבט אין איר. און לסוף איז בראַנדעסקאָ זיך צוגאַנגען מיט ווישניאַקאָווא. הורוויץ האָט זי געהייראַטעט. איך בין געווען זייער באַפריינדעט מיט הורוויצן. און מיר האָבן זיך איינמאָל אָפנהאַרציק צערעדט. איך האָב אים אָנגעוויזן אויף איר מאַנאַכיזם. האָט ער געענטפערט, אַז אים אימפּאָנירט עס, ווייל ער איז אויך אַזוי ווי זי. אין פינף יאָר אַרום, ווען איך בין געווען אין מינסק און איך האָב זיי באַזוכט, איז זי שוין געווען קראַנק אויף טובערקולאָז. נאָר עס איז געווען צו באַוואונדערן, ווי צערטלעך, איבערגעגעבן ער איז געווען צו איר. נאָר זי, ווען מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז איך קום צו זיי מאָרגן 5 אַזייגער נאָך מיטאָג, האָט זי מיך באַגלייט ביזן טיר און האָט מיר געראָטן קומען ניט 5 אַזייגער נאָך מיטאָג, נאָר צוויי אַזייגער פאַר מיטאָג... איך בין פאַרשטייט זיך געקומען פונקט ווי מיר האָבן אָפּגערעדט מיט הורוויצן.

אין טרופּע האָט זיך אַביסל געענדערט די סיטואַציע. מען האָט אויפגעפירט לעאָניד אַנדרעיעווס אינסצעניזירונג „די זיבן געהאַנגענע". איך האָב געשפּילט ווערנערן אין דער פאָרשטעלונג. הורוויץ האָט וועגן מיר אָנגעשריבן אַ גוטע רעצענזיע. אויף זומער זיינען מיר אַרויסגעפאָרן

אויף גאַסטראָלן אין פּראָווינץ. מיר האָבן געשפּילט אין שטעטל טשערווען, ניט ווייט פון מינסק. עס איז געגאַנגען „דער געדאַנק״. פאַר דער ראָל פון סאַוויאַלאָוו, איז געווען איינגעלאַדן אַן אַקטיאָר, איך געדענק ניט זיין פאַמיליע־נאָמען. נאָר אינעם צווייטן אַקט, ווען עס גייט אַ הייסע פּאָלעמיק צווישן קערזשענצעוון און סאַוויאַלאָוון, האָט ער אַזאַ פראַזע: „דו ווייסט, פּיעדאַראָוויטש? עס איז דאָך ניט לאַנג געשטאָרבן, דער לעבנסבאַגלייטער פון אונדזער באַראָן די אַפּפּע דזשייפּור״. האָט ער אָנשטאָט דעם געזאָגט אומגעפּער אַזוי: „דו ווייסט פּיעדאַראָוויטש? קאַרל ליבקנעכט איז געשטאָרבן אין יפו״.

ווישניאַקאָווא, וועלכע האָט געשפּילט טאַטיאַנאַ, זאָגט מיר שטילער־הייט: איר הערט, וואָס ער האָט געזאָגט, דערהרגעט אים וואָס גיכער! אַז ניט וועט ער עפּעס נאָך זאָגן נאַרישקייטן!״ לויט דער פּיעסע דער־הרגעט אים קערזשענצעוו מיט אַ פּרעס־פּאַפּיע. האָב איך אים שוין ניט געלאָזט קומען צום וואָרט און איך האָב אים „דערהרגעט״... נאָר דער ספּעקטאַקל האָט זיך טרויעריק געענדיקט. דער פינאַל פון דער פּיעסע איז אַז קערזשענצעוו איז אין משוגעים־הויז, און טאַטיאַנאַ קומט צו אים און בעט ביי אים אַנטשולדיקונג, ווייל זי האָט זיך איבער־צייגט, אַז זי איז שולדיק, וואָס ער איז אַראָפּ פון זינען. דאָס רעגט אים נאָך מער אויף און ער גייט ווירקלעך אַראָפּ פון זינען. ווען זי גייט אַוועק, הויבט ער אָן קלאַפּן אין טיר. די טיר האָט מען געמוזט צוהאַלטן פון דער צווייטער זייט. נאָר די סצענע איז געווען זייער קליין, הינטער דער טיר איז געווען אַ שמאָלער דורכגאַנג און אַ ליוק. זי האָט נישט באַ־מערקט דעם ליוק, וואָס פירט אונטער דער בינע און איז אַריינגע־פאַלן אין ליוק און האָט זיך צעשעדיקט. מען האָט זי שוין אויף די הענט אַריבערגעטראָגן אין האָטעל. אויף מאָרגן קום איך דערוויסן זיך וואָס איז מיט איר, באַגעגנט מיך בראַנדעסקאַ און פאַלט אַרויף אויפן האַלדז: „אָ, מיר האָבן שוין ניט אונדזער מאַרעטשקען״ — אַזוי פלעגט ער זי רופן — מאַרעטשקאַ! די דאָקטוירים האָבן געזאָגט אַז מען מוז מאַכן אַן אָפּעראַציע, נאָר ס׳איז אַ סכנה, זי האָט אַ שוואַך האַרץ״.

דאָס גאַנצע שטעטל האָט געקאָכט מיט דעם אינצידענט. מיר האָבן אָנגעקלונגען קיין מינסק, און שייעלקע הורוויץ איז געקומען אויף אַ מאַשין מיט אַ דאָקטאָר, אַ גרויסן ספּעציאַליסט. מען האָט זי פּאַרזיכטיק אַריבער־געפירט אין שפּיטאָל און אויף מאָרגן איז איר בעסער געוואָרן און מען איז

זיך באַגאַנגען אָן אָן אָפּעראַציע, שייעלקע איז מיט איר געבליבן אין שפּיטאָל. די ליבע איז געווען נאָך הייסער.

איך האָב זיך אַנטוישט אין דעם טעאַטער ווו איך האָב געשפּילט אָן אַ סיסטעם, אָן אַ שול, און ווו די רעזשי האָט זיך אויסגעדריקט בלויז אין אָנווייזן די עלעמענטאַרע מיזאַנסצענעס, לויט איר אויפגאַבע.

גראָד דעמאָלט, ווען די טרופּע האָט געענדיקט שפּילן אין מינסק, איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז דער מאָסקווער מלוכהשער יידישער טעאַטער (דאַן האָט ער געטראָגן דעם נאָמען „קאַמער־טעאַטער") קומט אויף גאַסט־ראָלן קיין מינסק. בראַנדעסקאַ האָט מיר דערציילט וועגן דעם זייער יונגן טעאַטער און האָט שטאַרק געזידלט, אי דעם טעאַטער אי זיין אָנפירער אַלעקסאַנדער גראַנאָווסקין פאַר זיין פאָרמאַליזם, און זייער שטאַרק געלויבט דעם העברעאישן טעאַטער „הבימה".

און עס איז געקומען דער מאָסקווער יידישער טעאַטער, אויף וועלכן איך האָב אַרויסגעקוקט מיט אומגעדולד. ווען איך האָב דערזען אָט די בלענדנדיקע פאַרבן, אָט די קאָכיקע ריטמען, האָב איך דערשפּירט, אַז דאָס איז אָן אמתע רעוואָלוציע אין דער טעאַטער־קונסט, און אַלעס איז דורך דעם רעזשיסאָר מאַטעמאַטיש אויסגערעכנט. פון די צוויי ספּעקטאַקלען „די כשופמאַכערין" און „200.000" בין איך פשוט פאַרטשאַדעט געוואָרן. דערנאָך, ווען איך האָב דורכגעטראַכט דאָס געזעענע און דאָס געהערטע, האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן אין מוח: וואָס זשע האָב איך צו טאָן אין אַזאַ טעאַטער? מיין שטרעבונג צו טעאַטער האָט דאָך עפּעס אַנדערש אין זינען געהאַט: דער נייער טעאַטער דאַרף דאָך זיין אויך אַ מוסר השכל. ער באַדאַרף אונדזערע צושויער עפּעס געבן אָנצוהערענישן אויפן נייעם לעבן, און דאָ איז דער טראָפּ געשטעלט געוואָרן דער עיקר אויף די פאָרמען און ניט אויפן אינהאַלט.

און איך האָב זיך משער געווען, אַז אין דער צוקונפט באַדאַרף אַנטשטיין אַזאַ טעאַטער, ווו הערשן וועט דער אַקטיאָר ניט דער רעזשיסאָר. אין דעם האָב איך זיך איבערצייגט, ווען איך האָב דערזען מיכאָעלסן אין דער ראָל פון ר' אַלטער אין שלום עליכמס „מזל־טוב".

וואָס זשע פאַר אַן אויספיר האָב איך פאַר זיך געמאַכט נאָך מיין באַקאַנטשאַפט מיטן מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער? איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אַרבעטן אויף דער בינע אַ ניט געשולטער, באַטייט בלאָנדזשען, טאַפּן אין דער פינצטער. און נאָך אַן אויספיר: וויל מען, אַר־

בעטנדיק אין טעאַטער, גיין פּאַרויס, שעפּעריש וואַקסן, באַדאַרף מען זיך באַשטאַטן מיט אַ באַדייטנדיקן קולטור־באַגאַזש, אלא ניט — ווערט מען אַ קאַליקע, אַ בעל־מלאכה, קייקלט מען זיך אַראָפּ צו אַ שאַבלאָן, ווערט מען אַ פּאַרשטאַמפּירטער אַקטיאָר, דאָס הייסט, אויפגעכאַפּט עטלעכע געלונ־גענע שפּיל־מאַנירן — חזרט מען זיי שטענדיק איבער.

פּאַרלאָז איך די טרופּע, ווו איך האָב געשפּילט, דער גורם איז געווען אַ גרויסער קאָנפליקט צווישן מיר און בראַנדעסקאָ, — און איך פּאָר ענדלעך אָפּ קיין מאָסקווע. דאָרט גיי איך דורך אַ שווערן עקזאַמען — און ווער אָנגענומען אין דער סטודיע א.ג. פון שלום עליכם. אין דער סטודיע האָט אויך געלערנט די באַגאַבטע אַרטיסטין שרה פיביך. זי איז באַשטאַנען פון אַ ריי פעאיקע און באַגאַבטע ארטיסטן: ניצבערג, פּיקעלשטיק, שטיינ־באַך, און אַנד. אַלעקסעי דיקי האָט איינגעלאַדן אייניקע אַקטיאָרן פונעם קינסטלערישן טעאַטער, וועלכע האָבן געפירט די לימודים אין דער יידישער סטודיע. דאָ האָט זיך פאַר מיר געעפנט אַ נייע וועלט. דאָ האָב איך דער־לערנט די סיסטעמען פון סטאַניסלאַווסקי און וואַכטאַנגאָוו: אַז דער אַקטיאָר באַדאַרף אַריינטראָגן אין זיין שפּיל פיל האַרץ און נשמה, אַז ער דאַרף אַנטפּלעקן אויפריכטיקע געפילן און ליידנשאַפטן, וואָס דערשיטערן דעם צושויערס נשמה; אַז די סצענישע געשטאַלטן דאַרפן זיך אַריענטירן אויף פאַראַלגעמיינערונגען; אַ טעאַטראַלע פאַרשטעלונג איז אַן אויסטערלי־שער יום־טוב, און דעריבער דאַרף זי זיין רייך מיט פאַרבן און מוזיק. דער אַקטיאָר דאַרף לעבן אויף דער בינע און נישט שפּילן. פאַר־שטייט זיך, לעבן מיט סצענישן לעבן און ניט נאַטוראַליסטיש. דער אַקטיאָר האָט ניט קיין רעכט צו קלאַפּן מיט די פויסטן אין טיש, ווען עס איז ביי אים ניטאָ קיין אינערלעכע באַדערפעניש עס צו טאָן. דער דראַמאַטורג, וואָס האָט אָנגעשריבן די פּיעסע, האָט נאָר אָפּגעטאָן אַ העלפט פון דער אַרבעט. די צווייטע העלפט דאַרף דערגענצן דער רעזשיסאָר און דער אַקטיאָר. יעדע זאַך, וואָס ווערט געטאָן אויף דער בינע, דאַרף האָבן אַ געוויסע אויפגאַבע און אַ געוויסן אונטערטעקסט און געוויסע טואונגען.

אין יאָר 1924 איז די סטודיע ליקווידירט געוואָרן, ווייל קיין מלוכה־שטיצע האָט זי ניט געהאַט און דער פּאַרזיצער פון דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג פון די אידסעקציע משה ליטוואַקאָוו, איז געווען קעגן יעדער דראַמסטודיע וואָס איז ניט פאַרבונדן מיטן יידישן מלוכה־טעאַטער.

ווינטער 1924 האָב איך זיך אין האָמעל געטראָפֿן מיט דער יידישער אַרטיסטין סאָניע גינזבורג, וועלכע פלעגט אויפטרעטן מיט יידישע פאָלקס־לידער, און מיר זענען צוזאַמען אויפגעטראָטן אויף אָוונטן מיט לידער און קינסטלערישע פאָרלעזונגען, אין ווייסרוסלאַנד.

אין מערץ, בין איך געקומען קיין פּאָלטאַווע און האָב זיך צייטווייליק פאַרנומען מיט צוויי דראַמקרייזן, מיט וועלכע איך פלעג אויפפירן אייניקע פאָרשטעלונגען. דאָ האָב איך זיך באַגעגנט מיט מיין חבר אַבעליאָוון מיט וועלכן איך האָב געאַרבעט אין זאַסלאַווסקיס טרופּע. ער האָט חתונה געהאַט מיט זייער אַ באַגאַבטער אַרטיסטין לאה בואַגאָוואַ. זיי זענען צייטווייליק געווען אָן אַרבעט. זיי האָבן געאַרבעט אין קיעווער „קונסט־ווינקל". האָבן מיר צוזאַמען אויפגעפירט עטלעכע פּיעסן, שלום אַשס „מיטן שטראָם", הירשביינס „די פּוסטע קרעטשמע", „דער געדאַנק" און אַנד. דאָס איז געווען מיין ערשטע באַגעגעניש מיט דער טאַלאַנטפולער לאה בוגאָוואַ. נאָך זייער אָפּפאָרן צוריק קיין קיעוו, בין איך נאָך אַ געוויסע צייט געבליבן אין פּאָלטאַווע. אַרבעטנדיק מיט די דראַמקרייזן האָט מיר מיין פריינד נתן ראָזאָווסקי אויפמערקזאַם געמאַכט, אויף איינער אַ באחנט מיידל, וואָס האָט געשפּילט אינעם דראַמקרייז, מיט וועלכן איך האָב אָנגעפירט, אַז זי קוקט אויף מיר מיט פאַרליבטע אויגן... דאָס איז געווען א יונג מיידל, אַלט קוים 17 יאָר, געקומען פון פּוילן. פון דער מינוט אָן, האָט זיך אָנגעהויבן מיין צווייטער ראָמאַן מיט רחלע זגאַל.

מיר פלעגן זיך אָפט באַגעגענען. איך פלעג קומען צו איר מיט בלומען. זי איז געווען פון אַ פּאַטריאַרכאַלער יידישער משפחה. דער פאָטער, אַ פרומער ייד, האָט געלעבט אין פּוילן נעבן וואַרשע, אין ווישקאָוו. נאָר זי האָט זיך אויפגעהאַלטן ביי איר שוועסטער און ברודער אין פּאָלטאַווע. דער ברודער, ווי אויך איר שוועסטער, זיינען געווען קעגן אונדזערע באַגעגענישן. דער אומגליק איז: „אַן אַקטיאָר". נאָר זי האָט זיך ווייניק גערעכנט מיט זייער מיינונג.

אין גיכן האָב איך באַקומען אַן איינלאַדונג פון קיעוו פון „קונסט ווינקל" צו אַרבעטן אין דעם טעאַטער. קומענדיק אין קיעוו, האָב איך דאָרטן געטראָפן זאַסלאַווסקין. אין „קונסט ווינקל" איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג. דער טעאַטער האָט ניט געאַרבעט האָב איך אָנגענומען דעם פאָרשלאַג פון זאַסלאַווסקין, דורכצופירן מיט אים עטלעכע גאַסטראָלן:

קיעוו, פּאָלטאַווע, קרעמענטשוק, קיראָוואָגראַד. האָב איך נאָך געאַרבעט מיט אים אַ פּאָר חדשים, נאָך וועלכע ער איז אָפּגעפאָרן קיין אויסלאַנד. מיר האָבן זיך מיט אים האַרציק געזעגנט. ער האָט מיך מדריך געווען, ווי אַזוי איך זאָל זיך האַלטן אין יידישן טעאַטער. איך זאָל קיינעם נישט גלויבן. — „איך האָב — זאָגט ער — נאָך ניט באַגעגנט אַזאַ אויפריכטיקן יונגן מאַן אויף דער יידישער בינע. זייט פאָרזיכטיק! די אַלע וועמען איר נעמט אָן פאַר גוטע פריינט, זיינען ניט אַלע מאָל אויפריכטיק מיט אייך!...״

פון פּאָלטאַווע בין איך אָפּגעפאָרן קיין אָדעס, ווו איך בין אויפגעטראָטן מיט אַ קאָלעקטיוו אונטער דער אָנפירונג פונעם יידישן אַקטיאָר באַסמאַנאָוו. אויפגעפירט „דעם געדאַנק״ מיט דערפאָלג. דאָ האָב איך זיך דערוווּסט אַז אין כאַרקאָוו גרינדעט זיך אַ יידישער מלוכה־טעאַטער פאַר אוקראַינע, אונטער דער אָנפירונג פון אפרים לויטער. און עס איז געמאָלדן געוואָרן אַ קאָנקורס. בין איך געקומען קיין כאַרקאָוו, אויפגעטראָטן אויפן קאָנקורס און איך בין אָנגענומען געוואָרן אין טעאַטער. דער באשטאנד איז געווען פון אַ צאָל סטודענטן פון דער געוועזענער טעאַטער־סטודיע אין קיעוו. פון דער קולטור־ליגע און עטלעכע אַקטיאָרן פון דעם אַזוי גערופענעם אַלטן טעאַטער, — צווישן זיי בוגאַוואַ מיט איר מאַן אַבעליאָוו און די פרוי ליפשיץ, אָן אַלטע זייער באַגאַבטע אַרטיסטין. ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די פּראָבן, איז מיר גלייך ניט צום האַרצן געווען די אָנווייזונגען און די באַמערקונגען פון דעם קינסטלערישן אָנפירער אפרים לויטער. ער האָט געשטרעבט צו שאַפן אַ סינטעטישן טעאַטער: די ליניע פון סטאַניסלאַווסקין און וואַכטאַנגאָוו, האָט ער געוואָלט פאַראייניקן מיט דעם אַזוי גערופענעם מעטאָד פון אַלעקסאַנדער גראַנאָווסקי. צווישן די געוועזענע סטודענטן פון קיעווער קולטור־ליגע, זיינען געווען וויניק באַגאַבטע אַקטיאָרן, נאָר ער האָט זי פּראָטעזשירט. ער האָט געהייסן לאה בוגאַוואַ אָנטייל נעמען אין אַן עטיוד, וואָס בוגאַוואַ, וועלכע האָט קיינמאָל ניט געלערנט אין קיין דראַמאַטישער שולע, נאָר איז געווען זייער באַגאַבט פון דער נאַטור, האָט אים גלענצנד אויסגעפירט. געהאָלפן איר האָט אונדזער סטודענטין זוסמאַן, וועלכע חוץ דעם, וואָס זי איז געווען הילפלאָז אין דעם עטיוד, האָט זי אויך קוים קוים גערעדט יידיש, איר יידיש האָט געקלונגען ווי אין מויל פון אַ קריסטין. ה׳ לויטער האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז זוסמאַן האָט

ריכטיק געלעבט אינעם עטיוד בעת לאה בוגאַוואַ האָט זיך שוין צו גוט אויסגעלעבט אינעם עטיוד. אזוי שפּילן קאָן מען אין אַ חודש אַרום...

מיך האָט ער שוין ניט געקאָנט פאַרפירן, ווייל איך האָב שוין דורכ־געמאַכט אַ געוויסע שול אין שלום עליכם סטודיע ביי אַלעקסיי דיקי. איך האָב שוין באַקומען רוטין, דרייסטקייט און אַ געוויסן פעסטן באָדן. און ווען איך האָב אים באַמערקט אַז בוגאַוואַ האָט גערעדט איר אייגענעם טעקסט און זי דאַרף זיך ניט איינלעבן אין פרעמדע טעקסטן, אויף וואָס מען דאַרף אַ חודש לויט זיין מיינונג, וואָס דאָס איז אויך איבערגעטריבן. אַ באַגאַבטער קינסטלער קאָן אַנהויבן לעבן, ד.ה. אויסלעבן זיך אין אַ ראָל, ווען ער דערפילט זי אָפּטמאָל אויף דער ערשטער פּראָבע און דאַרף ניט קיין סך צייט אויף דעם. האָט ער מיר געענטפערט, אַז וועגן דעם וועט ער מיר דערקלערן נאָך דער פּראָבע. נאָר קיין שום דערקלערונג האָב איך ניט באַקומען. בכלל, דאַרף איך פעסטשטעלן, אַז אין אָט דער סטודיע פון דער קולטור־ליגע, זיינען אירע פּעדאַגאָגן און אָנפירער ניט געווען קיין אויפריכטיקע מענטשן. ס'האָט זיך דאָרטן געפילט געוויסע „יעווסעקישע" טענדענצן בנוגע די פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן...

איך האָב זיך דערמאָנט, ווי אַזוי איך בין ניט אָנגענומען געוואָרן אין 1919 יאָר אין דער סטודיע, אין דער צייט ווען דער גרויסער רעזשי־סאָר און פּעדאַגאָג מאַרדזשאַנאָוו האָט יאָ געפונען פאַר נויטיק מיך אויפ־צונעמען אין דער דראַמאַטישער קאָנסערוואַטאָריע.

איך האָב זיך אויך דערמאָנט: ווען איך האָב זיך עקזאַמענירט אין מאָסקווע אין דער שלום עליכם־סטודיע, און איך האָב דערזען פאַר זיך ביי אַ לאַנגן ברייטן טיש אַ קאָמיסיע פון 15 פּערזאָן, אַקטיאָרן און רעזשיסאָרן, האָב איך זיך לכתחילה פאַרלוירן. און ווען צווישן זיי האָב איך נאָך באַמערקט דעם פּראָפעסאָר קונין מיט דער געלער באָרד, וועלכער האָט מיך פאַרבראַקירט אין קיעוו (ער איז געווען איינגעלאַדן אין דער סטודיע אַלס פּעדאַגאָג פון דיקציע און פון שטעלן די שטימען) האָב איך אינגאַנצן פאַרלוירן דעם מוט, און בין שיעור ניט דורכגעפאַלן אויף עקזאַמען. אַלעקסיי דיקי וועלכער האָט געזען און פאַרשטאַנען מיין צושטאַנד, האָט מיר דערנאָך געזאָגט: „איך פאַרשטיי אייער צושטאַנד, איר האָט פאַרלוירן די דרייסטקייט, ווען איר האָט דערזען אַזאַ אויטאָריטעטע קאָמיסיע. נאָר מיר פאַרשטייען עס טרעפט, אַז טעאַט־ראַלע עקזאַמענעס זיינען אַמאָל צופעליקע. לויט אייערע געגעבענע האָט

איר רעכט פאַרעכנט צו ווערן אין דער סטודיע. אינעם פּראָצעס פון דער אַרבעט וועט איר געוויס אַרויסווייזן אייערע פעאיקייטן.״ און אַזוי איז געווען. אין אַ צייט אַרום, האָט זיך דיקי זייער פאַראינטערעסירט מיטן יידישן פאָלקלאָר און ווען איך האָב אים דערציילט, אַז איך בין אין דער קינדהייט געווען אַ „פּורים־שפּילער״ האָט ער מיך געבעטן אויפ־שטעלן אין זכרון די גאַנצע „פורים שפּיל״. איך האָב עס פאַרגעלייענט פאַרן גאַנצן קאָלעקטיוו, פּונקט אַזוי ווי מיר האָבן עס געשפּילט אין דער קינדהייט, אַזוי ווי דיקי האָט מיר עס געהייסן פאַרלעזן. ווו מען האָט באַדאַרפט זינגען, האָב איך געזונגען און די רעטשיטאַטיוון, האָב איך פאַרגעלייענט מיט אַ געוויסער מעלאָדיע. נאָכדעם, ווי איך האָב פאַרענדיקט, האָט ער מיר געזאָגט: אָט איצט האָט איר באַוויזן גרויסע פעאיקייטן צו דער בינע. איך קאָן אייך פאַרטרויען אין דער „שפּיל״ וועלכע ראָל איר ווילט. און איך האָב אויסגעקליבן די ראָל פון „המן״ וועלכע איך האָב געשפּילט אין דער קינדהייט, און דורך מיט דערפאָלג. אָט ביי דעם יידן מיט דער געלער באָרד, האָב איך גאַרניט געלערנט. ער האָט אָנערקענט: אַז ביי מיר איז די שטים געשטעלט פון דער נאַטור, די דיקציע אַ ריינע און אַז איך גויטיק זיך ניט אין זיין הילף. און איך בין מיט דעם געווען צופרידן.

אין יאַנואַר 1925 האָב איך באַקומען אין כאַרקאָוו אַ בריוו פון רחלען, אַז זי איז אַריבערגעפאָרן מיט איר ברודער און עלטערע שוועס־טער קיין מאָסקווע און בעט מיך קומען צו איר צו גאַסט. זי האָט באַקומען אַ דערלויבעניש פון איר ברודער אַז איך זאָל גלייך פאַרפאָרן צו זיי.

דער כאַרקאָווער טעאַטער, נאָך איידער ער האָט זיך דערעפנט, האָט מיך שטאַרק אַנטוישט. איך האָב זיך דערפילט זייער שלעכט אין דעם טעאַטער. ווי עס האָט זיך אַרוסגעוויזן אין עטלעכע יאָר אַרום, בין איך געווען גערעכט. דער טעאַטער איז ליקווידירט געוואָרן, ווייל ער האָט זיך ניט באַרעכטיקט. איך האָב דערלאַנגט אַ מעלדונג, אַז איך בעט מיך באַפרייען פונעם טעאַטער און ווען ה׳ לויטער האָט מיך געפרעגט די סיבה פאַרוואָס איך גיי אַוועק פון טעאַטער? אין דער צייט וואָס צווישן 70 אַקטיאָרן וועלכע האָבן זיך באַוויזן אויפן קאָנקורס, זענט איר אָנגענומען געוואָרן צווישן די אויסגעווייטע 10 אַקטיאָרן? — האָב איך אים אָפנהאַרציק געזאָגט אַז מיך באַפרידיקט ניט די רעזשי!...

סוף יאַנואַר 1925 בין איך געקומען קיין מאָסקווע. פֿאַרפֿאָרן צו רחלען, וועלכע האָט זיך זייער דערפֿרייט מיט מיר. אין מאָסקווע האָט זיך געגרינדעט אַ נייע דראַמאַטישע סטודיע אונטער דער אָנפֿירונג פֿונעם רעזשיסאָר פֿון קינסטלערישן טעאַטער „מכאַט", באָריס איליטש ווערשילאָוו. ער האָט אויך געאַרבעט אין דער „הבימה". ער מיט יעליזאַוויעטאַ טעלעשאָוואַ, האָבן אויפֿגעפֿירט אין „הבימה" צוויי פֿאָרשטעלונגען „הגולם" פֿון ה. לייוויק און „המבול" פֿון בערגער. די סטודיע האָט געטראָגן דער נאָמען „פֿרייע קינסטלערישע סטודיע", פֿאַרקירצט „פֿרייקונסט".

טעאַטער־סטודיע „פרייקונסט"

דער קינסטלערישער אָנפירער פון דער סטודיע „פרייקונסט" בער בן אליהו ווערשילאָוו איז איינציייטיק געווען אַ רעזשיסאָר פונעם מאָס־קווער קינסטלערישן טעאַטער און אַ שטעלפאַרטרעטער פונעם קינסטלע־רישן אָנפירער פונעם מוזיקאַלישן טעאַטער אויפן נאָמען פון סטאַניסלאַוו־סקי. סטאַניסלאַווסקי איז שוין דעמאָלט געווען אַלט און שוואַך, און ווערשילאָוו האָט אים פאַרטראָטן. סטאַניסלאַווסקי האָט ווערשילאָוון געטרויט, ווי איינעם פון די וואָס האָבן טיף באַנומען זיין סיסטעם, זיין מעטאָדאָלאָגיע.

ווערשילאָוו, האָט מיט לייב און לעבן זיך אָפּגעגעבן דער יידישער סטודיע. ניט געקוקט דערויף וואָס ער איז געווען גריילעך פאַרנומען אין די אויבנדערמאָנטע טעאַטערן, פלעגט ער דער סטודיע „פרייקונסט" איינגאַנצן אָפּגעבן זיין פרייע צייט (אייגנטלעך די צייט וואָס פלעגט אים בלייבן אויף אָפּרו), ניט באַקומענדיק קיין גראָשן געלט פאַר זיין שווערער אַרבעט אין אָט דער סטודיע. אדרבא, ווען מען האָט באַדאַרפט דעם דראַמאַטורג אָפּצאָלן פאַר דער פיעסע „נפתלי באַטווין", וואָס ער האָט ספּעציעל פאַר דער סטודיע געשריבן, האָט ווערשילאָוו פאַרזעצט זיין ווינטערדיקן פוטער און באַצאָלט דעם אויטאָר פון דער פיעסע.

נאָך ווייניק — ווערשילאָוו האָט צו דער סטודיע צוגעצויגן אַלס פּעדאַגאָגן די בעסטע אַקטיאָרן און רעזשיסאָרן פונעם קינסטלערישן טעאַטער, ווי טעלעשאָוואַ, ליטאָווצעוואַ, (דעם גרויסן קאַטשאַלאָוס פרוי), כמעליאָוון, גאָרטשאַקאָוון און אנדערע, וועלכע האָבן אין דער יידישער סטודיע געאַרבעט בחינם — קיין גראָשן ניט באַקומען פאַר זייער טרחה. דאָס איז אַ קלאָרער באַווייז, וואָס פאַראַ זויבערע מאָראַלישע אַטמאָס־פער עס האָט געהערשט אינעם מאָסקווער קינסטלערישן טעאַטער. ס'איז דאָך כמעט פאַנטאַסטיש: יידן ווילן באַשאַפן אַ נייעם נאַציאָנאַלן טעאַטער — קומען רוסישע מענטשן און זאָגן: „ברידער יידן, לאָמיר זיך נעמען פאַר די הענט און צוזאַמען אַ רוק טאָן אין אָט דעם ווינקעלע די יידישע קולטור פאָראויס!".

ווי געוויסנהאַפט, ווי פּעדאַגאָגיש אויסגעהאַלטן אַט די נאָבעלע, גייסטרייכע מענטשן האָבן אין אַט דער סטודיע געאַרבעט מיט די אָנפאַנגער, האָט מען וואָס געקאָנט אַרויסזען פון דער טעטיקייט פון טעלעשאָוואַ: זי האָט אין סטודיע געגרייט צום אויפפירן אויף דער בינע שלום עליכמס „מענטשן", ווו איינער פון די אַקטיאָרן — דובראָווינסקי וועלכער האָט לאַנג געשפּילט אין יידישע פּראָווינציעלע טרופּעס און איז געווען פאַרשטאַמפּירט, האָט געדאַרפט שפּילן די הויפּט־ראָל: דניאל היות.

טעלעשאָוואַ האָט זייער דעליקאַט זיך געראַנגלט מיט דובראָ־ווינסקיס שטאַמפּן, מערקווירדיק וואָס זי האָט דעם אַקטיאָר ניט מגלה געווען דעם סוד, אַז ער איז אָנגעשטעקט מיט שטאַמפּן. זי האָט אַזוי קונציק געאַרבעט אַז אין אַ צייט אַרום האָבן די שטאַמפּן זיך אָפּגעטאָן פון דובראָווינסקין, פּונקט ווי עס טיילט זיך אָפּ די שאָלעכטס פון אַן איי.

ביזן היינטיקן טאָג קאָן איך ניט פאַרגעסן ווי טריי, ווי איבערגעגעבן און ווי המצאהדיק ווערשילאָוו האָט געאַרבעט מיט אַן אַקטיאָר. זעלטן ווער אויף דער יידישער בינע האָט אַזוי טיף זיך אַריינגעלאָזן אינעם טעקסט, ווי ווערשילאָוו. די געוויסנהאַפטע אַרבעט פון ווערשילאָוון האָבן אָנער־קענט אַזעלכע באַוווּסטע באַגאַבטע אַקטיאָרן פונעם מאָסקווער קליין־טעאַטער (מאַלי טעאַטער), ווי אָסטוזשעוו, גאָגאָלעוואַ, מיט וועלכע ווער־שילאָוו האָט געאַרבעט אַלס רעזשיסאָר בעת גרייטן דעם ספּעקטאַקל „אוריאל אַקאָסטאַ" אין דעם טעאַטער. קיין איין וואָרט איז דעם אַקטיאָר ניט דערלויבט געווען אַרויסצוברענגען פונעם מויל, קיין איין זשעסט, אויב עס איז אינערלעך ניט געווען באַרעכטיקט, דאָס הייסט אויב דער אַקטיאָר האָט עס ניט איבערגעלעבט.

פאָלגענדער עפּיזאָד אילוסטרירט אין אַ געוויסער מאָס ווערשילאָווס מעטאָד: אינעם ספּעקטאַקל „דער גולם" איז דעם אַקטיאָר פרידמאַן אויסגעקומען צו שפּילן דעם קראַנקן, וועלכער איז געלעגן אויף די רואינען פונעם טורעם. ס'איז פינצטער. דער קראַנקער דערזעט פּלוצים ווי פון דער פינצטערניש רוקט זיך גלייך צו אים אַ ריזיקע אומגעהויערע פיגור. דאָס גייט דער גולם. דער קראַנקער דאַרף זיך דערשרעקן און אָנהויבן שרייען: „פייער! פייער!"

ווערשילאָוו האָט זיך באַמיט אַרויסצורופן ביים אַקטיאָר אַט דעם מאָמענט פון אמתן פּחד, אָבער פרידמאַן פלעגט עס מאַכן בלויז טעכניש, אָן אינערלעכער איבערלעבונג. האָט ווערשילאָוו מיט אַט דעם אַקטיאָר

זיך געמאַטערט עטלעכע טעג בלויז אויף די צוויי ווערטער: „פייער! פייער!!" און האָט זיך ניט געקאָנט דערשלאָגן צו דעם, וואָס עס האָט זיך געפאָדערט.

איינמאָל אין אָוונט — זיינען מיר, איך און אַ גרופּע סטודענטן געזעסן נעבן צימער ווו ווערשילאָוו פלעגט אַרבעטן אינדיווידועל מיט דעם אָדער מיט יענעם אַקטיאָר. פּלוצים דערהערן מיר אַן אוממענטשלעך האַרצרייסנדיק געשריי. מיר אַלע זיינען דערציטערט געוואָרן. מיר האָבן געמיינט, אַז עמעצער קוילעט פרידמאַנען. מיר טוען האַסטיק אַן עפן די טיר און מיר דערזען אים ליגן אַ בלאַסן ווי קרייד, מיט דערשראָקענע אויגן און ער שרייט: „פייער! פייער!"

— אָט איצט, — זאָגט ווערשילאָוו — האָבן מיר געפּאַקט דעם יאָדער פון דער ראָל. איצט פרידמאַן, וועט איר אַוועק אויפן ריכטיקן וועג.

און ער האָט אונדז, זיינע אַקטיאָרן, דערציילט, ווי אַזוי דאָס איז דערגרייכט געוואָרן. באַמיענדיק זיך אָנצוצינדן פרידמאַנס טעמפּעראַמענט, האָט ווערשילאָוו ביי אים אַ פרעג געטאָן: „ווער איז אייך אין אייער לעבן טייערער פון אַלץ?" האָט פרידמאַן אים געענטפערט: — „מיין איין און איינציקער זון".

— „איז אָט, — זאָגט אים ווערשילאָוו — שטעלט זיך פאָר אַז מיט אייער זון האָט געטראָפן אַ גרויסער אומגליק." פרידמאַן האָט זיך פאַרטראַכט. עס האָט אים פּלוצים אין זיין פאַנטאַזיע זיך פאָרגעשטעלט אַז זיין זון איז אַרונטערגעפאַלן אונטער אַ טראַמוואַי און ער האָט ניט מיט זיין קול — אָט פּונקט ווי מען וואָלט אים געקוילעט, גענומען שרייען: „פייער! פייער!"

די שענסטע און בעסטע יאָרן אין מיין שפּעטערישער טעטיקייט, האָלט איך, זענען געווען די 5 יאָר, ווען איך האָב געלערנט און געאַרבעט אין „פרייקונסט". דער קאָלעקטיוו פון דער סטודיע איז באַשטאַנען פון אַ גאַנצע ריי פעיקע און טאַלאַנטירטע אַקטיאָרן. ריכטיקער, סטודענטן־אַקטיאָרן. זיי האָבן זיך אויסגעטיילט אין צוויי אפילו אין דריי קאַטעגאָריעס: ליכטענשטיין, אַ הויך טאַלאַנטפולער, אינטעלעקטואַלער, אַ פּסיכאָלאָגיש טיפער אַקטיאָר, האָט אָפּגעאַרבעט 22 יאָר אין אַלטן טעאַטער, האָט ער פאַרלאָזט דעם פּראָווינציעלן טעאַטער און איז געקומען אין מאָסקווע, דערלערנען טעאָרעטיש די דראַמאַטישע קונסט. טעאָרעטיש, ווייל אַ פּראַקטיק האָט ער געהאַט אַ גרויסע. אין לעבן איז

ער געווען אַ לעבנסלוסטיקער, שאַרפזיניקער, זייער באַלעזענער און גוטהאַרציקער מענטש. אַביסל האָט ער געהאַט אין זיין אויפפירונג פון דער „באָהעמע", נאָר דער קונסט פלעגט ער זיך אָפגעבן גאַנץ ערנסט. פריד־מאַן, דובראָווינסקי, זיין פרוי דובראָווינסקאַיאַ, אַלטמאַן שולעמזאָן, עפשטיין און איך, האָבן געהערט צו איין קאַטעגאָריע. אַרטיסטן פון אַלטן טעאַטער, ניצבערג, באָנגאַרד, אסתר, ווערשילאָווס פרוי, אַן אַרטיסטין פון דער „הבימה" — דאָס זיינען געווען אַרטיסטן פון נייער פאָרמאַציע. פּאָמע־ראַנץ, כוואַלעס, געוועזענע אַקטריסעס פון ווילנער טרופּע — די לעצטע מעג מען אויך פאַרעכענען צו דער נייער פאָרמאַציע. פּאַלאַנסקאַיאַ, גאָלדינאַ, לעווינאַ קיפּעוואַר, קאַטינאַ סלאָנים, יאַצאָווסקאַיאַ, פון דער קיעווער סטודיע, פון דער קולטור־ליגע, סטודענטן מיט אַ געוויסן קולטור־באַגאַזש און האָבן שוין געלערנט די דראַמאַטישע קונסט גרינטלעך, נאָר ווייניק פּראַקטיצירט. צווישן אָט די אַלע דאַרף מען אויסטיילן ראַיע יאַצאָווסקאַיאַ, אַ זייער באַגאַבטע טאַלאַנטפולע אַרטיסטין. אין לעבן איז זי געווען קאָן מען זאָגן ניט קיין שיינע. רויטע האָר מיט זומער־שפּרענקלעך אויפן פּנים, נאָר מיט זייער אַ באַחנטן געזיכט, אויסדרוקפולע אויגן, אַ סך ווייבלעכקייט. מיט איין וואָרט זי האָט אויף דער בינע געהאַט דאָס וואָס מען רופט „שאַרם". אַ סך ווייכקייט אין איר שטימע און זייער אַן אויפריכטיקן טאָן. זי האָט געהאַט אַ שיינע שטימע, אַ לירישע סאָפּראַנע. האָט זיך גראַציעז באַוועגט אויף דער בינע. דערביי אויך געווען אַ טייערער מענטש. מיר, ד.ה. אַלע מיטגלידער פון דער סטודיע, האָבן זי אַלע ליב געהאַט. ליידער איז זי זייער יונג אַוועק פון אונדז. זי איז געשטאָרבן פון טיפוס אין דער צייט פון צווייטן וועלט־קריג אין קאַזאַכסטאַן אין דער שטאָט דזשאַמבול. צייטלין שאַפּיראָ, טאַמאַרקין, כאַסין, וואָלאָסקאָ, אויבעלמאַן, סאַמילאָוויטש, דאָס זיינען געווען אַנ־פאַנגער, נאָר צוויי פון זיי האָבן געשפּילט טיטל־ראָלן, וואָלאָסקאָ „דער גולם" און אויבעלמאַן „נפתלי באָטווין".

די סטודיע האָט קיין שום סובסידיע פון דער מלוכה ניט באַקומען. אַלע אַקטיאָרן האָבן בייטאָג זיך פאַרנומען מיט אַן אַנדער אַרבעט. און נאָר אין די אָוונטן פלעגן מיר לערנען און רעפּעטירן די פּיעסן אויף וועלכע מיר האָבן געאַרבעט.

אָפיציעל זיינען מיר געווען רעגיסטרירט אַלס אַ „טרודקאָלעקטיוו" (אַרבעטקאָלעקטיוו) ביים פאַריין פון די קינסטלער („ראַביס) נאָר קיינער

האָט קיין געהאַלט ניט באַקומען. די הכנסה פון די פאָרשטעלונגען וואָס מיר האָבן פון צייט צו צייט געגעבן, ווי אויך געוויסע סומעס, וועלכע עס האָבן אַריינגעטראָגן איינציקע מעצענאַטן, וואָס האָבן געשטיצט די סטודיע, — פלעגט גיין אויף פאַרמירן די ספּעקטאַקלען, אויף צאָלן פאַר דער געביידע. אַזוי ווי עס איז נאָך געווען די צייט פון „נעפּ", (די נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק), האָבן מיר נאָך געקאָנט עקזיסטירן ווי אַ האַלב־לעגאַלער אַנשטאַלט. דער איינציקער, וועלכער פלעגט באַקומען געהאַלט, בין איך געווען. ווערשילאָוו האָט מיר פאַרגעלייגט זיך פאַרנעמען מיט דער אַדמיניסטראַטיווער זייט פון דער סטודיע. די ערשטע צייט האָב איך געאַרבעט בחינם. נאָר אַזוי ווי איך פלעג דאַרפן פאַרשווענדן זייער פיל צייט און האָב שוין קיין צייט ניט געהאַט צו פאַרנעמען זיך מיטן פאַרדינען אויפן לעבנסמיטל, האָט ווערשילאָוו מיר באַשטימט אַ ניט גרויסע סומע געהאַלט.

מיין ערשטע ראָל, וואָס איך האָב געשפּילט אין דער סטודיע איז געווען דער סופר אין שלום עליכמס „גט". ווערשילאָוו האָט מיר געגעבן די ראָל בכדי איך זאָל זיך נישט פאַרשטאַמפּירן, ווייל אין די טרופּעס האָב איך געשפּילט אַלע „העלד־ראָלן". אין יידישן טעאַטער האָט דאָס געהייסן אַן „ערשטער ליבהאָבער"־אַמפּלוא. דאָס איז געווען אַ פּעדאַגאָגישער צוגאַנג. אין כאַראַקטער־ראָלן איז שווערער זיך שטאַמפּירן.

דער „גט" איז אויסגעפירט געוואָרן אין מאָסקווער גרויסן־זאַל פון הויפּט־ראַט פון די פּראָפאַריינען. דאָס איז אַ זאַל ווו עס קומען פאָר קאָנפערענצן און גרויסע עסטראַדע־קאָנצערטן. אין יענער צייט — אין די יאָרן 1925—1926, איז עס געווען מעגלעך. איצט וועט מען ניט פאַרדינגען דעם זאַל פאַר אַ יידישן קאָנצערט.

אויף דעם אָוונט האָט מאָסקווין געלייענט שלום עליכמס ווערק אין רוסיש און דער אַרטיסט פּרוטקין, אַ ייד לויטן אָפּשטאַם, האָט אין העברעאיש פאָרגעלייענט ח.נ. ביאַליקס „על השחיטה".

די צווייטע ראָל, וואָס איך האָב געשפּילט אין דער סטודיע איז געווען דער ספּעקוליאַנט אין דער פּיעסע „אַ טומל אויפן מאַרק" פון דניאל, דעם פאָטער פון איצטיקן שרייבער דניאל, וועלכער זיצט אין טיורמע. דאָס זענען נאָר געווען סטודענטישע פאָרשטעלונגען, וועלכע זיינען אויפגעפירט געוואָרן צוליב פּראַקטיק. די ערשטע גרויסע פאָרשטעלונג, וועלכע די סטודיע האָט אויפגעפירט איז געווען ה. לייוויקס

„דער גולם״ אין דער פּיעסע האָב איך באַקומען אַ וויכטיקע ראָל — דער אַרציביסקופּ טאַדעוש. די פאָרשטעלונג האָט אַ גרויסן דערפאָלג. נאָך אָט דער פאָרשטעלונג האָט שוין אונדזער סטודיע געהייסן טעאַטער־סטודיע „פרייקונסט״. אין דער פּיעסע האָבן זיך אויסגעצייכנט גינצבערג — אין דער ראָל פון מהר״ל, דובראָווינסקי אין דער ראָל פון תנחום, וואָלאָסקאָ האָט זיך זייער געפּאַסט צו דער ראָל פונעם גולם. זיינע אויסערלעכע געגעבענע ווי אויך די אינערלעכע האָבן זיך זייער גע־פּאַסט צו דער ראָל. נאָר ליידער, איז ער ווייטער ניט געגאַנגען. אַלץ וואָס ער האָט נאָכדעם געשפּילט, איז געווען גולמע וואַטע...

אַ זייער אָנגענעמען איינדרוק האָט געמאַכט יאַצאָווסקאַיאַ אין דער קליינער ראָל דבורהלע, דאָס אייניקל פון מהר״ל. אַראַנסקי, וועלכער האָט געשריבן מוזיק צו דער פּיעסע אויף די טעמעס פון אוּוראַטינער, האָט דאָס איר אָנגעשריבן אַזאַ האַרציק מעלאָדיש ליד און זי האָט פּראַכט־פול געזונגען גינצבערג — זייער אַ טאַלאַנטפולער אַקטיאָר, איז אָבער געווען ניט שטענדיק איבערצייגנד. דאָס איז געווען אַ סטיכישע נאַטור. היינט אויסגעצייכנט — גענייאַל קאָן מען זאָגן, מאָרגן הילפלאָז. ווען ווערשילאָוו האָט אים איינמאָל געמאַכט אַ באַמערקונג אויף די גאַסטראָלן אין קרעמענטשוק, אַז ער פאַרלאַנגזאַמט דעם טעמפּ, אַז מען האָט ביי אים ניט געקאָנט כאַפּן קיין וואָרט, אַזוי שנעל, אָן שום אינטאָנאַציע, אָן אַ פּויזע האָט ער גערעדט. און ווערשילאָוו האָט אים געמאַכט אַ באַמערקונג וועגן דעם. האָט ער געזאָגט: „איר האָט דאָך געבעטן — טעמפּאָ!״ . . .

גינצבערג איז געווען אַ גרויסער טאַלאַנטירטער אימפּראָוויזאַטאָר, נאָר אַן אָנפּירנדיקע ראָל איז אים ניט אַלע מאָל געלונגען. עס איז געווען עפּעס אומנאָרמאַל אין זיין שפּילן. ווען ליכטענשטיין האָט אים געזאָגט, אַז אין דער ראָל פון מהר״ל האָט ער באַדאַרפט זיין מער רב, האָט ער אים גע־זאָגט: „איך שפּיל אים ווי אַ רעוואָלוציאָנער!״ האָט אים ליכטענשטיין געפרעגט: צי ער האָט אַ פּאַריין־ביכל? האָט ער אים געענטפערט: „יאָ!״. זאָגט אים ליכטענשטיין: „איז כאַפּט זיך אַריין אין אַ פּאָלי־קליניק צום דאָקטאָר, ווייל איר זייט אַביסל גערירט אויפן קאָפּ!...״

איך בין זיכער, אַז ליכטענשטיין וואָלט אין דער ראָל געווען מער אויפן אָרט. נאָר ליידער, איז ליכטענשטיין אָנגעקומען אין דער סטודיע ווען די פאָרשטעלונג איז שוין געווען כמעט פאַרטיק.

די ערשטע רעצענזיע אין דער צייטונג „וועטשערניאַיאַ מאָסקוואַ״

האָבן מיר באַקומען. ניצבערג, דובראָווינסקי, וולאַסקאַ און איך. מען האָט אונדז אָפּגעמערקט זייער פּאָזיטיוו. דאָס איז געווען פאַר אונדז זייער וויכטיק ווייל די רעצענזיע האָט געשריבן אַ גרויסער טאַלאַנטפולער קריטיקער, אַליין אַ רעזשיסאָר, אַ תלמיד פון וואַכטאַנגאָוון — מאַרגאָלין. נאָר די יידישע צייטונג דער „עמעס" ווו דער הויפּט־רעדאַקטאָר איז געווען ליטוואַקאָוו, האָט דעם דערפאָלג פון אונדזער ספּעקטאַקל פאַר־שוויגן. ביי די אידסעקציעס איז בכלל אונדזער סטודיע פאַרעכנט געוואָרן אַלס אַ נאַציאָנאַליסטישע און אייניקע האָבן אונדז אפילו באַשולדיקט אין ציוניזם. און ניט אָן אַ גרונט, נעמענדיק אין אַכט, אַז אין סטודיע, האָבן זיך באַטייליקט אַרטיסטן פון דער „הבימה" און אונדזערע מעצע־נאָטן זיינען געווען יידן, וואָס האָבן זייער סיטמפּאַטיזירט דעם ציוניזם. איינער פון די נאָענסטע מעצענאָטן אונדזערע זיינען געווען קאַהאַן־שאַ־באַסי אַ פּראָפעסאָר און אינהאָבער פון טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט, און חבר ניורענבערג, אַ פאַרוואַלטער פון אַן אָפּטיילונג אין „וו.צ.ס.פּ.ס." אַלפאַרבאַנדישער צענטראַלער ראַט פון די פּראָפאַריינען. ער איז געווען דער מאַן, פון דער פאָלקס־קאָמיסאַרין פאַר יוסטיץ־ניורינאַ. עס זיינען געווען נאָך יידן, וועלכע האָבן געאַרבעט אין דעם אויבן דערמאָנטן צענטראַלן ראַט, וואָס האָט זייער סימפּאַטיזירט אונדזער טעאַטער־סטודיע, איבערהופּט פאַר זיין יידישן נאַציאָנאַלן קאָלאָריט. און פאַר זיין רעאַליזם. זיי האָבן שפּעטער זייער טייער באַצאָלט פאַר זייער סימפּאַטיע צו אונדזער טעאַטער סטודיע.

דער יידישער מלוכה־טעאַטער איז צו יידישע מאַסן ניט דער־גאַנגען, ווייל דער טעאַטער איז געווען אולטראַ־פאָרמאַליסטיש. נאָר ליטוואַקאָוו און זיינע אָנהענגער האָבן פאַרגעטערט דעם טעאַטער. און פאַרשטייט זיך, אַז זיי זיינען געווען שטאַרקע קעגנער פון אונדזער טעאַטער־סטודיע. נאָר ניט קוקנדיק אויף דעם, פלעגן אונדזער טעאַטער אָפּט באַזוכן פּרץ מאַרקיש, שמואל האַלקין און אפילו דאָברושין און האָבן געלויבט דעם טעאַטער, נאָר מינדלעך...

די צווייטע פאַרשטעלונג פון אונדזער טעאַטער־סטודיע איז געווען „נפתלי באַטווין" פון אברהם וועוויאָרקע. דאָס איז שוין געווען אַן אַזוי גערופענע פּראָלעטאַרישע פאַרשטעלונג, ריכטיקער אַ „רעוואָלוציאָנערע" הגם, דאָ ווערט אויסגעפירט אַ טעראָריסטישער אַקט, וואָס איז קעגן דעם באָלשעוויסטישן פּראָגראַם. נאָר דער אַקט איז קעגן אַ פּראָוואָ־

קאַטאָר, דעריבער האָט שוין די אידעסקציע באַרעכטיקט די פּיעסע און עס איז שוין געווען אַ רעצענזיע וועגן דער פאַרשטעלונג אין „עמעס" נאָר גרעסערע רעצענזיעס, מער פּאָזיטיווע, האָבן זיך באַוויזן אין די טעאַטראַלע רוסישע זשורנאַלן ווי „נאָווי זריטעל", „סאָווריעמעני טעאַטער", זשורנאַל „ראַביס", און אנדערע. אין די אַרטיקלען וועגן אונדזערע פאַרשטעלונגען האָבן געשריבן הויך־קוואַליפיצירטע טעאַטער־קריטיקער: בעסקין, קרוטי, לאַרענצאָ און אַנדערע. אין דעם ספּעקטאַקל האָט זיך אויסגעצייכנט דער טאַלאַנטפולער אַקטיאָר ליכטענשטיין אין דער ראָל פון דעם דעפּענסיווע־שעף אין פּוילן, פּיאַנטקאָווסקי און דער יונגער אַקטיאָר אויבעלמאַן אין דער טיטל־ראָל נפתלי באַטווין. איך האָב אין דער פּיעסע געשפּילט אַ פּאָליציסקע, נאָר געגרייט אויך די ראָל צעכנאָווסקי וואָס האָט געשפּילט אַלטמאַן. אַלטמאַן איז אויך געווען אויפן אָרט אין דער ראָל נאָר מיר האָט זיך אויך געוואָלט זיך ווייזן אין דער ראָל. נאָר ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז פון טעאַטער איז אַוועק דוברּאָווינסקי, וועלכער האָט געשפּילט אַ צווייטן נאָר אַ גרעסערן פּאָליציי־מאַן. האָט ווערשילאָוו פאַראייניקט די צוויי פּאָליציי־מענער און איך האָב געמוזט שפּילן אָט דיביידע ראָלן אין איין ראָל. און עס איז ניט געווען ווער עס זאָל מיך פאַרבייטן. אין דעם ספּעקטאַקל האָט זיך אויך אויסגעצייכנט ניצבערג אין דער ראָל פונעם גלח. פון די פרויען־ראָלן האָט געשפּילט אויף אַ ניוואָ און געוויסער שפּעררישער הויך די פרוי פון ווערשילאָוון אסתר באַנגאַרט, די ראָל פון דעם פאַבריקאַנטס פרוי — פּעליציאַ.

די דריטע פאַרשטעלונג פון אונדזער טעאַטער איז געווען „הירש לעקערט" פון ה. לייוויק. די ראָלן צו דער פּיעסע האָט צעטיילט ווערשילאָוו צוזאַמען מיטן קונסט־ראַט. ביים טעאַטער איז געווען אַ קונסט־ראַט אין וועלכן איך בין אויך געווען אַ מיטגלידער. דער קונסט־ראַט פלעגט אויסגעוויילט ווערן פונעם קאָלעקטיוו און ווערשילאָוו פלעגט זיך רעכענען שטענדיק מיט דער מיינונג פונעם קונסט־ראַט. ביים צעטיילן די ראָלן צו „הירש לעקערט" האָט דער קונסט־ראַט באַשטעטיקט מיך. דאָס איז געווען די ערשטע ראָל, וועלכע איך האָב באַקומען פאַר דער גאַנצער צייט וואָס איך האָב געשפּילט אין אונדזער טעאַטער, וועלכע האָט זיך געקאָנט פאַרעכנט ווערן צו מיין געוועזענעם „אַמפּלואַ", בכלל האָט אונדזער טעאַטער ניט אַנערקענט קיין אַמפּלואַ.

אַ באַווייז אַז אין גולם האָב איך געשפּילט דעם אַרכיבישוף טאַ־דעוש, וועלכער איז לויט דער פּיעסע אַלט געווען 70 יאָר און דעם 20־יעריקן הירשקע. אויף דער ראָל האָב איך זייער לאַנג געאַרבעט מיט ווערשילאָוון. אונדזער אויפגאַבע אין דער ראָל, איז געווען אויסמיידן דעם אויפגעבלאָזענעם פּאַטאָס. דאָס איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע אַקטיאָרישע אַרבעטן אין מיין שעפערישער טעטיקייט אויף דער בינע. מיר האָבן זיך באַמיט צו שאַפן אַ פּאַראַלגעמיינערטע געשטאַלט פון אַ יידישן רעוואָלוציאָנער, וועלכער האָט געשטרעבט אויסצודריקן זיין פּראָ־טעסט קעגן דער זעלבסטהערשאַפט, דעם דראַנג פונעם פּראָלעטאַריער נידערשטירצן דעם צאַריזם, כדי צועפענען אַ וועג צו אַ פרייען, גליקלעכן לעבן. מיר האָבן זיך באַמיט אויסצומיידן איבערפלעכלעכע אַפעקטאַציעס און שטעלן דעם טראָפּ אויף לעקערטס אינערלעכע איבערלעבונגען און אין דער זעלבער צייט זאָל זיך פילן שטאָלץ אין זיין אַנטשלאָסנקייט אויסצופירן זיין רעוואָלוציאָנערן חוב. לויט דער פּרעסע, אין מאָסקווע ווי אויך אין לענינגראַד, ווו מיר האָבן אין יאָר 1929 גאַסטראָ־לירט, האָבן מיר מיט ווערשילאָוון, — איך שרייב מיט ווערשילאָוון, ווייל ווערשילאָוו אין דער אַרבעט מיט מיר, האָט מיר אַ סך געהאָלפן. אַרבעטנדיק אויף דער ראָל האָט פאַר מיר ווערשילאָוו אַנטדעקט אַ נייע שעפערישע וועלט, נייע שעפערישע האָריזאָנטן. פון מיין אַרבעט מיט אים האָב איך אַ סך געלערנט, וואָס איז מיר צונוץ געקומען אין מיין ווייטערדיקער קינסטלערישער טעטיקייט, וועלכע העלפן מיר ביזן היינטיקן טאָג, ווי אַזוי צו אַרבעטן אויף ראָלן און אויף קינסט־לערישע פאָרלעזונגען און ווי אַזוי צו אַרבעטן אויף פאָרשטעלונגען אַלס רעזשיסאָר. און די ווירקלעכקייט האָט מיר באַוויזן, אַז דער מעטאָד, מיט וועלכן ווערשילאָוו האָט זיך באַנוצט, אין זיין רעזשי־סעריש־פּעדאַגאָגישער אַרבעט איז אַ ריכטיקער. פון יענער צייט אָן, בין איך זייער זעלטן דורכגעפאַלן אין מיין שעפערישער אַרבעט, אי אַלס אַקטיאָר ווי אויך אַלס רעזשיסאָר.

וועגן מיין אַרבעט אויף דער ראָל הירש לעקערט האָבן געשריבן מיט סימפּאַטיע און צופרידנקייט די מאָסקווער טעאַטראַלע פּרעסע אין די אויבנדערמאָנטע טעאַטראַלע זשורנאַלן ווי אויך די לענינגראַדער פּרעסע. דער זשורנאַל „טעאַטער און מוזיק" און „קראַסנאַיאַ זוויעזדאַ" (דער רויטער שטערן) גאַלוביעוו און פּאַדוואַ.

בראודא אין דער ראָל פון הירש לעקערט פון לייוויק — מאָסקווע 1929

אַן אינטערעסאַנטע שעפערישע אַרבעט האָב איך אויך דורכגעמאַכט אין אונדזער טעאַטער־סטודיע „פרייקונסט" מי דער רעזשיסאָרין פון קינסטלערישן טעאַטער ליטאָווצעוואַ, דעם גרויסן קאַטשאַלאָווס פרוי.

הגם איך האָב זייער הויך געשעצט ווערעשילאָוו, ווי אַ לערער פון קונסט און, בכלל, ווי אַן איידעלן קולטורעלן מענטשן, דאָך אין דעם פאַל האָב איך געמוזט באַשטרייטן ווערשילאָווס האַלטונג בנוגע צו מיין אַרבעט אויף דער ראָל פערנאַנדאָ אין לערמאָנטאָווס פיעסע „די שפּאַ־

ניער״ אויף וועלכער איך האָב געאַרבעט מיט ליטאָווצעוואַ. סיי איך, און סיי ליטאָווצעוואַ, האָבן מיר באַטראַכט, אַט די פּערנאַנדאַ־געשטאַלט, ווי אַ קעמפער קעגן דער דעספּאָטישער זעלבסטהערשאַפט, קעגן דער שפּאַנישער אַריסטאָקראַטיע פון יענער צייט. ווערשילאָוו אָבער האָט געשטרעבט באַטאָנען פּערנאַנדאַ׳ס ליריזם. ביי ווערשילאָוון איז געווען דער עיקר פּערנאַנדאַס ליבע צו עמיליען. אַט צוליב וואָס, האָט ווערשילאָוו גערעכנט — איז פּערנאַנדאַ קאַפּאַבל אָפּגעבן זיין לעבן. קיין קעמפער פאַר פרייהייט האָט ווערשילאָוו אין פּערנאַנדאַ ניט געזען. אַט די חילוקי דעות האָבן געבראַכט דערצו, אַז די פּיעסע האָט מען אויף דער בינע ניט אויפגעפירט. ווערשילאָוו האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג וועגן מיין אַרבעט אויף דער געשטאַלט פּערנאַנדאַ, פּאָזיטיוו. ער האָט געזאָגט, אַז מיין אַרבעט, לויט דעם ווי איך האָב טראַקטירט די ראָל, איז אַ גוטע, און אַז איך האָב זיך באַוויזן אין דער ראָל פיל בעסער ווי עס האָבן געשפּילט די זעלבע ראָל צוויי פון זיינע תלמידים אויף דער רוסישער בינע. נאָר די אינטערפּרעטאַציע פון דעם געשטאַלט איז ניט קיין ריכטיקע. פּערנאַנדאַ, לויט זיין מיינונג „דאַרף זיין אַ רעוואָלווער און ניט אַ קאַנאָן״ (אַ פּושקע). עס זיינען געווען מיינונגען אין קאָלעקטיוו, אַז ווערשילאָוו האָט עס געטאָן, ד.ה. ער האָט זיך אַזוי אַרויסגעזאָגט, מיט דעם ציל, אַז די פּיעסע, זאָל ניט אויפגעפירט ווערן אויף דער בינע, ווייל די פאָרשטעלונג „די שפּאַניער״ איז געווען שטאַרקער, ווי אַלע זיינע פאָרשטעלונגען, וועלכע ער האָט אויפגעפירט ביי אונדז אין טעאַטער, נאָר איך גלויב ניט אין דעם. פּשוט, ער האָט געהאַט אַן אַנדער מיינונג.

אין דער פאָרשטעלונג „הירש לעקערט״ מוז איך נאָך אָפּמערקן די אַרטיסטן: ליכטענשטיין אין דער ראָל זאַליע, הגם ניט קיין גרויסע ראָל. נאָר ליכטענשטיין האָט געשאַפן אַן אומפאַרגעסלעך געשטאַלט. דער יונגער אַקטיאָר סאַמאָילאָוויטש האָט אויך געשאַפן אַ ליריש גע־שטאַלט אין דער ראָל מענדל און באַזונדערס אויסדריקלעך, וואַרעם, מיט אַן אויסערגעוויינלעכער אָפנהאַרציקייט, אוממיטלבאַרקייט, האָט אויס־געפירט די געשטאַלט פון לעקערטס פרוי די אַקטריסע פּאַליע פּאַמעראַנץ.

נאָך אַט דער פאָרשטעלונג האָט שוין אפילו די אידסעקציע זיך אָנגעהויבן באַציען צו אונדזער טעאַטער בעסער. נאָר אויך די צוויי אַזוי גערופענע רעוואָלוציאָנערע פאָרשטעלונגען האָבן ניט געהאָלפן אונדזער טעאַטער זאָל זיך פאַרפעסטיקן אַלס סטאַבילער טעאַטער אין מאָסקווע.

אונדזער קינסטלער־דעקאָראַטאָר אין טעאַטער איז געווען דער מאָלער שולריכטער. גלייכצייטיק איז ער אויך געווען דער שטעלפאַטרעטער פון דער אַדמיניסטראַטיווער אָנפירונג פון ווערשילאָווען. ער האָט געשטאַלטיקט סצעניש די פאָרשטעלונג „נפתלי־„בטווין״ נאָר אויף פאַרמירן די פאָרשטעלונג „הירש לעקערט״ האָט ווערשילאָוו איינגעלאַדן דעם מאָלער פיין, וועלכן מען האָט געמוזט באַצאָלן אַ געוויסע סומע, וועלכע דער טעאַטער האָט ניט געהאַט. דערצו האָט מען די מאַטע־ריאַלן פאַר דר פאַרמירונג, די קאָסטיומען, דאָס אַלץ האָט מען באַדאַרפט קויפן פאַר מזומן. האָב איך זיך געווענדט צו אונדזער הויפּט־מעצענאַט פּראָפעסאָר קאָהאָן־שאַבסאַי, נאָר ער האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט. — „איך האָב געגעבן געלט, ווען איר האָט אויפגעפירט נאַציאָנאַלע פּיעסן ווי „דער גולם״. נאָר אויף סאָוויעטישע פּיעסן גיב איך ניט קיין געלט!״... האָב איך פאַרגעלייגט דער אָרגאַניזאַציע „אָזעט״, דאָס איז געווען דער אָנ־שטאַלט וועלכער האָט סובסידירט די איינוואָנדערונג אין ביראָבידזשאַן און בכלל איינאָרדענען יידן אויף ערד־אַרבעט. איך האָב זיי פאָרגעלייגט אָפּקויפן אונדזער פּרעמיערע „הירש לעקערט״ וועלכע מיר האָבן אויפגעפירט אינעם טעאַטער „קאַרש״, איצט פּיליאַל פונעם קינסטלערישן טעאַטער. דאָס איז אַ טעאַטער וועלכער האָט 1.300 פּלעצער. די פינאַנס־קאָמיסיע האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט אויף דער ערשטער זיצונג, העלפן אונדז אַרויסלאָזן די פּרעמיערע, ווייל איך האָב געבעטן דאָס געלט פאָרויס עס זענען דורך 9 זיצונגען פון דער קאָמיסיע און אויף דער 10־טער זיצונג האָב איך זיך פאָרט דערשלאָגן. דער פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע אַ געוויסער מאַרגאָלין, וועלכער איז געווען דער גרעסטער קעגנער פאַר פינאַנסירן אונדזער טעאַטער, האָט מיך, נאָך דער 10־טער זיצונג געפרעגט: — „איצט וויבאַלד איר האָט געזיגט, קאָנט איר דאָך מיר זאָגן דעם אמת, וויפל מיר וועלן דערלייגן צו דער אונטערנעמונג?... האָב איך אים געזאָגט: — דאָס קאָן מען וויסן נאָך די פאָרשטעלונגען. נאָר ווען איך האָב באַקומען די נויטיקע סומע האָב איך אים געזאָגט: „וועגן פאַרדינען פון דער פאָרשטעלונג קאָן קיין רייד ניט זיין, נאָר דערלייגן, וועלן זיי ניט קיין סך געלט. איך האַלט, אַז זייער אויפגאַבע דאַרף זיין ניט נאָר איינאָרדענען יידן אויף ערד־אַרבעט, נאָר אויך שטיצן די יידישע קונסט״. נאָר די סומען וואָס מיר האָבן באַקומען פון „אָזעט״,

איז געווען ווייניק צו פאַרמירן די פאָרשטעלונג. דרוקן אַפישן, נעמען קאָסטיומען א. א. וו. איך האָב נאָך אָרגאַניזירט אַ ספּעקטאַקל אין דער געביידע פונעם פיליאַל פון גרויסן אָפּערן טעאַטער, מיטן אָנטייל פון די באַרימטע אַרטיסטן, בלומענטאַל־טאַמאַרינאַ, סטעפּאַן קוזניעצאָוו, מאַ־ריוס ראַדין, שאַטראָוואַ. עס האָבן איר דער פאָרשטעלונג אָנטייל גענומען אויך יידישע אַקטיאָרן: ליכטענשטיין, שרה פיביך. מיר האָבן אויפגעפירט אין רוסיש „גאָט מענטש און טייוול״, וועלכער האָט געגעבן אַ גרויסע סומע. אין 1928 יאָר האָב איך פאָרגעלייגט, אַז אונדזער טעאַטער זאָל אַרויספאָרן אויף גאַסט־ראָלן אויף דער פּעריפעריע. ווערשילאָוו איז געווען קעגן אונדזער אַרויספאָר. נאָר די מערהייט פון קאָלעקטיוו האָט אונטערשטיצט מיין פאָרשלאַג. ווי איך האָב פריער אָנגעוויזן, האָט זיך מיט אונדזער טעאַטער פּאַראַיטעריסירט דער ראָט פון די פּראָפ־פאַריינען — האָב איך ביי זיי באַקומען 500 רובל און מיט דעם געלט זיך אַוועקגעלאָזט אין די שטעט דניעפּראָפּיעטראָווסק, פּאָלטאַווע, קרע־מענטשוג און זינאָויעווסק. איך האָב אַפּרקויפט אַלע ספּעקטאַקלען די פּראָפּפאַריינען, באַקומען גאַראַנטירט פאַר יעדע פאָרשטעלונג. אַלץ איז געווען אויסגערעכנט. די אַקטיאָרן האָבן דאָס ערשטע מאָל באַקומען געצאָלט פאַר זייער אַרבעט. נאָר איין זאַך האָב איך נישט פאַרויסגע־זען — אַז ווערשילאָוו וועט קומען אין דנעפּראָפּעטראָווסק, און וועט זיך הייסן באַצאָלן פאַר זיין רייזע. איז צום אַרויספאָר, נאָך די גאַסטראָלן אין דנעפּראָפּעטראָווסק, האָט געפעלט 50 רובל. נאָר ווערשילאָוון זאָגן וועגן דעם? אַ, ניין! ער איז דאָך געווען קעגן אונדזערע גאַסטראָלן!... וועט ער זאָגן: — „אַהאַ! — איך האָב דאָך אייך געוואָרנט, אַז עס איז צו פרי אַרויסצופאָרן...״ האָב איך געבאָרגט ביי אַ געוויסן דאָקטאָר 50 רובל און פון פּאָלטאַווע זיי אים אָפּגעשיקט.

אַזוי ווי די גאַסטראָלן זענען געראָטן, האָבן מיר באַשלאָסן צו פּרוּוון אונדזער „מזל״ אויך אין לענינגראַד ווו מיר האָבן אויך געהאָט צו קענען צייטיק אינטערעסירן זיך, אפשר סטאַציאָנירן זיך אין לענינגראַד. אין לענינגראַד האָט געלעבט אַ היבשע יידישע באַפעלקערונג און קיין ידי־שן סטאַבילן טעאַטער האָט די שטאָט ניט געהאַט. אונדזערע גאַסטראָלן, 10 פאָרשטעלונגען זיינע געווען פאַרקויפט. און מיר האָבן געשפילט אינעם טע־אַטער, וואָס האָט אַמאָל געהערט צו קאַמיסאַרזשעווסקאַיאַ די ספּעקטאַקלען זיינען דורך מיט דערפּאָל ביים צושויער, אָבער די פּרעסע האָט געלויבט

נאָר די אַקטיאָרן און ניט דעם מעטאָד פונעם טעאַטער. די אָנפירער פון קולטור און קונסט־ענינים אין לענינגראַד זיינען געווען מייערכאָלדיש געשטימט. דאָס איז געווען אין 1930, ווען אין דער מאָדע זענען נאָך געווען פאָרמאַליסטישע פאַרשטעלונגען, איבערהויפּט אין לענינגראַד.

איך האָב פאַראינטערעסירט דעם וו.צ.ס.פּ.ס. און זיי זיינען מסכים געווען צו סובסידירן אונדזער טעאַטער, מיר זאָלן זיך סטאַציאָנירן אין מאָסקווע אַלס אַ צווייטער יידישער טעאַטער פון די פּראָפּאַריינען. נאָר משה ליטוואַקאָוו האָט באַדאַרפט געבן זיין הסכמה. בין איך אַוועק צו ליטוואַקאָוון, האָט ער מיר אָנגעהויבן שטעלן פראַגן: — „וויפל אַקטיאָרן פון אַלטן טעאַטער זיינען דאָ אין קאָלעקטיוו?...” פרעג איך אים: — „וואָס הייסט ביי אייך אַקטיאָרן פון אַלטן טעאַטער?” — ווועמען האָט איר געשפּילט אין דער פאָרשטעלונג „הירש לעקערט?” — פרעגט ער מיר. זאָג איך אים: — „הירש לעקערטן”. — „ניין, — זאָגט ער, — אין אייך פילט זיך ניט קיין אַקטיאָר פון אַלטן טעאַטער...”

און ווען איך האָב אים געזאָגט אַז איך האָב געשפּילט 10 יאָר אין אַלטן טעאַטער, האָט ער מיר געענטפערט: — איר זענט געווען אַ קליינע צייט, האָט איר זיך נישט פאַרשטאַמפּירט. — גוט, — זאָג איך, — ליכטענשטיין. ער שפּילט פּיענטקאָווסקין אין „נפתלי באַטווין”. — „אַ ניין, — זאָגט ער, — ער שפּילט אויסגעצייכנט און זייער קולטורעל.” און ווען איך האָב אים געזאָגט אַז ליכטענשטיין האָט 22 יאָר געשפּילט אויף דער אַלטער בינע, איז ער פאַרשוויגן געוואָרן. און דערנאָך האָט ער אָנגערופן אַ פּאָר אַרטיסטן וועלכע זיינען בכלל אויף דער בינע ניט געווען. אָנפאַנגער פון זעלבסטעטיקע דראַמקרייזן. ער האָט מיר צוגעזאָגט באַטראַכטן דעם ענין. נאָר אין „וו.צ.ס.פּ.ס.” האָט ער אָנגעקלונגען אַז ער איז קעגן צו סטאַציאָנירן נאָך אַ יידישן טעאַטער. דער תירוץ: „דער איינציקער טעאַטער ווערט שלעכט באַזוכט”, דאָס איז געווען ריכטיק. דער יידישער מלוכה טעאַטער איז געווען אַ פאָרמאַליסטישער טעאַטער, דער ברייטער עולם האָט אים נישט פאַרשטאַנען, איז ער געווען שלעכט באַזוכט. אָט אַזוי האָט ליטוואַקאָוו „איבערגעקומען” די בעסטע יידישע אַקטיאָרן; זאַסלאַווסקי, רובין, זילבערבערג, דאַלסקאַיאַ און נאָך אַנדערע, זיינען אַוועק קיין אויסלאַנד. און דער טעאַטער „פרייקונסט” אַן איינהייטלעכער קינסטלערישער איינס איז אַ דאַנק אים זיך צעפאַלן.

אין טעאַטער איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג. עס האָבן זיך געשאַפן צוויי גרופּעס. איין גרופּע איז באַשטאַנען פון די וואָס זיינען געווען גוט איינגעאָרדנט אין מאָסקווע, איבערהויפּט פרויען, וועמעס מענער האָבן פאַרנומען הויכע פּאָסטנס און האָבן זיך אין גאָרניט ניט געניטיקט און דאָס טעאַטער איז פאַר זיי געווען אַ צייט־פאַרטרייב. זיי זענען געווען פאַר דעם, אַז דער טעאַטער דאַרף פאַרבלייבן אין מאָסקווע און מיר דאַרפן פאָרזעצן אונדזערע אַרבעט ווי פריער, ד.ה. כמעט הונגערן. די צווייטע גרופּע איז באַשטאַנען פון פּראָפעסיאָנעלע אַרטיסטן, וועלכע האָבן ביז דער צייט, ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין דער סטודיע, געלעבט פון טעאַטער־שפּילן. נאָר די גרופּע איז געווען אַ מינדערהייט. אַזוי ווי איך בין געווען דער איינציקער אין טעאַטער וועלכער, האָט באַקומען געהאַלט, זיינען צו מיר געקומען אָט די אַלע אַקטיאָרן מיט טענות: — „דו ביסט פאַרזיכערט מיט לעבנסמיטל, דו שפּילסט הויפּט־ראָלן, אַרט דיך נישט וואָס מיר הונגערן!...״ בין איך געקומען צו ווערשילאָוון און געשטעלט אים די פראַגע: אין אָדעס און אין קיעוו דאַרף מען אַ מלוכה־טעאַטער. מען לייגט אונדז פאָר ווערן אַ מלוכה־טעאַטער פון דער אוקראַאינישער רעפּובליק. די אַקטיאָרן האָבן אָפּגעגעבן פינף יאָר, האָבן געלעבט אין נויט און הונגער. מיר זיינען שוין אַ טעאַטער. די גאַסטראָלן אין אוקראַאינע און אין לענינגראַד האָבן דערוויזן, אַז מיר האָבן דאָס רעכט ווערן אַ מלוכה־טעאַטער...

איך לייג פאָר אַרויספאָרן מיטן גאַנצן קאָלעקטיוו אין קיעוו. האָט ער צונויפגערופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, וועלכע איז פאָרגעקומען ביי ווערשילאָוון אויף זיין קוואַרטיר. דער אַקטיאָר וולאָסקאָ איז אַרויס־געטראָטן און האָט געזאָגט: — „מיר דאַרפן אַרבעטן ביז מיר וועלן שאַפן אַזאַ פאָרשטעלונג ווי די „הבימה״ האָט געשאַפן, אומגעפער, ווי דער „דיבוק״, דעמאָלט וועט מען אונדז אָנערקענען און מען וועט אונדז סטאַציאָנירן אין מאָסקווע״. האָב איך אים געענטפערט: — „ווער קאָן אונדז גאַראַנטירן, אַז אויב מיר וועלן אַרבעטן נאָך פינף יאָר, וועלן מיר שאַפן אַזאַ פאָרשטעלונג? ווערשילאָוו האָט אונדז אַלעמען אַ סך געגעבן און איך פערזענלעך בין אים פונעם גאַנצן האַרצן דאַנק־באַר. אפשר האָב איך אַ טעות? נאָר צוליב דעם, אַז מיר זאָלן זיין גאַ־ראַנטירט, אַז מיר וועלן קאָנען שאַפן אַזאַ ספּעקטאַקל ווי „הדיבוק״ דאַרף מען וואַרטן ביז וואַכטאַנגאָוו וועט אויפשטיין תחיית המתים. אַלע וויסן

מיט וואָס פֿאַראַ אַכטונג און ליבע איך באַצי זיך צו אונדזער גרויסן לערער באָריס איליטש ווערשילאָוו, נאָר ווערשילאָוו איז ניט וואַכטאַנגאָוו!" אַלע, אפילו מיינע נאָענטסטע פֿריינד, זיינען געווען אויף מיר בייז, וואָס איך האָב אַרויסגעזאָגט דאָס, וואָס זיי זאָגן אַרויס אַ סך שאַרפֿער ווי איך. נאָר זאָגן אָפֿן וועגן דעם, האָבן זיי געהאַלטן, איז אַ חוצפה. נאָר דאָס איז שוין פֿון מיין קינדהייט אָן אין מיין כאַראַקטער: איך זאָג שטענדיק אַרויס וואָס איך טראַכט. איך האַלט ניט פֿון דעם שפּריכוואָרט: „אַז אַ צונג איז געגעבן געוואָרן דעם מענטש ער זאָל פֿאַרבאַהאַלטן זיינע געדאַנקען." מיין פֿרוי זאָגט אַז איך פֿאַרליר אַ סך אין מיין לעבן, דערפֿאַר, וואָס איך האָב אַ לאַנגע צונג. אויף דעם געביט בין איך שוין נישט איינמאָל געשטרויכלט געוואָרן. נאָר פֿאַרפֿאַלן, איך קאָן זיך ניט איבערמאַכן...

קורץ. די פֿאַרזאַמלונג האָט מיט אַ מערהייט באַשלאָסן צו בלייבן אין מאָסקווע. דאַן זיינען די אַקטיאָרן צו מיר צוגעשטאַנען, אַז מיר זאָלן עפֿענען די קאָרט פֿאַר דעם פּראָפּאַריין, ווייל אָפֿיציעל זיינען מיר דאָך אַ „טרוד־קאָלעקטיוו". מיר פֿלעגן זיך יעדן מאָנאַט צעשרייבן אויף אַ געהאַלט וועלכן מיר פֿלעגן ניט באַקומען. דעמאָלט וועט דער פּאַריין צווינגען ווערשילאָוון, ער זאָל אָננעמען דעם פֿאָרשלאַג זיך צו סטאַציאָנירן אין קיעוו.

און דאָ איז אָנגעקומען אין מאָסקווע די טאַלאַנטירטע אַרטיסטין לאַה בוגאָוואַ מיט איר מאַן מיין חבר אָבעליאָוו און האָבן געוואָלט זיך פֿאַראייניקן מיט אונדזער קאָלעקטיוו. דאָס וואָלט געווען אַ גליק פֿאַר אונדזער טעאַטער, באַקומען אַזאַ קראַפֿט ווי בוגאָוואַ, נאָר ווערשילאָוו און איבערהויפּט די פֿרויען פֿון אונדזער טעאַטער זיינען געווען קאַטעגאָריש קעגן. ווען צו ווערשילאָוון זיינען דערגאַנגען קלאַנגען, אַז מיר ווילן זיך ווענדן אין פּראָפּאַריין, האָט ער מיך אַרויסגערופֿן און האָט מיך געפֿרעגט: — „מיט וואָס זענט איר ניט צופֿרידן?" — אין די דריי פֿאָרשטעלונגען, וואָס גייען **ביי אונדז אין טעאַטער**, שפּי... איר אַן אָנפֿירענדיקע ראָל אין איין ספּעקטאַקל, און איר דעם צווייטן די טיטל־ראָל. איצט וועלן מיר גרייטן אַ נייע פּיעסע וועט איר ווידער באַקומען אַן אָנפֿירענדיקע ראָל. איר באַקומט געהאַלט. אויב אייך איז עס ווייניק, וועל איך אייער געהאַלט פֿאַרדאָפּלען. טוט ניט קיין נאַרישקייט, ווענדט זיך ניט אין פּראָפּאַריין!". האָב איך געענטפֿערט

אַז עס האַנדלט זיך ניט וועגן מיר פּערזענלעך. אַלע חברים הונגערן. זיי האָבן געליטן פינף יאָר. דאָס וועט זיין אַ פּאַראַט פון מיין זייט, אויב איך וועל אַזוי האַנדלען... זאָגט ער מיר: — אָט די חברים, פאַר וועלכע איר שטעלט אײַך אין קאָן אייער פּערזענלעכן מצב, וועלן אײַך גיכער פאַראַטן ווי איר זיי. זיי וועלן אַריבערגיין צו דער גרופּע, וועלכע וועט זיין שטאַרקער. און אַזוי טאַקע איז עס געווען. איך האָב געהאַט גרויס עגמת־נפש פון דעם, וואָס ווערשילאָוו האָט מיר פאַרגעלייגט... איך האָב אים געהאַלטן פאַר אַ גאָט. נאָר דאָס איז מיין פעלער. מיר האָט זיך מאַנכעס מאָל פאַרגעשטעלט, אַז אויף דער ערד גייען אַרום אייניקע מענטשן־מלאכים... די אַקטריסע פאַליע פּאָמעראַנץ, מיט וועלכער איך בין געווען באַפריינדעט, האָט מיר געזאָגט: — „דו ביסט גערעכט אויף 150%, נאָר דו וועסט ניט זיגן, ווייל מיר זיינען אַ מערהייט.‟ שוין אין אַ יאָר אַרום, האָט מיר די טאַלאַנטפולע יאַצאָווסקאַיאַ, וועלכע איך האָב זייער געאַכטעט, (און זי איז געווען מסכים מיט דער מערהייט) האָט מיר געזאָגט: — „דו ביסט געווען גערעכט ווי אַ גאָט, און מיר האָבן געמאַכט אַ גרויסן פעלער, וואָס מיר זיינען ניט געגאַנגען מיט דיר.‟ אין מיין לעבן האָט מען מיר ניט איינמאָל געזאָגט, ענלעכע ווערטער, נאָר שטענדיק צו שפּעט, „נאָך אַלעמען‟.

אונדזער דיסקוסיע איז דערגאַנגען צו דער עפנטלעכקייט. אין זשורנאַל „ראַביס‟ איז געווען אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל, אין וועלכן מען האָט שטאַרק געזידלט און באַשמוצט ווערשילאָוון. און איך האָב דאָס שטאַרק איבערגעלעבט, ווייל דער אויטאָר פונעם אַרטיקל האָט שטאַרק איבערגעטריבן די לאַגע. און נאָכדעם איז געווען אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער דער מחבר פונעם אַרטיקל האָט זיך אַנט־שולדיקט פאַר ווערשילאָוון. אייניקע אַקטיאָרן, צווישן זיי מיין נאָענטסטער פריינד, זענען אַריבער צו דער מערהייט. מיין מאַטעריעלע לאַגע איז געוואָרן זייער אַ שלעכטע און איך האָב אָנגענומען אַ פאָרשלאָג פון דעם מאָסקווער יידישן וואָקאַלן אַנסאַמבל, פאָרן מיט זיי אין אַ טורנע אַלס אַ רעציטאַטאָר און אַלס קאָנפעראַנסיע. פאַר דעם צייט וואָס איך האָב גאַסטראָלירט מיטן קוואַרטעט איז געקומען אַ פאָרשטייער פון קיעוו און האָט פאָרגעלייגט ווערשילאָוון זיך פאַראייניקן מיטן כאַרקאָווער טעאַטער, (וועלכן מען האָט ליקווידירט, דערפאַר, וואָס ער האָט זיך ניט באַ־רעכטיקט) און שאַפן אין קיעוו אַ יידישן מלוכה־טעאַטער אויף אוקראַינע.

און װערשילאָװ האָט אָנגענומען, אײגנטלעך מײַן פֿאָרשלאָג. נאָר מיך האָט װערשילאָװ ניט פֿאַרעכנט אין טעאַטער...

דער אונטערשײד פֿון מײַן פֿאָרשלאָג מיטן קיעװער איז געװען: איך האָב פֿאָרגעלײגט, אַז דער גאַנצער קאָלעקטיװ זאָל זיך סטאַציאָנירן אין קיעװ און װערשילאָװ איז מסכים געװען זיך פֿאַראײניקן מיט די אַקטיאָרן פֿון כאַרקאָװער טעאַטער.

דאָס איז געװען זײַן גרעסטער פֿעלער, װײַל די כאַרקאָװער אַק־טיאָרן, װעלכע זײַנען געװען די מערהײט, האָבן בכלל ניט אָנערקענט זײַן קינסטלערישן מעטאָד. זײ זענען דאָך דערצױגן געװאָרן פֿון אפרים לױטער, װעלכער האָט פֿון אײן זײַט אָנערקענט סטאַניסלאַװסקיס סיס־טעם, װעלכן ער האָט באַהערשט טעאָרעטיש. נאָר דורכפֿירן אין לעבן האָט ער ניט געקאָנט. און פֿון דער צװײטער זײַט, האָט ער ניט געװאָלט אָפּשטײן פֿון דער פֿוטוריזם־מאָדע. און שלעכט נאָכגעמאַכט גראַנאָװסקין. פֿון די אַלע אַקטיאָרן װעלכע װערשילאָװ האָט געבראַכט פֿון מאָסקװער „פֿרײַקונסט״ זײַנען פֿאַרבליבן געצײלטע: ליכטענשטײן, פֿאַליע פֿאָמעראַנץ, רײַע יאַצאָװסקאַיאַ, זײַן פֿרױ אסתר באָנגאַרט, אױבעלמאַן און װאָלאַסקאַ, ער האָט מיך פֿאַרביטן אין „הירש לע־קערט״ איז דורכגעפֿאַלן און דער ספּעקטאַקל איז אַרױסגענומען געװאָרן פֿון רעפּערטואַר איז. ער אָפּגעפֿאָרן צוריק אין מאָסקװע און ביז הײַנטיקן טאָג גיט ער לעקציעס פֿון ענגלישער שפּראַך קאַטינאַ שערפּין, דאָראַ באָנגאַרט, כאַסין, לעװינאַ, סלאָנים, די גאַנצע גרופּע, האָבן ניט געפֿונען פֿאַר זיך קײן אָרט אין טעאַטער, זײַנען געקומען צוריק קײן מאָסקװע און מער האָבן זײ שױן קײן טעאַטער ניט געשפּילט. אַזױ דריקט מען זיך אױס אין אַלטן ייִדישן טעאַטער: „מען שפּילט טעאַטער״.

אַלע אַקטיאָרן פֿון כאַרקאָװער טעאַטער האָבן אָנגעהױבן אַרױספּטרן װערשילאָװן פֿון טעאַטער. אַלע טאָג פֿלעגן אַװעק אָנקלאָגעס אין פּאַרטײ־קאָמיטעט און אַנדערע סאָװיעטישע אָנשטאַלטן אױף װערשילאָװן. און װער זײַנען געװען „די מחברים פֿון די אָנקלאָג־בריװלעך״?... אַלע זײַנע חסי־דים פֿון „פֿרײַקונסט״, אַקוראַט די, װעלכע האָבן אים פֿאַרטײדיקט, אין דער צײַט, װען די גרופּע, פֿון װעלכער איך בין געשטאַנען בראש, האָבן פֿאָרגעלײגט, אַז די גאַנצע סטודיע, דער גאַנצער אײנהײטלעכער קאָלעק־טיװ זאָל װערן סטאַציאָנירט אין קיעװ אָדער אָדעס. עס איז דערגאַנגען צו דעם, אַז צו מיר זײַנען געקומען אַקטיאָרן פֿון קיעװער טעאַטער איך

זאָל זיי געבן מאַטעריאַלן אויף ווערשילאָוון... איך האָב זיי פּשוט אַרויס־געטריבן פון שטוב. איך בין זיך צעגאַנגען מיט ווערשילאָוון אין רייך אַדמיניסטראַטיווע פראַגן, נאָר מיין אַכטונג צו ווערשילאָוון אַלס אַ קינסטלער, אַלס מיין לערער איז ביי מיר פאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג.

ווען איך האָב פאַרגעלייגט ווערשילאָוון, אַנצוקומען אין זיין טעאַטער אין קיעוו, האָט ער מיר געזאָגט: אַז עס דאַרף דורכגיין אַ געוויסע צייט, נאָר אין אַ יאָר אַרום, ווען איך האָב שוין געאַרבעט אין אָדעסער יידישן מלוכה־טעאַטער, האָט ער מיך פאַרבעטן צו זיך אויף דאַטשע. ער האָט זיך מיר באַקלאָגט, אַז אפילו די טאַלאַנטפולע יאַצאָווסקאַיאַ האָט זיך באַקלאָגט אויף אים אין צענטראַלן קאָמיטעט פון דער אוקראַ־ינישער פּאַרטיי. נאָר אויפנעמען מיך אין דעם קיעווער טעאַטער האָבן ניט דערלאָזט די כאַרקאָווער גרופּע אַקטיאָרן. איך קאָן נאָר אָפּמערקן צוויי פּעלערן וואָס ווערשילאָוו האָט געמאַכט אין טעאַטער „פרייקונסט": ערשטנס, וואָס ער האָט נישט געוואָלט אויפנעמען אינעם טעאַטער די זייער טאַלאַנטפולע לאה בוגאָווע, און צווייטנס, וואָס ער האָט מסכים געווען זיך פאַראייניקן מיט די אַקטיאָרן פון געוועזענעם כאַרקאָווער טעאַטער און נאָך אַ טאַט, וואָס ווערשילאָוו איז באַגאַנגען בנוגע צו מיר. דערפאַר, וואָס איך בין אַרויסגעטראָטן קעגן אים און מיינע טענות, האָבן זיך לסוף אַרויסגעוויזן פאַר גערעכטע. דאָס האָט ער אַליין אין אַ פּאָר יאָר אַרום אָנערקענט. ווען עס איז געשטאַנען די פראַגע אין דער אָפּטיילונג פאַר קונסט ביים פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר בילדונג, וועגן מיין אַרבעט אין קיעווער טעאַטער. אין דער צייט ווען עס איז פאַר־געקומען די פאַראייניקונג מיט די אַקטיאָרן פון כאַרקאָווער טעאַטער. איז ווען מען האָט אים אָנגעקלונגען פון פאָלקס־קאָמיסאַריאַט: — ווי אַזוי קאָן דאָס זיין, אַז ער האָט ניט פאַרעכנט מיך, אַלס איינעם פון די אָנפירנדיקע אַקטיאָרן אין קיעווער טעאַטער? — האָט ער געענטפערט: אַז עס איז פּשוט געווען אַ צופאַל׳ איך בין ניט געווען אין מאָסקווע, ווען מען האָט אונטערגעשריבן דעם אָפּמאַך מיט די אַקטיאָרן. איז זאָל ער, — זאָגט ער, — אָנגעבן אַ מעלדונג אין דער דירעקציע און ער וועט פאַרעכנט ווערן אינעם אַקטיאָרן־באַשטאַנד. נאָר דעם דירעקטאָר האָט ער געמאָלדן דעם אויסדריקלעכן באַדינג: „אָדער איך אָדער בראַודאָ!"... לאה בוגאָווע האָט ער נישט אָנגענומען אין טעאַטער, ווייל זיין ווייב, אסתר באַנגאַרט, אַ קולטורעלע, נאָר זייער אַ באַגרענעצטע אַק־

טריסע, האָט געשפּילט אין טעאַטער די הויפּט־ראָלן, און מיך האָט ער ניט אָנגענומען, אַלס נקמה, וואָס איך האָב געוואָגט אַרויסטרעטן קעגן אים. ער איז געווען ניט קיין שלעכטער מענטש. נאָר מענטשן זיינען ניט קיין מלאכים...

קורץ, איך האָב באַקומען אַן איינלאַדונג פון אָדעסער טעאַטער, וועלכער האָט זיך ערשט באַדאַרפט עפענען אין יאַנואַר 1930 יאָר.

אין אָדעס איז געווען אַ גרופּע יונגע ליבהאָבער פון קונסט, צו וועלכע עס האָט זיך פאַראייניקט מאַרק רובינשטיין, אַ שילער פון דער סטודיע פון „קולטור־ליגע" מיט אַ גרופּע זיינע תלמידים פון מאָסקווע. ער האָט מיט זיי געאַרבעט אין יידישן קולטור־הויז אין אָדעס אונטערן נאָמען אַ „טעאַטראַלער וואַרשטאַט". מיך האָט רובינשטיין אויפגענומען תחילת זייער גוט. נאָר ווען איך האָב זיך צוגעקוקט נענטער צו זיין אַרבעט, האָט עס אויף מיר געמאַכט זייער ניט קיין גוטן איינדרוק. די סטודיע פלעגט זיך פאַרנעמען מיט עטיודן אויף פאַרשידענע טעמעס. נאָר די עטיודן זיינען געווען זייער ניט קיין רעאַליסטישע, נאָר טריקן... איינער פון זיינע תלמידים, זייער אַ פעאיקער, טריוקאַטש — ער פלעגט צוטראַכטן אַזעלכע קאָ־שווינדלדיקע עטיודן, אַז רובינשטיין אַליין האָט עס ניט געקאָנט באַנעמען פון וואַנען נעמט זיך עס? אָט דער יונגער שילער, לאָמיר זאָגן סטודענט, דאָס איז געווען טילקער. ער האָט דערנאָך געאַרבעט אין פאַרשידענע טעאַטערן אויך אין טאַשקענטער רוסישן קינדער־טעאַטער. אָבער אינערגעץ האָט ער זיך ניט געקאָנט איינלעבן. נאָר דער „וואַרשטאַט" האָט שוין פאַרענדיקט זיין טעטיקייט און עס זענען איבערגעטראָגן געוואָרן אַלע מכשירים אין דער געביידע אויף דער גרעטשעסקע גאַס וו עס האָט זיך אין יאַנואַר 1930 געעפנט דער יידישער אָדעסער מלוכה־טעאַטער.

מען האָט אָנגעהויבן גרייטן „דעם שאַס" פון בעזימענסקי. דער קינסטלער איז געווען מאַנדעלבערג פון מאָסקווע. אַזוי ווי די האַנדלונג קומט פאָר אין טראַמפּאַרק, וו מען רעמאָנטירט וואַגאָנעס פון טראַמ־ווייען איז געשטאַנען אויף דער בינע איין וואַגאָן, נאָר די גאַנצע אויסשטאַ־טונג איז געווען פון שווערע פליטן פון צינק, וועלכע פלעגן זיך אויפ־הויבן און אַראָפּלאָזן מיט טראַסן, זייער אַ באַדינגלעכע און אַ שווערע פאָרמירונג. די פּערסאָנאַזשן זיינען אויך אָנגעטאָן געווען באַדינגלעך. די הויפּט־ראָל פרישליעצאָוו, אַ נעגאַטיווער פאַרשוין איז געווען גע־

קליידעט אין אַן אַנצוג פון לעדער. צוזאַמענגעשטעלט מיט די קוליאַרן. דער קליינבירגער אין אַסיצענעם אַנצוג נאָר די פּאָזיטיווע פּערזאָנען זיינען געווען געקליידעט אין רעאַליסטישע קאָסטיומען, אין בלויע קאָמבינעזאָנען. איך האָב באַקומען אַ ראָל פון אַ פּאָזיטיוון ארבעטער, גראַיעווסקי, און האָב אויסגפירט מיין ראָל לויט דעם מעטאָד ווי אַזוי מיך האָט מען געלערנט אין מאָסקווע. די ראָל האָט באַקומען אַ גוטן אָפּרוף אין פּרעסע און איז אין אַלגעמיין אָנגענומען געוואָרן פונעם קאָלעקטיוו, און אויך פונעם קינסטלערישן אָנפירער, רובינשטיין. נאָר ווייטער איז עס ניט געגאַנגען... ער האָט דערשמעקט, אַז איך בין ניט איינשטימיק מיט זיין מעטאָד, ווייל זיין מעטאָד איז פשוט געווען אַן אַוואַנטיוריסטישער. ער האָט עפּעס גענומען ביי וואַכטאַנגאָוון און שלעכט קאָפּירט מייער־כאָלדן. נאָר דאָס איז נאָך געווען אַ האַלבע צרה. די הויפּט־צרה איז געווען, וואָס אַלס מענטש איז ער געווען אַן אומנאָרמאַלער.

עס זיינען דאָ פאַרשידענע מיטלען ווי אַזוי רעזשיסאָרן ווענדן אָן, כדי אָנצינדן דעם טעמפּעראַמענט פון זיינע אַקטיאָרן. אויבן האָב איך אילוסטרירט ווי אַזוי ווערשילאָוו פלעגט עס טאָן. רובינשטיין פלעגט באַשטימען אַ פּראָבע, צום ביישפּיל אויף זיבן אין אָוונט און קומען עלף. פלעגן די אַקטיאָרן וואַרטנדיק אַפילו פיל צייט, ווערן שלעפּערדיק, צעשטריט, צעקראָכן. מען פלעגט דערציילן אַנעקדאָטן און דאָס איז אויך נמאס געוואָרן. פּלוצים קומט אָן רובינשטיין. דערזעענדיק אַזאַ שטימונג שרייט ער אויס: „זעצט זיך אויס אין אַ ראָד!" און ער זעצט זיך אַוועק נעבן אַ טיש, לייגט אויפן טישל אַ צענדליק נאָטיץ־ביכלעך, שלעפּט אַרויס אַ פלעשעלע מיט מענטאַ־טראָפּנס, נעמט אַרויס אַ פּיפּעטקע און לאָזט אַריין טראָפּן אין זיינע נאָז־לעכער דערנאָך רופט ער אויס: — „שער, גייט אַרויס" עס גייט אַרויס פונעם ראָד אַקטריסע שער — „רעדט אייערע ווערטער!" (רעדן פלעגט ער רוסיש אויף די פּראָבן) שער הויבט אָן רעדן פון דער ראָל. ער רייסט איר איבער: — „גענוג! עס טויג ניט! עס שמעקט מיט סיפיליס!" זעצט זי זיך אַוועק. — „גערצבערג גייט אַרויס!" שרייט ער ווידער אויס, — „זינגט!" — שרייט ער ווידער. — „איך בין נישט קיין זינגערין" — ענטפערט זי שוין דענערווירט. שרייט ער צום קאָלעקטיוו: — „אַזאַ סוואָלאַטש! איך הייס איר זינגען און זי זינגט ניט!" שטייט אויף דער אַקטיאָר פעלדמאַן, וועלכן עס האָט פאַרדראָסן וואָס רובינשטיין האָט באַליידיקט

די גערצבערג, ווייל פעלדמאַן אז געווען יפּאַרליבט אין איר. שטייט ער אויף און לאָזט זיך גיין. — „וווהין גייט איר?" — שרייט אויס רובינ־שטיין. ענטפערט פעלדמאַן: — „איך קאָן ניט בייזיין ביי אַזאַ רעפּע־טיציע..." — קיינער וועט ניט אַוועקגיין פון דער רעפּעטיציע אָן מיין דערלויבעניש?" נאָר פעלדמאַן גייט אַוועק, — ווענדעט ער זיך צום קאָלעקטיוו: — „אַזאַ אויסוווּרף! איך זאָג אים ער זאָל בלייבן, קערט ער זיך אויס מיט זיין הינטער־חלק, שטינקט אָן און גייט אַוועק!" ווערט אַ גערודער צווישן די אַקטיאָרן, ווער עס פאַרטיידיקט פעלדמאַנען און ווער רובינשטיינען. גערצבערג וויינט. רובינשטיין צעקריגט זיך כמעט מיט אַלע אַקטיאָרן און ווען אַלע אַקטיאָרן זיינען געוואָרן אויפגערעגט ביז דער העכסטער מדרגה, רופט ער זיך אָן צו זיי: — „אַט איצט לאָמיר צוטרעטן צו דער אַרבעט — איצט וועט איר טעמפּעראַמענטפול רעפּעטירן..."

די צווייטע פּיעסע וואָס דער טעאַטער האָט אויפגעפירט איז געווען „יוליוס" פון דניאל. איך האָב באַקומען די ראָל לודוויג, לויט דער נאַ־ציאָנאַליטעט אַ פּאָליאַק, אַ רעוואָלוציאָנער. אַלס אַ דובליאָר האָט מען מיר געגעבן טילקערן. נאָר רובינשטיין האָט מיט מיר געמאַכט נאָר אַ פּאָר פּראָבן און די גאַנצע צייט האָט ער רעפּעטירט מיט טילקערן.

מער דאַרף צוגעבן, אַז צווישן מיר און רובינשטיינען איז גלייך געוואָרן אַ קאָנפליקט. מיר זיינען געווען צוויי באַזונדערע פּאָליוסן, און ווען ער האָט מיר פאַרגעוואָרפן אַז איך בין אָנגעשטעקט מיט „ווער־שילאָווישצינע" אַז „ווערשילאָווצינע" דאָס איז פּויזנדיקער רעאַליזם, האָב איך אים געענטפערט: „אַז ער וועט לעבן 100 יאָר, וועט ער ניט דערגרייכן צו אַזאַ טאַלאַנטפולן רעזשיסאָר ווי ווערשילאָוו. און עס איז דערגאַנגען, אַז איך האָב שוין געהאַט אָנגעגעבן אַ מעלדונג ווו איך האָב געבעטן ביי דער דירעקציע מיך באַפרייען פונעם טעאַטער, נאָר דער דירעקטאָר האָט בשום אופן ניט געוואָלט מיך באַפרייען.

אָפּגעבנדיק זיך אַ חשבון, אַז רובינשטיין שטרעבט צו דעם, איך זאָל דורכפאַלן אין דער ראָל פון לודוויג, האָב איך ווידער דערלאַנגט אַ מעלדונג דעם דירעקטאָר. „אַזוי ווי מיט מיר רעפּעטירט ניט דער רעזשיסאָר אין דער פאַרשטעלונג בעט איך מיך באַפרייען פון דער ראָל". דער דירעקטאָר גרישין איז געווען אַ געוועזענער „טשעקיסט", האָט ער אונדז ביידע אַרויסגערופן אין קאַבינעט און ער האָט איז מיין געגנ־

ווארט באַפּוילן רובינשטיינען ער זאָל רעפּעטירן מיט מיר. רובינשטיין האָט זיך פאַרענטפערט: „אַזוי ווי איך בין שוין אַ דערפאַרענער אַקטיאָר און טילקער איז אַן אָנפאַנגער, דעריבער אַרבעט ער מיט אים מער". נאָר ער האָט צוגעזאָגט מיט מיר רעפּעטירן. אויף דער פאָלגענדער פּראָבע רעפּעטירט ער ווידער מיט טילקערן, נאָר שוין צום סוף פון דער פּראָבע, דאָס איז שוין געווען 3 אַזייגער פאַרטאָג, רופט ער מיך אַרויס און רעפּעטירט מיט מיר אַ קליינע סצענע, ווו לודוויג ווערט אַ מידער איינגעשלאָפן... ווענדע איך זיך ווידער צום דירעקטאָר. האָט דער דירעקטאָר אויך דאָס מאָל אַרויסגערופן רובינשטיינען און האָט אים געמאָלדן שטרענג: אויב איר וועט ניט אויספּילן מיין באַפעל, וועט איר ביי מיר צעפּוילט ווערן אין די קעלערס פון „מאַראַזליעסקע", דאָס הייסט די גאַס, ווו עס איז געשטאַנען די סאָוויעטישע „טשעקאַ". רובינשטיין פון דער נאַטור אַ פּחדן, האָט ער זיך דערשראָקן און האָט שוין מיט מיר רעפּעטירט און האָט מיר נאָכגעגעבן אַלע מיינע פאָדערונגען. נאָר ער האָט מיר אָפּגעטאָן ווידער אַ שפּיצל. אין פּראָגראַם איז געווען אָנגעמערקט אויף דער ראָל נאָר טילקער. דער אַדמיניסטראַטאָר האָט קאַטעגאָריש געזאָגט, אַז רובינשטיין האָט אים אַזוי באַפּוילן. נאָר די פּראָגראַמקע איז נאָך ניט געווען אָפּגעגעבן אין דרוק, און מען האָט עס פאַריכט. אָבער ער האָט מיך אַריינגעבראַכט אין אַזאַ צאָרן, אַז איך האָב אים געוואָלט געבן מיט אַ שטעקן, וועלכן איך האָב אין דער צייט געהאַלטן איבערן קאָפּ. צום גליק האָט מיך מיין פרוי רחלע אָפּגעהאַלטן פון דעם.

ביים ענדיקן דעם סעזאָן האָב איך צום דריטן מאָל דערלאַנגט אַ מעלדונג דער דירעקציע פונעם טעאַטער ווו איך האָב געבעטן מיך באַפרייען. נאָך לאַנגע שוועריקייטן, האָט מען מיך ענדלעך באַפרייט און איך בין אָפּגעפאָרן קיין מאָסקווע, ווו איך האָב אָנגעהויבן אַרבעטן אין רוסישן טעאַטער, אין דעם ערשטן סאָוויעטישן טעאַטער.

ניט אַזוי לייכט איז מיר אָנגעקומען צו אַרבעטן אין רוסישן טעאַטער. קודם כל, האָב איך געמוזט פאַריכטן די שפּראַך, ד.ה. מיין יידישן אַקצענט אין דער רוסישער שפּראַך. איך האָב אָנגעהויבן נעמען לעקציעס פון רוסישער פאָנעטיק ביי דער פרוי דאָגמאַן. נאָך זעקס חדשים איבונגען האָב איך פולקאָם באַהערשט די שפּראַך, נאָר ליידער, נאָר אין דער צייט, ווען איך פלעג רעדן אין צימער פון דער פרוי דאָגמאַן, ווען איך

פלעג אַרבעטן אויפן טעקסט פון מיין ראָל אין וועלכער איך פלעג דאַרפן אויפטרעטן אויף דער בינע. נאָר אויף דער פאָרשטעלונג, ווען איך פלעג דאַרפן זיך איינלעבן אין דעם געשטאַלט, וועלכע איך האָב געדאַרפט פאָרשטעלן אויף דער בינע, פלעג איך פאַרגעסן אין די אַלע איבונגען און פלעג ווידער אַריינפאַלן אין מיין געוויינלעכן אַקצענט וועלכן איך פלעג באַנוצן אין לעבן, ווען איך האָב גערעדט רוסיש. אויף דער ערשטער פאָרשטעלונג ווו איך בין דאָס ערשטע מאָל אויפגעטראָטן אין דער רוסישער שפּראַך, האָב איך געשפּילט אַ ראָל פון אַ געוועזענעם רוסישער ערד־באַזיצער, וועלכער איז געוואָרן אַ שעדיקער אין דער צייט פונעם סאָוויעטישן רעזשים. עס איז געגאַנגען די פּיעסע פון אַלעקסאַנ־דער אַפינאָגענאָוו „פּחד". ווי איך בין אַרויף אויף דער בינע, האָבן מיר אָנגעהויבן ציטערן די קני פון אויפרעגונג. אַ קלייניקייט: אין צענטער פון מאָסקווע אויפטרעטן אויף רוסיש?... עס איז ווינטשנס־ווערט צו באַמערקן, ווי אַזוי דער גאַנצער קאָלעקטיוו פון דעם טעאַטער האָבן זיך צו מיר באַצויגן. נאָכן ערשטן אַקט איז צו מיר צוגעגאַנגען דער רעזשיסאָר פון דער פאָרשטעלונג ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש ווינאָ־גראַדאָוו און האָט מיך אָנגעהויבן באַרואיקן מיט די ווערטער: וואָס זענט איר אַזוי אויפגערעגט? איר האָט זייער גוט גערעדט, עס פילט זיך נישט קיין שום אַקצענט אין אייער אויסשפּראַך און איר שפּילט זייער גוט די ראָל. דאָס איז די מיינונג פונעם גאַנצן קאָלעקטיוו. דאָס האָבן זיי מיך געבעטן אייך איבערגעבן. איר דאַרפט זיך באַרואיקן! אַלץ איז אין בעסטן אָרדענונג! פאַרשטייט זיך, אַז אַזעלכע וואַרעמע ווערטער, האָבן מיך אין אַ געוויסער מאָס באַרואיקט און די איבעריקע צוויי אַקטן האָב איך זיך שוין געפילט פרייער.

אין דעם טעאַטער האָב איך געשפּילט: וואַרגאַסאָוון אין „פּחד", שילאַ אין סוכאָוואָ־קאָבילינס פּיעסע „דער ענין" און נאָך עטלעכע ניט גאָר קיין וויכטיקע ראָלן. אין אַ יאָר אַרום, ווען איך האָב שוין אָפּגעאָרבעט אַ גאַנצן סעזאָן אין טעאַטער, און האָב זיך, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, אַקלימאַטיזירט אין רוסישן טעאַטער, ווען איך בין איך אויפגעטראָטן אין אַ הויפּט־ראָל יאַקוב אין דער פּיעסע „דאָס פרעמדע קינד" פון שקוואַרקינען, זיינען מיר צוזאַמען געזעסן אין אַ רעסטאָראַן מיטן רעזשיסאָר ווינאָגראַדאָוו. ביי אַ גלעזל וויין האָט ער מיר געזאָגט: איצט קאָן מען אייך שוין זאָגן דעם אמת: איר רעדט



בראודא אין דער ראָל פון שולא אין דער פיעסע „דען ענין"
פון סוכאָוואַ־קאַבילין

שוין אויף דער בינע מיט אַ ריכטיקער, ליטעראַרישער רוסישער שפּראַך. נאָר ווען איר וואָלט וויסן, ווי שלעכט איר האָט גערעדט, דעמאָלט, אויף אייער ערשטן אויפטריט אויף דער רוסישער בינע? מיר אַלע אייערע חברים, האָבן עס באַמערקט און איבער אייער אויפרעגונג האָט עס אייך נאָך מער געשטערט. האָבן מיר אַלע אייך באַשלאָסן באַרויקן, האָט איר שוין אין די לעצטע צוויי אַקטן, פיל בעסער גערעדט.

אין אַלגעמיין, מוז איך באַשטעטיקן, אַז די צוויי יאָר וואָס איך האָב גע־אַרבעט אין רוסישן טעאַטער האָט מען זיך צו מיר באַצויגן, מיט אַ באַזונדערע וואַרעמקייט בכדי איך זאָל נישט פילן, אַז איך בין אין טעאַטער אַ פרעמדער.

אין טעאַטער זײַנען געווען נאָך יידן, נאָר זיי האָבן זיך גערעכנט אַלס רוסישע אַקטיאָרן. אינטערעסאַנט, ווי אַזוי זיי האָבן זיך באַצויגן צו אַן אַקטיאָר׳ וואָס איז אָנגעקומען פון אוקראַינע. אין אוקראַינע האָט ער געשפּילט אין רוסישן טעאַטער און האָט זיך גערעכנט אַלס רוסישער אַקטיאָר. אָבער גאַנץ אַנדערש האָט מען זיך צו אים באַצויגן, דאָ, אין מאָסקווע. ביי אים איז געווען אַן אוקראַינישער, אָדער ריכטיקער, ווי אַזוי מען פלעגט קוואַליפיצידן אין מאָסקווער רוסישן טעאַטער, אַ דרום־אַקצענט. און אַן אַקטיאָר מיט אַזאַ אַקצענט, האָט אָפּגעשפּילט איין ראָל, האָט ער געמוזט אַוועקגיין פון טעאַטער. ווען איך האָב געשטעלט די פראַגע: — „ווי אַזוי קאָן דאָס זיין, ער איז דאָך אַן אויסגעשפּראָכענער רוסישער אַקטיאָר און איך בין געקומען פון יידישן טעאַטער מיט אַן אַקצענט?” — האָט מען מיר געענטפערט: — איר ווייסט, אַז ביי אייך איז אַן אַקצענט און איר אַרבעט אויף זיך איר זאָלט פאַריכטן אייער שפּראַך און אין אַ געוויסער מאָס האָט איר זייער פיל דערגרייכט. איר רעדט שוין כמעט ווי מען דאַרף רעדן אויף דער רוסישער בינע. אָבער דער אַרטיסט צשוזשאַי, האַלט אַז ער רעדט אויף אַ ריכטיקער רוסישער שפּראַך און ער אַרבעט ניט אויף זיך אויסצובעסערן זיין שפּראַך, דעריבער האָט ער ניט קיין אָרט אין רוסישן טעאַטער.

ווי איך האָב געזאָגט, האָט מען זיך צו מיר באַצויגן אין רוסישן טעאַטער זייער גוט. נאָר גאַנץ אַנדערש האָט מען זיך צו מיר באַצויגן אין אָדעסער יידישן מלוכה־טעאַטער. ווען איך האָב אין אַ יאָר אַרום זיך אומגעקערט צוריק צום יידישן טעאַטער.

אין אדעסער יידישן מלוכה־טעאַטער

רובינשטיין, דער קינסטלערישער אָנפירער פון דעם אָדעסער יידישן טעאַטער, האָט געבראַכט דעם טעאַטער צו אַזאַ צושטאַנד, אַז דער צו־שויער האָט אויפגעהערט צו גיין אין דעם טעאַטער, און מען האָט אים אַראָפּגענומען פון זיין פּאָסטן.

דער טעאַטער האָט דעגראַדירט מיט אַזאַ מעטאָד ווי רוביג־שטיין האָט אים געפירט. ערשטנס, אַחוץ איינציקע פעיקע און טאַלאַנט־פולע אַקטיאָרן, ווי גערצבערג, האָפמאַן, גורעוויטש־קאַטיינטי, פעלד־מאַן, זיינען אין טעאַטער קיין אַקטיאָרן ניט געווען. דאָס זיינען געווען אַמאַטאָרן, וועלכע רובינשטיין האָט פאַרפירט אויף ניט קיין ריכטיקן וועג. עס איז גענוג צו זאָגן, אַז ער האָט אָנגענומען אין טעאַטער קריפּלען מיט פיזישע פעלערן. — דאָס, — האָט ער געזאָגט, — זיינען טיפּאַזשן פאַר נעגאַטיווע ראָלן... און בכלל האָט ער געזאָגט, אַז ער דאַרף ניט קיין אַקטיאָרן. ער דאַרף הויזן אָנגעפּילט מיט פלייש... עס איז געווען אַ קוריאָז אין טעאַטער, פאַר וועלכן ער איז שיר ניטש צעמזקט געוואָרן. ער האָט באַדאַרפט סטאַטיסטן, האָט ער גענומען מעטשן פון גאַס. צווישן זיי האָט ער אריינגענומען אַ געוויסן יונגן־מאַן אינגאַנצן אַן אַנאַלפאַבעט. ער האָט זיך פאַרנומען מיט פאַרקויפן אַלטע בגדים אויפן מאַרק. און גערעדט האָט ער שעפּליאַווע, ער איז געווען אַ הויכוויקסי־קער. ווי ער האָט דערציילט, האָט רובינשטיין ביי אים געוויילט אויף זיין דאַטשע אויפן ברעג פון ים. רובינשטיין האָט אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט שפּילן ביי אים אוריאל אַקאָסטאַ און אַלע אָנפירנדיקע ראָלן, מחמת זיין הוכער וווקס גייט אונטער פאַר די ראָלן. נאָר דערווייל האָט ער אים אויס־גענוצט אין דער מאַסע. נאָר איינמאָל, נאָך אַ פאַרשטעלונג, איז ער געקומען אויף פּראָבע און געפאָדערט, אַז רובינשטיין זאָל אויפפירן „אוריאל אַקאָסטאַ" מיט אים אין דער הויפּט־ראָל. רובינשטיין האָט זיך אויף דער פאָדערונג צעלאַכט. האָט ער אַרויסגעכאַפּט אַ ראַזיר־מעסער און זיך געוואָרפן אויף רובינשטיינען. אין דער מינוט איז דאָ

געשטאַנען דער אַדמיניסטראַטאָר פון טעאַטער וולאַדימירסקי, האָט ער אים אָנגעכאַפּט פאַרן האַנט. נאָך אַ געראַנגל צווישן זיי, האָט ער פאַרוואונדעט וולאַדימירסקין. נאָך דעם „אַקטיאָר" — איך געדענק ניט זיין נאָמען, — ד.ה. דעם פּרעטענדענט אויף „אוריאל אַקאָסטאַ", האָט מען אַרעסטירט און ער איז אָפּגעזעסן צוויי יאָר אין טורמע. נאָך אַרויסגייענדיק פון טורמע האָט ער געדראָט, אַז ער וועט הרגענען רובינשטייען, וועלכער האָט אים אָפּגענאַרט. ס'פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ אָנפירער, האָט לאַנג זיך ניט געקענט האַלטן אין מלוכה־טעאַטער.

אין טעאַטער האָט מען איינגעלאַדן לאה בוגאָוואַ. מיט איר מאַן, אַבעליאָוו אַלס וויצע־דירעקטאָר, מיט אַ קינסטלערישן אָנפירער פון רוסישן טעאַטער, ווענגרעוו. מען האָט דעם גאַנצן אַקטיאָר־באַשטאַנד געענדערט. עס זיינען נאָר פאַרבליבן עטלעכע אַקטיאָרן פון רובינשטיינס טעאַטער. און עס זיינען אָנגעקומען אין טעאַטער אַזעלכע אַקטיאָרן ווי ראַקיטין, שוואַרצער, אַנטשאַראָוו, בראַנינאַ קאַטלאַמסקי, טרילינג, אידאַ זאַלצמאַן מיט איר מאַן און אַנדערע. אין 1934 יאָר האָב איך באַקומען אַן איינלאַדונג אין טעאַטער פערזענלעך פון לאה בוגאָוואַ מיט איר מאַן.

איך מיט מיין פרוי האָבן באַשלאָסן, אַז אין רוסישן טעאַטער וועל איך שפּעטער ניט קאָנען וואַקסן און מיר האָבן באַשלאָסן, אַז איך דאַרף זיך אומקערן צוריק אין יידישן טעאַטער.

געקומען אין אָדעס, האָט מיך די טרופּע פון אָדעסער טעאַטער ניט אַזוי וואַרעם אויפגענומען... אין דער געביידע פון טעאַטער, האָט צייטווייליק געשפּילט קלאַראַ יונג מיט איר טרופּע. דער קאָלעקטיוו פון אָדעסער יידישן טעאַטער איז אָפּגעפאָרן אויף גאַסטראָלן אין טיראַספּאָל. דעם סעזאָן 1934 — 1935 האָט מען באַשלאָסן, עפענען ערשט אין אַ חודש אַרום.

אין טיראַספּאָל בין איך בייגעווען אויפן ערשטן ספּעקטאַקל פונעם טעאַטער און דער ספּעקטאַקל האָט מיך שטאַרק אַנטוישט. עס איז געגאַנגען י. גאָרדינס „קרייצער סאָנאַטע" מיט לאה בוגאָוואַ אין דער ראָל עטי. נאָר מיט זייער אַ שוואַכן פּערסאָנאַל, אָן געהעריקע דעקאָראַציעס. דאָס איז געווען אַ פאַרשטעלונג פון אַ פּראָווינציעלער יידישער טרופּע. אַרויסגייענדיק פון טעאַטער, האָב איך זיך פאַרטראַכט: צוליב דעם האָב איך אָפּגעגעבן 5 יאָר. פינף יאָר פון מיין יוגנט. איך זאָל זיך ווידער אומקערן אין אַ טרופּע, פיל ערגערע פון זאַסלאַווסקיס און בראַנדעסקאָ"ס

טרופּעס ?... און דאָס וועט זיין דער אַקטיאָרן־פּערסאָנאַל פון אַ מלוכה־טעאַטער ?

דער קאָלעקטיוו האָט זיך געענדערט. נאָכן ערשטן סעזאָן פון טעאַטער, איידער איך בין אָנגעקומען קיין אָדעס, איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג ראַקיטן מיטן קינסטלערישן אָנפירער, זיינען אַוועק פון טעאַטער. דער טעאַטער איז געבליבן אָן אַ קינסטלערישן אָנפירער. און לאה בוגאָוואַ מיט אַבעליאָוון, וועלכע זיינען אייגנטלעך געווען די בעלי־בתים פונעם טעאַטער, האָבן אפילו ניט געטראַכט איינצולאָרן אַ קינסטלערישן אָנ־פירער. אַבעליאָוו, האָט אַליין געגרייט אַ פאָרשטעלונג „די פאָרזעצונג קומט" פון בורשטיין. אַ פּיעסע, געווידמעט דער צייט, ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט.

אויף מאָרגן נאָך דער פאָרשטעלונג „קרייצער סאָנאַטע" בין איך אַריין צו לאה בוגאָוואַ אויף איר קוואַרטיר. זיינען ביי איר געזעסן אייניקע אַקטיאָרן, צווישן זיי דער יונגער אַקטיאָר בעלאַשיצקי. בוגאָוואַ האָט מיר געשטעלט די פראַגע: — „ווי אַזוי מיר איז געפעלן די נעכטיקע פאָרשטעלונג ?" האָב איך איר געענטפערט, זייער ניט פאָר־זיכטיק: אַז איך האָב זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז זי שפּילט מיט אַזאַ שוואַכן אַקטיאָרן־פּערסאָנאַל. אַרויסגייענדיק פון בוגאָוואַ׳ס וווינונג, זאָגט מיר בעלאַשיצקי: „איך וועט זיין שווער צו ארבעטן מיט אונדז, אויב איר אָנערקענט ניט די אַרטיסטן פון דעם טעאַטער." און אַזוי איז געווען פון דער ערשטער מינוט, ווי איך בין אָנגעקומען אין דעם טעאַטער, האָב איך באַדאַרפט פירן אַ קאַמף, אי מיט מיינע פריינט לאה בוגאָוואַ און איר מאַן אַבעליאָוו אי מיט דעם דירעקטאָר צימערמאַן, וועלכער האָט מיט זיך גאָרניט פאָרגעשטעלט אַחוץ אַ פּאַרטיי־ביכל. אַ פּולקאָמער עם־הארץ. אַ קליין מענטשעלע מיט אַ געלן קאָפּ שיטערע האָט, מיט גנבישע, קליינע אייגעלעך, מיט אַ געפּערלעכער שפּראַך, סיי אין יידיש, סיי אין רוסיש. דעם טאָן אין טעאַטער האָט געגעבן אַבעליאָוו. צימערמאַן פלעגט אונטערשרייבן די פּאַפּירן, וואָס אַבעליאָוו האָט אים דערלאַנגט. דער באַשטאַנד פון טעאַטער איז באַ־שטאַנען פון פאָלגנדיקע אַרטיסטן: לאה בוגאָוואַ, בראַנינאַ, שער, אידאַ זאַלצמאַן, טרילינג, ל. פּאַסמאַניק, זאַיאַץ, גערצבערג און אַ פּאָר יונגע אַקטריסעס פון רובינשטיינס חדר.

מ ע נ ע ר : אַנטשאַראָוו, שוואַרצער׳ קיפּער, מ. זאַלצמאַן, מאַרשאַק,

אַמזעל, בראַנדעסקאַ, בעלאַשיצקי, פּאַסמאַניק, קאַהאַן־שאַץ, לאַנדוי, שער, גינזבורג, טערלעצקי און איך. „

עס האָבן זיך אָנגעהויבן די רעפּיטיציעס. פאַרשטייט זיך, אַז נאָך די אַלע רעזשיסאָרן, ווי אַלעקסיי דיקי, טעלעשאָווא, ליטאָווצעווא, סטאַ־ניציק, ווערשילאָוו, גאָרטשאַקאָוו און כמעליעוו, האָט מיך ניט געקענט באַפרידיקן מיין חבר אַבעליאָוו אַלס רעזשיסאָר. און די מיטגלידער פון דער רעדאַקציע פון דער „וואָנט־צייטונג" וואָס איז יעדער וואָך אַרויסגע־האַנגען געוואָרן אין טעאַטער, האָבן זיך צו מיר געווענדט, איך זאָל אָנ־שרייבן אַן אַרטיקל, וועגן דעם, ווי אַזוי גייט די אַרבעט איבער דעם נייעם ספּעקטאַקל. איך בין דערצויגן געוואָרן אין אונדזער סטודיע „פרייקונסט" אַז מען דאַרף שטענדיק אַרויסזאָגן אָפן, וועגן אַלע פעלערן סיי אַקטיאָרישע און סיי רעזשיסאָרישע און קיין איין אַקטיאָר פון דער סטודיע און אויך קיין איין רעזשיסאָר, פלעגן זיך אויף דעם ניט באַליידיקן, ווייל דאָס פלעגט זייער העלפן אין דער אַרבעט. אָפט מאָל, פלעגן פאָרקומען דיס־קוסיעס וועגן דער אָדער יענער פראַגע און זייער אָפט פלעגט עס ברענגען אַ סך נוצן. האָב איך אויף אַ ווײַלע פאַרגעסן די אינטריגעס פון אַלטן יידישן טעאַטער, — מיר איז אפילו אין זינען ניט געקומען, אַז דאָס איז געווען אַ פּראָוואָקאַציע. אָט די אַלע, וועלכע זיינען געווען פאַראינטערעסירט, מיך צוקריגן מיט אַבעליאָוון און פאַר איין גאַנג מיט בוגאָווא. ווי באַלד, זיי האָבן מיך איינגעלאַדן, און מיר זיינען פריינט, וועל איך דאָך פאַרטיידיקן זייערע אינטערעסן אין טעאַטער. דאַרף מען מאַכן אַ שפּאַלטונג צווישן אונדז. און זיי איז דאָס געלונגען אויף אַלע הונדערט פּראָצענט.

איך האָב אָנגעשריבן אַן אַרטיקל, אין וועלכן איך האָב אַרויסגעזאָגט מיין נעגאַטיווע מיינונג וועגן דער אַרבעט אויף דער פּיעסע און האָב אָנ־געוויזן, ווי אַזוי מען וואָלט באַדאַרפט פאַרבעסערן די אַרבעט, אַז דער ספּעקטאַקל זאָל זיין קינסטלעריש, שעפעריש דערגענצט, ווי אויך ווי אַזוי די אַקטיאָרן דאַרפן אַרבעטן אויף די געשטאַלטן. מיין ציל איז געווען אַ גוטער. און ווען אַבעליאָוו צוזאַמען מיט די אַקטיאָרן וואָלטן זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס איך האָב געשריבן, וואָלט אפשר אַבעליאָוו ניט געהאַט אַזאַ גוואַלדיקן דורכפאַל, וועלכן ער האָט געהאַט אין דער אויפפירונג. ער איז אַזוי דורכגעפאַלן, אַז מער האָט ער ניט געוואַגט זיך פאַרנעמען מיט רעזשיסור אין דעם טעאַטער... נאָר דער ציל פון

דער רעדאַקציע איז געווען אַן אַנדערער. איך האָב אונטערגעשריבן מיין אַרטיקל „אַן עלטערער אַקטיאָר". נאָר דאָס איז אויך געווען נאַאיוו. ווייל ווער פון די אַקטיאָרן וואָלט זיך געקאָנט אַזוי אַרויסזאָגן? אין טעאַטער איז נישט געווען קיין איין געשולטער אַקטיאָר. לאה בוגאָוואַ האָט נישט באַדאַרפט קיין שול. דאָס וואָס זי האָט פאַרמאָגט פון דער נאַטור, קאָן מען ניט באַקומען ביי די גרעסטע רעזשיסאָרן און פעדאַגאָגן.

אין דער צייט פון אַן איבערייס האָט מען ספּעציעל אַרויסגעטראָגן די וואַנט-צייטונג אין פאָיע. אַלע אַקטיאָרן זיינען גלייך צוגעקומען צו דער צייטונג, צווישן זיי דער דירעקטאָר צימערמאַן, און דער פאַרטיי-אָרגאַניזאַטאָר גינצבורג. אַבעלאַיעוו איז צוגעגאַנגען, איבערגעלייענט דעם אַרטיקל און ווענדעט זיך צו מיר: — „אָך, ווען איך וואָלט געוווּסט, ווער עס איז דער עלטערער אַקטיאָר?..." זאָג איך אים: דו צווייפלסט נאָך ווער איז ער? דו דערקענסט מיך ניט אין דעם אַרטיקל. מיר דאַכט זיך, אַז אַ געוויסע טייל פון דעם אַרטיקל האָב איך דיר אָפּנ-האַרציק אַרויסגעזאָגט".

פון דעם טאָג אָן איז ער מיט לאה בוגאָוואַ מיר געוואָרן שונאים. נאָר מיין מיינונג וועגן בוגאָוואַ, האָט זיך ניט געביטן, — בוגאָוואַ איז געווען פריי פון דעם ספּעקטאַקל.

נאָך דער פּרעמיערע, האָבן זיך צונויפגעזאַמלט, די געזעלשאַפט-לעכקייט אַרום טעאַטער מיט די אַקטיאָרן און מיט רעזשיסאָר פון דער פאַרשטעלונג אויף אַ דיספּוט צו באַהאַנדלען די פאַרשטעלונג. צווישן זיי די היגע יידישע סאָוויעטישע שרייבער, ירמיה דרוקער, דער דיכ-טער הובערמאַן און דער פּראָזאַאיקער נאָטע לוריע. ס איז שטאַרק אָראָפּ-געריסן געוואָרן די גאַנצע פאַרשטעלונג, אי די אַקטיאָרן אי דער רעזשי-סאָר. איך האָב קיין וואָרט ניט גענומען, מיין מיינונג האָב איך אַרויס-געזאָגט אינעם אַרטיקל. דאָס וואָס איך האָב פאַראויסגעזאָגט, אַזוי האָט זיך באַקומען. איינער פון די שרייבער האָט זיך צווישן אַנדערן, אָפּגעשטעלט אויף דער פאַרטיילונג פון די ראָלן: — מען האָט, — האָט ער געזאָגט, — איינע פון די וויכטיקסטע ראָלן, געגעבן דעם ערג-סטן אַקטיאָר פון טעאַטער — בעלאַשיצקין. איז צימערמאַן אַרויסגעטראָטן און האָט געזאָגט: — „דעם ערגסטן אַקטיאָר? עס זיינען דאָ ביי אונדז נאָך ערגערע פון אים..."

פון דעם ערשטן טאָג ווען איך בין געקומען אין טעאַטער האָב

איך דערפילט, אַז דאָ גייט עפּעס אַ קאַמף. עס האָבן זיך געשאַפן צוויי גרופּעס: איין גרופּע בראש מיט לאה בוגאָוואַ מיט אַבעליאָוון און די צווייטע בראש מיט שוואַרצערן. שוואַרצערן האָב איך ניט געקענט. אַלס אַן אַקטיאָר האָט ער זיך באַוויזן אין דער ראָל פון פרידלענדערן אין „קרייצער סאָנאַטע" איז ער געווען ניט אויפן אָרט. זיינע געגעבענע, זיינען כאַראַקטעריסטישע, ספּעציפיש־יידישע. אַן אַקטיאָר פון אַלטן יידישן טעאַטער מיט אַלע געוויינטלעכע שטאַמפּן. נאָר פרידלענדער, איז דאָס וואָס מען פלעגט רופן אין יידישן טעאַטער אַ העלדן־רעזאָניאָר. די ראָל האָט זיך זייער ניט געפּאַסט פאַר אים. נאָר מיט זיינע פאָדערונגען אין טעאַטער בין איך געווען פולקאָם איינשטימיק. ער האָט אָנגעשריבן אַן אַרטיקל אין דער יידישער צייטונג „יידישער שטערן" ווו ער האָט געפאָדערט, אַז דער טעאַטער דאַרף האָבן אַ קינסטלערישן אָנפירער, אַז דער טעאַטער קאָן זיך ניט האַלטן אויף גאַרדינס באַאַרבעטע, שלעכט באַאַרבעטע פּיעסן; צום ביישפּיל: „כאַסיע די יתומה" האָט מען איי־בערגעמאַכט אויף „יאַטן עקספּאַנאַטן" און עס האָט זיך געקלעפּט ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט.

זיצנדיק איינמאָל ביי בוגאָוואַ ביי אַ גלעזל טיי, האָט מיר בוגאָוואַ געשטעלט אַ פראַגע: — „איר דאַרפט זיך קאָנקרעט אָפּשטעלן, מיט וועמען איר סאָלידאַריזירט זיך אין טעאַטער, מיט אונדז צי מיט שוואַרצערן?". האָב איך איר געענטפערט: — „אַז איך געהער ניט צו קיין גרופּע. איך גיי מיט די מיטגלידער פון קאָלעקטיוו. וועלכע ווילן שאַפן אַ קינסטלערישן קולטורעלן טעאַטער..." — „און ווער זיינען לויט אייער מיינונג, די אַקטיאָרן וועלכע שטרעבן צו אַזאַ טעאַטער?..." — האָט זי מיך געפרעגט. — „איך קאָן זיך ניט פאָר־שטעלן, אַז איר, די טאַלאַנטפולסטע אַקטריסע אין טעאַטער, זאָלט ניט געהערן צו די אַקטיאָרן וואָס ווילן אַ גוטן טעאַטער?... דער רעפּער־טואַר, וואָס גייט איצט אין טעאַטער, שטייט אויף זייער אַ נידריקער שטופע. נאָר איך גלויב, אַז איר זענט געוויס פאַר אַ בעסערן טעאַטער־רעפּער־טואַר..."

— מיך, — זאָגט זי, באַפרידיקט דער רעפּערטואַר און אויך די רעזשיסור. געמיינט אין מאַן אַבעליאָוון, נאָר איר קענט מיך זייער נאָענט און איר ווייסט מיינע שטרעבונגען אין דער קונסט, דאַרפט איר פאַרשטיין, אַז אין אַזאַ פאַל, אויב איר שטיצט אַזעלכע פּיעסן ווי

„יאַטן עקספּאַנאַטן" בין איך מיט אייך ניט איינשטימיק. איך ווייס ניט וואָס פאַר אַ ציל עס האָט שוואַרצער. ס׳קאָן זיין אַז איר זענט גערעכט מיט דעם, וואָס איר האָט מיר ניט לאַנג געזאָגט, אַז שוואַרצער איז ניט אויפריכטיק אין זיינע אַרויסזאָגונגען, אַז ער שטרעבט שאַפן זיך מיט זיין אַרטיקל אין „שטרן" אַ פּאָליטישן קאַפּיטאַל... נאָר אונטער דעם אַרטיקל, קאָן איך זיך אויך אונטערשרייבן.

— אויב אַזוי, — זאָגט בוגאָווע, — איז ווייסט, אַז דאָ אין דעם טעאַטער, ווערט מען זיך ניט רעכענען מיט ווערשילאָווס מיינונגען וועגן אייך אַלס אַקטיאָר. דאָ וועלן מיר אייך געבן אַן אָפּשאַצונג... און קיין שטיצע וועט איר דאָ פון קיינעם ניט באַקומען, אויב מען וועט אייך דאַרפן פאַרטיידיקן...

— איך נויטיק זיך ניט אין קיין פאַרטיידיקער און איך דאַרף פון קיינעם ניט קיין שטיצע, — האָב איך געענטפערט. איך האָב שטאַרקע, פעסטע פּלייצעס און איך שטיי פעסט אויפן באָדן, אויף מיינע אייגענע פיס און איך האָב פאַר קיינעם קיין מורא ניט!

נאָר לאַנג האָבן אַזעלכע באַציונגען צווישן אונז ניט געדויערט. עס איז נאָכהער געקומען אַ צייט, אַז איך בין געוואָרן איר פאַרטיידיקער, ווען מען האָט זי געוואָלט דערנידעריקן אין טעאַטער. נאָר וועגן דעם שפּעטער.

אין טעאַטער איז אָנגעקומען אויף אַ פּראָבע אייזנבערג. אַ יונגער רעזשיסאָר געלערנט אין דער יידיש־ווייסרוסישער סטודיע אין מאָס־קווע, אַ קולטורעלער, טאַלאַנטפולער רעזשיסאָר. ער האָט אויפגעפירט שלום־עליכמס „גאָלד־גרעבער". עס איז געווען זייער אַן אינטערעסאַנטער ספּעקטאַקל, בוגאָווע האָט דאָרט געשפּילט אַ קליינע ראָל. נאָר סיי ווי זי האָט באַשיינט די פאַרשטעלונג. איך מיט אַנטשאַראָוון האָבן געשפּילט אין דער רייע בעני־בען. נאָר ליידער, איז דער רעזשיסאָר ניט געפעלן געוואָרן, ניט בוגאָווע, ניט איר מאַן, מיין חבר אַבעליאָוון. נאָר איך האָב אויסגענוצט דעם סעזאָן אין וועלכן ער האָט געאַרבעט אין טעאַטער.

מען האָט געגרייט אין טעאַטער אַסטראָווסקיס פּיעסע „אַן שולד שולדיקע". בוגאָווע האָט דאָרט געהאַט זייער אַ גוטע, אינטערעסאַנטע ראָל, קרוטשינינאַ. דעם ספּעקטאַקל האָט געשטעלט אַ רעזשיסאָר פון אוקראַינישן טעאַטער אַ געוויסער פּעטרענקאָ, נאָר זייער שלעכט. האָט

אייזנבערג פאַריכט אַלע פעלערן, וואָס פעטערנקאָ האָט געמאַכט. איך בין ערשט געקומען אין טעאַטער און קיין אַרבעט האָב איך ניט געהאַט. אייזנבערג, האָט אַרבעטנדיק אויף דער ראָל ניעזנאַמאָוו מיט אַנטשאַ־ראָוון זיך געפּלייסיקט אַרויסצורופן ביי אים דאָס, וואָס אַנטשאַ־ראָוו, האָט ניט פאַרמאָגט. אייזענבערג האָט געפאָדערט, אַז ניעזנאַמאָוו זאָל זיין אַ פּראָטעסטאַנט, אַ קעמפער, און אַנטשאַראָוו האָט געשפּילט אַ זיסן ליבהאָבער, אַ קאָנפעקט. ווען איך האָב זיך צוגעקוקט צו עטלעכע רעפּעטיציעס, און איבערהויפּט ווי בוגאָוואָ שילדערט איר געשטאַלט, אַ ווילגעבוירענע אידעלע פרוי מיט אַ ווייכן כאַראַקטער, האָב איך דערפילט, אַז די ניעזנאַמאָוו־געשטאַלט איז מיין סטיכיע. פריער פון אַלץ האָב איך אין ניעזנאַמאָוון דערזען אַ באַליידיקטן, אַ גערודפטן, ביי ניעזנאַמאָוון דאַרף אַרויסרופן אַ שטאַרקער פּראָטעסט צוקוקנדיק, ווי בוגאָוואַ־קרוטשיניגאַ האַלט זיך. עס דאַרף ביי אים אַרויסרופן אַ פּראָטעסט און אַ פאַרדרוס, וואָס זי פאַרנעמט זיך מיט ווילטעטיקע פּראָבלעמען. זי האָט אויף אים רחמנות. און נאָך מער ברענט אים דער צאָרן, וואָס איבער אים איזדיעקעווון זיך זיינע טאַלאַנטלאָזע קאָלעגן, דורכאויס פאַרשטאָפּירטע, עס ערגערט אים די ביטלדיקע באַציאונג סיי צו אים און סיי צו דער קונסט בכלל. די „פּריצע” קרוטשיניגאַ רעדט מיט אַזאַ ווייך האַרציקן טאָן. מען דאַרף ברעכן ווענט, קומט זי גאָר מיט איר ווילטעטיקייט און העלפן, אין דער צייט, ווען ער האָט זי ניט געבעטן.

בין איך צגעגאַנגען צו אייזנבערגן און האָב אים פאַרגעלייגט, אַז איך וויל פּראָבירן אָט די ראָל. ווען איך האָב אים אַרויסגעזאָגט מיין מיינונג, ווי אַזוי איך פאַרשטיי און ווי אַזוי איך וויל שילדערן אָט די געשטאַלט, האָט ער מיר געזאָגט: ביטע, באַווייזט, אויב עס וועט זיין גוט, וועט איר שפּילן אין דער רייע מיט אַנטשאַראָוון.

קורץ, איך האָב צוגעגרייט די ראָל און האָב באַוויזן די ערשטע צוויי אַקטן און אייזנבערג האָט זיך אָנגעכאַפּט אין מיר. „עס איז גוט” — האָט ער מיר געזאָגט און האָט אָנגעהויבן מיט מיר אַרבעטן. און איך מוז דאָ באַמערקן זייער ניט קיין שיינע און ניט קיין טאַקטישע זייט פון בוגאָוואָ. אויף מיינע רעפּעטיציעס איז זי ניט געקומען. איך האָב זיך מיט איר באַגעגנט נאָר אויף די פאַרשטעלונגען. נאָר מיט דעם האָט זי שטאַרק געהאָלפן אין דער ראָל. זי האָט ביי מיר אַרויסגערופן

אמתן אויפריכטיקן פּראָטעסט און דאָס איז פּונקט געווען גוט פאַר מיין געשטאַלט. נאָר דאָס איז נאָך ווינציק. רעפּעטירנדיק, אָדער שפּילנדיק אויפן ספּעקטאַקל, האָב איך אַרום זיך געזען אַזעלכע בייזע, שלעכטע



דער לעצטער אַקט פון „אומשולדיקע" פון אָסטראָווסקי — רעכטס בוגאַוואַ
אין צענטר זאַלצמאַן — לינקס בראודא — ניעזנאַמאָוו

אויגן פון אייניקע אַקטיאָרן — זיי האָבן אַלע געוואָרט אויף אַ דורכ־פאַל נאָר עס האָט זיך באַקומען פּונקט דער היפּוך פון דעם וואָס זיי האָבן דערוואַרט. דער רעזשיסאָר אייזנבערג איז אַריין צו מיר אין גאַר־דעראָבע נאָך מיין ערשטן איפּטריט, נאָכן ספּעקטאַקל אָן אין דער געגנוואָרט פון אַלע אַקטיאָרן מיר באַגריסט: „מיט אַ גלענצנדן זיג". אויך די פּרעסע מאָט מיך געלויבט און אפילו פּראָפעסאָר וואָרנעקע אַ וויכטיקער, באַוווסטער טעאַטראַלער טוער, האָט אַרויסגעזאָגט וועגן מיין געשטאַלט אַ גאָר פּאָזיטיווע מיינונג. דאָס האָט מיר דערנאָך, ווען צווישן אונדז האָט זיך ווידער פאַרבונדן אַן אויפריכטיקע פריינדשאַפט מיט בוגאַוואַ, געזאָגט: „וואָרנעקע האַלט אַז איר שעלדערט ניעזנאַמאָוון זייער ריכטיק און טעמפּעראַמענטפול. אין די ראָל איז געווען פאַר מיר אַ טריאומף, ווייל נאָכדעם, ווי אפרים לויטער איז אָנגעקומען אין טעאַטער אַלס קינסטלערישער אָנפירער, ווען ער האָט מיך געזען אין דער ראָל,

האָט ער מיר גלייך פּאַרטרויט אין זיין ערשטע פאָרשטעלונג „שעפּסן קוואַל" פון לאָפּע דע וועגאַ, די ראָל פון פראַנדאָסאָ, לאַורענסיעס, געליבטער.

הגם לויטער איז ניט געווען, לויט מיין מיינונג, דער פּאַסנדער רעזשיסאָר פאַר דעם טעאַטער, מוז מען אָבער פעסטשטעלן: לויטער איז געווען אַ הויך־קולטורעלער מענטש. ער האָט טעאָרעטיש גוט געקענט דאָס טעאַטער, נאָר קיין רעזשיסאָרישן טאַלאַנט האָט ער ניט פאַרמאָגט. ער פלעגט ציטירן די בעסטע קינסטלער, אַקטיאָרן, רעזשיסאָרן, פּעדאַגאָגן און קריטיקער פון טעאַטער, נאָר קיין אייגענעם מעטאָד, לויט וועלכן ער האָט באַדאַרפט אַרבעטן,' האָט ער ניט געהאַט. נאָר ביי דער אַרבעט,ביים טיש, ווען מען האָט געזוכט דעם „יאָדער" פון דער ראָל, איז דער, וואָס איז שוין אַדורך אַ געוויסע טעאַטראַלע שול, האָט אָפט געקאָנט נעמען ביי לויטערן, פון זיינע אונטערטעקסטן, וועלכע ער פלעגט אונטערזאָגן, זייער ריכטיקע, און דאָס פלעגט אָפט העלפן



די שטעלונג „שעפּסן־קוואַל" אין ראָלן: אין צענטער אויבן: פּאָרדענסיאָ — פאַרדינסטפולע אַרטיסטן פון רעפּובליק ל. בוגאָווע, אונטן: קאָמאַנדאָר — אַרט. אי. אַנטשאַראָוו, פון רעכטס: לכואַ — אַרט. ב. ראַצדעסקאָ, פון לינקס: עסטעבאַן — אַרט. זיאַ ל. צמאַנג

דעם אַקטיאָר אין זיין אַרבעט אויף דער געשטאַלט. אַזוי איז אויך פאַר־געקומען ביים אויספירן „שעפּסן־קוואַל. איך דאַרף אָנערקענען, אַז ער האָט מיר זייער פיל געהאָלפן אין דער אַרבעט אויף דער ראָל פּראַנדאסאַ. נאָר נאָך מער האָט מיר געהאָלפן לאה בוגאַווא, מיט איר פלאַמענדיקן טעמפּעראַמענט. אָט די אַקטריסע פלעגט ממש אָנצינדן מיט איר פלאַמיקער שפּיל ריכטיקער מיט איר פלאַמיק לעבן אויף דער בינע, אירע מיטשפּילער, ס'איז אַ גרויס פאַרגעניגן געווען שפּילן מיט אַזאַ פּאַרטניאָרשע. מען האָט ווילנדיק־ניט־ווילנדיק געמוזט מיטגעריסן ווערן מחמת זי האָט קיין פאַלשע אינטאָנאַציעס מצד אירע פּאַרטניאָרן ניט געקאָנט דולדן און פלעגט נאָך דער רעפּעטיציע צאַרט־דיק ליארמען אויף די צעקראָכענע מיטשפּילער. מיט איר אויפריכטי־קייט, מיט איר אוממיטלבאַרקייט אין פּראָצעס פון שפּילן, מיט איר געוואַלדיקן טעמפּעראַמענט פלעגט זי אומגעהויער אויפהויבן די טעמ־פּעראַטור אויף דער בינע.

פון רעכטס צו לינקס: פלאָרעס — ארט. אַמזעל, באָסאָטאָ — ארט. בראַגינע, פראַנדאָסאָ — ארט. בראודאָ, [illegible] — ארט. [illegible], אַלאָנזאָ — ארט. לאַנדאו

אין צענטר בראודא אין דער ראָל פון פראַנדאָסאָ

נאָך דער ערשטער געלונגענער פאַרשטעלונג „שעפּסן־קוואַל" וואָס לויטער האָט אויפגעפירט קאָן מען זאָגן אַז די איבעריקע פאַרשטעלונגען וואָס ער האָט דערנאָך אויפגעפירט, זיינען געווען: אָדער האַלב־געלונ־גענע אָדער גאָרניט קיין געלונגענע, פּראָסט גערעדט, דורכגעפאַלן.

די צווייטע פאַרשטעלונג, וואָס לויטער האָט אויפגעפירט, איז געווען די אינסצעניזירונג פון שלום עליכמס ראָמאַן „סטעמפּעניו". די ראָל סטעמפּעניו האָט ער פאַרטרויט דעם אַקטיאָר מאַנסדאָרף, וועלכער איז ניט לאַנג אָנגעקומען צו אונדז אין טעאַטער פון פּאַריז, ווו ער האָט

אַנגעפירט מיטן אַרבעטער־טעאַטער „פּיאַט". מאַנסדאָרף, אַ גוטער כאַראַקטער־אַקטיאָר, האָט אין קיין פאַל ניט געפּאַסט צו דער ראָל. לויט זיינע אויסערלעכע און אויך אינערלעכע געגעבענע איז ער געווען, לויטן אַלטן נוסח, אַ „העלדן־רעזשאַניאָר". „סטעמפּעניו" איז אַ ליריש־דראַמאַטישע געשטאַלט, אַ ראָמאַנטיקער, אַ טרוימער. ער האָט אַלע זיינע דראַמאַטישע איבערלעבונגען אויסגעדריקט אין זיין פידל־שפּילן. און פאַרשטייט זיך, אַז מיט דעם אַליין האָט לויטער געמאַכט דעם גרעסטן פעלער. די איינציקע וועלכע איז געווען אויפן אָרט, דאָס איז געווען לאה בוגאָוואַ אין דער ראָל פון רחלע. נאָר זי האָט ניט געקאָנט ראַטעווען דעם גאַנצן ספּעקטאַקל, ווייל אַלע איבעריקע אַקטיאָרן, וואָס האָבן געשפּילט אין דעם ספּעקטאַקל האָבן קיין אַנונג ניט געהאַט פון שלום עליכם. מאַנסדאָרף אין דער ראָל, האָט פאַרשטייט זיך, גאָרניט געקאָנט אויפטאָן. אין קאָלעקטיוו האָט זיך שוין געשאַפן אַ נעגאַטיווע מיינונג וועגן אים, ניט נאָר אין דער ראָל, נאָר אַז ער איז בכלל אַ שוואַכער אַקטיאָר... אָט אַזוי אָפט, קאָן אַ רעזשיסאָר, וועלכער פאַרטיילט ראָלן אַזוי ווי לויטער פלעגט עס טאָן, אַראָפּפירן פון וועג ניט איין אַקטיאָר.. מיר דוכט, אַז איך בין געווען דער איינציקער, וועלכער האָט געהאַט אַ פּאָזיטיווע מיינונג וועגן מאַנסדאָרפן אַלס אַן אַקטיאָר און איך קאָן זאָגן אָפן, אַז איך האָב געהאָלפן מאַנסדאָרפן ווייזן זיך אין אַ ראָל, אין וועלכער ער איז אָנערקענט געוואָרן אין אָדעסער יידישן טעאַטער אַלס אָנפירנדיקער אַקטיאָר.

די אָנפירונג פון טעאַטער האָט באַשלאָסן אויפפירן משה קולבאַקס פּיעסע „דער גזלן „בויטרע". אַלס רעזשיסאָר אויף דער פאַרשטעלונג האָט מען איינגעלאַדן פון קיעוו דער רעזשיסאָר וויינשלבוים דעם קינסטלערישן אָנפירער פון אוקראַינישן יידישן קינדער־טעאַטער. נאָר די ראָלן האָט צעטיילט לויטער, און אַליין קאַפּויער. דעם גזלן בויטרע האָט ער געגעבן שפּילן שוואַרצערן און דעם מיוחס דעם גביר, דעם „פּרנס חודש" אהרן וואָלפן, האָט ער געגעבן מיר. מאַנסדאָרף איז געווען באַשטימט פאַר מיין דובליאָר. ס'איז איבעריק צו זאָגן, אַז אויף אים, אויף מאַנסדאָרפן איז די ראָל פון אהרן־וואָלפן געווען אָנגעמאָסטן. דאָס איז אַלעמען געוואָרן קלאָר, און מיר דעם ערשטן, גלייך נאָך די ערשטע רעפּעטיציעס. האָט דער רעזשיסאָר וויינשעלבוים זיך צו מיר געווענדעט מיט דער פראַגע, צי וויל איך פעסט שפּילן די ראָל? ער האָט

געהאַט איינגאַנצן איין חודש אויף אויפפירן די פּיעסע און מיט מיר, לויט זיין מיינונג, וועט ער דאַרפן זייער פיל אַרבעטן בכדי איך זאָל קאָנען שפּילן די ראָל. און מאַנסדאָרף שפּילט שוין די ראָל אויף די ערשטע רעפּעטיציעס. איך האָב אים גלייך געגעבן מיין הסכמה, אַז מען זאָל מיך באַפרייען פון דער ראָל. נאָר ער דאַרף דאָס פועלן ביים קינסטלערישן אָנפירער און ביי דעם דירעקטאָר. נאָר זיי האָבן אים קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט. און ווען איך האָב זיך געווענדעט צו מיין חבר, דעם דירעקטאָר אַבעליאַוון, האָט ער מיר געזאָגט: אַז אויב מאַנסדאָרף שטערט דיר וועלן מיר אים באַפרייען פון דעם דובליאַזש. „דו דאַרפסט דערווייזן, אַז דו ביסט פעאיק צו שפּילן אויך אַזאַ ראָל... דאָס איז געווען זיין ענטפער. איך קאָן נאָר דערווייזן, אַז איך וועל דורכפאַלן אין דער ראָל און מאַנסדאָרף קאָן זיך רעהאַביליטירן אַלס אָנפירנדיקער אַקטיאָר אין טעאַטער, האָב איך אים געענטפערט: „זאָרג וועגן זיך, נאָר ניש וועגן מאַנסדאָרפן", האָט ער מיר געזאָגט. נאָר סוף כל סוף, נאָך גרויסע שוועריקייטן, האָט מען מיך באַפרייט פון דער ראָל און מאַנסדאָרף האָט גלענצענד געשפּילט אַהרן־וואָלפן, און מיט דעם האָט ער זיך פאַרפעסטיקט אין טעאַטער.

בינו לבינו, האָב איך באַמערקט אויף די רעפּעטיציעס, אַז איך וואָלט זיך געקאָנט דערשלאָגן באַשטימטע דערגרייכונגען אין דער ראָל בויטרע, מחמת דאָ האָט ווידער זיך געהאַנדלט מכוח קאַמף פאַר יושר. אַזאַ טעמע פלעגט מיך שטענדיק באַגייסטערן און זי באַגייסטערט מיך נאָך ביזן הקנטיקן טאָג. און וויינשלבוים האָט מיר אָפן געזאָגט אַז שוואַרצער באַפרידיקט אים ניט אין דער ראָל. איך האָב גענומען גרייטן די ראָל.

ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס מיין פּאָזיציע אין טעאַטער האָט זיך שוין פאַרפעסטיקט, נאָר וואַרטן ביז לויטער, וועט מיר געבן אַ ראָל, וועלכע זאָל מיך באַפרידיקן און זאָל זיין צוגעפּאַסט צו מיינע געגעבענע פעאיקייט, אַרויסקוקן אויף אַ גמילות חסד, ביז לויטער וועט מיך מזכה זיין מיט דער אָדער מיט יענער ראָל, וואָלט איך געדאַרפט זייער לאַנג וואַרטן. ווייל ווי איך האָב אויבן געשריבן פלעגט לויטער פאַרטיילן די ראָלן פונקט פאַרקערט. און מיט דעם וואָס ער פלעגט אַזוי פאַרטיילן די ראָלן, פלעגט ער שטענדיק האָבן אַ דורכפאַל. נאָר אַלץ איינס פלעגט ער עקשנותדיק שטענדיק פאַרטיילן די ראָלן פאַר

קערט. בויטרע איז מיין ראָל, האָט ער זי אַוועקגעגעבן שוואַרצערן. אַהרן־וואָלף איז מאַנסדאָרפס ראָל, האָט ער זי געגעבן מיר... אַלץ קאַפּויער. מיין פריינט אין טעאַטער, דער אַקטיאָר אַמזעל, אַז עס פלעגט קומען צו רייד, וועגן לויטערן אַלס רעזשיסאָר, און עמעצער פלעגט זיך אַרויס־זאָגן ניט גינסטיק, פלעגט אַמזעל אים פאַרטיידיקן: „איך האַלט, — פלעגט ער זאָגן, — אַז ער איז אַ גוטער רעזשיסאָר, מען דאַרף נאָר וויסן, וואָס צו נעמען ביי אים. וואָס ער לייגט מיר פאָר, טו איך פאַר־קערט, באַקומט זיך גוט!".

קורץ, איך האָב צוגעגרייט בויטרע און איך האָב געבעטן לויטערן, באַשטימען פאַר מיר אַ דורכקוק. האָט לויטער קאַטעגאָריש מיר אָפּ־געזאָגט. „מיר האָבן באַשלאָסן אויף דער ראָל ניט צו באַשטימען קיין דובליאָר" — האָט ער מיר געזאָגט. האָב איך אים געענטפערט: אַז איך פאָדער ניט קיין דובליאַזש, איך האַלט פשוט, אַז דאָס איז מיין ראָל און איך פּרעטענדיר אויף שפּילן די ראָל, נאָר ניט דובלירן!...

נאָר סיי לויטער און סיי מיין חבר אבעליאָוו, האָבן ניט מסכים געווען מיך דורכקוקן. האָב איך זיך געווענדעט אין דער פאַרוואַלטונג פאַר קונסט־ענינים, און דער נאַטשאַלניק, פישמאַן, האָט באַפוילן מיך דורכ־קוקן און אויב איך וועל זיך באַווייזן אין דער ראָל, אַז איך בין צוגע־פּאַסט, זאָל מען מיך באַשטימען אין דער ריי מיט שוואַרצערן צו שפּילן די ראָל. לויטער האָט מיר פאַרגעלייגט אין קאַבינעט ביי אים ווייזן די ראָל, האָב איך אים געענטפערט, אַז אין זיין קאַבינעט פאַרטיילט מען ניט ריכטיק קיין ראָלן און אַז איך וויל ווייזן די ראָל אויף דער בינע אין דער קעגנוואַרט פונעם גאַנצן קאָלעקטיוו.

דער דורכקוק איז אַדורך אויף אַלע הונדערט פּראָצענט. אַפילו אַלע מיינע שונאים פון קאָלעקטיוו האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פּאָזיטיוו און האָבן אָנגעוויזן, אַז איך בין מער צוגעפּאַסט צו דער ראָל ווי שוואַרצער. אינ־טערעסאַנט איז געווען ווי יעדער פון אונדז האָט אינטערפּרעטירט די ראָל? דאָס זיינען געווען צוויי פאַרשידענע אינטערפּרעטאַציעס. אין דער סצענע אין וואַלד, ווען מען מעלדעט בויטרען, אַז דער זעלבער חאַנטשע־קאַט, וועלכער האָט געכאַפּט בויטרען, בשעת יענער איז נאָך געווען אַ קינד און אים אָפּגעגעבן פאַר אַ סאָלדאַט־קאַנטאָניסט, איז נאָר וואָס אַהער־געקומען מקיים פּסק זיין בויטרען לויטן באַפעל פון פרנס־חודש. נאָך דער ידיעה לאָזט ער זיך אַוועק אין וואַלד, כאַפּט חאַנטשען און דערהרגעט אים.

ווי אַזוי האָט שוואַרצער געשפּילט אָט די סצענע? נאָכדעם, ווי ער האָט חאַנטשען דערהרגעט, יאַוועט ער זיך אויף דער סצענע מיט אַ האַק, ווישט אָפּ מיט דער פּאָלע פון זיין רעקל דאָס בלוט פון דער האַק, פאַרשטעקט זי אין גאַרטל און דערציילט גלייך, ווי אַזוי ער האָט זיך מיט חאַנטשען צערעכנט.

גאַנץ אַנדערש האָב איך דורכגעפירט די סצענע. נאָכדעם, ווי איך האָב מקיים פּסק זיין חאַנטשען, פלעג איך אַרויסגיין אויף דער בינע אָן דער האַק, טיף פאַרזונקען אין מחשבות, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט. נאָך אַ פּויזע זעץ איך זיך אַוועק. און דער אונטערטעקסט איז געווען: איר זעט, צו וואָס מען האָט מיך דערפירט, — אַז איך בין געצוווּנגען געווען הרגענען אַ מענטשן. דערפאַר, ווייל איך האָב וועגן בויטרען געהאַט אַ פאָרשטעלונג ווי וועגן אַ קרישטאַל־ריינעם מענטשן, מיט אײדעלע געפילן. בויטרע אין מיינע אויגן איז געווען אַ דרייסטער קעמפער פאַר יושר. ס׳איז געווען אַ געוואַגטער שריט זיך צו לאָזן קעגן אַזעלכע מעכטיקע שונאים, ווי די יידישע רעליגיעזע קהילה מיט אירע כלי־קודש, מיט די כאַפּונעס, בויטרען איז פרעמד געווען פּחדנות, ער שטעלט איין זיין לעבן. נאָר בויטרע איז ניט קיין גזלן און אַזוי האָב איך אים געשפּילט. עס האָט מיך געגנוג נערוון און פאַרדרוס געקאָסט, ביז איך האָב מיין ציל דער־גרייכט. נאָר איך האָב זיך דערוואָרבן אַ פאַרביסענעם און אַן ערנסטן שונא אין דעם אַקטיאָר שוואַרצער. נאָר וועגן אים שפּעטער.

עס טרעפט אַ טעאַטער־קאָלעקטיוו, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ זודיקן קעסל, וווּ עס קאָכן און זידן ניט גאָר קיין כשרע ליידנשאַפטן. אַ מ ב י צ י ע! די אַמביציע פון דעם אָדער יענעם אַקטיאָר, צי פון דעם רעזשיסאָר, אויב זיי האָבן אַ פאַרדעכטיקן אונטערשלאַג, ברענגט זי צו גרויסע צרות. דעריבער האָט דער גרויסער טעאַטער־מומחה ק.ס. סטאַ־ניסלאַווסקי אָפּט געשטעלט דעם טראָפּ אויף דער ערשטער זייט, אַז עס איז ווינציק צו זיין אַ טאַלאַנטפולער אַקטיאָר, נאָר אַז יעדער אַקטיאָר דאַרף קודם כל זיין אַ מ ע נ ט ש מיט מידות־טובות, וואָס מען דאַרף דערציען אין דעם אַקטיאָר, ווייל אויב דער אַקטיאָר אָדער דער רעזשי־מייסטער איז פון מאָראַלישן שטאַנדפונקט אַ פאַרדאָרבענע בריאה, אויב אַזאַ טעאַטער־טוער איז צופיל אַמביציעז, ניט פון הויך־פּרינציפּיעלן שטאַנדפונקט, נאָר פונעם שטאַנדפונקט — „איך בין דאָך עפּעס איך, אַזוינס ווי אַזעלכעס" פירט עס נישט צו שעפערישן אויפ־

בלי נאָר צו דער פאַרשווערכונג פון קונסט. אַזעלכע לײדנשאַפטן, האָבן זײער אָפט געפּיבערט אויך אין דעם קאָלעקטיוו פונעם אָדעסער ייִדישן מלוכה־טעאַטער. און דאָס האָט פון צייט צו צייט געפירט מיך דערצו, אַז איך האָב געמוזט שאַרף רעאַגירן אויף גרויסע עוולות, (לויט מיין שטאַנדפּונקט) און פלעג זייער אָפט ווערן אַגרעסיוו: מען קאָן לײכט זיך פאָרשטעלן אַז מיין בונטאַרישקייט פלעגט ניט אײנמאָל מיך מזיק זיין.

אַלע מיינע פריינט און אַלע מיינע שונאים, האָבן געהאַלטן, אַז מיין גרעסטער פעלער אין מיין נאַטור, איז מיין „לאַנגע צונג". דורך אָט דער לאַנגער צונג בין איך ניט איינמאָל געשטרויכלט געוואָרן, ד.ה. מיין צונג איז חלילה ניט לענגער ווי ביי אַלע אַקטיאָרן. נאָר דער פעלער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מיין צונג פלעגט אַרויסזאָגן דאָס, וואָס איך האָב געטראַכט. און דאָס איז געווען, וואָס אַלע האָבן געטראַכט, און אַפילו אַרויסגעזאָגט, נאָר ניט אויף קיין אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג. נאָך צווישן זיך. ווען עמיצער האָט עס אַרויסגעזאָגט אין דער עפנטלעכקייט, אַז „דער אָדער יענער", האָט אַזוי געזאָגט אין די קולואַרן, פלעגט „דער אָדער יענער", אַלץ אָפּלייקענען. ביזן היינטיקן טאָג, לייד איך פון אָט דעם „פעלער" מיינעם. און אָט דער „פעלער" איז מאַנכעס מאָל געווען פאַר מיר אַ מעלה. צום ביישפּיל: אין מיין שטרעבונג אין דער קונסט, ווען איך נעם באַטראַכטן די וויכטיקסטע עטאַפּן פון מיינע שטרעבונגען אין דער טעאַטראַלער קונסט, ווען איך נעם זיך דערגרונטעווען צום עיקר פון מיין שעפערישן מהות, מוז איך פעסטשטעלן אַז מיין אמתער פּאַטאָס פלעגט אויסברעכן דאַן, ווען איך פלעג דערזען אַ בפירושע עוולה, דער עיקר אינעם סאָציאַלן מאַסשטאַב און זייער אָפט אין נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב, אויך לעבנדיק אין ראַטנפאַרבאַנד ווו פון אָנפאַנג 1941 יאָר האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט אַ פאַרביסענער און לעצטנס אַן אָפענער אַנטיסעמיטיזם.

אין אַלטן ייִדישן טעאַטער האָב איך עס אַרויסגעוויזן שפּילנדיק אין גאָרדינס „דער מטורף". בן־ציון איז געווען אַ טרוימער, ער האָט געשטרעבט צו באַשאַפן דעם „פּערפּעטואום מאָבילע", די אייביק־באַוועגלעכע מאַשין. ס'איז געווען אַ נאַאיווער טרוים, נאָר דער אינערלעכער דראַנג צו וויסנשאַפט האָט אין זיך געטראָגן אויך קעמפערישקייט, פאַרדראָס אויף דער קליינבירגערלעכער גלייכגילטיקייט, אויף דער רוטינע אין דער וויסנשאַפט, אויף דער אָפּגעשטאַנענקייט אין דער טעכניק.

שפּילנדיק לואיס קאַרשונסקי אין גאַרדינס „אומבאַקאַנטן" בין איך געווען פאַרכאַפּט פון דער אידעע וועגן פרייער ליבע וועלכער עס זיינען פרעמד מאַטעריעלע און אַנדערע עגאָיסטישע חשבונות.

אַלס איינע פון מיינע וויכטיקסטע אַקטיאָרישע אַרבעטן קאָן איך פאַרעכענען מיין „הירש לעקערט" פון ה. לייוויק. איך האָב זיך דאָ באַמיט צו שאַפן אַ פאַראַלגעמיינערטע געשטאַלט פון אַ יידישן רע־וואָלוציאָנער. איך האָב דאָ געשטרעבט אויסצודריקן מיין פּראָטעסט קעגן דער זעלבסטהערשאַפט, דער דראַנג פונעם פּראָלעטאַריער לעבן

שפּילנדיק אין אָדעסער טעאַטער „בויטרע" איז ווידער געווען מיין שטרעבונג דער קאַמף צו אַ פרייען בעסערן לעבן.

אין דער אינסצעניזירונג פון ליאָן פויכטוואַנגערס „די פאַמיליע אָפּענהיים" אין דער ראָל פון דעם פּראָפעסאָר עדגאַר אָפּענהיים, האָב איך ווידער זיך באַמיט צו שאַפן אַ פּראָגרעסיווע געשטאַלט, וועלכע פאַרטיידיקט און קעמפט פאַר דער פרייהייט און איז אין נאָמען פון אָט דער הויכער אידעע גרייט צו ברענגען פאַר אַ קרבן זיין אייגן לעבן. איך האָב זיך באַמיט צ שאַפן אַ מענטשן, וועמעס ציל אין לעבן איז דינען דער מענטשהייט.

אין דער ראָל פון פּראַנדאַסאָ אין לאָפּע דע וועגאַ׳ס „שעפּסן־קוואַל" האָב איך אויך געשטרעבט צו שאַפן אַ געשטאַלט, וואָס איז גרייט אָפּ־געבן זיין לעבן פאַר דעם פאָלק פון „שעפּסן־קוואַל".

אין דער ראָל פון ניעזנאַמאָוו אין א. אָסטראָווסקי׳ס „אָן שולד שול־דיקע" איז ווידער געווען מיין שטרעבונג צו אַ פרייערן לעבן.

אין 1938 יאָר האָט דער אָדעסער טעאַטער געגרייט אַן אינטערע־סאַנטן ספּעקטאַקל, נעמלעך „די מוטער" פון מאַקסים גאָרקי, אַן אינסצע־ניזירונג פון זיין ראָמאַן. דער קינסטלערישער אָנפירער פון טעאַטער דער רעזשיסאָר אפרים לויטער, האָט געמאָלדן: אַז אַזוי ווי דאָס איז זייער אַ פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט פאַרן טעאַטער, דעריבער מוז דער גאַנצער קאָלעקטיוו קומען צו הילף. אַלע אָנפירנדיקע אַקטיאָרן טאָרן זיך ניט אָפּזאָגן אויב עס וועט זיי אויסקומען צו שפּילן קליינע, עפּיזאָ־דישע ראָלן. ס׳איז ניט קיין קלייניקייט, גאָרקי אין יידישן טעאַטער. און מיר אַלע זיינען געווען גרייט — קיינער האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט צו שפּילן אפילו די קלענסטע ראָלן. און מען מוז אָנערקענען, לויטער האָט

געאַרבעט אויף דעם ספּעקטאַקל געוויסנהאַפט. צוויי טעג האָט ער געלייענט זיין עקספּליקאַציע צו דער פאָרשטעלונג. ס׳איז געווען זייער לאַנגווייליק. נאָר מיר אַלע האָבן זיך אָנגעזעטיקט מיט געדולד און מיר האָבן געהערט. זיין גרויסע אַרבעט האָט ער דורכגעפירט פאַר דריי חדשים. דער באַרג האָט געבוירן אַ מויז. פאַרוואָס? ווידער צוליב דער זעלבער סיבה: די ראָלן זיינען געווען פאַרטיילט קאַפּויער, און דערצו איז בוגאַוואַ ניט געווען צוגעפּאַסט צו דער ראָל. „די מוטער" איז אַ דאָרפישע פרוי און בוגאַוואַ לויט איר אינדיווידואַליטעט איז אַן אַריסטאָקראַטישע פרוי, פון דער הויכער געזעלשאַפט. עס האָט נישט געהאָלפן, וואָס ער האָט איר געהייסן פאַרקלעפּן די באַקן מיט קאַרטאָן, זי זאָל אויסזען פּראָסטער. נאָר ווי זי פלעגט אָנהויבן רעדן, אַזוי האָט מען געפילט, אַז דאָס רעדט אַ הויך־קולטורעלע פרוי, ניט קיין פּויערטע פון דאָרף, ווי ס׳איז די מוטער ביי גאָרקין געשילדערט. דערצו זיינען די הויפּט־ראָלן געווען צעטיילט יונגע, נאָך ניט דערפאַרענע אַקטיאָרן. די ראָל נאַכאָדקאַ איז געווען פאַרטרויט שוואַרצערן, וועלכער איז אויך געווען ניט איבערצייגנד. עס האָט זיך געפילט, אַ ייד אין אַ קאַפּאָטע, אָבער ניט דער פאָרגעשריטענער אוקראַינער. די ראָל פונעם אַנאַרכיסט פאַר וועמען די גאַנצע גאַס האָט געציטערט, איז געווען פאַרטרויט דעם פאַרטיי־אָרגאַניזאַטאָר פון טעאַטער גינזבורגן, וועלכער איז געווען גיכער ענלעך אויף אַ ישיבה־בחור. דער איינציקער פאָרשטייער פון די סאַטראַפּן, דער אָפיציר, איז געווען פאַרטרויט דעם זייער שוואַכן אַקטיאָר טערלעצקי, וועלכער איז געווען גיכער ענלעך אויף אַ חסיד פון אַ קליין שטעטל. דעם ספּעקטאַקל האָט דער צושויער אויפגענומען זייער קאַלט און ער האָט קנאַפּ עולם צוגעצויגן. אַזעלכעס טרעפט אָפט אין אַלע טעאַטערן. אינגיכן האָט מען אין טעאַטער צונויפגערופן אַ פּראָדוציר־באַראַטונג — באַהאַנדלען די דערגרייכונגען, אָנווייזן אויף די פעלערן. מיר אַלע אָנפירנדיקע, אָנגעזעענע אַקטיאָרן, האָבן באַשלאָסן ניט קריטיקירן דעם רעזשיסאָר, נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז ער האָט געטאָן אַלדאָס מעגלעכע. הגם מיר האָבן אים געוואָרנט, נאָך אין פריערדיקע באַראַטונגען, אויף דעם ניט ריכטיקן פאַרטייל פון די ראָלן און ער האָט אונדז ניט געוואָלט הערן. בכדי באַוואָרענען דעם דערפאָלג פון ספּעקטאַקל האָט ער פונדעסטוועגן געאַרבעט 3 חדשים.

די באַראַטונג איז שוין געעפנט, נאָר קיינער נעמט ניט קיין וואָרט.

דעמאָלט האָט דער רעזשיסאָר אַליין גענומען דאָס וואָרט און האָט געזאָגט: „דאָס מאָל וויל איך ניט זיין באַשיידן! איך רעכן, אַז אין דעם ספּעקטאַקל האָבן מיר באַדייטנדיקע דערגרייכונגען!” נאָך אַזעלכע ווערטער האָב איך שוין ניט געקאָנט שווייגן. אַלע מיינע חברים האָבן מיך געוואָרנט: וואָס טוסטו? דו וועסט אָנטאָן צרות!... און ניט קוקנדיק אויף אָט די אַלע וואָרנונגען, האָב איך גענומען דאָס וואָרט און האָב געזאָגט: — „אויב דער קינסטלערישער אָנפירער פון טעאַטער, ביי וועמען איך דאַרף זיך לערנען, געפינט אין אָט דעם דורכגעפאַלענעם ספּעקטאַקל באַדייטנדיקע דערגרייכונגען, קאָן איך ניט שווייגן”. און האָב מיט פאַקטן דערוויזן, אַז דער ספּעקטאַקל איז ניט געלונגען.

ענטפערנדיק אין זיין שלוס־וואָרט, איז ער געוואָרן אַזוי אויפגערעגט, אַזוי צעקאָכט, אַז ער האָט צעקנאַקט צוויי פּאָר ברילן, מיט וועלכע ער האָט מאַניפּולירט בשעת זיין רעדע. נאָך מיר האָבן אויך אַנדערע אַקטיאָרן קריטיקירט דעם ספּעקטאַקל, נאָר זיין גאַנצן צאָרן האָט ער אויסגעגאָסן אויף מיר.

דער פּועל יוצא פון מיין קריטיק איז געווען, אַז ער האָט מיר אין משך פונעם גאַנצן סעזאָן קיין איין ראָל ניט געגעבן. איך האָב, פאַרשטייט זיך, פון דעם געליטן נאָר דאָך האָט ער מיט אָט דעם קלאַפּ אויף מיר ניט געווירקט, אַלץ איינס פלעג איך אַריסטרעטן קעגן יעדער פאַרקריפלונג.

און אָט איז געקומען אַ גינסטיקע צייט פאַר לויטערן זיך נוקם צו זיין אין מיר. אין ראַטנפאַרבאַנד איז אַרויס אַ געזעץ, העכערן אַלע אַקטיאָרן די געהאַלטן. ביז יענער צייט האָבן די אַקטיאָרן באַקומען זייער קליינע געהאַלטן. און איך צום ביישפּיל, באַקומענדיק אַ געהאַלט, פון דער העכסטער קאַטעגאָריע, 630 רובל, האָב איך נאָך באַדאַרפט זיין אַ פּעדאַגאָג אין דער אָדעסער דראַמאַטישער שולע און אויפטרעטן מיט רעציטאַציעס אויף קאָנצערטן איך זאָל קאָנען פאַרדינען אויף צום לעבן, און נאָך שטיצן מיין פרוי רחלע אין מאָסקווע. לויט דער נייער גראַדאַציע, האָב איך באַדאַרפט באַקומען אַנשטאָט 630 רובל געהאַלט אַ חודש, 1.200 רובל. דאָס איז געווען די העכסטע קאַטעגאָריע. נאָר לויטער האָט מיר באַשטימט 650 רובל ד.ה. ער האָט מיר געהעכערט אויף 20 רובל. האָב איך איבערגעגעבן מיין קריוודע אין פּראָפּאַריין. ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיסיע, וועלכע האָט מיר באַשטימט 750 רובל אַ חודש.

בראודא אין דער ראָל פון פאָן־שטובע, אין דער פיעסע „ראַזלאָם“,
, איינברוך, פון לאַוורעניאָוו.

אויף דער אָנקלאָגע אין קאָמיטעט פאַר קונסט ענינים, וואָס דער קינסטלערישער אָנפירער לויטער האָט מיך אויפגעהערט פאַרנעמען אין די לויפנדע פאַרשטעלונגען. איז ווידער באַשטימט געוואָרן אַ קאָמיסיע, וועלכע האָט באַשלאָסן אַז איך האָב רעכט צו באַקומען לויט מיין אויסוואַל צוויי הויפּט־ראָלן אין לויפנדע סעזאָן האָב איך באַקומען אַזוי אַרום צוויי אָנפירנדיקע ראָלן: פאַן־שטובע אין לאַווערעניעווס „איינבראַך" און פּראָפעסאָר עדגאַר אָפּנהיים.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער העכערונג פון די געהאַלטן איז געקומען צווישן מיר און שוואַרצערן אַ קאָנפליקט, אויף וועלכן עס איז כדאַי זיך אָפּצושטעלן. ווייל לויט מיין מיינונג האָט עס אַ פּאָליטישע באַדייטונג. עס כאַראַקטעריזירט, אין אַ געוויסער מאָס, די אַרבעט פון די מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. פריער פון אַלץ, פון וועמען עס באַשטייט די פּאַרטיי. ווי אַזוי עס ווערן אָנגענומען נייע מיטגלידער אין דער פּאַרטיי. אין אָדעסער יידישן מלוכה־טעאַטער האָט זיך אין 1939, 1938 געבילדעט אַ נייע פּאַרטייגרופּע. אין דער גרופּע זיינען אַריין, אידאַ זאַלצמאַן, בעלאַ־שיצקי, בוגאָווא, — גינזבורג איז געווען דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַטאָר און שוואַרצער, איז געווען אַ קאַנדידאַט און ער האָט אין גיכן באַדאַרפט ווערן אַ הונדערט־פּראָצענטיקער מיטגליד פון דער פּאַרטיי.

ביים באַשטימען די נייע געהאַלטן איז שוואַרצער געווען דער פאָר־זיצער פון דער קאָמיסיע און פון אים איז געווען געווענדעט זייער פיל. מיט זיין מיינונג האָט זיך אי די קאָמיסיע אי די דירעקציע גערעכנט. מיין געהאַלט האָט באַשטימט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע לויט דער אָנווייזונג פונעם צענטראַל קאָמיטעט פון „ראַביס" (פּראָפאַריין פון טעאַטער־טוער).

אין טעאַטער האָט געאַרבעט אַן עפּיזאָדישער אַקטיאָר לאַנדאוי. ער האָט געהאַט א ווייב מיט אַ קינד און ער האָט באַקומען אינגאַנצן 400 רובל אַ חודש. האָט ער געבעטן שוואַרצערן, ער זאָל זיך באַמיען, מען זאָל אים העכערן ביז 500 רובל. אויפן איצטיקן געלט, לויטן איצטיקן קורס איז עס 50 רובל. שוואַרצער האָט אין מיין קעגנוואַרט אים צו־געזאָגט אַלץ צו טאָן, בכדי מען זאָל אים העכערן דאָס געהאַלט. און אַט זיצנדיק אין קאַבינעט פונעם דירעקטאָר קומט אַריין שוואַרצער און ווענדעט זיך צום דירעקטאָר אַבעליאַוון, צום קינסטלערישן אָנפירער אפרים לויטער: „לאַנדאו בעט מיך איך זאָל אים העכערן אויף הונדערט

רובל. איך האַלט, אַז לויט זײַנע פּעאיקייטן קאָן מען אים ניט העכערן״. אָט מיט די ווערטער האָט ער זיך געווענדעט צו זיי. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן מיט אים איינגעשטימט. אין אַ האַלבע שעה אַרום, שטיי איך אין פאָיע פון טעאַטער. גייט צו שוואַרצער צו לאַנדאוי׳ען און זאָגט אים: „איך האָב אַלץ געטאָן מען זאָל אייך העכערן, נאָר זיי זײַנען ניט מסכים״. מיך האָט עס אויפגערעגט ביז דער העכסטער מדרגה און איך האָב לאַנדאוי׳ען געזאָגט דעם גאַנצן אמת. האָט זיך אויף מיר אַרויפגעוואָרפן שוואַרצער און האָט מיך באַליידיקט, אַז איך בין פּעאיקלאָז אַז איך בין קיין אַקטיאָר ניט, נאָר אַ „באַהעלפער״. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז די העכסטע באַליידיקונג פאַר אַ קינסטלער. האָב איך אים געענטפערט: וואָס איך בין פאַר אַן אַקטיאָר, דאָס וועט די קריטיק און דער צושויער באַשטימען. נאָס וואָס איר זײַט ניט קיין ערלעכער מענטש, ווייסן ניט קאָן זײַן, פּיל מענטשן. מיט וואָס פאַראַ רעכט קומט איר אָן אין דער קאָמפּאַרטיי, ווען איר זײַט לויט אײַערע אײַ־בערצווונגען אַ קאָנטער־רעוואָליציאָנער!״ דערבײַ איז בײַגעווען גינזבורג דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַטאָר. האָט ער געמאָלדן: „אַז ביז בראַודאָ וועט ניט צונעמען די ווערטער צוריק, קאָן שוואַרצער ניט באַשטעטיקט ווערן אין דער פאַרטיי״. האָט שוואַרצער אָנגעגעבן אין „חברים־געריכט״. נאָר דאָס „חברים־געריכט״ האָט גאָרניט געקאָנט באַשטימען. ווײַל זאָגן אָפן, אַז שוואַרצער, שטייענדיק אין טיראַספּאָל, ניט ווייט פון דער דעמאָלטיקער רומענישער גרענעץ, האָט דערזעענדיק פון דער צווייטער זײַט אַ רומענישן סאָלדאַט אויסגערופן: „אַך, ווי מיר וואָלט זיך געוואָלט זײַן פון יענער זײַט!״... אָדער זאָגן וועגן דעם, אַז ער האָט וויפל מאָל געזאָגט דעם אַדמיניסטראַטאָר פרענקעל, וועלכער איז גע־קומען פון אויסטראַליע, אַז ער איז אַ גרויסער אידיאָט, וואָס ער איז געקומען אין ראַטנפאַרבאַנד. ווען איך זאָל עס אַלץ זאָגן אָפן, וואָלט שוואַרצער שוין געווען פאַרשיקט ערגעץ אין אַ לאַגער. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב עס ניט געזאָגט.

נאָר שוואַרצער האָט זיך ניט באַרויִקט. ער האָט אָנגעגעבן אין פאָלקס־געריכט. דער משפּט איז פאָרגעקומען אין טעאַטער. ווען פרענקל און זײַן פרוי, ווי אויך זייערס אַ פרײַנט, אַ קריסט, האָבן זיך דערוווּסט וועגן דעם פּראָצעס, האָבן זיי מיר פאָרגעלייגט, אַז זיי וועלן קומען אויפן פּראָצעס און זאָגן דעם אמת. איך בין אויף דעם נישט איינ־

געגאַנגען. נאָר דערנאָך, ווען צו מיר זיינען דערגאַנגען קלאַנגען, אַז די גאַנצע פּאַרטיי־גרופּע וויל מיך באַשולדיקן אין ,רכילות" האָב איך מסכים געווען, אַז זיי זאָלן קומען אויפן געריכט.

דער פאָרזיצער פון געריכט איז געווען אַ יידישע פרוי. זי האָט גלייך געמאָלדן, אַז דאָ האַנדלט זיך נאָר ווער ווער וועמען האָט פריער באַליידיקט. און ווען מען האָט געפרעגט לאַנדאַוי׳ען „ווער האָט וועמען פריער באַליידיקט?" האָט ער געזאָגט: אַז איך האָב דער ערשטער שוואַרצערן באַליידיקט... אַזאַ ליגן האָב איך ניט דערוואַרט פון אים, אין דער צייט, וואָס איך האָב געמיינט זיין טובה. מיין חבר אַמזעל האָט מיר געמאָלדן, אַז ער וועט אויפן געריכט ניט קומען, ווייל קיין ליגן וויל ער ניט זאָגן. און זאָגן דעם אמת, האָט ער מורא, ווייל שוואַרצער פאַרנעמט אַזאַ הויכן פּאָסטן אין טעאַטער און ער וועט זיך אין אים דערנאָך נוקם זיין. איך בין אַ קליינער אַקטיאָר אין טעאַטער און אַז מען וועט מיך באַפרייען פון טעאַטער איז ווהין וועל איך גיין?"

דער משפט האָט זיך שוין געהאַלטן ביים ענדיקן, רופט זיך אָן צו מיר די ריכטערין: דאָ איז דאָ אייערער אַן עדות? האָב איך געמאָלדן, אַז דעם עדות דאַרף איך נישט. דעמאָלט האָט שוואַרצער געפאָדערט אַז מען זאָל אַרויסרופן דעם עדות. אַז מען האָט דעם קריסט קרעטשען געפרעגט, וואָס ווייסט ער וועגן דעם קאָנפליקט צווישן מיר און שוואַר־צערן? האָט ער געזאָגט: „וועגן זייער קריג ווייס איך גאָרנישט. נאָר איך קאָן באַשטעטיקן, אַז שוואַרצער, האָט וויפל מאָל געזאָגט פרענקלען ביי אים אין ווינונג, אַז ער איז אַ גרויסער אידיאָט, וואָס ער איז גע־קומען פון אויסטראַליע אין ראַטנפאַרבאַנד."

די ריכטערין האָט געמאָלדן: אַז דער עדות ווערט באַזייטיקט ווייל ער האָט קיין שום שייכות ניט צו דעם ענין. און אויב דער חבר קרעטש האָט מאַטעריאַלן אויף שוואַרצערן זאָל ער עס אָנגעבען אין נ.ק.וו.ד.

דאָס געריכט האָט אַויסגעטראָגן אַן אויסרייד מיר, פאַרוואָס איך האָב באַליידיקט שוואַרצערן. און שוואַרצער איז אָנגענומען געוואָרן אין דער פּאַרטיי.

אין אַ וואָך אַרום, ווען איך בין געזעסן אין גאַרדעראָבע און האָב זיך גרימירט, איז ־לוצים צוגעקומען צו מיר לאַנדאַוי און אין דער געגענוואַרט פון אַלע אַקטיאָרן, וועלכע זיינען דעמאָלט געזעסן אין גאַרדעראָבע, ביי מיר געבעטן אַנטשולדיקונג, פאַרוואָס ער האָט געזאָגט

פֿאַלשע עדות אויפֿן געריכט. „איך האָב עס געזאָגט, ווייל שוואַרצער האָט מיר צוגעזאָגט העכערן מיין געהאַלט אויף הונדערט רובל, נאָר ער האָט מיך אָפּגענאַרט אויך איצט. האָט מען מיר מיין געהאַלט ניט געהעכערט."

אינגיכן איז געווען אַן אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג, אויף וועלכער מען האָט געוויילט אַ נייעם אָרטקאָם, ד.ה. קאָמיטעט פֿון פּראָפֿאַריין אין קאָלעקטיוו פֿון טעאַטער. אַ גרויסע גרופּע בראש מיטן אַלטן אַקטיאָר בראַנדעסקאָ, האָבן אַרויסגעשטעלט מיין קאַנדידאַטור אַלס איינעם פֿון די מיטגלידער פֿון אָרטקאָם. נאָר די פּאַרטיי־גרופּע איז קאַטעגאָריש אַרויסגעטרעטן קעגן מיר. איינער פֿון די מיטגלידער, פֿון די קאָמוניסטן, איז אַרויסגעטראָטן מיט די ווערטער: „איר באַרעכנט נאָר — ער טרעט אַרויס קעגן דער אָנפֿירונג פֿון דער פּאַרטיי!". האָב איך אים געענט־פֿערט: „איך האַלט אייך ניט פֿאַר קיין ערלעכן קאָמוניסט! איך האַלט אייך אַלס אַ באַנדע, וועלכע האָט פֿאַרכאַפּט די מאַכט אין טעאַטער!" און ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס איך אַליין האָב געשטימט קעגן זיך, האָט מען מיך אין דער געהיימער אָפּשטימונג אויסגעוויילט אין אָרטקאָם. איך האָב באַקומען מער שטימען פֿון די איבעריקע מיטגלידער. נאָר אין אָרטקאָם זענען געווען צוויי קאָמוניסטן און 3 אומפּאַרטייער. איז איינער פֿון די אומפּאַרטייאישע דער אַקטיאָר קיפּער, געווען שטענדיק מיט די קאָמוניסטן. דאָס איז געווען אַ „קיילעכדיקער ייד" — אַזוי פֿלעגט מען אים רופֿן אין טעאַטער. ער קייקלט זיך שטענדיק אַהין ווו עס איז שטאַרקער. אַזוי אַז אויפֿטאָן עפּעס אין אָרטקאָם, פֿאַרבעסערן די מאַטעריעלע לאַגע, פֿון עטלעכע מיטגלידער פֿון דעם קאָלעקטיוו איז געווען אוממעגלעך. די קאָמוניסטן פֿון דער פּאַרטיי־גרופּע האָבן שטענדיק פּאַרטיידיקט די דירעקציע.

אינעם סעזאָן 1939—1940 איז אין קאָלעקטיוו פֿון אָדעסער טעאַטער פֿאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער רעפּערטואַר־ליניע. איין צד האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף זיך אָפּזאָגן פֿון שפּילן איבערזעצטע פּיעסן פֿון אייראָפּעאישן און אַלוועלטלעכן רעפּערטואַר — מען דאַרף שטעלן בלויז אָריגינעלע פּיעסן. די צווייטע גרופּע, מיט דער אַקטריסע לאה בוגאָוואַ האָט פֿאַרטיידיקט דאָס רעכט פֿון יידישן טעאַטער צו שפּילן פּיעסן פֿון דער אַלוועלטלעכער קלאַסישער דראַמאַטורגיע. די מאָטיוון פֿון אָט דער גרופּע זיינען געווען אַזעלכע: ערשטנס, טאָר

מען זיך נישט אַליין פאַרקוועטשן אין די ד׳ אמות פון אַ ריין יידישן רעפּערטואַר. מען דאַרף געבן מעגלעכקייטן פאַר אַלע אַקטיאָרן אין טעאַטער צו זייער אַנטוויקלונג, עפענען פאַר זיי רחבותן. און צווייטנס, לאה בוגאָוואַ איז אַן אַקטריסע פון אַ ברייטן מאַסשטאַב און זי האָט פאַרדינט, אַז מען זאָל פון צייט צו צייט שטעלן פּיעסן ווו זי קאָן נאָך מער אַנטוויקלען איר טאַלאַנט. און די יידישע נאַציאָנאַלע פּיעסן, האָט זי שוין ניט וואָס צו טאָן. און מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז דער עולם פלעגט שטענדיק פרעגן אין דער קאַסע, צי בוגאָוואַ שפּילט אין דעם היינטיקן ספּעקטאַקל. אויף דער פּאָזיציע פון אָפּזאָגן זיך פון דער נאַציאָנאַלער באַגרענעצטקייט בין איך געשטאַנען מיט נאָך אַק־

לאה בוגאָוואַ אין יאָר 1925.

טיאָרן — צווישן זיי מאַנסדאָרף — נאָר מיר זיינען געווען צו באַדויערן אַ מינדערהייט.

דער צד שכנגד האָט אימפּעטפול פאַרטיידיקט זיינע פּאָזיצעס און אָפּגעוואָרפן די פאָרשלאַגן צו שטעלן איבערגעזעצטע פּיעסן. געענדיקט האָט זיך דערמיט, וואָס לאה בוגאָוואַ איז אַוועק אין רוסישן טעאַטער. מ׳דאַרף צוגעבן, אַז לאה בוגאָוואַ האָט די ערשטע צייט, ד.ה. ביז עס האָט זיך אָנגעהויבן די אַנטיסעמיטישע קאַמפּאַניע אין דער סטאַלין־תקופה, געהאַט אַ גוואַלדיקן גריסן דערפאָלג אויף דער רוסישע בינע.

די ערשטע ראָל וואָס בוגאָוואַ האָט געשפּילט אין רוסישן טעאַטער איז געווען „די מוטער” פון קאַרל טשאַפּעק, איבערזעצט פון טשעכיש.



לאה בוגאָוואַ אין דער ראָל „די מוטער” פון קאַרל טשאַפּעק אין יאָר 1939.

אַט די מוטער איז געווען צוגעפּאַסט צו אירע געגעבענע. דער ערשטער אויפטריט אירער איז געווען, קאָן מען זאָגן, אַ טריאומפאַלער. נאָכן צווייטן אַקט איז די בינע געווען פאַרפלייצט מיט בלומען. אויף דער בינע איז שוין ניט געווען קיין אָרט ווו צו שטעלן די טעפּ מיט בלומען, וואָס די צושויער האָבן געבראַכט. און פאַרשטייט זיך, אַז די צושויער זיינען געווען 90% אחינו בני ישראל. אָט די גרופּע, וועלכע האָט געשטרעבט צו קאַפּאַטע־טעאַטער, האָט פאַרטריבן די יידישע אינטעליגענץ פון יידישן טעאַטער. איך האָב מיט איר געהאַט אַ לאַנגן געשפּרעך, איידער זי איז אַוועק פון יידישן טעאַטער. מיט טרערן אין די אויגן, האָט זי מיר דערציילט, וויפל מי, שתדלנות, נערוון, עס איז איר אויס־געקומען צו פאַרשווענדן, ביז וואַנען זי פלעגט פועלן ביי דער העכערער מאַכט מען זאָל איר דערלויבן שטעלן די פּיעסן, אין וועלכע זי האָט געהאַט אַרבעט. מען דאַרף צוגעבן, אַז אָט די פּיעסן וועלכע זיינען גע־שפּילט געוואָרן אין אָדעסער יידישן טעאַטער, אַזעלכע פּיעסן ווי „שעפּ־סן־קוואַל", „די מאַדאַם באַוואַרי", די „האָטעל־ווירטין" און אַנדערע האָבן פאַרשאַפט כבוד דעם יידישן טעאַטער. נאָך די גאַסטראָלן אין קיעוו, האָט די קיעווער פּרעסע געשריבן, אַז דאָס איז אַ טעאַטער פון הויך־קולטורעלן באַגאַזש, און דרייסטע דערגרייכונגען.

אין דעם זעלבן סעזאָן, וואָס לאה בוגאָוואַ איז אַריבער אין רוסישן טעאַטער, האָט זי געשפּילט „נאַראַ", מאשא אין טשעכאָוו'ס „דער וויינשל־גאָרטן", קרוטשינינאַ אין „אָן שולד שולדיקע" פון אַ אָסטראָווסקי. אין יידישן טעאַטער וואָלט זי באַדאַרפט וואַרטן אויף דעם 3 יאָר.

נאָר אין דער צייט פון פּערזאָן־קולט, האָט זי שטאַרק איבערגעלעבט אין רוסישן טעאַטער. עס איז געווען אַזאַ צייט, ווען זי האָט בכלל קיין אַרבעט ניט באַקומען אין טעאַטער און איינער פון די „פאָלקס־אַרטיסטן, אַן אַנטיסעמיט, אַ געוויסער מיכאַילאָוו האָט איר געזאָגט: „איך בין אַ רו־סישער מענטש און איר ווייס איך ניט ווער איר זענט?..." זי האָט אים, פאַרשטייט זיך, געענטפערט אויך ניט שלעכט. „איר זענט ניט קיין רוסישער מענטש — האָט זי אים געזאָגט, — רוסישע, אמתע רוסישע מענטשן זיינען געווען טשערנישעווסקי, קאָראָלענקאָ, גאָרקי, אָבער איר זענט פּראָסט און פשוט אַן אַנטיסעמיט!"

דער טעאַטער האָט אויפגעפירט די „כישופמאַכערין", „דאָס מיידל פון מאָסקווע", זייער אַ שוואַכע פּיעסע פונעם אָדעסער דראַמאַטורג הובער־

מאַן. ס'איז געווען נישט אינטערעסאַנט צו אַרבעטן אין טעאַטער. האָב איך גערן אָנגענומען דעם פאָרשלאָג פון דער קונסט־אָפּטיילונג, אָנצונעמען דעם פּאָסטן פון קינסטלערישן אָנפירער פון דעם בולגאַרישן טעאַטער. דער טעאַטער איז באַשטאַנען פון דעם קלאַס אין וועלכן איך בין געווען דער פּעדאַגאָג אין אַדעסער טעאַטראַלער שול. דאָס זיינען געווען מיינע תלמידים. און איך האָב אָנגעהויבן דאָרטן אַרבעטן. מיין ערשטע פאָרשטעלונג איז געווען „דער איינבראָך" פון באַריס לאַווורעניעוו.

אין מיין פּערזענלעכן לעבן איז ווידער פאָרגעקומען אַן ענדערונג. רחל האָט דעם מאָסקווער צימער אויף אָדעס ניט געוואָלט בייטן. 5 יאָר האָבן מיר געלעבט דערווייטערט איינער פון צווייטן. מיר פלעגן זיך נאָר באַגעגענען איינמאָל אָדער צוויי מאָל אין יאָר אין דער צייט פון אורלויב. און דאָ, אין אָדעס האָב איך זיך באַקענט מיט זייער אַן אינ־טערעסאַנטער פרוי, אַ פּיאַניסטין. מיר פלעגן מיט איר צוזאַמען באַזוכן סימפאָנישע קאָנצערטן און דראַמאַטישע פאָרשטעלונגען. איך פלעג איר העלפן געניויער פאַרשטיין די דראַמאַטישע קונסט און זי מיר די מוזיק. אַלץ וואָלט געווען גוט, נאָר זי האָט געהאַט אַ מאַן מיט אַ זון פון דעם ערשטן מאַן — דעם מאַן האָט זי ניט ליב געהאַט... נאָר ער האָט פאַר איר זייער פיל געטאָן. זי איז געווען אַ טאָכטער פון זייער אַ רייכן וואַלד־הענדלער, אין קיראָוואָגראַד (דער געוועזענער יעליזאַוועט־גראַד) האָט ער געהאַט אַ גאַנצן קוואַרטאַל מיט אייגענע הייזער. זי האָט זיך דערצויגן מיט אַ פראַנצויזישער גוווערנערן. נאָך מען האָט איר פאָטער „ראַסקולאַטשעוועט" ד.ה. מען האָט רעקוויזירט אַלע זיינע הייזער מיט זיין גאַנצן פאַרמעגן. ער איז געשטאָרבן און זי האָט מען פּשוט אַרויס־געוואָרפן אויפן גאַס מיט אַ קליין קינד פון אַ מאַן, וועלכער איז אָפּ־געפאָרן קיין אַמעריקע. דער איצטיקער מאַן האָט זי איינגעאָרדנט אין אַ קינאָ־טעאַטער ווו ער איז געווען דירעקטאָר, האָט אַדאָפּטירט איר זון און זיי האָבן חתונה געהאַט, ד.ה. רעגיסטרירט אין „זאגס". נאָר ער איז געווען זייער אַ באַגרענעצטער, ניט באַלעזענער, פּראָסטער מענטש. און זי האָט געפילט אַ פּוסטקייט אין איר לעבן מיט אים.

ווען צווישן אונדז האָבן זיך אָנגעהויבן זייער נאָענטע, אינטימע באַ־ציונגען, האָב איך זיך צעשיידט מיט מיין פרוי, ריכטיקער געזאָגט, זי איז פון מיר אַוועק ווען „גוטע מענטשן" האָבן איר דערציילט וועגן מיינע באַציונגען מיט לוסיען. און איך האָב פאָרגעלייגט לוסיען, זי זאָל זיך

צעגיין מיט איר מאַן, וועלכן זי ליבט נישט, און מיר זאָלן הייראַטן. צו אין זון טאָליען האָב איך זיך שטאַרק צוגעבונדן. ער איז געווען אַלט דעמאָלט 14 יאָר זייער אַ קלוגער און באַגאַבטער יונג. אונדזער ראָמאַן האָט זיך געצויגן 12 יאָר. און זי האָט עס אַלץ אָפּגעלייגט פון יאָר צו יאָר...

האָב איך באַשלאָסן איבעררייסן מיט איר, ווייל איך האָב שטאַרק איבערגעלעבט. איך בין געווען אַזוי שטאַרק פאַרליבט אַז איך האָב זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען, טאָמער פלעגט זי אַמאָל ניט קאָנען קומען צו מיר אויף דער באַשטימטער פון אונדז ביידן צייט... נעמענדיק אין אַכט, וואָס זי באַשליסט זיך ניט, זיך צעגיין מיט איר מאַן, האָב איך באַשלאָסן אַוועק פון איר, ווי עס זאָל מיר ניט שווער זיין. דעריבער האָב איך אַזוי שנעל אָנגענומען דעם פאָרשלאָג ווערן דער קינסטלערי־שער אָנפירער פון בולגאַרישן טעאַטער, ווייל דער טעאַטער ווערט איבערגעפירט אין דער „באַפרייטער" בעסאַראַביע אין באַלגראַד. דאָס איז אַ שטאָט ווו די מערהייט איינוווינער זיינען געווען באַלגאַרן. דער טעאַטער האָט געטראָגן דעם נאָמען „טעאַטער א.ג. פון געאָרגי דימי־טראָוו". איך האָב באַקומען אַ קאָמאַנדירונג אין מאָסקווע און בין אויפגענומען געוואָרן פון ג. דימיטראָוון, אין קאָמינטערן. ער האָט גע־האָלפן איבערפירן דעם טעאַטער אויף אַ העכערער מדרגה.

קומענדיק צוריק קיין אָדעס, פון וואַנען איך האָב באַדאַרפט אָפּפאָרן אין באַלגראַד, דערוויס איך זיך אַז מיין לוסיע, האָט זיך דאָ, פאַר דער צייט צוזאַמענגערעדט מיט מיין דירעקטאָר, אַז זי פאָרט אַוועק אין באַלגראַד אַלס קאָנצערטמייסטער פונעם טעאַטער. ווען איך האָב איר געשטעלט די פראַגע: צו וואָס האָט זי עס געטאָן? האָט זי מיר גע־זאָגט: אַז פאַר דער צייט, ווען איך בין ניט געווען אין אָדעס, האָט זי דערפילט אַן אומגעהויערע בענקשאַפט, און אַן מיר פילט זי איז ניטאָ פאַר איר קיין לעבן. האָט זי באַשלאָסן פאָרן מיט מיר און מיט דער צייט וועלן מיר מעלדן איר מאַן וועגן דעם אַז זי וויל זיך צעגיין מיט אים, און אַז זי פאָרט מיט מיר אויף שטענדיק.

מיר זיינען געקומען קיין באַלגראַד. זי איז געווען פאַרגעשטעלט פאַרן גאַנצן קאָלעקטיוו אַלס מיין פרוי. איך האָב געדונגען אַ דירה מיט אַ ראַיאַל און מיר האָבן אָנגעהויבן לעבן ווי מאַן און ווייב. נאָר פּלוצים קומט צופאָרן איר מאַן אין באַלגראַד און דערוויסט זיך, אַז זי איז גאָר

מיין פרוי און ניט זיינע... און עס קומט פאַר אַ טראַגעדיע, ריכטיקער, אַ קאָמעדיע... ווייל אין אַ שיינעם טאָג טרעף איך אים אויף מיין קוואַרטיר, וווּ ער האָט אָנגעהויבן אויספרעגן די בעלי־בתים פון אונדזער דירה, וועגן אונדזערע באַציאונגען. האָב איך אים אַריינגערופן צו אונדז אין צימער, און האָב אים פאַרגעלייגט, אַז מיר זאָלן איינמאָל פאַר אַלעמאָל זיך צוזאַמענרעדן ווי אַ מאַן מיט אַ מאַן. נאָר אין דער צייט דערזע איך, אַז לוסיע גייט. ער איז געזעסן מיטן רוקן צום פענצטער, האָט ער זי ניט באַמערקט. בין איך אַרויס צו איר און האָב איר געמאָלדן, אַז ער איז דאָ. פרעגט זי מיך, צי איך האָב אים אַלץ געזאָגט? זאָג איך, אַז נאָך ניט. בעט זי מיך רחמים, איך זאָל אים ניט זאָגן דעם גאַנצן אמת, ווייל ער וועט באַגיין זעלבסמאָרד און דאָס וועט מאַטערן דאָס גאַנצע לעבן אונדזער געוויסן... און איז אַוועק. טראַכט איך מיר: אייגנטלעך, וואָס דאַרף איך זאָגן? עס איז שוין דאַכט מיר אַלץ געזאָגט. מיר לעבן צוזאַמען אין איין צימער. אין טעאַטער האָט מען אים געמאָלדן, אַז זי איז מיין פרוי. וואָס דאַרף מען נאָך?... נאָר פריער, אַז ער האָט מיט מיר גערעדט וועגן איר, האָב איך באַמערקט טרערן ביי אים אין די אויגן. און איצט ווען איך בין אַריין צוריק אין צימער האָב איך שוין לאַנג מיט אים ניט גערעדט. איך האָב זיך געטראַכט, וויבאַלד זי וויל אים ניט זאָגן דעם אמת... הייסט עס, אַז זי האָט נאָך ניט באַשלאָסן זיך צעגיין מיט אים. מיט געוואַלד וויל איך זי ניט נעמען. און ווען ער האָט מיר פאַרגעבן, — אַ ווילדע לויט מיין מיינונג פראַגע: צי איך לעב מיט איר? ד.ה. צי עס זיינען דאָ געשלעכטלעכע באַציונגען צווישן אונדז? אין דער צייט, ווען מיר שלאָפן אין איין צימער און איין בעט?... האָט זיך מיר פאַרגלוסט אָנהויבן צו לאַכן, אַויב ניט וויינען?.. און איך האָב אים נאָך אַ פויזע געענטפערט: „אַז ניין!" און דאָס האָט אים באַרואיקט. און ער איז ניט באַגאַנגען קיין זעלבסטמאָרד.

עס איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה. אונדזער טעאַטער איז געווען אין אורלויב. דער פאַרוואַלטער פאַר קונסט־ענינים האָט ליקווי־דירט דעם באַלגאַרישן טעאַטער, צוגענומען דאָס געלט, וואָס ער האָט באַדאַרפט באַצאָלן די אַרטיסטן און אויך צוגענומען די מאַשין פון טעאַטער און האָט מיט זיין פאַמיליע עוואַקואירט. די אַקטיאָרן האָבן זיך געלאָזן גיין צופוס אין ניקאָלאַיעוו, נאָר האָבן זיך אומגעקערט צוריק, ווייל דאָרט זענען שוין כמעט געווען די דייטשן. מיר מיט לוסיען זיינען אָנגעקומען

קיין אַדעס. איר מאַן האָט מען מאָביליזירט און זי האָט געמיינט אַז מען האָט אים מאָביליזירט אין מיליטער. נאָר עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז דאָס איז געווען אין „טרוד־אַרמיי" (אַרבעטס־מיליטער). איך מיט איר, מיט איר זון זיינען געבליבן אין אַדעס.

אַדעס האָט מען אָנגעהויבן באָמבאַרדירן. עס ברענען די הייזער אויף די הויפּט־גאַסן, עס פאַלן שראַפּנעלן לעבן מיר. מיר זיצן אין די קעלערס. איך לייג פאַר זיך עוואַקוּאירן. נאָר די באַנען גייען שוין ניט. מען קאָן נאָר אָפּפאָרן מיט דער שיף. לוסיע האָט מורא צו פאָרן מיט דער שיף — זי האָט געהערט אַז אַ שיף איז אונטערגעגאַנגען, און די פּאַסאַזשירן האָבן געפינען זייער טויט אויפן דעק פונעם ים.

דאָס לעבן אין אַדעס איז געהאָנגען אויף אַ האָר. די וועלכע פלעגן זיך באַהאַלטן אין די קעלערס, פלעגן אָפט פאַרשאָטן ווערן אויב עס איז נאָר אויף דער געביידע געפאַלן אַ באָמבע. גייענדיק איינמאָל אין גאַס, פלוצים דערהערט מען אַ פייפעריי, ד.ה. מען זאָל זיך באַהאַלטן אין די מקלטים. איך לויף אַריין אין אַ טויער און פלוצים באַמערק איך, אַז דאָס איז אַ געוועזענער טובערקאָלאָז־שפּיטאָל. האָב איך אין איין סעקונדע אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס איז איצט אַ מיליטער־שפּיטאָל. אַז עס געוויס אַן אָביעקט צו וואַרפן אַ באָמבע. בין איך שנעל אַריבערגעלאָפן אונטער אַ צווייטן דער־בייאיקן טויער. איז אין דעם מאָמענט פונקט געפאַלן אַ באָמבע אין דעם הויף וווּ איך בין פריער געשטאַנען. ד.ה. נאָך איין־צוויי סעקונדן און איך וואָלט שוין איצט פאַרשפּאַרט צו שרייבן מיינע זכרונות.

עס איז שוין ענדע אויגוסט 1941 און די דייטשן קאָנען יעדן טאָג אָנקומען קיין אַדעס. לוסיע האָט זיך פאַרעקשנט און וויל ניט פאָרן. אָן איר וועל איך דאָך ניט אָפּפאָרן. ווענד איך זיך צו איר זון, צו טאַליען: — דו ווילסט אומקומען? — פרעג איך אים, זאָגט ער: — וואָס רעדט איר! זאָג איך צו אים: ווייס, אַז טאָמער בלייבן מיר נאָך עטלעכע טעג אין אַדעס, וועלן אָנקומען די דייטשן, און מיר וועלן אַלס יידן אַלע אומקומען. פּאָדער פון דיין מוטער אַז זי זאָל מסכים זיין זיך עוואַקוּאירן. אַזוי איז געווען. ווען על האָט פון איר געפאָדערט, האָט זי מסכים געווען צו פאָרן. איך האָב געקראָגן דריי טאַלאָנען. פון גרויס איילעניש איז איין טאַלאָן אַרונטערגעפאַלן אונטערן טיש. איך האָב עס ניט באַמערקט. ווען מיר זיינען געשטאַנען אין דער ריי צום טראַפּ אַרויפצוגיין אויף דער שיף, האָב איך זיך געכאַפּט, אַז עס פעלט מיר אַ טאַלאָן. לאָז איך זיך צוריק אין

שטאָט און געפֿין דעם טאַלאָן אונטערן טיש. קומענדיק צוריק אויפֿן פּאָרט, זע איך לוסיע מיטן זון שטייען נאָענט צום טראַפּ. נאָר פּונקט, ווען עס איז דערגאַנגען אונדזער רייע, הויבט זיך אויף דער טראַפּ און מיר בלייבן שטיין אין פּאָרט.

עס איז שוין פֿאַרנאַכט. אין דער צייט לויפֿן אָן די דייטשע עראָפּלאַנען און מען הויבט אָן באָמבאַרדירן דעם פּאָרט. פֿאַלט איין אַ „געניאַלער" געדאַנק: ליוסיע זאָגט דעם נאַטשאַלניק, אַז ביי איר איז געבליבן אַ קינד אויף דער שיף, און זי בעט אונדזער פֿאַמיליע אויפֿנעמען אויף דער שיף. און מען לאָזט אַראָפּ צוריק דעם טראַפּ. און מיר, קוים לעבעדיקע, מידע, אָן כּוחות, פֿון שלעפּן דעם שווערן באַגאַזש, הויבן זיך אויף דער שיף דאָס איז די שיף „אַרמעניע". זי פֿירט פֿאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן. און מיר דאַרפֿן פֿאָרן אויפֿן דעק.

זיצנדיק אויפֿן דעק, הויבט זיך אָן אַ באָמבאַרדירונג. און פֿאַר אונדז עפֿנט זיך אַ שיין בילד, ווי די טראַסירנדע קוילן הויבן זיך פֿון די זעניטקעס אין דער לופֿט. עס איז אַ שיינע זעאונג — די קוילן האָבן אַלערליי קאָלירן. איך זע זעניטקעס אויפֿן דאַך פֿון שטאָט־טעאַטער, אויף אַלע הויכע געביידעס. זעניטקעס שיסן אויך ביי אונדז אויפֿן דעק פֿון דער שיף. עס ווערט אַ טומל, טויב צו ווערן. פֿרעגט מיך לוסיע, ווי פֿילסטו זיך? זאָג איך: איך ווייס אַליין נישט, צי מורא האָבן פֿאַרן טויט, צי שעפּן פֿאַרגניגן פֿון אַזאַ אינטערעסאַנטן בילד?... נאָר פּלו־צים שווימט אָפּ אונדזער שיף פֿון ברעג. מיר פֿאָרן אָפּ אין אַ זייט. מען פֿילט ווי עס פֿאַלן די באָמבעס אין ים, און פֿליען פֿאַרביי אונדזער שיף. מיר וואַרטן אָפּ ביז עס ווערט שטיל. עס איז שוין פֿינצטער און מיר פֿאָרן. אונדז באַגלייטן צוויי מיליטער־עראָפּלאַנען. פֿאַר אונדז פֿאָרט די שיף „גרוזיא" און פֿאָרט שיער ניט אַרויף אויף אַ מינע. נאָר מיר זיינען זיכער, ווייל מיר גייען די צווייטע נאָך „גרוזיאַ". מיר פֿאָרן שנעל. אויף מאָרגן קומען מיר אָן אין נאָוואָראָסייסק: נאָר נאָוואָראָסייסק באָמבאַדירט מען אויך און מיר קומען אָן אין קראַסנאָדאַר. דאָ שאַפֿן זיך עסטראַדע־גרופּן מיטן פּראָפֿעסאָר פֿון מוזיק קאַגאַנאָוו פֿון קעשע־ניעווער קאָנסערוואַטאָריע בראש. מיר האָבן דאָ געוואָלט אָנהויבן אויפֿטרע־טן מיט קאָנצערטן. נאָר קראַסנאָדאַר הויבט מען אויך אָן באָמבאַדירן. און מיר באַשליסן צו פֿאָרן קיין טאַשקענט. נאָר צוליב דעם דאַרף מען אַ דערלויבעניש פֿון עוואַקאָפּונקט, צו וועלכן עס שטייען לאַנגע רייען.

אַנגעקומען דאָרט דאַרף מען שטיין אין אַ רייע עטלעכע טעג. איך ווענד זיך טעלעפאָניש צום נאַטשאַלניק פון עוואַקפּונקט אַז דער פּראָפעסאָר קאַגאַנאָוו וויל צו אים אַריין. האָט ער מיר געזאָגט: קומט צו דער טיר און איך וועל באַפעלן איך אַריינצולאָזן אויסער דער ריי.

ווען מיר זענען מיטן פּראָפעסאָר געקומען צום טיר, האָט מען מיך אָנגענומען פאַרן פּראָפעסאָר און מען האָט מיך גלייך אַריינגעלאָזן. נאָר דער פּראָפעסאָר איז געבליבן אין דרויסן. האָב איך דעם נאַטשאַלניק געזאָגט ווער איך בין, און אַז דער פּראָפעסאָר שטייט אידרויסן. האָט מען שוין דעם פּראָפעסאָר אויך אַריינגעלאָזט. קורץ, מיר האָבן באַקומען אַ דערלויבעניש אויף 27 פּערזאָן אַרויסצופאָרן קיין טאַשקענט. נאָר ווען עס איז געקומען דער טאָג צום פאָרן, האָבן זיך אַלע אָפּגעזאָגט. די דערלויבעניש איז ביי מיר געבליבן. זיינען מיר דערווייל אָפּגעפאָרן אויף אַ סטאַנציע ווו עס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אונדזערע שכנים פון אָדעס. ווייל לאָזן זיך פאָרן אין טאַשקענט, האָבן מיר פּשוט קיין געלט ניט געהאַט. דאָרט אויף דער סטאַנציע האָב איך זיך אָרגאַניזירט אַן אָוונט פון פאָרלעזונגען. נאָר דער אָוונט האָט ניט געגעבן אַזויפיל געלט, אַז מיר זאָלן זיך קאָנען לאָזן אין וועג אַריין. ווען אונדזער שכן פון אָדעס מיט ווער מיר האָבן צוזאַמען געוווינט אויף דער סטאַנציע האָט זיך דערוווּסט, אַז מיר האָבן אַ דערלויבעניש אויף 27 פּערזאָן, אַרויסצופאָרן קיין טאַשקענט האָט ער אונדז פאָרגעלייגט, אַז ער וועט באַצאָלן פאַר די הוצאות און מיר וועלן אים מיט זיין פאַמיליע אַריינרעכענען אין די 27 פּערזאָן. און אַזוי זיינען מיר אָנגעקומען קיין קראַסנאָדאַר און פון דאָרטן, האָבן מיר זיך געזעצט אין אַ „טיעפּלושקע" (אַ פראַכט-וואַגאָן מיט אַן אייוועלע) וועלכע האָט אונדז באַדאַרפט ברענגען קיין טאַשקענט.

נאָר ניט אַזוי לייכט איז עס אונדז אָנגעקומען. ערשטנס, האָט מען אונדז אָפּגענאַרט. איך בין לאַנג געשטאַנען אין דער רייע, באַקומען בילעטן 3-טע קלאַס פאַר וועלכע איך האָב באַצאָלט. נאָר ס'האָט זיך אויסגעלאָזט אַז קיין פּאַסאַזשיר-וואַגאָנען איז אין דער באַן ניט געווען. קיינער האָט אויף קיין בילעטן ניט געפרעגט. ווער עס האָט געקאָנט מיט כוח אַריינקריכן אין "טעפּלושקע" יענער איז געפאָרן. מיט גרויס מי, זיינען מיר אַריין אין וואַגאָן. אויפן וועג האָבן מיר מיט לוסיען זיך עטלעכע מאָל צעקריגט... זי האָט געפאָדערט אַזעלכע זאַכן וועלכע

איך בין נישט געווען אומשטאַנד צו קריגן... קיין געלט האָבן מיר ניט געהאַט. געלט האָט געהאַט אונדזער שכן ראַקאָשיץ. איך פלעג באַ־קומען אויף יעדער סטאַנציע ברויט אויף 27 פערזאָן. פלעג איך אים און זיין משפחה געבן ברויט און ער אונדז געלט. אַ חודש האָט געדויערט ביז מיר זיינען אָנגעקומען קיין טאַשקענט.

קיין טאַשקענט זיינען מיר אָנגעקומען 5 אַזייגער נאָכמיטאָג. ליוסע האָט אָפּגעזוכט באַקאַנטע און זי האָט באַקומען אַ מעגלעכקייט איבער־צונעכטיקן אַ פּאָר טעג. מיין חבר אָבעליאָוו מיט בוגאָווא זיינען שוין געווען אין טאַשקענט און האָבן געהאַט אַ וווינונג פון 2 צימערן. איך האָב גע־קריגן זייער טעלעפאָן. כ׳האָב זיי אָנגעקלונגען און געבעטן איבערצונעכ־טיקן ביי זיי איין נאַכט. זיי האָבן מיר קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט... אָט דאָס איז אַלס דאַנקבאַרקייט וואָס מיין שוועסטער אין פּאָלטאַווע האָט זיי אויסגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט, מיט קוואַרטיר עסן אָן אַ גראָשן געלט. און ווען זיי זענען געקומען צו אונדז קיין מאָסקווע, ווו איך האָב געלעבט מיט רחלען, האָבן מיר זיי אָפּגעגעבן אונדזער געלעגער און אַליין זיינען מיר געשלאָפן אויפן דיל. איך האָב זיך דערמאָנט סטאַניסלאַווסקיס פראַזע: „עס איז ווייניק צו זיין אַ טאַלאַנטפולער אַקטיאָר — מען דאַרף פריער פון אַלץ זיין אַ מענטש!״

אין טאַשקענט האָב איך זיך דערוווּסט אַז מיינע 4 שוועסטער און 2 ברידער געפינען זיך אין נאַמאַנגאַן, 10 שעה פאָרן פון טאַשקענט. האָב איך באַקומען אַ קאָמאַנדירונג פון דעם אוזבעקישן קאָמיטעט פאַר קונסט־ענינים קיין נאַמאַנגאַן אין וואָראָשילאָווגראַדער רוסישן טעאַטער, וועלכער האָט זיך עוואַקואירט אין נאַמאַנגאַן. אין נאַמאַנגאַן האָט מיין עלטערע שוועסטער ראַזאַ אונדז אויפגענומען זייער וואַרעם. ליוסע האָט זיך שוין גערעכנט אַלס מיין פרוי.

איך האָב אָנגעהויבן אַרבעטן אין רוסישן טעאַטער אונטער דער קינ־סטלערישער אָנפירונג פון וועגנרע. איך בין אויפגעטראָטן אין דער ראָל פון מילער אין דער פּיעסע „קאַבאַל און ליבע״ פון פרידריך שילער, און דער ראָל פון שניידער אין „פאַרזעצונג קומט״ פון בורשטיין.

אין אַ שיינעם אינדערפרי קומט אָן ליוסעס מאַן אין נאַמאַנגאַן און פאַרפאָרט אויך צו מיין שוועסטער. ווען איך האָב זיך געווענדעט צו לוסיען: וואָס זאָל דאָס הייסן? האָט זי מיר געזאָגט: ווען מען האָט אים מאָביליזירט, האָט ער ביים געזעגענען זיך מיך געפרעגט: „אויב איך

ווערן בלייבן לעבן נאָך דער מלחמה, וועל איך קאָנען זיך אומקערן צו דיר?" איז וואָס האָב איך אים געקאָנט ענטפערן? ווען ער האָט מיך געפרעגט מיט טרערן אין די אויגן?" פאַרשטייט זיך אַז איך האָב אים געזאָגט: „יאָ. איצט האָט ער זיך אין טאַשקענט דערוווּסט ביי מיין פריינדין מיין אַדרעס און איז געקומען. פאַר אַוועק אין טאַשקענט, אָרדן זיך איין, דינג אַ קוואַרטיר. איך וועל דיר צושיקן טאַליען. ער דאַרף שוין אָנקומען אין אוניווערסיטעט. דערנאָך וועל איך קומען צו דיר.

געקומען אין טאַשקענט, האָב איך זיך איינגעאָרדנט אין טאַשקענטער רוסישן טעאַטער א.ג. פון גאָרקי. געדונגען אַ דירה פון צוויי צימער מיט אַ קלאַוויר. אינגיכן איז אָנגעקומען טאַליע און איז אָנגענומען געווארן אין היסטאָריש־פילאָלאָגישן פאַקולטעט. ליוסיע פלעגט קומען צו אונדז, אָבזיין אַ חודש און פאָרן צוריק אין נאמאַנגאַן. איך קאָן זיך נאָך ניט באַשליסן אים איבערצולאָזן אַליין. טאַליע האָט אין זיין פילאָלאָגישן פאַקולטעט זיך ניט געפלייסט. ער האָט געהאַט אַ נייגונג צו דראַמאַטישער קונסט. איך האָב אים געהאָלפן זיך צוגרייטן צום עקזאַמען אויפן רעזשיסאָרישן פאַקולטעט ביי דער טאַשקענטער קאָנסערוואַטאָריע. ער האָט גלענצענד אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען געענדיקט דעם פאַקולטעט און באַקומען אַ פּראָפעסיע. ער איז געוואָרן אַ רעזשיסאָר און האָט שוין אויפגעפירט פּיעסן אין טאַשקענטער רוסישן טעאַטער א.ג. פון מאַקסים גאָרקי.

אַרבעטנדיק פון 1942 יאָר אין רוסישן טעאַטער, האָבן זיך צו מיר פלוצים געווענדעט אַ גרופּע אַקטיאָרן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעריסן פונעם קאָלעקטיוו בראש מיט דער טאַלאַנטפולער אַקטריסע סידי טאַל. איך זאָל זיך שטעלן בראש פון אַן אַנסאַמבל, וועלכן זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט. נאָר די הויפּט זאַך איך זאָל זיי געפינען אַ טאַטן, ד.ה. אַ פילאַרמאָניע פון וועמען צו אַרבעטן. צופעליק האָט זיך געפינען אין טאַשקענט דער דירעקטאָר פון דער דרום־קירגיזיע מיינער אַ נאָענטער באַקאַנטער. ער האָט אונדז פאַרמירט, אַרויסגעגעבן דאָקומענטן. איך פאַרלאָז דעם רוסישן טעאַטער און הויב אָן אַרבעטן מיט דעם יידישן אַנסאַמבל. דער אַנסאַמבל איז באַשטאַנען פון פאָלגענדע אַקטיאָרן: דינה קעניג, גינא זלאַטאַיאַ, לעיבאָוויטש, איכאַלעווסקי מיט זיין פרוי, מאַנסדאָרף, סאָיקע סאָקציער און איך. דער דיכטער מאָטל סאַקציער איז געווען דער לייטער פון דער ליטעראַרישער אָפּטיילונג, קאָצמאַן דער

מוזיקאַלישער לייטער. סאַקציער האָט געשריבן זיינע שאַרפזיניקע טעקסטן אויף היינטצייטיקע טעמעס. דער אַנסאַמבל איז אומעטום אַדורך מיט גרויס דערפאָלג. איך פלעג פירן דעם פּראָגראַם און פאַרלייענען לידער, בעלעטריסטיק.

די מלחמה האָט זיך געענדיקט. אונדזערע חברים קלייבן זיך ביס־לעכווייז אַהיים.

אונדזער אַנסאַמבל ווערט ליקווידירט. איך פאָר אַוועק מיט אַ רוסישן אַנסאַמבל. מיר פירן אויף אַ קאָמעדיע „דער מערדער פון מיסטער פּאַר־קער" פון דזשאָן מאַריסאָן איבערזעצט פון ענגליש. מיר זיינען דורך מיט דער פּיעסע מיט גרויס דערפאָלג. נאָר די פּיעסע איז שאַרף קרי־טיקירט געוואָרן אין „פּראַוודאַ" פון זשדאַנאָוון. מיר בייטן אויפן וועג דעם נאָמען פון דער פּיעסע און מיר פאַרענדיקן אונדזערע גאַסטראָלן. איך קום אָן צוריק אין אָדעסער טעאַטער, וועלכער האָט זיך פאַראייניקט מיט אַ האַלבער טרופּע פון געוועזענעם כאַרקאָווער מיניאַטור־טעאַטער. דער טעאַטער באַשטייט פון צווייטראַנגיקע אַקטיאָרן פון אָדעסער טע־אַטער. פון דעם כאַרקאָווער טעאַטער איז דאָ אַ טאַלאַנטפולע אַקטריסע רופינאַ. נאָר קיין רעזשיסאָר איז ניטאָ. מען שפּילט אַ ספּעקטאַקל אויף רוסיש. נאָר דאָס איז ניט קיין קונסט. נאָר אָט איז געקומען ווידער אפרים לויטער. ער ווערט דער קינסטלערישער אָנפירער פונעם טעאַטער. ער נעמט אויפפירן פּרץ מאַרקישעס „דער אויפשטאַנד אין געטאָ", נאָר ער רייסט איבער אינמיטן דער אַרבעט, און פאָרט אָפּ צוזאַמען מיטן דירעקטאָר די אַקטריסע לעשצינסקאַיאַ קיין קיעוו, זיך דערשלאָגן מען זאָל דעם טעאַטער צוריק אומקערן קיין אָדעס, אין דער זעלבער געביידע וווּ מיר האָבן געאַרבעט ביז וואַנען עס איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה. אין דער געביידע שפּילט אַ רוסיש טעאַטער פון דער סאָ־וויעטישע אַרמיי. אין אָדעס לאָזט מען אונדז ניט אַריין. מען האָט אונדז פאַרגעלייגט באַלטאַ, אָדעסער געגנט. אַ קליין שטעטל, וווּ עס איז ניטאָ קיין געביידע און ניט קיין צושויער.

אין מיינע באַציאונגען מיט ליוסיע זיינען אַלץ ניט פאָרגעקומען קיין שום ענדערונגען. דאָס זענען געווען באַציונגען משונהדיקע. דעם מאַן האָט זי ניט געוואָלט פאַרלאָזן צוליב מאָראַלישע התחיבותן... ער, הגם ער האָט געוווּסט וועגן אונדזערע פאַרהעלטנישן האָט פון אייגענעם ווילן אַוועקגיין ניט געוואָלט.

איך, צו להכעיס מיין שטאַרקער צוגעבונדנקייט האָב באַשלאָסן מאַכן אַ סוף צו דער אומנאָרמאַלער לאַגע. איך האָב מיר, פאַרשטייט זיך געדאַרפט אָנטאָן אַ כח. סוף כל סוף האָבן מיר אינאיינעם דורכגע־מאַכט אַ סך ביז אין משך פון די מלחמה־יאָרן. אַחוץ דעם האָט ליוסיע געהאַט מעלות פאַרוואָס מ'האָט זי געקאָנט ליב האָבן און שעצן. שיין איז זי ניט געווען, נאָר זי האָט געהאַט אַן אינטעלעקטואַל באַחנט געזיכט. זי איז געווען קלוג, שאַרפזיניק, קולטורעל, גייסטיק אַנטוויקלט. די הויפּטזאַך: זי איז געווען זייער אַ גוטער מענטש. ווען מענטשן זיינען אין אַ נויט, פלעגט זי אַוועקגעבן דאָס לעצטע. זייער אויפמערקזאַם צו יעדן אַלע האָבן זי ליב געהאַט. פרויען, מענער, קינדער. דערצו האָט זי פאַרמאָגט אַן אומגעהויער וויבלעכע צוציאונגס קראַפט. נאָר זי האָט געהאַט איין „קליינעם פעלער": איז זי מיט מיר געווען אין איין צימער האָט מען איר פולקאָם געקאָנט גלויבן אַז זי איז מיר טריי. נאָר ווען זי איז אַרויס פונעם צימער, האָסטו שוין ניט געקאָנט זיין זיכער מיט איר. זי קאָן פאַראַטן... זי אַליין פלעגט שטענדיק אויף זיך זאָגן וועגן דעם; — פאַרשליסן וועסטו מיך ניט, נאָר אויב איך בין אויף דער פריי־הייט און מענער אינטערעסאַנטע זיינען דאָ, איז זייער שווער צו גלויבן אין מיין טרייהייט צו דיר, הגם אָן דיר פיל איך אַ פּוסטקייט".

עס איז אָנגעקומען אַ צייט, ווען איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט, מיט דרייסטקייט מיט אַן אומגעהויער שטאַרקן ווילן, און איך האָב זי פאַרלאָזט. איך האָב דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן זיך רעגיסטרירט אין זאגס מיט מיין איצטיקער פרוי פאַני, מיט וועלכער מיר לעבן שוין דאָס 28־טע יאָר (ביז 120).

מען האָט מיר דערציילט, אַז ליוסיע האָט שטאַרק איבערגעלעבט און שטאַרק געוויינט. נאָר איך מוז אָנערקענען אַז זי האָט מענטשלעך געהאַנדלט בנוגע איר מאַן, וועלכער האָטווירקלעך זייער פיל געטאָן פאַר איר און פאַר איר זון. נאָר איר האָט געטראָפן אַ גרויסער אומגליק. איר זון, איר הייס געליבטער טאַליע, וועלכער איז 2 מאָל געווען פאַר־וואונדעט אויפן פראָנט, האָט חתונה געהאַט און געהאַט שוין אַ טאָכטער, — איז אַזוי נאַריש אומגעקומען. ער איז אַרויס פון וואַנע־צימער ווען ער איז געווען נאָך ניט אינגאַנצן טרוקן נאָך דער באָד. זיין מוטערס אַ חברטע, וועלכע איז געזעסן אין צימער, האָט אים געבעטן איינשליסן דעם ווענטילאַטאָר. אין נאָמאַנגאַן איז זומער שטאַרק הייס. ער האָט איינ־

געשלאָסן דעם ווענטילאַטאָר, נאָר דער ווענטילאַטאָר האָט זיך ניט געדרייט, האָט ער מיט צוויי פינגער געוואָלט אים אַ דריי טאָן, האָט אים פאַרכאַפּט דער עלעקטרישער שטראָם און ער איז געפאַלן טויט. ער איז אַלט געווען קוים 28 יאָר. זי איז אַ האַלב יאָר נאָך זיין טויט געווען ווי אַטראָפירט. איצט לעבט זי נאָך אַלץ אין נאָמאַגאָן. פאַרוואַלטעט מיט דער מוזיקאַלישער שולע, ווו זי ארבעט אַלס פּעדאַגאָג.

אונדזער טעאַטער האָט מען איבערגעפירט אין באַלטע. מיר האָבן דאָרט נאָר רעפּעטירט. נאָר שפּילן איז דאָרט ניט געווען ווו. מיט גרויס מי האָט מען זיך דערשלאָגן, אַז מען זאָל אונדז אַריינלאָזן אין אָדעס אויף גאַסטראָלן. אונדזערע גאַסטראָלן זיינען פאָרגעקומען אין אוקראַאינישן טעאַטער. דער אוקראַאינישער טעאַטער איז זייער שלעכט באַזוכט געוואָרן. האָט דער דירעקטאָר באַשלאָסן אונדז צו פאַרדינגען דעם טעאַטער און נעמען צו 2.500 רובל פאַר אַ נאַכט פאַר דער געביידע. דאָס איז געווען אַ סך אַ גרעסערע סומע, ווי ער פלעגט נעמען פאַר זיינע ספּעקטאַקלען. נאָר אונדז האָט עס געלוינט. מיר פלעגן נעמען יעדע נאַכט צו 25 טויזנט רובל. עס איז געגאַנגען נאָר איין פּיעסע „פריילעכס" און זי האָט גענומען 17 אָנשלאָגן. ביז דער ערשטער סעקרעטאַר פון דער אָדעסער געגנטלעכער קאָמוניסטישער פאַרטיי האָט קאַטעגאָריש פאַרווערט אונדזערע ספּעקטאַקלען. דעם דירעקטאָר פון אוקראַינישן טעאַטער האָט מען אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט. דער תירוץ: ער האָט פאַרוואַנדלט דאָס אוקראַינישע טעאַטער אין אַ יידישן.

מען האָט אונדז דערלויבט שפּילן עטלעכע ספּעקטאַקלען אין אַ קלוב, און דערמיט, קאָן מען זאָגן, האָט דער אָדעסער יידישער טעאַטער פאַר־ענדיקט זיין עקסיסטענץ. ער האָט נאָך „געזשיפּעט" עטלעכע חדשים אַרומוואַנדערנדיק ביז וואַנען ער איז אינגאַנצן ליקווידירט געוואָרן. ביז דער ליקווידאַציע פון דעם אָדעסער טעאַטער איז שוין געווען ליקווידירט דער מאָסקווער יידישער מלוכה־טעאַטער, דער ווייסרוסישער יידישער טעאַטער, דער ביראָבידזשאַנער יידישער טעאַטער, דער זשיטאָמירער קאַלווירט־טעאַטער. עס איז נאָך געבליבן דער איינציקער געוועזענער קיעווער יידישער טעאַטער, וועלכן מ'האָט „פאַרשיקט" קיין טשערנאָ־וויץ. פאַר קיעוו דער הייליקער שטאָט פון כמעלניצקי וואָלט אַ יידישער טעאַטער מחלל געווען זיין הייליקייט.

דאָס טעאַטער האָט שוין געגוססט. אָבער די קאָכלעפל פונעם טעאַטער

האָבן ביי דעם צאַנקנדיקן פייערל זיך נאָך געוואָלט אָנוואַרעמען די הענט, באַגייענדיק אַ נייע געמיינהייט. קויפמאַן, דער געוועזענער אַדמיניסטראַ־טאָר צוזאַמען מיט דעם פּאַרטיי־אָרגאַניזאַטאָר בעלאַשיצקי (אין קאָ־לעקטיוו האָט מען אים גערופן באַלשעוויצקי), אַ וויניק פּעאיקער אַקטיאָר וועלכן דער שרייבער דרוקער האָט אַמאָל אָנגערופן דעם ערגסטן אַקטיאָר פון טעאַטער, צוזאַמען מיטן אָרטקאַם, האָבן באַשלאָסן פּטור צו ווערן פון אַ גרופּע אָנפירנדיקע אַקטיאָרן, וועלכע האָבן גע־פאָדערט, אַז די דירעקציע זאָל כאָטש געבן אַ מינימום אויפן לעבן פון די אַקטיאָרן. קיינער ווייסט ניט, ווו האָט מען אַהינגעטאָן דאָס געלט פון דער גרויסער איינגאַמע, וואָס דער טעאַטער האָט לעצטנס געמאַכט. נאָר די אַקטיאָרן האָבן פּשוט געהונגערט. גוט האָבן געלעבט נאָר דער דירעקטאָר, דער קינסטלערישער אָנפירער לויטער, דער פאָר־זיצער פון אָרטהאָם די אַקטריסע זאַיאָץ און איר געליבטער, דער פּאַרטייאָרגאַניזאַטאָר בעלאַשיצקי. האָבן זיי צוזאַמען באַשלאָסן פאַרקירצן דעם באַשטאַנד פונעם קאָלעקטיוו און פאַרקירצן די אַקטיאָרן וואָס באַ־קומען די גרעסטע געהאַלטן און דערצו פּטור ווערן פון אַזעלכע מענטשן וועלכע פאָדערן רעכט, און האָבן נאָך אַ חוצפּה קריטיקירן די אָנפירער פונעם טעאַטער. אונטער דער פאַרקירצונג איז אַריינגעפאַלן בידוס און איך, און עטלעכע צוויטראַנגיקע אַקטיאָרן, וועלכע האָבן אָנגעגעבן אין געריכט און מען האָט זיי צוריק אויפגשטעלט אין טעאַטער. ס'פאַרשטייט זיך, אַז איך מיט בידוסן האָבן אויך עס געקאָנט טאָן. דאָס געריכט וואָלט אונדז געוויס צוריק אויפגעשטעלט אין טעאַטער. נאָר מיר האָבן דאָס ניט געפאָדערט. מיר האָבן דערלאַנגט אין געריכט, מען זאָל אונדז באַצאָלן פאַר אַ האַלב יאָר געהאַלט און באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן ניט קיין גרויסן אַנסאַמבל און אַרבעטן אין אַדעס אין פאַר־שידענע געביידעס.

אין אונדזער אַנסאַמבל זיינען אַריין: ניסנצווייג, אַמזעל, קאַהאַן־שאַץ, גאַרטאַווא, אַקסלראָד, כריסטיאַנאָווסקאַ, בידוס און איך. מיר האָבן אָנגעהויבן ארבעטן אויף מאַרקישעס פּיעסע „דער אויפשטאַנד אין געטאָ״. מיר האָבן זיך געווענדעט צום פאָרזיצער פונעם אוקראַינישן קאָמיטעט פאַר קונסט־ענינים נאָך אַ דערלויבעניש, האָט ער אונדז געזאָגט אַז מיר דאַרפן פריער קריגן אַ דערלויבעניש פון מאָסקווער אַלפאַרבאַנדישן קאָמיטעט פאַר קונסט־ענינים.

איז איינמאָל אויף אונדזערע פּראָבן געקומען אונדזערע אַ באַקאַנטע דאַמע און האָט אונדז געזאָגט, אַז אין אָדעס, אינעם האָטעל פון „אינטור־ריסט" וועלכער הייסט „קראַסנאַיאַ גאָסטיניצאַ" (דער רויטער האָטעל) געפינט זיך איצט דער געוועזענער פאָרזיצער פון דער מאָסקווער רעליגיעזער געמיינדע טשאַבריצקי. ער איז איצט אַן אַנגעזעענער געזעלשאַפטלעכער טוער. ער פאַרנעמט זיך איצט נישט מיט קיין רעליגיעזע ענינים און ער קאָן אונדז העלפן צו באַקומען אין מאָסקווע אַ דערלויבעניש פאַר אונדזער אַנסאַמבל, און אויך העלפן מיט הוצאות הדרך קיין מאָסקווע.

איך מיט ניסענצווייגן, זיינען אַוועק אין האָטעל און האָבן זיך באַקענט מיט טשאַבריצקין. ער האָט אויף אונדז גלייך געמאַכט אַ שלעכטן איינדרוק. ערשטנס איז ביי אים אויפן טיש געלעגן דער „מורה נבוכים" פונעם רמב"ם. ער האָט אונדז גלייך געוויזן אַ העברעאישן זשורנאַל פון ישראל. נאָר ווען איך האָב זיך צו אים געווענדעט מיט עטלעכע ווערטער אויף עברית, האָט ער אפילו קיין וואָרט ניט געקאָנט ענטפערן, און בכלל האָט ער זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ גראָבן יונג. ווען ניסענצווייג האָט געוואָלט וויסן צי קען ער אונדז לייען געלט אויפן וועג, האָט ער געפרעגט: „וויפל דאַרף מען", — „1.000 רובל" — האָט אים ניסענצווייג געענטפערט. האָט ער געזאָגט, אַז דאָס איז אַ קלייניקייט, ער קאָן אונדז סובסידירן מיט 5 טויזנט רובל. נאָר אויף מאָרגן האָט ער אונדז טעלעפאָניש געמאָלדן אַז דאָס געלט האָט ער אין מאָסקווע.

מיר האָבן געקראָגן געלט אָן אים און איך האָב אין מאָסקווע באַקומען די דערלויבעניש אויף אונדזער קאָלעקטיוו. פונדעסטוועגן האָב איך אים אָנגעקלונגען. ער האָט מיך איינגעלאַדן צו זיך אויף קוואַרטיר. ער האָט פאַרנומען אַ גאַנץ רחבותדיקע מעבלירטע קוואַרטיר, און ווען איך האָב זיך צו אים געווענדעט: מיט וואָס קאָן ער אונדז העלפן האָט ער אין מיין קעגנוואַרט אָנגעקלונגען צום זינגער מיכאַיל אַלעקסאַנדאַראָוויטשן. ער האָט דעמאָלס געלעבט אין האָטעל „מאָסקוואַ". דרך אגב, פרעגט ער אים, צי קאָן ער קומען צו אים שבת, ביי אים וועט זיין צוגאַסט גאָלדע מייערסאָן, די זינגערין פאַנטאָפעל־נעצשעצקאַיאַ און אַנדערע געסט. נאָכהער פרעגט ער מיך, צי איך וועל קענען קומען צו אים צו גאַסט? האָב איך זיך פאַרענטפערט, אַז איך פאָר היינט אָפּ אין אָדעס. אַז ער האָט געאַרבעט אין נ.ק.וו.ד. איז אונדז קלאָר געוואָרן אין עטלעכע יאָר אַרום...

ווען איך בין געקומען אין קיעוו מיט דער דערלויבעניש פון מאָסקווע, האָט מיר דער פאָרזיצער פון אוקראַינישן קאָמיטעט פאַר קונסט־ענינים געזאָגט: אַז די סיטואַציע האָט זיך געביטן, און אַז ער קאָן מיר ניט דערלויבן דעם אַנסאַמבל. ער האָט מיר פאָרגעלייגט אַרבעטן אַלס רע־זשיסאָר פון אוקראַינישן טעאַטער. ווען איך האָב אים געזאָגט: אַז איך קאָן ניט אָננעמען אַזאַ שטעלע, ווייל עס וואַרטן אויף מיר אַ גרופּע אַרטיסטן וועלכע הונגערן אין אָדעס, האָט ער מיר פאָרגעלייגט, צו ליקווידירן די גרופּע און קומען צו אים. ווען איך וועל זיין פריי, וועט ער מיר געבן אַרבעט אַלס רעזשיסאָר.

ווען איך בין געקומען קיין אָדעס און האָב געמאָלדן אַז אוקראַינע דערלויבט נישט אונדזער קאָלעקטיוו, בין איך מיט בידוסן, אַוועק אין אָדעסער געגנטלעכן קאָמיטעט פון דער אוקראַינישער קאָמוניסטישער פאַרטיי. דער סעקרעטאַר, וועלכער האָט אונדז אויפגענומען, האָט אונדז אפילו זיצן ניט פאָרגעלייגט. ער האָט קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז ער קאָן אונדז מיט גאָרניט העלפן. ווען בידוס האָט אים געזאָגט: „קומט אויס אויב אַזוי אַז מיר האָבן ניט קיין רעכט אויף אַרבעט?" — האָט ער אים געענטפערט: „פאַרוואָס האָט איר ניט קיין רעכט אויף אַרבעט? איר קאָנט אַרבעטן ביי די קוילן אין פּאָרט." זאָגט אים בידוס: „מיר האָבן דאָס רעכט צו אַרבעטן לויט אונדזער ספּעציאַליטעט. מיר זיינען אַק־טיאָרן פון דער העכסטער קאַטעגאָריע." זאָגט ער אים: „דאָס איז פאַר מיר אַ שווערע עובֿדה, דערגיין ביי אַקטיאָרן, צו וועלכער קאַטע־גאָריע זיי געהערן. ביי אַקטיאָרן איז עס אַ פּינטעלע זאַך. אָט ווען מען גיט מיר אַ פּאָר שטיוול, קאָן איך גלייך אורטיילן, צי עס זיינען גוטע אָדער שלעכטע שטיוול. נאָך ביי אַרטיסטן איז עס אַן אוממעגלעכע זאַך". האָב איך זיך ניט איינגעהאַלטן און זאָג אים: „אויב איר פאַרשטייט זיך נאָר אויף שטיוול, וואָלט איר געקאָנט בעסער אַרבעטן אין אַ שוסטער־אַרטעל." האָט ער געמאַכט אַ געשריי און מיר האָבן אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר און זיינען אַוועק. בידוס איז געוועזן פאַרציטערט. מען קאָן אונדז נאָך אַרעסטירן פאַר אַזאַ חוצפּה.

נאָך נאָך לאַנגע שתדלנות, האָט דער אָדעסער שטאָט־קאָמיטעט דערלויבט אונדזער קאָלעקטיוו. אָבער ניט אויף לאַנג. איך האָב אָנגענומען דעם פּאָסטן אַלס שטעלפאַרטרעטער פון דירעקטאָר אין סטריער אוקראַי־נישן טעאַטער און גלייכצייטיק אויך אַלס רעזשיסאָר.

די צייט פון סטאַלין־קולט.

אין 1948, האָט זיך אָנגעהויבן די ליקווידאַציע פון דער יידישער קולטור און קונסט. אָן שום צערעמאָניעס האָט מען געלייגט אַ שלאָס אויף די יידישע טעאַטערס און דאָס טעאַטער־פּאַרמעגן צעטיילט די ניט יידישע קאָלעקטיוון. עס איז פּאַרמאַכט געוואָרן דער יידישער אַנטי־פאַשיסטישער קאָמיטעט און זיינע מיטגלידער אַרעסטירט, די איינציקע יידישע צייטונג „איניקייט" פּאַרמאַכט. אין קיעוו איז אַרעסטירט געוואָרן איינער פון די טאַלאַנטפולסטע שרייבער, איינער פון די בעסטע מענטשן צווישן די יידישע דיכטער, דער דיכטער דוד האָפשטיין. ווען איך האָב געפרעגט דעם יידיש־אוקראַינישן דיכטער טאַלאַלאַיעווסקי, פאַרוואָס האָט מען אַרעסטירט דוד האָפשטיין? האָט ער מיר געזאָגט: „אַז זייער ריכטיק האָט מען אים אַרעסטירט אַלס שונא פון פאָלק..." ווען איך האָב מיט אים גערעדט וועגן דער ליקווידאַציע פון דער יידישער קולטור און קונסט, האָט ער אַלץ באַרעכטיקט. „ווייל די יידן דאַרפן עס ניט". און ווען איך האָב אים געזאָגט: אַז איך וואָלט מיט פאַרגניגן אַפּגעפאָרן קיין ישראל, האָט ער מיר געענטפערט: „אַז אויב אַזוי, בין איך שוין אַן עמיגראַנט". פאַרשטייט זיך אַז אין יענער צייט „פון געיעג פון מכשפות", נאָך כלומרשטע „שונאים פון פאָלק" ווען מ'האָט דערפירט צו אַזאַ מאָראַלישער ירידה, ווען קינדער האָבן אָנגערעדט אויף עלטערן, און ווייב אויפן מאַן, איז דער שמועס מיט טאַלאַלאַיעווסקין ניט געווען פאַרזיכטיק. דער דיכטער האָט מיינע רייד געקאָנט אויפנעמען ווי פּראָוואָקאַצירנדיק, און צוליב זעלבסטפאַרהיטונג „צוטראָגן" אויף מיר איידער איך וועל עס טאָן... נייך, ניט צוטראָגן, חלילה, פון זיין ענטפער אויף מיינע רייד איז דאָך זיכער אויך געווען צוליב זעלבסטפאַרהיטונג. הגם זיין פרומאַקיש־פאַרטייש באַרעכטיקן די גרוילטאַטן, האָבן אים גופא אויך ניט געראַטעוועט פונעם מחבלס גרויזאַמע האַנט. אין 1965 יאָר, אין קיעוו באַגעגענדיק טאַלאַלאַיעווסקין, האָב איך אים ניט דערקענט. דער לאַגער האָט אים געבראַכט צו אַזאַ

צושטאַנד, אַז ער איז געווען כמעט אַן אינוואַליד. נאָר איצט שרייבט ער אַמאָל אין דעם זשורנאַל „סאָוויעטיש היימהאַנד״, יידיש.

אין 1949 יאָר איז אין אָדעס געווען געמאָלדן אַן אָונט געווידמעט דער יידישער ליטעראַטור. ווען איך בין געקומען אויפן אָונט האָב איך דאָרט קיינעם ניט געטראָפן. אויף צומאָרגנס האָב איך באַגעגנט דעם שרייבער ירמיהו דרוקערן, פרעג איך אים, פאַרוואָס איז דער אָונט ניט פאָרגעקומען? האָט ער מיר אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, אַז פרץ מאַרקיש און איציק פעפער זיינען שוין אַרעסטירט, איז וועגן וואָס פאַר אַ יידישער ליטעראַטור קאָן מען שוין רעדן?(...

אין 1950, ווען איך האָב שוין געאַרבעט אין סטרי אין אוקראַאינישן מוזיקאַליש־דראַמאַטישן טעאַטער, זיינען צו מיר דערגאַנגען קלאַנגען, וועגן דעם, אַז ס׳זיינען שוין אַרעסטירט געוואָרן אַלע יידישע שרייבער אין מאָסקווע: דוד בערגעלסאָן, לייב קוויטקאָ, יחזקאל דאָברושין, דער אַרטיסט בנימין זוסקין, דער אָדעסער יידישער שרייבער נאָטע לוריע, ירמיהו דרוקער, הובערמאַן און אויך דער אַרטיסט חיים ניסענצווייג.

מיר האָט אָפּגעגליקט, וואָס איך בין שוין אין אָדעס ניט געווען, און איך האָב געאַרבעט אין אוקראַאינישן טעאַטער, ווען ניט וואָלט מען מיך געוויס „געענומעט אַזויווי ניסענצווייגן. דערווייל זענען איבערגע־גאַנגען יאָרן. איך האָב געאַרבעט ניט אין דער יידישער סביבה פון סטרי בין איך אריבערגעגאנגען אויף אַרבעט אין ווילנע, אין ליטווישן אַקאַדעמישן דראַמאַטישן טעאַטער אַלס וויצע־דירעקטאָר. סטאַלינען האָט געכאַפּט דעם מלאך המוות, ס׳איז געקומען די אַזויגערופענע „אָטטעפּעל״, דאָס וואַרעם־וועטער. רופט מען מיך אַרויס אין 1953 יאָר אין ק.ג.ב. אַלס עדות, וועגן דער רעהאַביליטאַציע פון אַקטיאָר ניסענצווייג, וועלכער איז אָפּגעזעסן העכער 4 יאָר אין לאַגער. מען האָט מיר פאַרגעלייענט, וואָס ניסענצווייג האָט געזאָגט אויף דער אויספאָרשונג וועגן מיר. האָט מיך געוווּנדערט, פאַרוואָס איך בין נישט געווען אַרעסטירט?... נאָר איך האָב גלייך פאַרשטאַנען, ביי וואָס פאַראַ אומשטענדן ניסענצווייג האָט עס געזאָגט און איך האָב פאַרשטייט זיך אַלץ אָפּגעלייקנט.

אין אַ חודש אַרום, נאָך דעם ווי מען האָט מיך אַרויסגערופן אין ק.ג.ב. איז צו מיר אין קאַבינעט אַריין אַן אַגענט פון ק.ג.ב. און האָט מיר געזאָגט, אַז איך מוז פאָרן קיין אָדעס וועגן ניסנצווייגס ענין. גע־קומען אין אָדעס, האָט מען מיך אַרויסגערופן אין ק.ג.ב. ווו מען האָט מיר

ווידער געשטעלט פראַגן וועגן ניסנצווייגן. צי ער איז אַ סאָוויעטישער מענטש? פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב באַשטעטיקט, אַז ער איז סאָ־וויעטיש אויף אַלע הונדערט פראָצענט. און ווען דער אויספאָרשער האָט מיר געזאָגט: „נאָר ער איז דאָך אַרעסטירט?" האָב איך אים געענטפערט: אַז די דאָקטוירים וואָפסי, ווינאָגראַדאָוו און אַנדערע זיינען אויך געווען אַרעסטירט, נאָר ס׳האָט זיך דאָך נאָכדעם אַרויסגעוויזן, אַז זיי אַלע זיינען געווען אומשולדיק. אויף מאָרגן האָט מען מיך אַרויסגערופן אויף אַ באַגעגעניש מיט ניסנצווייגן (אַ קאָנפראָנטאַציע). עס איז פאָר־געקומען אין אַ קעלער. דער אויספאָרשער האָט מיר געמאָלדן: אַז איך האָב ניט קיין רעכט צו רעדן מיטן אַרעסטירטן ניסנצווייג. איך קאָן נאָר ענטפערן אויף די פראַגן וואָס ער וועט מיר שטעלן און דער פּראָקוראָר.

מען האָט אַריינגעפירט ניסנצווייגן. ער איז געווען באַוואַקסן און אָפּגעצערט. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די פראַגן מיט די ענטפערס. ערשטנס האָט מען אים געשטעלט אַ פראַגע: „צי ס׳איז אמת, וואָס ער האָט זיך געווענדעט צו דער רעליגיעזער קהילה אַז זי זאָל העלפן מאַטעריעל אונדזער קאָלעקטיוו? — „יאָ", — האָט געענטפערט ניסענצווייג. „איז ווי שטעלט איר זיך פאָר, אַז אַ רעליגיעזע געמיינדע, וועט העלפן אַ סאָוויעטישן קאָלעקטיוו?" האָט ביי אים געפרעגט דער אויספאָרשער. ניסנצווייג האָט געענטפערט: „איך האָב זיך דערצויגן אין אַ מערב־לאַנד. דאָרט איז עס אַ נאָרמאַלע דערשיינונג. איך האָב זיך איבערצייגט, אַז די ראַטן־מאַכט, וועט נישט העלפן אונדזער קאָלעקטיוו, האָב איך זיך געווענדעט אין דער רעליגיעזער קהילה." עפּעס האָט מען אים נאָך געפרעגט, נאָר ער האָט געענטפערט ניט צו דער זאַך. האָט אים דער אויספאָרשער געזאָגט: „פריער האָט מען אייך געצוווּנגען צו זאָגן ניט דאָס, וואָס איר טראַכט, אָבער איצט, דאָ זיצט דער חבר בראודא און קאָן באַשטעטיקן, אַז מען באַנוצט ניט בנוגע אייך קיין שום צוואַנגען. איר קאָנט רעדן אַלץ וואָס איר האַלט פאַר נויטיק." ווען עס איז געקומען מיין רייע צו רעדן, האָט מען ביי מיר געפרעגט: „צי קען איך אַ געוויסן טשאַבריצקי?" האָב איך זיך דערמאָנט, ווער דער טשאַבריצקי איז געווען און האָב פון אים געמאַכט אויסצודרייען. אַז דאָס איז אַן עם־האָרץ, ער קען קיין וואָרט ניט העברעאיש און האָט אונדז געוויזן העברע־אישע ביכער. אויב ער דינט ביי אייך, — האָב איך זיי געזאָגט, קאָמ־פּראָמיטירט ער נאָר די ק.ג.ב. ווייל ער ווייזט מיר אויס צו זיין פּשוט

אַ ספּעקולאַנט און אַ שווינדלער. און ניסנצווייג האָט אַ טעות, אויב ער האָט אים אָנגענומען אַלס אַ פאָרזיצער פון דער מאָסקווער יידישער רעליגיעזע קהילה. אונדז האָט מען אים פאָרגעשטעלט ווי אַ „געזעל־שאַפטליכן טוער", נאָר ער האָט קיין שום שייכות ניט צו געזעלשאַפט־לעכע טוערס. ניסענצווייג האָט זיך צו אים געווענדעט אין מיין קעגנ־וואַרט ווי צו אַ פּריוואַטער פּערזאָן, ער זאָל אונדז לייען געלט צו דער רייזע קיין מאָסקווע, וווהין איך האָב באַדאַרפט פאָרן אין אַלפאַרבאַנדישן קאָמיטעט, צו בעטן אַ דערלויבעניש אויף אונדזער קאָלעקטיוו. ער האָט געזאָגט, אַז ער קאָן אונדז געבן אפילו פינף טויזנט רובל, אין דער צייט ווען איך האָב ביי אים געבעטן נאָר טויזנט רובל. נאָר אויף מאָרגן האָט ער אונדז געזאָגט דורכן טעלעפאָן, אַז דאָס געלט האָט ער אין מאָסקווע. מיר האָבן געקראָגן די סומע צווישן אונדזערע פריינט און מיט אים האָבן מיר ניט געוואָלט מער זיך טרעפן.

ניסנצווייג האָט דעמאָלט געזאָגט: אַזוי ווי עס איז שוין דורך פון יענער צייט 5 יאָר, קאָן זיין אַז ער האָט פּשוט פאַרגעסן און אַז ער פאַראייניקט זיך מיט מיין מיינונג. אין דער צייט, ווען דער אויספאָרשער האָט געשריבן דעם פּראָטאָקאָל, האָט ניסנצווייג געבעטן: „מען זאָל אים דערלויבן, צו שטעלן מיר עטלעכע פראַגן. מען האָט אים דערלויבט. ווען ער האָט מיך געפרעגט, וואָס איך טו, ווו אַרבעט איך האָב איך אים געענטפערט, אַז איך אַרבעט אַלס אַ שטעלפאַרטרעטער אין ליטווישן דראַמאַטישן מלוכה־טעאַטער. אויב אַזוי האָט ער געזאָגט, קאָן ער מיר פאָרלייגן אַ גאָר איטערעסאַנטע פּיעסע: „פּאַראַט און ליבע", אַז מיר זאָלן שטעלן אַן אינטערעסאַנטע פּיעסע „קאַבאַל און ליבע". דער פאָרשלאַג איז געווען מיט אַן אַקטיאַרישן אונטער־טעקסט, ד.ה. אַז פריער איז געווען „פּ אַ ר אַ ט" און איצט איז „ל י ב ע". דער אויספאָרשער האָט זיך געווענדעט צום פּראָקוראָר: — האָט איר פאַרשטאַנען די איראָניע פונעם אַרעסטירטן ניסנצווייג? דער פּראָקוראָר האָט גאָרניט פאַרשטאַ־נען. און ווען דער אויספאָרשער האָט מיך געפרעגט: האָב איך געזאָגט: אַז איך האָב דאָ אויך קיין שום איראָניע ניט געזען. פּשוט, ד.ה. ניסנ־צווייג אַלס אַ קינסטלער, האָט פאַרגעלייגט אונדזער טעאַטער אַ גוטע פּיעסע, די פּיעסע גייט שוין לאַנג אין אונדזער טעאַטער און האָט גרויס דערפאָלג.

ווען מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען פונעם קעלער, פרעג איך דעם

אויספאַרשער: פאַרוואָס האָט מען אַ מענטשן געהאַלטן פיר מיט אַ האַלבן יאָר אַרעסטירט? לאָמיר אָננעמען אַז ער האָט זיך אפילו געוועגדעט צו דער רעליגיעזער קהילה נאָך הילף, האָט מען אים באַדאַרפט אַרויסרופן און דער־קלערן אים. ער האָט זיך דערצויגן אין קאַפּיטאַליסטישן פּוילן, האָט מען אים באַדאַרפט אויפמערקזאַם מאַכן אַז אין ראַטן־פאַרבאַנד, דאַרף מען זיך וועגן אַזעלכע זאַכן ווענדן אין די סאָוויעטישע קולטור־אַנשטאַלטן אָדער אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. האָט ער מיר געזאָגט: אַז ער פּער־זענלעך, האָט ניט צו ניסענצווייגן קיינע פּרעטענזיעס. ניט ער האָט אים אַרעסטירט. אים האָט מען געגעבן אַן אויפגאַבע, ער זאָל אויספאָרשן דעם אמת, וועגן ניסענצווייגן. איך האָב אים, מיט מיין עדות־זאָגן, אַ סך געהאָלפן. און ער האָט מיר געזאָגט בסוד, אַז אין גיכן, וועט ער זיין אויף דער פרייהייט. נאָר איך זאָל זיין פרוי וועגן דעם ניט זאָגן. נאָר איך בין, פאַרשטייט זיך, באַלד צוגעפאָרן צו זיין פרוי און איר אַלץ דערציילט.

אין 1956 יאָר, זיינען מיר מיט נחמה ליפשיץ געווען אויף גאַסטראָלן אין אָדעס. ניסנצווייג איז שוין פון לאַנג געווען אויף דער פרייהייט. ער האָט זיך שוין משתדל געווען פאַר די רעכט צו רעפּאַטריאירן זיך קיין פּוילן. און מען האָט אים אַ לאַנגע צייט ניט געגעבן קיין דערלויבע־ניש. ער איז געווען אויף אַנדזערע קאָנצערטן. נאָר איינמאָל, ווען ער האָט דערזען ביי אונדז הינטער די קוליסן אַ פאַרשטייער פון דער ישראל אַמבאַסאַדע, אליהו חזן, איז ער אַנטלאָפן פון טעאַטער. דער פחד איז אַריין אין די ביינער. אינגיכן איז ער אַריבערגעפאָרן קיין פּוילן און פון 1964 איז ער אין ישראל. צום באַדויערן האָט ער דאָ פאַרלוירן זיין פרוי און ער אַליין אַלט און צעבראָכן און איינזאַם געפינט זיך אין נתניה אין בית־אבות. ניסענצווייג איז געווען אַ קולטורעלער, פעיקער אַקטיאָר און האָט זיך אויך פאַרנומען מיט זשורנאַליסטיק.

אין אוקראַינישן טעאַטער

אין סוף 1949 האָב איך אָנגעהויבן אַרבעטן אין אוקראַינישן מוזי־קאַליש־דראַמאַטישן טעאַטער אַלס שטעלפאַרטרעטער פונעם דירעקטאָר און אַלס רעזשיסאָר, אין סטרי.

דאָס איז געווען אַ פּראָווינציעלער טעאַטער, וועלכער פלעגט שפּילן ביי כמעט פוסטע זאַלן. איידער איך בין אָנגעקומען אין דעם טעאַטער, האָב איך עטלעכע חדשים געלעבט אין לוואָוו. מיט גרויס מי, נאָך לאַנגע שתדלנות, האָט מען מיך צוגעשריבן אין לוואָוו. איך בין געקומען צום דירעקטאָר פון דער לוואָווער פילהאַרמאָניע און געבעטן שפּעדישע אַרבעט. דער דירעקטאָר האָט מיר פאָרגעלייגט אַ שטעלע אַ ריין „שפּעפּ־רישע" איך זאָל ווערן אַ פאַרוואַלטער פון דער אַגענטור וועלכע פאַר־שפּרייט בילעטן אויף די קאָנצערטן פון דער פילהאַרמאָניע. כ'האָב געגעבן מיין הסכמה. האָב איך דאָך ביז דעם געזוכט אַרבעט אפילו אַלס פאַרוואַלטער פון אַ גאַרדעראָב, ווייל נאָכדעם, ווי מען האָט ליקווידירט אונדזער קאָלעקטיוו אין אָדעס, זיינען מיר געבליבן מיט מיין פרוי אויפן וואַסער אָן שום מיטלען צום לעבן. אַ פּאָר חדשים האָבן מיר זיך נאָך אויפגעהאַלטן ביי מיינע שוועסטער אין קיראָוואָגראַד, אַרטיסטן פון אַ צירק, וועלכע האָבן גאַסטראָלירט אין קיראָוואָגראַד, האָבן אונדז פאַר־געלייגט זייער דירה אין לוואָוו און מיר זיינען איבערגעבליבן אין לוואָוו.

ווען איך האָב שוין מסכים געווען אויף דער שטעלע אין דער לוואָווער פילהאַרמאָניע, איז אָנגעקומען אַ נייער באַפעל פון דער פאַר־וואַלטונג פאַר קונסט־ענינים, אַז מיין שטעלע ווערט ליקווידירט. קיין פאַרוואַלטער פאַר דער אַגענטור ברויכט מען ניט. נאָר איך קאָן אַליין ווערן אַלס אַ פאַרשפּרייטער פון בילעטן. איך האָב באַקומען אַ ביכל בילעטן און האָב ניט געוווסט וואָס צו טאָן מיט זיי. מיין פרוי, וועלכע איז אָנגעקומען אין דעם טאָג פון קיראָוואָגראַד, האָט זיך מיט דעם פאַראינ־טערעסירט. דער ראַיאָן ווו מיר האָבן געוווינט, איז געווען פאַרנאַכלע־סיקט, מ'האָט ניט געזאָרגט פאַר זיין אידעיש־קינסטלערישער באַש־

פייזונג. עס איז פונקט אָנגעקומען אויף גאַסטראָלן פון מאָסקווע די יידיש־רוסישע זינגערין פאַנטאָפּל־ניטשעצקאַיאַ. מיין פרוי האָט זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט. זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ גרויסע אויפטור־ערין און האָט אויסגעפילט דעם פּלאַן. פאַר די פאַרקויפטע בילעטן פלעגט זי באַקומען אַ געוויסען פּראָצענט און מיר האָבן אָנגעהויבן מער אָדער ווייניקער צו לעבן ווי מענטשן.

אין דער צייט האָב איך זיך באַקענט מיט דער יידישער זינגערין טאַטיאַנאַ ווינטרויב. איך האָב אָרגאַניזירט גאַסטראָלן אין ווינניצער געגנט. און מיר האָבן אָגעוויסע צייט געאַרבעט. איך פלעג פירן דעם פּראָגראַם און פאַרלעזן פון דער יידישער ליטעראַטור און זי פלעגט זינגען. נאָר לאַנג אַרבעטן האָט מען אונדז ניט געלאָזט. דערפאַר האָב איך זיך אָנגעכאַפּט אין דער איינלאַדונג פון סטריער טעאַטער און בין אָנגעקומען אין קליינעם מערב־אוקראַינישן שטעטל. דער ערשטער ספּעקטאַקל וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען אין טעאַטער, איז ניט פאָרגעקומען. מען האָט פאַרקויפט פיר בילעטן און אָפּגעזאָגט דעם ספּעקטאַקל. די אַקטיאָרן הונגערן. מיר, אַלס וויצע־דירעקטאָר, האָט מען אַרויסגעגעבן אַזאַ וואָנס 100 רובל און איך האָב באַדאַרפט אָרגאַניזירן די אַרבעט פון טעאַטער. דער קינסטלערישער לייטער קוויטקאָ, מיט דעם פאַרוואַלטער פאַר קונסט־ענינים קלימטשוק, האָבן מיר פאָרגעלייגט צו ווערן דירעקטאָר פונעם טעאַטער ווייל דער דירעקטאָר פּעטראָוו איז אַן אַקטיאָר אין טעאַטער אָבער אַ שלעכטער דירעקטאָר. איך האָב זיך אָבגעזאָגט צו פאַרנעמען די שטעלע פון אַ דירעקטאָר, נאָר איך האָב גלייך אויסגעשריבן מיין פרוי פון לוואָוו, זי זאָל זיך פאַרנעמען מיט פאַרשפּרייטן די בילעטן אויף די פאָרשטעלונגען פון טעאַטער. די אָרטיקע אוקראַינער האָבן פּשוט באָיקאָטירט דעם טעאַטער. דער אַנטיסעמיטישער נאַציאָנאַליסטיש ־שאָוועניסטישער גייסט איז געווען אין לשער ברייט פאַרשפּרייט. מיין פרוי האָט אָנגעהויבן פירן זייער אַן אינטענסיווע אַרבעט מיטן צושויער. זי פלעגט אָרגאַניזירן גאַנצע קאָלעקטיוון פון די אָנשטאַלטן, פון די פאַבריקן און איבערהויפּט פון גרויסן רעמאָנט־זאַוואָד פון פּראַכט־וואַגאָנען. זי האָט אויך געפירט אַ גרויסע אַרבעט אין דעם אָרטיקן גאַרניזאָן, קורץ, זי האָט אַריינגעפירט דעם צושויער אין טעאַטער. דער טעאַטער האָט אָנגעהויבן לעבן. די אַקטיאָרן האָבן אָנגעהויבן באַקומען געהאַלט, און אויפגעהערט צו הונגערן. אין טעאַטער

זיינען געגאַנגען פֿאָלקלאָריסטישע אוקראַאינישע פּיעסן „אי נע כאָדי הרי־ציא״, „נאַטאַלקאַ פּאָלטאַווקאַ״, „דאי סערדצע וואָליו״. נאָר דער פּאַרטיי־קאָמיטעט האָט געפֿאָדערט היינטצייטיקן רעפּערטואַר, וועלכער זאָל אַגי־טירן פֿאַר קאָמוניזם. אָבער דער צושויער, האָט ניט געוואָלט באַזוכן אַ־זעלכע פּיעסן. דער רעזשיסאָר איז געווען זייער אַ באַגרענעצטער, אומ־שעפֿערישער מענטש, איז לא די האָט ער האָט ער אין זינען געהאַט גאָר אנדערע זאַכן, וועלכע האָבן קיין שייכות ניט צו קונסט. צו אַלע מעלות איז ער געווען אַ כראָנישער אַלקאָהאָליק, וועלכער פֿלעגט שיכורן גאַנצע וואָכן און אפֿילו חדשים און די אַרבעט פֿלעגט שטיין. דער דירעקטאָר איז אויך ניט געווען קיין הינקענדיקער שניידער אין דער זויף־און־פּרעס־קונסט. און דער אַדמיניסטראַטאָר האָט פֿון שכרות בכלל פֿאַרלוירן דעם צורת אלוקים. פֿאַרשטייט זיך אַז מיט אַזאַ אויסגעשפּילטן דריילינג איז די גאַנצע לאַסט פֿון טעאַטער געלעגן אויף מיר, דעם ניכטערן. מען האָט מיר פֿאַרגעלייגט אויפֿפֿירן אַ פֿאַרשטעלונג. איך האָב זיי פֿאַר־געלייגט די פּיעסע „דער תלמיד פֿונעם טייוול״ פֿון בערנאַרד שאָו. נאָר אויף דער הויפּט־ראָל איז אין טעאַטער ניט געווען קיין אַקטיאָר. ס׳הייסט אַן אַקטיאָר איז יאָ געווען, זייער אַ גוטער אַקטיאָר דובינין, וועל־כער וועט אויספֿירן די ראָל גלענצענד, האָבן מיר געזאָגט אי דער דירעק־טאָר אי דער קינסטלערישער לייטער, דער אַקטיאָר דובינין זיצט דער־וויל פֿאַר כוליגאַנסטווע אין טורמע. איך האָב פֿאַרשטייט זיך ניט גע־וואָלט גלויבן, אַז אַזאַ אַקטיאָר, וועלכער זיצט אין טורמע פֿאַר כוליגאַנ־סטווע זאָל קאָנען שפּילן אַזאַ וויכטיקע ראָל אין בערנאַרד שאָו׳ס פּיעסע, נאָר דער גאַנצער קאָלעקטיוו האָט געהאַט אַזאַ מיינונג וועגן דעם אַק־טיאָר. ענדלעך האָבן מיר זיך דערוואָרט אַז דער אַקטיאָר האָט פֿאַרענדיקט זיין „קורס״ אין טורמע און איז געקומען צוריק אין טעאַטער. דער פֿאַר־וואַלטער פֿאַר קונסט־ענינים קלימטשוק, האָט געהאַט געגעבן אַ באַפֿעל ניט אָנצונעמען צוריק אין טעאַטער אַזאַ כוליגאַן. נאָר דער אָרטקאָם האָט געזאָגט, ער וועט זיין גוט און פֿרום. און מיר זיינען צוגעטראָטן צו דער אַרבעט.

אַן אַקטריסע אויף דער הויפּט־ראָל האָב איך געהאַט אַ גוטע, אַסטראָומאָוואַ, וועלכע האָט פֿאַרענדיקט דעם קיעווער טעאַטער־אינ־סטיטוט. מיט איר איז געווען זייער לייכט צו אַרבעטן. די איבריקע

אַקטיאָרן האָבן מיך אויך זייער גוט אויפגענומען און זיי איז געפעלן געוואָרן מיין מעטאָד פון אַרבעטן מיט אַקטיאָרן אויף די ראָלן. נאָר דובינין איז אַבסאָליוט ניט געווען קיין אַקטיאָר. ער האָט ניט פאַר־שטאַנען קיין איין וואָרט וואָס איך האָב אים געזאָגט וועגן זיין ראָל, וועגן זיינע אויפגאַבן אויף דער בינע, וועגן אונטערטעקסט פון דער ראָל. ער האָט געלייענט זיין ראָל ווי אַ פּראָטאָקאָל און ער האָט אויסערלעך אויסגעזען ניט נאָר ווי אַ כוליגאַן, נאָר ווי אַ באַנדיט. און ער האָט גע־טענהט, אַז אַזוי אַרבעט מען אויף ראָלן מיט סטודענטן נאָר ניט מיט פאַרענדיקטע אַקטיאָרן, ווי ער איז...

איך האָב זיך איבערצייגט, אַז ער וועט די ראָל ניט אויפהויבן און איך האָב זיך דערשלאָגן דורכן קיעווער קאָמיטעט פאַר קונסט־ענינים, מען זאָל די פּיעסע אַראָפּנעמען פון רעפּערטואַר, ווייל ווען ער וואָלט געוווסט דעם גאַנצן אמת, פאַרוואָס די פּיעסע קאָן ניט אויסגעפירט ווערן, וואָלט איך ניט זיכער געווען מיט מיין לעבן...

איך בין צוגעטראָטן צו אַן אַנדער פּיעסע „דער פרישער וועטער" פון סאבקא. ער האָט דאָ אויך געהאַט אַ ראָל, נאָר ניט די הויפּט־ראָל. די פאָרשטעלונג איז דורך מיט דערפאָלג. נאָר ער איינער איז געווען ניט איבערצייגנד. נאָך דער פאָרשטעלונגפּ האָב איך זיך דערוואָרבן אַ געפערלעכן שונא אין דער פּערזאָן פון קינסטלערישן אָנפירער פון טעאַטער, קוויטקא. ווען עס איז געקומען אַ קאָמיסיע פון קיעוו און האָט דורכגעקוקט דעם גאַנצן רעפּערטואַר, האָבן זיי אָנערקענט נאָר אָט די פאָרשטעלונג. זיי האָבן געזאָגט: אַז די פאָרשטעלונג איז ניט ענלעך אויף די איבעריקע פאָרשטעלונגען, וועלכע זיינען זייער פּראָווינציעל, און אַז די פאָרשטעלונג קאָן גיין אויך אין דער הויפּט־שטאָט. דער הויפּט־רעזשיסאָר קוויטקא, האָט אין זיין וואָרט געזאָגט, אַז ניט איך האָב געשאַפן די פאָרשטעלונג נאָר דאָס האָבן די אַקטיאָרן אַליין געשאַפן אַזאַ ספּעקטאַקל. האָט מען אים געענטפערט, אַז אויב די אַקטיאָרן קאָנען שאַפן אַזאַ ספּעקטאַקל אָן אַ רעזשיסאָר, איז וואָס האָט ער צוטאָן אין טעאַטער, ווייל זיינע פאָרשטעלונגען שטייען אַ סך נידעריקער פון דעם ספּעקטאַקל.

נאָך דעם האָט ער אָנגעהויבן נאָך מער צו טרינקען. און מען האָט אים געמוזט אָפּשיקן אין לוואָוו אין אַ שפּיטאָל, ווו מען היילט אַלקאָ־האָליקער, און ווו עס האָט זיך שוין געהיילט אונדזער אַדמיניסטראַטאָר.

פאַר דער צייט בערך האָב איך באַקומען נאָך אַ שונא אין טעאַטער. דאָס איז געווען אַן אַקטיאָר מאָשקאָוויטש, וועלכער האָט פּרעטענדירט אויף רעזשיסור. און ער איז באַשטימט געוואָרן צו פאַרטרעטן צייטווייליק דעם הויפּט־רעזשיסאָר, וועלכער האָט זיך געהיילט פון שיכרות אין לוואָוו, און האָט אָנגעהויבן אינטריגעס קעגן מיר און אויך קעגן מיין פרוי.

צום גליק האָט עס ניט לאַנג געדויערט. קוויטקאָ איז געקומען צוריק פון שפּיטאָל און צייטווייליק אויפגעהערט צו טרינקען. אָט האָט איר די אַטמאָספערע אין קונסט־היכל אין אוקראַינע. שכרות, אויסגעלאַסנקייט, גנבות, פאַרשיידענע מאַניפּולאַציעס כדי אויסצולייזיקן די טעאַטער־קאַסע. מיך האָט געעקלט פון די דאָזיקע פאַרטייצעס טוער פונעם „אידעאָלאָגישן פראָנט". און איך האָב מיט אַלע כחות געוואָלט עוקר זיין פון דאָרט. אָבער קלימטשוק, דער פאַרוואַלטער פון קונסט־ענינים האָט מיך געבעטן פאַר־בלייבן.

האָט קוויטקאָ דער הויפּט־רעזשיסאָר פאַרטראַכט אַ גאַסטראָל־טורנע אין טיף־רוסלאַנד. קויבישעוו, סאַראַטאָוו, פּענזע א.א.אַ מ'האָט איינגעלאַדן פון לוואָוו אַן אַדמיניסטראַטאָר אַ זשוליק. דאָס איז געווען אין 1950 יאָר. איך בין געווען קאַטעגאָריש קעגן דעם טורנע. קומען מיט אַ קינסט־לעריש־שוואַכן מאַראַליש־צעטרייסלטן קאָלעקטיוו אין יענע שטעט האָט געהייסן נאָר זיך אויסשטעלן אויף חוזק. אַזוי ווי מ'האָט דאָך באַשלאָסן די גאַסטראָלן קעגן מיין ווילן בין איך ניט מיטגעפאָרן. דער סוף איז געווען אַז דער קאָלעקטיוו איז געבליבן שטעקן אין וועג און ניט געהאַט קיין געלט אויף קומען צוריק. נאָך די גאַסטראָלן, האָט מיר דער פאַר־וואַלטער פאַר קונסט ענינים, פאַרזיכערט, אַז ער וועט אַראָפּנעמען ביידע „זשוליקעס" און מיך באַשטימען אַלס דירעקטאָר אָדער קינסטלערישן אָנפירער פונעם טעאַטער. מען האָט דעם קאָלעקטיוו אַרויסגעשיקט אויף הוצאות און זיי זיינען אַלע הונגעריקע געקומען צוריק. אין דער געביידע פון פאַרטייאישן שטאָט־קאָמיטעט, זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן צוויי פאַרזאַמלונגען פונעם קאָלעקטיוו. דער ערשטער סעקרעטאַר פון שטאָט־קאָמיטעט מערקולאָוו און די אַקטיאָרן פון דעם קאָלעקטיוו, האָבן אָנגעוויזן אויף גרויליקע זאַכן, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין וועג בעת די גאַסטראָלן פון טעאַטער. שווינדלעריי, גנבה, אויסגעלאַסנקייט, שכרות... מיך האָט מען אויף דער פאַרזאַמלונג געלויבט ביז אין הימל... דעם דירעקטאָר פּעטראָוון האָט מען ווירקלעך באַזייטיקט פון טעאַטער,

נאָר דעם גרעסטן שווינדלער, דעם הויפּט־רעזשיסאָר קוויטקאָ, האָט מען נאָר געגעבן אַן אויסרייד און איבערגעלאָזט אויף דער אַרבעט, ווידער צו פאַרדאַרבן דעם קאָלעקטיוו. מיט גרויס מי האָב איך זיך באַפרייט פון טעאַטער. איך האָב באַקומען אַן איינלאַדונג פון אוזש־גאָראָדער טעאַטער, אויך אַלס שטעלפאַרטרעטער פונעם דירעקטאָר און אַלס רעזשיסאָר. דער טעאַטער האָט פאַרמאָגט, לפי ערך, אַ בעסערן באַשטאַנד, אַ גאַנצע ריי טאַלאַנטפולע, זייער פעאיקע יונגע אַקטיאָרן, וועלכע האָבן ניט לאַנג פאַרענדיקט די טעאַטראַלע אינסטיטוטן אין קיעוו און אין כאַרקאָוו. דער דירעקטאָר, אַן אַרמענער, איז נאָך געווען אַ יונגער טעאַטער־טוער, ער האָט פאַרענדיקט דעם כאַרקאָווער טעאַטראַלן אינסטיטוט אַלס טעאַטער־פאָרשער און קריטיקער. נאָר חוץ הויכע טעאַטראַלע בילדונג האָט ער פאַרמאָגט אַלע נעגאַטיווע שטריכן וואָס אַ מענטש קאָן פאַרמאָגן אויף אונדזער זינדיקער ערד.

צו אַלע מעלות ווי אַ שיכור, אַ גנב, אַ שווינדלער, אַ ליגנער, אַ רכי־לותניק, איז ער נאָך געווען דערצו אַן אויסגעשפּראָכענער אַנטיסעמיט, און אים האָט מען פאַרטרויט אַזאַ גוטן קאָלעקטיוו?... אין דעם טעאַטער האָב איך אויך געאַרבעט איינצייטיק אַלס רעזשיסאָר. נאָר יעדעס מאָל, ווען מען האָט מיך באַשטימט, אַלס רעזשיסאָר פון אַ געוויסער פאָר־שטעלונג, האָב איך געמוזט געבן, דעם דירעקטאָר „לא יחרץ־געלט". מיינע פאָרשטעלונגען, אויף וועלכע איך האָב געאַרבעט אין דעם טעאַטער, האָט מען דאָ זייער הויך אָ־געשאַצט. די מאָסקווער קאָמיסיע, וועלכע איז ספּעציעל געקומען פון אַלפאַרבאַנדישן קאָמיטעט פאַר קונסט־ענינים, צו קאָנטראָלירן די אַרבעט פונעם טעאַטער, האָט דאָס אונטערגעשטראָכן אומצווייַדייטיק. אויף אַ ספּעציעלער זיצונג, וו די קאָמיסיע האָט זיך באַגעגנט מיט די יונגע אַקטיאָרן פונעם טעאַטער, האָט די קאָמיסיע, זיך אינטערעסירט: ווער פון די רעזשיסאָרן אַרבעט לויט דעם סיסטעם און מעטאָד פון ק.ס. סטאַניסלאַווסקי. האָבן אַלע יונגע אַקטיאָרן איינהייטלעך געענטפערט: דער איינציקער, וועל־כער אַרבעט לויט דעם סיסטעם, איז דער שטעלפאַרטרעטער פונעם דירעקטאָר, בראַודאָ. נאָר ווען איך האָב געשטעלט די פראַגע פאַר דער פאַרוואַלטונג פאַר קונסט־ענינים, אַז מען זאָל מיך באַשטימען אַלס שטענדיקער רעזשיסאָר פונעם טעאַטער, האָט דער פאַרוואַלטער טאַקע צוגעזאָגט... און ביים צוזאָג איז עס געבליבן.

סוף פונעם סעזאָן 1952—1951 בין איך אָפּגעפאָרן קיין קאַלינינגראַד (קעניגסבערג) און האָב דאָרט איינגעאָרדנט גאַסטראָלן פון דעם טעאַטער אויף זייער פאַר אונדז גינסטיקע באַדינגונגען. ווען דער דירעקטאָר אַרמאַנדאַריאַן מיטן קאָלעקטיוו זיינען אָנגעקומען אין קאַלינינגראַד, און איך האָב געמאָלדן דעם דירעקטאָר אַז מיר האָט זיך איינגעגעבן איינאָרדענען גאַסטראָלן אויף זייער לוינבאַרע פאַר אונז באַדינגונגען, האָט ער מיר אויף דעם געענטפערט: „יאָ, דאָס איז זייער גוט, נאָר וואָס וועלן מ י ר מיט א י י ך האָבן דערפון?" און ער האָט מיר פאָרגעלייגט אַ „קאָמבינאַציע" לויט וועלכער מיר האָבן געקאָנט פאַרדינען צו 10 טויזנט רובל, אויף אַ חלק... איך האָב פאַרשטייט זיך קאַטעגאָריש זיך אָפּגעזאָגט, און אים געראָטן זיך ניט פאַרנעמען מיט אַזעלכע „קאָמבינאַציעס". איך האָב אים געענטפערט „אַז איך האָב גאָרניט געהערט און ער האָט מיר גאָרניט געזאָגט..." נאָר פון יענעם מאָמענט אָן, האָט ער מיך באַזייטיקט פון דער פינאַנסיעלער טעטיקייט און אַלע געשעפטן, „קאָמבינאַציעס" האָט ער געמאַכט מיטן הויפּט־אַדמיניסטראַטאָר. ס׳ איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַרבעטן ווייטער מיט אים אַלס זיין שטעלפאַרטרעטער איז פאַר מיר געווען אוממעגלעך. נאָר איך האָב זיך געטרייסט מיט דער האָפענונג, אַז צום קומענדיקן סעזאָן וועט מען מיך באַשטימען אַלס שטענדיקער רעזשיסאָר.

קומענדיק צוריק נאָך די גאַסטראָלן אין אוזשגאָראָד האָב איך זיך צו אים געווענדעט, ער זאָל געבן אַ באַפעל, וועגן מיין באַשטימונג אַלס רעזשיסאָר, אַזוי ווי ער האָט מיר צוגעזאָגט פאַרן ארויספאָר אויף די גאַסטראָלן. האָט ער מיר געזאָגט: אַז ער האָט גאָרניט קעגן, נאָר דער געגענטלעכער פאַרטיי־קאָמיטעט איז קעגן... האָב איך ניט געקאָנט באַגרייפן. דער ערשטער סעקרעטאָר פון געגנטלעכן פאַרטיי־קאָמיטעט, האָט מיר נאָך דער פרעמיערע פון דער פאָרשטעלונג „דער כבוד פון דער משפחה" פון כוסיין מוכטאַראָוו, וועלכע איך האָב אויפגעפירט, געדריקט די האַנט און באַדאַנקט פאַר דער פאָרשטעלונג און געזאָגט: אַז מען וועט מיך אומבאַדינגט באַשטימען אַלס רעזשיסאָר... קאָן דאָס זיין, אַז אַזוי גיך האָט ער געביטן זיין מיינונג?... נאָר איך בין ניט געגאַנגען אין פאַרטיי־קאָמיטעט, וווהין דער דירעקטאָר האָט מיך געשיקט, זיך משתדל צו זיין, נאָר איך בין אַוועק צום פאַרוואַלטער פון דער אָפּטיילונג פאַר קונסט־ענינים, צום חבר לינטור, אַן אוזשגאָראָדער

אוקראינער, פּראָפעסאָר פון היגן אוניווערסיטעט, זייער אַן אויפריכ־טיקער, קולטורעלער מענטש. ווען איך האָב אים דערציילט וועגן מיין געשפּרעך מיטן דירעקטאָר, האָט ער מיר געזאָגט: „שפּייט אים אַן אין זיין פּרעכן פּרצוף! ניט דער פּאַרטיי־קאָמיטעט איז קעגן, נאָר ער אַליין און אויך דער הויפּט־רעזשיסאָר ג.וו. וואָלאָוויק איז קעגן. וועגן וואָלאָוויק איז כדאי אויך זיך אָפּשטעלן מיט עטלעכע ווערטער. אַ פּעיקער רעזשי־סאָר, לויט דער נאַציאָנאַליטעט אַ ייד. נאָר ער איז בשעתו געווען געניגט צו פאָרמאַליזם, און אַזוי ווי פאָרמאַליזם איז צו יענער צייט ווי אויך איצט געווען טריף ביי דער מאַכט, איז ער געוואָרן אַ רע־זשיסאָר פונעם אַלטן שניט. ער האָט זיך אומגעקערט צום נאַטוראַליזם. אין קאָלעקטיוו האָט ער פאַרלוירן זיין אויטאָריטעט. איך האָב זיך צו אים באַצויגן ווי צו אַ לייבלעכן ברודער. אויף וויפל איך האָב געקאָנט, פלעג איך מיט אַלע מעגלעכקייטן הויבן זיין פּרעסטיזש אין טעאַטער. ווען דער דירעקטאָר, וועלכער איז געווען זיין גרעסטער שונא, האָט אים גע־וואָלט שלעכטס טאָן, און ניט איינמאָל געשטעלט די פראַגע וועגן זיין אַרבעט אין טעאַטער, פלעג איך אים שטענדיק וואָרענען, איך פלעג אים שטענדיק העלפן, מיט וואָס ס'איז נאָר מעגלעך געווען. לעצטנס, האָב איך אים פאָרגעלייגט ארבעטן צוזאַמען. איך זאָל אַרבעטן מיט די אַק־טיאָרן אויף די ראָלן און ער זאָל פלאַנירן די מיזאַנסצענעס. נאָר ער איז אויף דעם ניט איינגעגאַנגען. ער האָט אין מיר געזען אַ גרויסן קאָנ־קורענט און ניט קיין פריינט. און ער האָט אויך מיטגעהאָלפן, מען זאָל מיך ניט באַשטימען אַלס רעזשיסאָר אין טעאַטער. ערשט דערנאָך, ווען איך האָב שוין געאַרבעט אין ווילנע אין ליטווישן טעאַטער, איז ער געקומען צו מיר און זיך אַנטשולדיקט. ער האָט אַנערקענט אַז ער האָט געהאַנדלט ניט ערלעך קעגן מיר און האָט מיר פאָרגעלייגט, אַז אויב ס'וועט זיך איינגעבן פּטור צו ווערן פון דירעקטאָר, וועט ער מיך צוריק איינלאַדן אין טעאַטער אַלס רעזשיסאָר.

דער סוף איז געווען, אַז דער דירעקטאָר האָט אים אַרויסגעשטופּט פונעם טעאַטער... דער דירעקטאָר האָט געהאַט „אַ האַנט” אין די העכסטע אינסטאַנצן, אַזוי אַז קעמפן פאַר דער גערעכטיקייט מיט אים איז געווען אוממעגלעך. וואָס פאַראַ פאַרברעכן ער זאָל ניט באַגיין, און עס זיינען געווען פאַלן, ווען מען האָט אים פּשוט געכאַפּט ביי דער האַנט. פלעג יעדעס מאָל עפּעס אַן אומזעבאַרע האַנט אים ריינוואַשן...

איך וויל זיך דאָ אָפּשטעלן אויף אַן עפּיזאָד, וועלכער האָט ניט קיין שייכות מיט זיינע פאַרברעכנס קעגן די געזעצן פון ראַטן־מאַכט, נאָר ער כאַראַקטעריזירט אים אַלס טויגעניכטס, וועלכער האָט ניט קיין רעכט צו זיין אַן אָנפירער פון וועלכן עס איז אַנשטאַלט ניט נאָר מיט אַ טעאַטראַלן אַנשטאַלט. דער עפּיזאָד איז אַ הונדערט־חלק פון נאָך ענ־לעכע עפּיזאָדן אין זיין טעטיקייט אַלס דירעקטאָר.

אין יאָר 1951, ווען מיר זיינען געווען אויף גאַסטראָלן מיטן טעאַטער אין טאַלין (עסטלאַנד, עסטאָניע) האָבן מיר געדאַרפט געבן אַ פאָרשטעלונג „שעלמענקא דענשטיק". נאָר קיין קאָסטיומען צו דער פאָרשטעלונג האָבן מיר ניט מיטגענומען ווייל די פּיעסע איז ניט געווען אַריינגעשטעלט אין פּלאַן פון אונדזערע גאַסטראָלן. מיר האָבן באַשלאָסן אויסצונוצן די קאָסטיומען פון דער פּיעסע „רעוויזאָר", נאָר אויך די קאָסטיומען האָבן מיר געמוזט אַרויספאָדערן פון אוזשגאָראָד. האָב איך אים אָנגעשריבן אַ טעקסט פון דער טעלעגראַמע, וועלכע מיר האָבן באַדאַרפט אָפּשיקן קיין אוזשגאָראָד צו אונדזער הויפּט בוכהאַלטער, וועלכער האָט באַדאַרפט אַרויסשיקן אונדז די קאָסטיומען מיט דער לופט־פּאָסט. דער טעקסט איז באַשטאַנען פון עטלעכע ווערטער: „שיק אַרויס אַלע קאָסטיומען פון „רעוויזאָר". נעמט דער דירעקטאָר און מעקט אויס דאָ וואָרט „רעוויזאָר". דער בוכהאַלטער, זאָגט ער, ווייסט, וועלכע קאָסטיומען מיר דאַרפן. מען דאַרף ניט פטרן קיין איבעריקע געלט... דאָס הייסט איבע־ריקע 30 קאָפּיקעס... דער בוכהאַלטער אין אוזשגאָראָד האָט וואָרשיינ־לעך פאַרגעסן אַז מיר האָבן באַדאַרפט נאָר די קאָסטיומען פון „רע־וויזאָר". ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מיר דאַרפן א ל ע קאָסטיומען, האָט ער צוזאַמענגעקליבן אַלע קאָסטיומען, דעם גאַנצן גאַרדעראָב פון טעאַטער, אַפילו אַלע שמאַטעס, מיט וועלכע דער טעאַטער האָט זיך שוין לאַנג ניט באַנוצט. און אַנשטאָט 30 קאָפּיקעס, האָט עס געקאָסט דעם טעאַטער אַריבער 3 טויזנט רובל.

אויף אַ באַראַטונג אין קיעוו פון דעם רעפּובליקאַנישן קאָמיטעט פאַר קונסט־ענינים איז באַהאַנדלט געוואָרן אָט דער אינצידענט. האָט מען אים אפילו קיין באַמערקונג ניט געמאַכט. אָבער דאָס איז אַ קלייניקייט. עס זיינען געווען ערגערע זאַכן. די קאַסירערין פון טעאַטער האָט געהאַט צוויי קאָמפּלעטן פון בילעטן: איינעם אַ געזעצלעכן, אַ פאַרעגיסטרירן אין דעם געגנטלעכן אָפּטייל פאַר פינאַנס־ענינים

און איינעם פונעם דירעקטאָר. מיטן געלט פאַרן לעצטן קאָמפּלעט פלעגט זי זיך טיילן מיטן דירעקטאָר. און ווען אַ רעוויזיע האָט געפּאַקט די קאַסירערין ביי דער אַרבעט.. איז אַזוי ווי עס איז געווען פאַרמישט דער דירעקטאָר, האָט מען דעם ענין פאַריבן...

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו מיין לעצטן געשפּרעך מיטן דירעקטאָר.

ווען דער פאַרוואַלטער פון דער אָפּטיילונג פאַר קונסט־ענינים האָט מיר געזאָגט, אַז אַלס רעזשיסאָר וועט ער מיך ניט באַשטימען, האָב איך דאָ אויפן אָרט אָנגעגעבן אַ מעלדונג, ווו איך האָבן געבעטן מיך באַפרייען פון טעאַטער אַלס שטעלפאַרטרעטער פון דירעקטאָר. אַזוי ווי דער פּאָסטן איז אַ נאָמענקלאַטור פון דער פאַרוואַלטונג פאַר קונסט־ענינים — קאָן מען מיך, אָן דער הסכמה פון דער פאַרוואַלטונג ניט באַפרייען. נאָך אַ לאַנגן געשפּרעך מיטן פאַרוואַלטער האָט ער געגעבן זיין הסכמה.

ווען איך בין געקומען צום דירעקטאָר מיט מיין מעלדונג און מיט דער רעזאָלוציע פונעם פאַרוואַלטער איז פאָרגעקומען צווישן אונדז פאָלגענדער געשפּרעך:

ער: הייסט עס, אַז איר האָט באַשלאָסן אונדז צו פאַרלאָזן?

איך: אַלס רעזשיסאָר ווילט איר מיך ניט באַשטימען, און אַלס אייער שטעלפאַרטרעטער קאָן איך מער ניט אַרבעטן.

ער: איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז דער פּאַרטיי־קאָמיטעט איז קעגן.

איך: ס'איז אַ ליגן. איר זיינט קעגן. דער פאַרוואַלטער פאַר קונסט־ענינים, האָט מיר געזאָגט, אַז ער קאָן עס באַשטעטיקן אין אייער קעגנוואַרט.

ער: דער פאַרוואַלטער איז אַ היגער אוקראַינער, ער לעבט ניט לאַנג ביי דער ראַטן־מאַכט, דעריבער ווייסט ער ניט אַז איצט אין דעם מאָמענט, ווערן י י ד ן מיט גרויסע שוועריקייטן באַשטעטיקט אויף רעזשיסאָרישע פּאָסטנס.

איך: און ווי אַזוי איז מיט אַרמענער? (דער דירעקטאָר אַרמאַנדאַריאַן איז אַן אַרמענער).

ער: איך פאַרשטיי ניט, וואָס איז דאָס פאַר אַ פראַגע?...

איך: פון ווען אָן זיינען קאָמוניסטן געוואָרן אַנטיסעמיטן?

ער: ווו זעט איר דאָ אַנטיסעמיטיזם?

איך: פאַרוואָס קאָמפּראָמיטירט איר די ראַטן־מאַכט? איר, אַן אַזוי

גערופענער „קאָמוניסט״ מיט אַ פּאַרטיי־בילעט אין טאַש, זאָגט מיר, אַן אויסגעשפּראָכענעם קאָמוניסט אָן אַ פּאַרטיי־בילעט. נאָר לויט דער איבערצייגונג, אַז אין ראַטן־פאַרבאַנד באַשטעטיקט מען ניט קיין יידן אויף רעזשיסאָרישער אַרבעט!... אין דער צייט, ווען אַ גרויסער פּראָצענט רעזשיסאָרן פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט אַרבעט אין די גרעסטע טעאַטערס און קינאָ־סטודיעס, אַלס רע־זשיסאָרן און אפילו הויפּט־רעזשיסאָרן.

ער: די אַלע רעזשיסאָרן, וועלכע זיינען פון פריער באַשטימט געוואָרן, זיי אַרבעטן. הגם מאַנכע נעמט מען אַראָפּ פון די שטעלעס, אויב מען געפינט נאָר אַ געלעגנהייט... נאָר איצט נאָכן סקאַנדאַל, וואָס איז פאָרגעקומען מיט דער פאַרשטייערין פון „ישראל״ גאָלדע מייער־סאָן, איז דאָ אַזאַ ניט קיין אָפיציעלע פאַראָרדענונג, — אַז מען דאַרף קאָנטראָלירן די אַלע יידן וועלכע ווערן באַשטעטיקט אויף אַזעלכע פּאָסטנס.

איך: נאָר מיך קען מען אין גאַנץ ראַטן־פאַרבאַנד אַלס ערלעכן מענטשן. איר אַליין קאָנט עס באַשטעטיקן. אויב מען דאַרף עמיצן קאָנטראָ־לירן, דאַרף מען אייך אין דער ערשטער ריי, ווייל איר האָט דאָך מיר פאַרגעלייגט אָפּצונאַרן די מלוכה מיט געוויסע קאָמבינאַציעס, פון וועלכע איך האָב זיך אָפּגעזאָגט...

דאָ איז ער געבליבן ווי צעמישט און האָט ניט געהאַט וואָס מיר צו ענטפערן. נאָר איך האָב אים אַרויסגעפירט פון זיין פאַרלעגנהייט. איך האָב אים געזאָגט אַז איך בין אַ דזשענטלמען. איך וועל אייך ניט אַרויסגעבן. קיין מוסר בין איך ניט. אַלץ וואָס איר טוט, דאָס איז אייער זאַך און איר אַליין זיינט פאַר דעם פאַראַנטוואָרטלעך. נאָר איך פּערזענ־לעך קאָן מיט אייך ניט אַרבעטן.

קורץ, איך בין באַפרייט געוואָרן פון דעם טעאַטער און האָב אָנגענומען די איינלאַדונג פון דעם ליטווישן רעפּובליקאַנישן מלוכה־טעאַטער, איצט „אַקאַדעמישער דראַמאַטישער מלוכה טעאַטער״. נאָר ווידער אַלס שטעלפאַרטרעטער פון דירעקטאָר. אמת, מען האָט מיר צו־געזאָגט, געבן אַ מעגלעכקייט אויפצופירן יעדעס יאָר אַ פאַרשטעלונג. נאָר האָב איך אָפּגעאַרבעט 4 יאָר אין דעם טעאַטער, דאָס זיינען געווען פיר שווערע יאָרן, אָבער קיין רעזשיסאָרישע אַרבעט האָט מען מיר ניט געגעבן. איך האָב זייער פיל אויפגעטאָן פאַרן טעאַטער, דורכגעפירט די דעקאַדע פון

ליטעראַטור און קונסט פון דער ליטווישער רעפּובליק. פאַר זייער פיל אַרבעט האָב איך נאָר באַקומען אַן ערן־גראַמאַטע פונעם פּרעזידיום פונעם העכסטן ראַט פון דער רעפּובליק. אין דער צייט, ווען זייער פיל טעאַטער־טוער, וואָס האָבן גאָרניט געלייסטעט פאַרן טעאַטער, האָבן באַקומען אָרדענס און טיטלען „פאַרדינסטפולע״, וואַרשיינליך פאַר זייער שכרות אָדער אַנדערע שיינע טאַטן...

דער דירעקטאָר פון טעאַטער איז אַ פאַרדינסטפולער אַרטיסט פון דער ליטווישער רעפּובליק. ניט קיין שלעכטער מענטש, נאָר קיין דירעקטאָר איז ער ניט... ער פלעגט בכלל, זייער זעלטן זיך באַווייזן אין טעאַטער.

ער פלעגט זיך פאַרנעמען מיט יאַגד אָדער שכרות. שכרות אין דעם טעאַטער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קולט...

די גרעסטע השפעה אויף דער טעטיקייט פון טעאַטער האָט געהאַט די פרוי פון שטעלפאַרטרעטער פונעם פאָרזיצער פון מיניסטאָרן־ראַט פריישקאַס די אַרטיסטין יאַצקעוויטשוטע, אַ טאָכטער פונעם פאַשיסטישן פאַלקאָווניק יאַצקעוויטשוס. זי האָט זייער אַן אינטערעסאַנטע פאַר־גאַנגענהייט. ערשטנס, איז זי געווען די פרוי פונעם פאָלקס־אַרטיסט רו־דזינסקי, וועלכער איז איצט דער הויפּט־רעזשיסאָר פונעם טעאַטער, צווייטנס, אין דער צייט פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע איז זי געווען די פרוי פונעם פאַשיסטישן קאָמענדאַנט פון דער שטאָט פּאָניע־וויעזש און ווי די אַקטיאָרן פון ליטווישן טעאַטער דערציילן, האָט זי זיך „איבערגעשלאָפן״ מיט כמעט אַלע געסטאַפּאָווצעס, אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע. אַן אַקטריסע איז זי מיט מיטלמעסיקע פעיקייטן. נאָר דאָ מאָלס, ווען איר מאַן האָט געלעבט און האָט פאַרנומען אַזאַ הויכן פּאָסטן אַלס שטעלפאַרטרעטער פון פאָרזיצער פון מיניסטאָרן־ראַט, פאַר קולטור, פלעגט זי שפּילן אַלע הויפּט־ראָלן. אין טעאַטער האָבן געאַרבעט נאָך צוויי אַקטריסעס, ביידע פרויען פון מיניסטאָרן, קופּסטייטע די פרוי פון פינאַנס־מיניסטער און קימאַנטאַיטע די פרוי פון מיניסטער פאַר קולטור.

נאָך סטאַלינס טויט, ווען די אַטמאָספערע אין לאַנד איז געוואָרן אַביסל פרייער, האָב איך זיך געווענדעט מיט אַ בריוו צו קלימענט וואָראָ־שילאָוו, (ער איז דעמאָלט געווען סעקרעטאַר פון צענטראַלן קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פאַר קולטור־ענינים) מיט אַ פאָרשלאָג צו גרינדן אַ יידישן מלוכה־טעאַטער וועלכער וועט באַדינען די דריי

באַלטישע רעפּובליקן: ליטע, לעטלאַנד און עסטלאַנד. אין עטלעכע וואָכן אַרום האָב איך באַקומען אַן ענטפער פון דער פאַרוואַלטונג פאַר קונסט־ענינים ביים קולטור־מיניסטעריום: אַז ווען עס וועט באַטראַכט ווערן די פראַגע פון שאַפן נייע טעאַטערס, וועט מען אויך די פראַגע באַטראַכטן... און מען באַטראַכט זי ביז היינטיקן טאָג. הגם, פאַר דער צייט זיינען געשאַפן געוואָרן זייער פיל נייע טעאַטערס, נאָר קיין איינער ניט אויף יידיש...

אויף דעם האָב איך זיך ניט באַרואיקט. כ׳האָב אָנגעהויבן שרייבן בריוו אין אַלע קולטור־אַנשטאַלטן, אין צענטראַלן קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, נאָר יעדעס מאָל פלעג איך באַקומען ניט קיין איבערצייגנדע ענטפערן, אַז עס איז ניט נויטיק קיין יידיש טעאַטער, ווייל אַלע יידן באַזיצן די רוסישע שפּראַך. כ׳האָב זיך אויך געווענדעט צו איליא ערענבורגן, ווי צו אַ דעפּוטאַט פון העכסטן ראַט פון די באַלטישע רעפּובליקן. איך האָב אים אָנגעשריבן אַן אויספירלעכן בריוו נאָר ער האָט מיר זייער לאַקאָניש געענטפערט: „אַזוי ווי איר האָט שוין געשריבן צו וואָראָשילאָוון און אַזוי ווי דאָס קולטור־מיניסטעריום האָט אייך אָפּגעזאָגט, קאָן ער, צו זיין באַדויערן, מיט גאָרניט העלפן אין דעם ענין...״

אינגיכן, האָט זיך געגומען ווייזן קליינע יידישע גרופּעס אַרטיסטן, וועלכע פלעגן אַרויסטרעטן מיט יידישע לידער און קינסטלערישע פאָרלעזונגען. דער ערשטער, וועלכער איז געקומען מיט זיינע גאַסטראָלן קיין ווילנע איז געווען דער אַקטיאָר ראַקיטין. ער האָט פאַרגעלייענט די ווערק פון שלום עליכם. דעם ערשטן טייל אין רוסיש און דעם צווייטן אין יידיש. דער דערפאָלג איז געווען אַן אומגעהויערער. אַ קלייניקייט! אַזאַ לאַנגע צייט האָט מען ניט געהערט קיין יידיש וואָרט פון דער בינע. די צווייטע גרופּע וועלכע האָט באַזוכט ווילנע איז געווען קלאַראַ וואַגאַ מיט איר מאַן רעזניק. נאָר דאָס איז געווען אַ ביזנעס־גרופּע. זי פלעגט זינגען יידישע לידער און ער פלעגט פאָרלייענען. נאָר ביידע פון נידעריקן קוואַליטעט.

אין ווילנע ווי אויך אין די אַנדערע שטעט פון דער ליטווישער רעפּובליק, פלעגן אָפט אויפטרעטן צוויי יונגע זינגערס. דאָס זיינען געווען נחמה ליפשיצייטע און טאַפּעריס. (ריכטיקער נחמה ליפשיץ און טאַפּער) נאָר מיר איז ניט אויסגעקומען צו זיין אויף זייערע קאָנצערטן.

ערשטנס, עס איז מיר ניט געפעלן דאָס, וואָס אויף דעם אַפּיש פלעגן זיי מעלדן: זי — נאַדיעזשדאַ ליפשיצייטע און ער „טאפעריס". אין דער צייט, לויט דער פּאָטאַ, האָבן זיי ביידע אויסגעזען ווי זייער באחנטע יידישע פּנימער. ביי מיר האָט זיך געשאַפן אַזאַ מיינונג, אַז זיי שעמען זיך מיט זייערע יידישע נעמען.

גאָר גיך איז פאָרגעקומען, מען קאָן זאָגן „די היסטאָרישע באַ־געגעניש" צווישן מיר און נחמה ליפשיץ. די באַגעגעניש איז פאָרגעקומען ביי פאָלגענדע אומשטענדן. די רוסישע אַקטריסע אַסטראַומאָוואַ, מיט וועלכער איך האָב געאַרבעט אין סטריער אוקראַינישן טעאַטער, האָט מיך איינגעלאַדן אויף אַ קאָנצערט אין אָפיצירן־קלוב, ווו זי וועט אַרויס־טרעטן מיט פאָרלעזונגען, איך זאָל זאָגן מיין מיינונג וועגן נייעם ווערק, וואָס זי וועט פאָרלייענען אויף דעם אָוונט. אויף דעם זעלבן אָוונט זענען אויך אַרויסגעטראָטן נחמה ליפשיץ מיט איר פּאַרטניאָר טאָפּער. ביידע האָבן זיי געזונגען אויף רוסיש. זי האָט אויסגעפירט די אַריע פון וויאָלעטאַ פון דער אָפּערע „טראַוויאַטאַ" און עטלעכע לידער, דועטן מיט טאָפערן פון דונאַיעווסקי. נאָר אין אַלע לידער און אַריעס, וואָס נחמה ליפשיץ האָט געזונגען, האָט זיך געפילט אַן אמתע יידישע נשמה, אַ ברויזענדער יידישער טעַמפעראַמענט און פול מיט יידישן חן. און איך האָב באַלד דערפילט, אַז דאָס איז אַ יידישע זינגערין, כאָטש זי שרייבט זיך אויף דער אַפיש „נאַדיעזשדאַ". נאָכן קאָנצערט בין איך אַריין הינטער די קוליסן, זיך באַקענט מיט איר און מיט איר פּאַרטניער טאָפער, און האָב זי געפרעגט, צי זי באַזיצט די יידישע שפּראַך? האָט זי מיר געענטפערט אויף אַ שיינעם יידיש און האָט מיר געזאָגט אַז זי האָט זיך געלערנט אין אַ העברעאישער גימנאַזיע, נאָר יידיש קען זי, ווייל די עלטערן האָבן מיט איר שטענדיק גערעדט אויף דער שפּראַך. איר פאָטער איז אַ קינדער־דאָקטאָר און ער רעדט אינדערהיים נאָר יידיש ווי אויך די מוטער און די גאַנצע משפחה. אויף מיין פאָרשלאַג אַרויס־צוטרעטן מיט יידישע לידער האָט זי זיך אָנגעכאַפּט מיט גאַנצן ברען פון איר פלאַמענדיקן טעמפּעראַמענט. גראָד איז זי אין עטלעכע טעג אַרום געפאָרן קיין יאַלטע דורך מאָסקווע, האָב איך איר געגעבן בריוו צו די קאָמפּאָזיטאָרן לייב פולווער און סענדעריי. זי האָט ביי זיי גע־קראָגן יידישע לידער. און קומענדיק צוריק קיין ווילנע האָט זי גענומען גרייטן צוזאַמען מיט טאָפערן אַ יידישע פּראָגראַם. אין דער פּראָגראַם

זיינען אַריין: פּולווערס אַריעס און דועטן פון שולמית מיט אבישלומען פון דער מוזיקאַלישער דראַמע „שולמית" ווי אויך לידער און אַ דועט פון „בר כוכבא", טעקסט פון שמואל האַלקין, און אַ גאַנצע ריי יידישע פאָלקס־לידער. איך האָב איר פאַרגעלייגט, צו העלפן אין דער אינטער־פּרעטאַציע פון די לידער. איינמאָל האָט זי מיך פאַרבעטן צו קומען אויף איר רעפּעטיציע. זי האָט אויסגעפירט עטלעכע לידער. איך בין פשוט געווען איבעראַשט. זי האָט מיך גערירט ביז טרערן. האָב איך איר נאָכדעם געזאָגט, אַז איך האָב גאָרניט וואָס צוצוגעבן, צו דעם וואָס זי האָט אויפ־געטאָן אין די לידער. דאָס וואָס זי פאַרמאָגט איז איר געגעבן געוואָרן פון דער נאַטור, איך האָב נאָר געמאַכט עטלעכע באַמערקונגען אין דער אויסשפּראַך און האָב איר פאַראויסגעזאָגט אַ גרויסן דערפאָלג אויף דעם געביט. און איך האָב זיך ניט אָפּגענאַרט. נחמה ליפשיץ איז געווען די איינציקע טאַלאַנטפולע אינטעלעקטואַלע יידישע זינגערין, וועלכע פאַר־מאָגט חוץ מוזיקאַלישע בילדונג, אַן אָנגענעמע שטימע און גרויסע מייסטערשאַפט. אויך אַן אמתן יידישן חן. זי איז די איינציקע אין ראַטנ־פאַרבאַנד.

נאָר ניט אַזוי לייכט איז עס אָנגעקומען צו אָרגאַניזירן, ריכטיקער צו לעגאַליזירן אַזאַ גרופּע.

ערשטנס, די דירעקציע פון דער ליטווישער רעפּובליקאַנישער פילהאַרמאָניע איז געווען שטאַרק קעגן. איבערהויפּט האָבן געשטערט די יידישע מיטאַרבעטער פון דער פילהאַרמאָניע. דאָס זיינען געווען דער שטעלפאַרטרעטער פון דירעקטאָר פּעטיע מענדעלסאָן און דער הויפּט־אַדמיניסטראַטאָר מאיר רודענסקי, געוועזענער אַקטיאָר פונעם יידישן מלו־כה־טעאַטער אין פוילן. דאָס איז אַ כלל: ווען עס זיצט אין פילהאַרמאָניע אַ דירעקטאָר אָדער אַ שטעלפאַרטרעטער פון דירעקטאָר אַ ייד, שטערט ער שטענדיק, ווען עס האַנדלט זיך וועגן יידישע קאָנצערטן... צו מיין גרויסן באַדויערן, האָט עס די פּראַקטיק שוין דערוויזן, די אַלע יידישע גרויסע „פאַרשטייער" פון קונסט, וועלכע האָבן געאַרבעט אין יענער צייט אין דער ליטווישער פילאַרמאָניע, האָבן זיך אויסגעלאַכט פון מיין אידייע צו שאַפן אַ יידישע קאָנצערט־גרופּע בראש מיט נחמה ליפשיץ. ווי קומט זי צו זינגען יידישע לידער, — האָבן זיי מיר געזאָגט, — זי קען ניט דעם יידישן „קרעכץ", זי האָט שטודירט אין דער ליטווישער קאָנסערוואַטאָריע און האָט זיך דערצויגן אויף דער ליטווישער און רוסישער

מוזיק. יאָ, אַ ביסל זיינען זיי געווען גערעכט. דעם שטאַמפּירטן יידישן „קרעכץ" דאָס האָט זי ניט געקענט. און זייער גוט וואָס זי איז מיט אים ניט געווען באַקאַנט. דערפאַר אָבער איז איר זייער נאָענט דער יידישער קאָלאָריט און זי באַזיצט אַ יידישע נשמה מיט אַן אמתן יידישן חן, אַ געוואַלדיקן, ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט און דערצו מוזיקאַלישע, אַלגעמיינע און אויך יידישע קולטור. זי איז יידיש פון קאָפּ ביז פיס.

דערווייל איז ביי מיר אין ליטווישן טעאַטער, ווו איך האָב נאָך דערווייל געאַרבעט, פאַרגעקומען גאָר ניט קיין אָנגענעמער אינצידענט. און ווידער איז שולדיק מיין צונג... דער הויפּט־רעזשיסאָר פון טעאַטער איז אויך געוואָרן דירעקטאָר פון טעאַטער. תחילת האָט ער אויף מיר געמאַכט זייער אַ גוטן איינדרוק. ער האַלט זיך קאָרעקט, רעדט זייער געלאַסן, מאַכט ניט קיין קולות ווי דער פאַריקער דירעקטאָר. מיין סעקרעטאַרין, — זייער אַ קולטורעלע פרוי, וועלכע פלעגט מיך פאַרהיטן פון אַלע אונאַנגענעמלעכקייטן אין טעאַטער. אַזוי־ווי כמעט אַלע דאָקומענטן פלעגן זיך שרייבן אין טעאַטער נאָר אויף דער ליטווישער שפּראַך, פלעג איך זיך חתמענען אויף אַלע דאָקומענטן נאָר נאָכדעם, ווי זי פלעג זיי וויזירן, מחמת איך האָב די ליטווישע שפּראַך ניט געקענט. איך מוז צוגעבן, אַז זי האָט זיך צו מיר באַצויגן זייער אויפריכטיק. זאָג איך איר: „אַז דער דירעקטאָר, ווייזט אויס, איז אַ קולטורעלער, טאַקטישער מענטש". זאָגט זי צו מיר: אַז איך זאָל זיך ניט איילן מיט אויספירן ווערגן נייעם דירעקטאָר... איר וועט מיר זאָגן אייער מיינונג ווערגן אים אין עטלעכע חדשים אַרום. דאָס איז אַ „טאַרטיוף" אויף דער בינע ווי אויך אין לעבן". דאָס זענען געווען אירע ווערטער.

אין אַ פּאָר חדשים אַרום, האָט ער זיך מיט מיר באַראָטן, ווי אַזוי צוטיילן די ראָלן אויף דער פּיעסע „די גנבה" („די וועלפּישע נשמות") פון דזשעק לאָנדאָן. אַזוי ווי איך האָב שוין געהאַט אויפגעפירט די פּיעסע, וויל ער וויסן מיין מיינונג. די הויפּט־ראָל, מאַרגאַרעט, —האָט ער געגעבן, דער אויבן דערמאָנטער אַרטיסטקע יאַצקעוויטשוטע. האָב איך אים געזאָגט, אַז לויט מיין מיינונג, איז זי צו אַלט פאַר דער ראָל און בכלל אינדיווידועל ניט צוגעפּאַסט און האָב אים אָנגערופן די אַקטריסע קופּסטייטע, די פרוי פון פינאַנס־מיניסטער, אַ יונגע, פעאיקע אַקטריסע מיט אַ גראַציעזן שיינעם אויסזען. איך מוז דאָ צוגעבן אַז מיט דער אַקטריסע קופּסטייטע, בין איך געווען אין יענער צייט אין

אַנגעשטרענגטע באַציונגען. זי איז אַ פּעאיקע אַקטריסע נאָר זייער ניט קיין גוטער מענטש... און פּאַרקערט מיט יאַצקעוויטשוטע זיינען מיר געווען אין גאַנץ נאָרמאַלע באַציונגען. איך האָב אַרויסגעזאָגט מיין מיינונג, אין פולן זינען פון וואָרט. אָביעקטיוו. איך בין נאָר געווען פאַר־אינטערעסירט, אַז די פאַרשטעלונג זאָל האָבן דערפאָלג, ווייל איך בין געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן פינאַנסיעלן פּלאַן אין טעאַטער. דערצו בין איך געווען זיכער, אַז צו דער אַקטריסע יאַצקעוויטשוטע, וועלן מיינע ווערטער ניט דערגייך. נאָר דאָס איז געווען מיין גרויסער טעות, פאַר דער גאַנצער צייט וואָס איך האָב געאַרבעט אין טעאַטער.

דאָס וואָס מען רעדט אין קאַבינעט פונעם דירעקטאָר ביים פאַנאַנ־דערטיילן די ראָלן, אַז מען זאָל דאָס איבערגעבן די אַרטיסטן, וואָס ווער האָט וועגן זיי געזאָגט, וואָלט מען זיך שטענדיק געריסן ביי די נעזער. ס'וואָלט געווען סקאַנדאַלן ביזן הימל. דעריבער האָלט מען עס שטענדיק בסוד. נאָר דער יעזואיט, דער פאָלקס־אַרטיסט הויפּט־רעזשיסאָר און דירעקטאָר רודזינסקי האָט מיין מיינונג גלייך איבערגעגעבן, וואָרט אין וואָרט יאַצקעוויטשוטע און גלייך האָט זי עס איבערגעגעבן איר מאַן, פרייקשאַס, דעם שטעלפאַרטרעטער פונעם פאַרזיצער פון מיניסטאַ־רן־ראַט. און ער פאַרנעמט זיך אַקוראַט מיט קולטור־ענינים, כאָטש ער איז געווען אַזוי ווייט פון קולטור, ווי איך בין ווייט פון וויסנשאַפט וועגן אַטאָם־ענערגיע. אָבער ער איז בעל־בית און זי איז זיין געליבטע פרוי. האָט זיך אָנגעהויבן אַ געיעג אויף מיר פון אַלע זייטן. איין רעוויזיע נאָך דער אַנדערער, און כאָטש אַלע רעוויזיעס האָבן גאָרניט געקענט געבן קעגן מיר, נאָר מיין ווייטערדיקע אַרבעט אין טעאַטער איז געוואָרן אוממעגלעך. מען דאַרף נאָך צוגעבן, אַז בכלל איז דער קולטור־מיניסטע־ריום געווען קעגן דעם, אַז עס זאָל אַרבעטן אַ ייד, ניט קיין ליטווינער אַלס אַ וויצע־דירעקטאָר אין ליטווישן טעאַטער. און ווי דער הויפּט־בוכהאַלטער האָט מיר געזאָגט בסוד, האָט מען מיך איינגעלאַדן, ווייל מען האָט באַדאַרפט, איך זאָל דורכפירן די דעקאַדע פון ליטווישער קונסט אין מאָסקווע. און איצט, ווען די דעקאַדע איז שוין אַדורך, האָט מען שוין געזוכט פּטור צו ווערן פון מיר. דערצו האָב איך נאָך געהאַט די העזה אַרויסצוזאָגן אַזאַ מיינונג וועגן דער פרוי פון וויצע־פּרעמיער. ערשטנס, האָט דער וויצע־פּרעמיער גלייך אָנגעקלונגען דעם קולטור־מיניסטער, אַז מען זאָל מיר ניט באַשטימען קיין פּערסאָנאַלע

פענסיע. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס אַלע דאָקומענטן זיינען שוין געווען אונטערגעשריבן, האָט מען אויף דעם אַרויפגעלייגט אַ וועטאָ, די פּערסאָנאַלע פּענסיע האָט מען מיר אָפּגעזאָגט. צווייטנס, האָט מיר געזאָגט דער הויפּט־אַדמיניסטראַטאָר פון טעאַטער, ווען ער איז געווען אַביסל באַזויפן, וואָס פלעגט זיך זייער אָפט מיט אים טרעפן... אַז דער פּאָרזיצער פון דער רעוויזיאָנס־קאָמיסיע האָט אים געזאָגט: אַז ער האָט באַקומען אַ זייער ניט קיין אָנגענעמע מיסיע: ער מוז אומבאַ־דינגט עפּעס אָפּזוכן אויף מיר אַ „חטא" מען זאָל מיך קאָנען אויף דעם סמך באַזייטיקן פון דער אַרבעט. האָב איך אָנגעגעבן אַ מעלדונג אין קולטור־מיניסטעריום, ווו איך האָב געבעטן מיך איבערפירן אין דער ליטווישער פילהאַרמאָניע. און מיך איינשליסן אין דער גרופּע מיט נחמה ליפשיץ אַלס פּאָרלעזער. אויפן סמך פון דעם, וואָס מיר האָבן צוזאַמען צוגעגרייט אַ פּראָגראַם פאַר קאָנצערטן פון יידישן ליד און קינסטלע־רישע פאָרלעזונגען. אָבער... מען האָט מיר קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט.

אין פעברואר 1956 יר איז פאָרגעקומען אַ ספּעציעלער קאָלעגיום אין ליטווישן קולטור־מיניסטעריום, אויף וועלכן מ'האָט מיך אַרויס־גערופן, ווען מען האָט באַהאַנדלט די פראַגע וועגן מיין טעטיקייט אין ליטווישן רעפּובליקאַנישן אַקאַדעמישן דראַמאַטישן טעאַטער. אַלע באַ־שולדיקונגען קעגן מיר זיינען ניט באַשטעטיקט געוואָרן מיט קיין מינדסטן פאַקט. אַלע אַרגומענטן קעגן מיר זיינען געווען פשוט לעכערלעך. נאָר ניט קוקנדיק אויף דעם, האָט דאָס קאָלעגיע פון מיניסטעריום אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, מען זאָל מיך באַפרייען פון דער אַרבעט, אויפן סמך, וואָס עס איז ניט אויסגעפילט געוואָרן דער פינאַנסיעלער פּלאַן פון טעאַטער פאַרן 1955 יאָר. אין דער צייט, ווען אַלע פּלענער, סיי דער שעפעריש־קינסטלערישער, סיי דער פינאַנסיעלער און דערווירטשאַפט־לעכער, זיינען געווען אויסגעפילט אויף אַלע 100 פּראָצענט...

נאָך מער, מען האָט אָנגעזאָגט, ניט אָפיציעל דעם דירעקטאָר פון פּימהאַרמאָניע, אַז ער זאָל אין קיין פאַל מיך ניט צולאָזן צו דער אַרבעט. ניט נאָר מיט נחמה ליפשיץ, נאָר צו קיין שום אַרבעט, זאָל מען מיך ניט צו־לאָזן... דער דירעקטאָר פון דער ליטווישער קינאָ־סטודיע האָט זייער געוואָלט מיך איינלאַדן צו דער אַרבעט אַלס אַ דירעקטאָר פון אַ קינאָ־פילם. האָט מען אים געזאָגט: (אויך ניט אָפיציעל) אַז ער קאָן מיך פאַרשטייט זיך איינלאַדן, אַז דער מיניסטעריום קאָן אים ניט

פאַרוועגן לויטן געזעץ. „נאָר מיר ראַטן דיר, דו זאָלסט אים קיין אַרבעט ניט געבן..." אַזוי האָט מען אים געוואָרנט.

ווען איך האָב זיך געוועדעט מיט אַן אָנקלאַגע אין קולטור־מיניסטעריום פון פ.ס.פ.ס.ר. האָט מען מיר געענטפערט, אַז אין אַלגעמיין האָבן זיי מיך „אומגעזעצלעך" אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט, נאָר מיר קאָנען אייך מיט גאָרניט העלפן, ווייל אין גערירכט קאָנט איר זיי ניט אָנקלאָגן, ווייל איר זענט אין נאָמענקלאַטור פון קולטור־מיניסטעריום פון דער ליטווישער רעפּובליק, ווי אַלע נאַציאָנאַל רעפּובליקן זיינען זעלבס־שטענדיק. מיר מישן זיך ניט אין אַזעלכע אָנגעלעגנהייטן. יושר, גע־רעכטיקייט, פאַדערן אין דער צייט, ווען דער וויצע־פּרעמיער פּרייש־קאָס מיט זיין פרוי יאַצקעוויטשוטע, האָבן די גאַנצע מאַכט אין זייערע הענט, איז געווען אַן אַבסורד...

אין יאָר 1961 איז ער אָט דער פּריישקאָס געשטאָרבן. ער שטאַמט גראָדע פון אַרבעטער. ער אַליין איז געווען אַ קאָוואַל. און ער האָט גע־האָט גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער ליטווישער רעוואָלוציע. נאָר ווי איך האָב פריער שוין געזאָגט, האָט ער מיט קולטור קיין שום שייכות ניט געהאַט. דערפאַר איז ער געווען אַן אויסגעשפּראָכענער אַנטיסעמיט. אין 1948 יאָר איז געקומען אויף קאָנצערטן אין ווילנע אַנאַ גוזיק. אירע אָוונטן זיינען געגאַנגען אין דער יידישער שפּראַך. זי האָט באַדאַרפט געבן 10 קאָנצערטן. אַלע בילעטן זיינען שוין געווען אויספאַרקויפט. נאָר פּרייקשאָס האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל דער פילהאַרמאָניע אַראָפּצונעמען די קאָנצערטן. אויב זי וויל, זאָל זי אַרויסטרעטן אין דער רוסישער שפּראַך. און עס האָט ניט געהאָלפן קיין שום שתדלנות און קיין שום אָנקלאַגעס. ווען די פילהאַרמאָניע, האָט געמאָלדן, אַז די קאָנצערטן וועלן זיין רוסישע, האָבן די צושויער געפאָדערט צוריק דאָס געלט פאַר די בילעטן. די פילהאַרמאָניע האָט געמוזט אומקערן דאָס געלט. און די קאָנצערטן זיינען אַראָפּגענומען געוואָרן. די פילהאַרמאָניע האָט פאַר־לאָרן אירע 19 טויזנט רובל איינגאָמע.

משמעות, אַז אין די יונגע יאָרן, איז ער ניט געווען אַזוי אַנטי־סעמיטיש געשטימט ווייל פּרייקשאָסעס ערשטע פרוי איז געווען אַ יידישע. נאָר אין אַ שיינעם פרימאָרגן, ווען זיין ערשטע פרוי ר.מ. איז־ראָעליט, איז געקומען פון מאָסקווע אַהיים, האָט זי געטראָפן איר מאַן אין זייער שלאָפצימער מיט דער אַקטריסע יאַצקעוויטשוטע. האָט זי

צוגענומען דאָס קינד, אַ מיידעלע פון 10 יאָר און איז אַוועק פון אים. דעמאָלט איז ער געווען סעקרעטאַר פון צענטראַלן קאָמיטעט פון דער ליטווישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. האָט מען אים דערפאַר אַראָפּגענומען פון דעם פּאָסטן אַלס סעקרעטאַר און באַשטימט אַלס וויצע־פּרעמיער. ווען אין דער ליטווישער רעפּובּליק האָט זיך אָנגעהויבן אַ רעוויזיע און אַ קאָמפּאַניע קעגן שאָוויניסטישע טענדענצן בנוגע צו נישט־ליטווישע מיטאַרבעטער, האָט מען אים דערמאָנט אָט די אַלע חטאים און מען האָט אים אַראָפּגענומען פון דעם פּאָסטן פון וויצע־פּרעמיער, און באַשטימט אַלס אויסערן־מיניסטער. דאָס איז געווען אַ פּאָסטן אויף גאָרניט טאָן נאָר באַקומען די 5 טויזנט רובל געהאַלט. פון גרויס פּאַרדרוס, האָט ער אָנגעהויבן טרינקען. דאָס הייסט, פריער איז ער אויך געווען ניט קיין קליינער שיכור. נאָר איצט האָט מען אים קיינמאָל ניט געזען ניכטערן. ער האָט אַזויפיל געטרונקען ביז ער האָט באַקומען אַ האַרץ־אַטאַקע און איז געשטאָרבן. אָט ערשט דעמאָלט, האָט זיך פאַרענדיקט די מאַכט פון זיין פרוי יאצקעוויטשוטע. און זי האָט אויפגעהערט שפּילן די הויפּט־ראָלן אין אַלע פאַרשטעלונגען...

אין מאַרס 1956 יאָר האָב איך זיך געווענדעט אין דער ליטווישער טעאַטראַלער געזעלשאַפט, ווו איך בין געווען אַ מיטגליד, מען זאָל מיר דערלויבן צו געבן זעלבשטענדיקע קאָנצערטן פון קינסטלערישן וואָרט. די טעאַטראַלע געזעלשאַפט האָט דאָס רעכט אין די גרענעצן פון דער ליטווישער רעפּובּליק צו פאַראַנשטאַלטן אַזעלכע קאָנצערטן אויסער דער פילהאַרמאָניע. נאָר ווען דער וויצע־פּאַרזיצער פון דער טעאַטראַלער געזעלשאַפט האָט געמאָלדן דער דירעקציע פון דער פילהאַרמאָניע, אַז אויב זיי וועלן ניט איינאָרדענען מיינע קאָנצערטן, וועלן זיי זיין געצוווּנגען עס איינאָרדענען אויפן נאָמען פון דער טעאַטראַלער געזעלשאַפט. האָט די פילהאַרמאָניע געענטפערט, אַז זי איז מסכים אַז איך זאָל אַרויס טרעטן מיט נחמה ליפשיץ און איר פּאַרטנער טאָפּער. מיר האָבן ענדלעך אָנגעהויבן אונדזערע קאָנצערטן. צוויי קאָנצערטן זענען פאַרגעקומען אין גרויסן לאָקאַל פון דער ווילנער פימהאַרמאָניע און זענען דורך מיט גרויס דערפאָלג. נאָכדעם האָבן מיר געעבן איין קאָנצערט אין קאָונאָס. און דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט אונדזער טעטיקייט. דאָס איז ווייזט אויס געווען אַ טריק, די טעאַטראַלע געזעלשאַפט זאָל זיך פאַראַלעל ניט פאַרנעמען מיט קיין קאָנצערטן.

אין דער זעלבער צייט האָב איך זיך באַגעגנט מי דער יידישער אַקטריסע יוליא פלאום, די פרוי פון פאַרשטאָרבענעם אַקטיאָר און רעזשיסאָר אַלעק שטיין. די אַקטריסע פלאום איז ניט קיין ספּעציעלע זינגערין נאָר זי האָט פאַרמאָגט אַן אָנגענעמע שטים, און האָט מיט דערפאָלג אויסגעפירט יידישע פאָלקס־לידער. מיר האָבן מיט איר צוגעגרייט אַ פּראָגראַם, און אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער ליטווישער טעאַטער־געזעלשאַפט. מיר האָבן באַזוכט חוץ ווילניוס און קאָונאַס, שאולאי קליי־פּעדאַ, ווו מיר זיינען דורך מיט גרויס דערפאָלג, ביי געפּאַקטע צו־שויער־זאַלן. מיר האָבן זיך צונויפגעשריבן מיט דער מאָסקווער אַלרוסישער טעאַטראַלער געזעלשאַפט און זיינען אַרויסגעטרעטן אין מאָסקווער אַקטיאָרן־קלוב מיט אַ שעפערישן אָוונט, וועלכער איז דורך מיט דערפאָלג. נאָר די מאָסקווער קאָנצערטן אָרגאַניזאַציעס האָבן אונדז קיין אַרבעט ניט געגעבן. אַרגומענטירנדיק עס מיט דעם, וואָס מיר זיינען נישט צוגעשריבן צו מאָסקווע. הגם פיל רוסישע אַנסאַמבלען, אויך ניט קיין צוגעשריבענע צו מאָסקווע, האָבן געאַרבעט אין מאָסקווער גאַסטראָל־ביוראָ... בין איך געפאַלן אויף אַזאַ המצאה, איך האָב אונטערגעשריבן אַ קאָנטראַקט אין נאָמען פון דער ליטווישער טעאַטראַלער געזעלשאַפט מיט דער סמאָלענסקער פילהאַרמאָניע, אַז די פילהאַרמאָניע קויפט אָפּ ביי דער טעאַטראַלער געזעלשאַפט 30 קאָנצערטן, וועלכע זי וועט דורכפירן אין איר נאָמען. מיר האָבן אַזוי אַרום באַקומען דאָקומענטן פון דער סמאָלענסקער פילהאַרמאָניע און דאָס האָט געהייסן אַז מיר אַרבעטן פון זיי. דאָס איז געווען ניט אינגאַנצן „כשר", נאָר נויט ברעכט אייזן. מיר זיינען אויפגעטראָטן אין בריאַנסק, קורסק, נאָוואָזיבקאָוו ווי אויך אין סמאָלענסק. אומעטום זיינען מיר אופגעטראָטן מיט דערפאָלג. עס האָבן באַזוכט די קאָנצערטן אַ סך יוגנטלעכע.

ווען דער אָפּמאַך מיט דער סמאָלענסקער פילהאַרמאָניע האָט זיך פאַרענדיקט, האָב איך געשלאָסן אַזאַ אָפּמאַך מיט דער אוזשגאָראָדער פילהאַרמאָניע. מיר זיינען אַרויסגעטראָטן אין אוזשגאָראָד, מוקאַטשעוו, ווינאָגראַדאָווא, כוסט און אַנדערע שטעט אין דער קאַרפּאַטן־געגנט און אומעטום זיינען מיר דורך מיט דערפאָלג. מיט גרויס מי האָט זיך אונדז איינגעגעבן אויפצוטרעטן אין ווילנע מיט 6 קאָנצערטן. אויף די קאָנצערטן האָט זיך מיט אונדז פאַראייניקט דער זינגער כאַיאַאָוסקאָס „כייטאָווסקי) מיר האָבן געגעבן די לעצטע קאָנצערטן אין דער ליטווי־

שער רעפּובליק און מיט דעם האָבן מיר פאַרענדיקט אונדזער טעטיקייט. מער האָבן מיר שוין ניט געהאַט קיין רעכט אויפצוטרעטן, ווייל די ליטווישע טעאַטראַלע געזעלשאַפט האָט זיך פון אונדז אָפּגעזאָגט מחמת אַלע אָפּמאַכן זענען געווען יורידיש נישט קיין געזעצלעכע... און מיר זענען געבליבן ווידער אין דרויסן אָן אַרבעט.

בין איך אָפּגעפאָרן קיין מאָסקווע, ווי איך בין אָפּגעזעסן זיבן חדשים פאַרקויפט פון זיך אַליץ, וואָס עס האָט זיך געלאָזט פאַרקויפן... געמאַכט גרויסע חובות, אָפּגעשלאָגן די טירן פון אַלע אַנשטאַלטן. מען וואָלט געקאָנט אָנשרייבן אַ ספּעציעל בוך ווען מען זאָל אויסרעכענען אַלע יסורים, אַלע ליידענישן, שתדלנות, מעלדונגען, בריוו צו די הויכע סאָוויעטישע פּאַרטייאישע און געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן. דעם גאַנצן וועג, וועלכן איך האָב דורכגעמאַכט, בכדי זיך דערשלאָגן אַ דערלוי־בעניש אויפצוטרעטן מיט יידישע קאָנצערטן.

ענדלעך האָב איך זיך דערשלאָגן. איך האָב 3 מאָל געשריבן צו מאַלאַטאָוון. ער איז אין יענער צייט געווען מיטגליד פון פּרעזידיום פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און מיניסטער פאַר מלוכה־קאָנטראָל. אין לעצטן בריוו האָט איך אים אָנגעשריבן בזה הלשון: „אויב עס איז פאַרבאָטן אין ראַטן־פאַרבאַנד אַרויסצוטרעטן אין דער יידישער שפּראַך? טאָ זאָל מען מיר זאָגן אָפן, וועל איך זיך אויפהערן משתדל צו זיין. נאָר אויב דאָס איז ניט אמת, און אין דעם צווייפל איך ניט, — בעט איך אים מיך אויפנעמען, וועל איך אים דערציילן, אָן אַ שיעור פאַקטן פון אַנטיסעמיטיזם, אַ דערשיינונג וואָס איז אין ווידערשפּרוך מיט די פּרינ־ציפּן פון דער לעניניסטער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק.

קורץ. עס איז באַשטימט געוואָרן אַ טאָג, און איך בין אויפגענומען געוואָרן פון מאָלאַטאָוון. ער האָט מיך זייער קאַלט אויפגענומען. נאָר געזאָגט עטלעכע ווערטער אַז מיין ענין איז איבערגעגעבן געוואָרן זיין שטעלפאַרטרעטער שאַטאַלינען.

שאַטאַלין האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַלס זייער קולטורעלער מענטש. ער האָט מיך מיט אויפמערקזאַמקייט אויסגעהערט. אונדזער געשפּרעך האָט געדויערט אַנדערהאַלבן שעה. איך האָב אים דערציילט וועגן אַ גאַנצע ריי פאַקטן פון אָפענעם אַנטיסעמיטיזם. צום ביישפּיל אַ פאַקט, וואונטן אין ווייסרוסלאַנד, דער דירעקטאָר פון דער ווייסרוסישער

ווי אַזוי מיר האָבן געוואָלט דערשלאָגן אויפצוטרעטן מיט אונדזערע עסטראַדע אין מינסק, טשערנאָס אַ רוס, האָט אונדז געזאָגט „אַז אונדזערע אַפּישן, קאָנען ניט צעקלעפּט ווערן אין מינסק, ווייל דאָרטן איז דאָ אַ שורה אויף יידיש. „יידישע לידער און הומאָר”. און בכלל קאָן מען אויף די אַפּישן נישט שרייבן אפילו אויף רוסיש „יידישע לידער און הומאָר”. מען דאַרף שרייבן „לידער און הומאָר”. און נאָר מיט קליינינקע בוכשטאַבן שרייבן, אַז דער פּראָגראַם ווערט אויסגעפירט אין דער יידישער שפּראַך. און ווען מיר האָבן שוין מסכים געווען אויך אויף דעם, האָט ער אונדז געזאָגט: אַז די פראַגע דאַרף באַהאַנדלט ווערן אויפן קונסט־ראַט פון דער ווייסרוסישער עסטראַדע. ער האָט אונדז מיטגעטיילט: „אַזוי ווי די פראַגע וועגן יידישער קולטור איז נאָך נישט געלייזט געוואָרן אין די העכערע אַנשטאַלטן פון ראַטנפאַרבאַנד, האָט דער קונסט־ראַט באַשלאָסן זיך אָפּהאַלטן פון אויפנעמען אונדזערע קאָנצערטן.

איז ווי זאָל איך עס פאַרשטיין? האָב איך זיך געווענדעט צו שאַטאַלינען, — איך האָב דאָך די גאַנצע צייט געהאַלטן, אַז די פראַגע וועגן יידישער נאַציאָנאַלער קולטור ווי אויך פון אַלע נאַציאָנאַלע קולטורן אין ראַטנפאַרבאַנד, זיינען געלייזט געוואָרן אין 1917 יאָר, נאָך דער גרויסער סאָציאַלער אָקטאָבער־רעוואָלוציע?”„איר זייט פולקאָם גערעכט, — האָט מיר געענטפערט שאַטאַלין. צו וואָס לייקענען. עס זענען פאַרבליבן רעשטלעך פון אַנטיסעמיטיזם אויף אייניקע ערטער. און עס פירט זיך אַ קאַמף קעגן דעם, נאָר איר האָט אַנגערירט אין אייער בריוו צו מאַלאַטאָוון צוויי פראַגן. איין פראַגע וועגן אייער אַרבעט. וועגן דעם האָט דער חבר מאַלאַטאָוו מיר איבערגעגעבן זיין מיינונג און זיין באַפעל זיך ווענדען אין קולטור־מיניסטעריום, אַז אייער גרופּע זאָל מען צופּעסטיקן ביי דער רעפּובליקאַנישער ליטווישער פילהאַרמאָניע אין ווילנע. דאָס הייסט, דאָרט וווּ איר זייט צוגעשריבן אַלס שטענדיקע תושבים. אַזאַ פּאַפּיר, גייט היינט אַוועק אין קולטור־מיניסטעריום. וואָס אַנבאַלאַנגט דער צווייטער פראַגע, איז עס אַ ריין פּאָליטישע, דאָס הייסט, וועגן אַנטיסעמיטיזם. וועגן דעם דאַרפט איר זיך ווענדן אין פּאַרטיי־קאָמיטעט, אין דער אָפּטיילונג פאַר קולטור־ענינים.

נאָר דאָרטן האָט מען מיר געזאָגט: „אַז אַזאַ פראַגע שטייט ביי זיי ניט אויפן טאָג־אָרדנונג, ווייל לויט זייער מיינונג, האָב איך אַ טעות, — ביי אונדז אין ראַטנפאַרבאַנד איז ניטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם...”

אָבער מיט דעם האָט זיך דער ענין ניט געענדיקט. פון דער צווייטער זייט האָט געהאָלפן דער פּאָרזיצער פון פּרעזידיום פון העכסטן־ראָט אין דער ליטווישער ראַטן־רעפּובליק, דער חבר פּאַלעצקיס. מיטן חבר פּאַלעצקיס בין איך געווען באַקאַנט פון דער צייט ווען איך האָב געאַרבעט אין ליטווישן אַקאַדעמישן טעאַטער. עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, ווען איך בין איינמאָל געוואָרן אויפגענומען אין פּרעזידיום פון העכסטן ראָט אין ווילנע פון פּאַלעצקיס, האָט ער מיר געשטעלט אַ פראַגע: צי עס וועט אָרגאַניזירט ווערן אַ יידישער טעאַטער? איך האָלט, — האָט ער מיר געזאָגט, — אַז עס איז זייער ווינטשנסווערט צו שאַפן אַזאַ טעאַטער וועלכער זאָל באַדינען די באַלטישע רעפּובליקן״. האָב איך אים געזאָגט, אַז איך האָב שוין אויפגעהויבן לאַנג די פראַגע. איך האָב אים דערציילט וועגן מיינע בריוו צו וואָראָשילאָוו און אין אַנדערע אינסטאַנצן, און איך האָב געזאָגט, אַ ער דאַרף דאָך בעסער וויסן וועגן דעם. האָט ער מיר געענטפערט, אַז ער פאַרנעמט זיך ניט מיט די דאָזיקע ענינים. אַז מיט דעם דאַרף זיך פאַרנעמען דער קולטור־מיניסטעריום. און אַז ס׳וועט געוויס קומען אַ צייט, אַז מען וועט זיך מיט דעם פאַרנעמען... נאָר לײדער, איז נאָך ביז איצט די צייט ניט געקומען. עס איז שוין דורך פון יענער צייט, ווען מיר האָבן געהאַט מיט אים דעם געשפּרעך, 18 יאָר...

נאָר אַלעספּאַמס, וועגן חבר פּאַלעצקיס, בין איך געבליבן ביי דער בעסטער מיינונג. דאָס איז אַ האַרציקער מענטש מיט אַ הויכער קולטור נאָר לײדער, פאַרנעמט ער אַ הויכן פּאָסטן און האָט אַ קליינע מאַכט... אין מאָסקווע האָב איך צופעליק זיך געטראָפן מיט אים אין גאַס. ער האָט דעמאָלס צייטווייליק פאַרטראַטן וואָראָשילאָוו. דערשלאָגן זיך צו אים איז געווען אוממעגלעך. מען האָט צו אים בשום אופן נישט צו־געלאָזט. אויף מיין גליק, ווען איך בין אַרויס פונעם ביוראָ, ווו די רעפּערענטן פון פּרעזידיום פון העכסטן ראָט, וועלכע פלעגן אויפנעמען באַזוכער מיט ביטעס און ווו מען האָט מיר קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט, וועגן אַן אויפנאַם ביי דעם חבר פּאַלעצקיס. האָב איך אים פּונקט געטראָפן ביים אַריינגאַנג אין ביוראָ. האָב איך זיך פאַר אים אַנטשולדיקט און אים אָפּגעשטעלט און דרך אגב דערציילט וועגן מיין ענין. האָט ער מיר געהייסן אָנשרייבן אַלץ אויף פּאַפּיר און אָנגעוויזן דורך וועלכע קאַנאַלן עס אים איבערגעבן, עס זאָל אַריינפאַלן צו אים פּערזענלעך אין די הענט,

דאָס הייסט דירעקט צו זיין פּערזענלעכער סעקרעטאַרין. איך האָב אים געפּאָלגט און אין עטלעכע טעג אַרום איז אָנגעקומען אין קולטור־מיניסטעריום פון פ.ס.פ.ס.ר. מיין בריוו מיט דער רעזאָלוציע פון שטעל־פאַרטרעטער פונעם פּאַרזיצער פון העכסטן ראַט, פּאַלעצקיס, אַז ער שטיצט אונטער אונדזער ביטע צו גרינדן אַ קאָנצערטן־גרופּע פון יידישן ליד און וואָרט.

פון דער דריטער זייט האָט שטאַרק געהאָלפן די פאָלקס־אַרטיסטין פון „מאַלי־טעאַטער" א. א. יאַבלאָטשקינאַ. זי איז דעמאָלט אַלט געווען 91 יאָר און איז געווען ערן־פּאַרזיצער פון דער אַלרוסישער טעאַטראַלער געזעלשאַפט. זי האָט דירעקט אָנגעקלונגען צום וויצע־מיניסטער פאַר קולטור צום חבר פּאַכאָמאָוו און האָט אים געבעטן אַלץ צו טאָן, מען זאָל וואָס גיכער דערליידיקן די פראַגע וועגן אונדזער טעטיקייט. און אַז עס איז אַ שרייענדיקע אומרעכט, אַז מען זאָל ביי אונדז אין ראַטנפאַרבאַנד דיסקרימינירן נאַציאָנאַלע קונסט. און אָט איז געקומען דער גליקלעכער טאָג, עס איז אָנגעקומען אַ פּאַפּיר פון קולטור־מיניסטעריום, אין דער פאַרוואַלטונג פאַר קונסט עניינים ביים קולטור־מיניסטעריום פון פ.ס.פ.ס.ר. אַז מען דאַרף אָרגאַניזירן אודזער גרופּע ביי דער ליטווישער רעפּובלי־קאַנער פילהאַרמאָניע. עס האָט נאָך אָפּגעגליקט, וואָס דאָס פּאַפּיר איז אַריינגעפאַלן צום שטעלפאַרטרעטער פונעם פאַרוואַלטער פאַר קונסט־עניינים, צום חבר וולאַדימירסקי. הגם, ער איז אַ ייד, נאָר פריער איידער ס'איז אָנגעקומען דאָס פּאַפּיר, האָט ער מורא געהאַט אַפילו צו רעדן וועגן דעם. דאָס איז זייער אַ גליטשיקע פראַגע, — האָט ער געטענה'ט... נאָר איצט האָט ער גלייך אָפּגעשיקט דאָס פּאַפּיר אין ווילנע צום קולטור מיניסטער פון דער ליטווישער רעפּובליק, דער מיניסטער, י. באַנאַי־טיס האָט גלייך אַרויסגעגעבן אַ באַפעל דעם דירעקטאָר פון דער ליט־ווישער פילהאַרמאָניע, דורכצוקוקן אונדזער פּראָגראַם אויפן קונסט־ראַט און אויפנעמען אונדזער גרופּע ביי דער ליטווישער פילהאַרמאָניע.

פאַר דער צייט איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג אין אונדזער גרופּע. די אַרטיסטין יוליאַ פּלאָום ווי אויך נחמה ליפשיצעס פּאַרטנער אינא טאָפּער זענען אָפּגעפאָרן קיין פוילן. האָבן מיר זיך פאַראייניקט מיט נחמה ליפשיץ.

אָבער מיט דעם האָט זיך דער יסורים־וועג ניט פאַרענדיקט.

מיר האָבן שוין געהאַט אַלע רעוט צו אָנהויבן אַרבעטן ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס איז נאָך ניט אַלץ. נייע שוועריקייטן זענען אָנט־

שטאַנען מצד דעם פאַרוואַלטער פאַר קונסט ענינים ביים קולטור־מיניסטעריום פון דער ליטווישער רעפובליק, פעטשורא. פעטשורא, דאָס איז אַ געוועזענער אָפיציר פון דער פאַשיסטישער סמעטאָנאַ־רעגירונג. וועגן אָט דעם פעטרושאַ האָלט איך, איז כדאי אָפּשטעלן זיך, ווייל ער וועט נאָך שפּילן ניט קיין קליינע ראָל אין דער שטערונג פון אונדזער ווייטערדיקער טעטיקייט אין דער צוקונפט.

ווי איך האָב שוין אָנגעוויזן, האָט ער פריער ביים פאַשיסטישן רעזשים אין דער ליטע געדינט אין דער אַרמיי אַלס אָפיציר. ווען די רויטע אַרמיי האָט באַפרייט ליטע פון דער דייטשער־פאַשיסטישער אָקו־פּאַציע, איז ער שוין געזעסן אין אַ וואַגאָן מיט אַלע ליטווישע פאַשיס־טישע פאַרברעכער, נאָר ער איז געפאַלן אויף די קני פאַרן סאָוויעטישן נאַטשאַלניק און אָנגעהויבן בעטן: ער האָט חרטה אויף אַלע זיינע מעשים. ער וועט אַרויסגעבן אַלע זיינע געוועזענע חברים. ער איז גרייט צו דינען דער ראָטן־מאַכט. אויף דעם סמך האָט מען אים באַפרייט. גאָר גיך איז ער געוואָרן אַ מיטגליד פון דער ליטווישער קאָמוניסטישער פאַרטיי און איז באַשטימט געוואָרן אַלס פאַרוואַלטער פאַר קונסט־ענינים. וועגן קונסט האָט ער לחלוטין קיין שום אַנונג ניט. נאָר אויף שטערן און צו זאָגן „ניין" וועגן יעדער קונסט־אונטערנעמונג, איז ער תמיד געווען דער ערשטער. פון דער נאַטור אַ גרויסער פחדן, איז זיין עבודה געווען, אויף וואָס פאַראַ פראַגע זאָל ניט זיין, אויב עס איז ניט איינ־גאַנצן קלאָר, שטענדיק זאָגן „ניין". אַזוי אַרום פלעגט ער קיינמאָל קיין טעות ניט האָבן. אַ גרויסער אונטערלעקער ביי דער העכערער מאַכט. דערפאַר האָט ער שוין באַקומען צוויי אָרדנס און דעם טיטל „פאַרדינסט־פולער טוער פאַר קונסט".

אין דער צייט ווען איך האָב געאַרבעט אין ליטווישן טעאַטער איז ער מיט מיר געווען אין די בעסטע באַציונגען. נאָר ווי ער האָט דער־פילט אַן פון אויבן האָט געבלאָזן אַן אַנדער ווינטל, האָט ער גלייך געביטן זיין מיינונג ווי אויך זיין באַציונג צו מיר.

בכדי כאַראַקטעריזירן אַ ביסל בולטער זיין פערזאָן, וויל איך ברענגען אַ קליינעם געשפּרעך וואָס איך האָב מיט אים געהאַט, אין יענער צייט, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די פאַרפאָלגונגען קעגן מיר אין טעאַטער.

אין אַ געוויסן טאָג, בין איך געזעסן ביי אים אין קאַבינעט און געוואָלט אים דערווייזן אויף וויפל אַלע פאַרפאָלגונגען און דיסקרימינאַציעס בנוגע צו מיר זיינען גרונטלאָזע, ניט באַרעכטיקטע. איך האָב אים דערמאָנט, אַז ער האָט דאָך געהאַט די בעסטע מיינונג וועגן מיר. און אַז ער ווייסט בעסער פון אַלעמען אַז איך אַרבעט און פיל אויס מיין פליכט איבערגעגעבן און ערלעך. אויף דעם האָט ער מיר געענטפערט מיט פאָלגענדע ווערטער: „אַלץ איינס וועט איר אַראָפּגענומען ווערן פון דער אַרבעט, מיר האָבן אייך איבערגעלאָזט איבערן זומער, איר זאָלט פאַרענדיקט דעם רעמאָנט פון דער טעאַטער־געביידע. דערנאָך, וועט מען אייך באַפרייען פון דעם פּאָסטן און איר קאָנט זיך באַקלאָגן אויף אונדז, נאָר אייערע אָנקלאָגעס וועלן אייך מיט גאָרנישט העלפן ווייל אין דער הינזיכט זענען מיר די העכסטע אינסטאַנץ״. הייסט עס, — זאָג איך, — אַז איר ווילט מיך אַראָפּנעמען פון דער אַרבעט נישט דערפאַר ווייל איך פיר שלעכט אויס מיינע פליכטן, נאָר פשוט דערפאַר, וואָס איך האָב נישט קיין אַרישע נאָז?... גיט ער זיך אַ שטעל אויף: „מיט וואָס פאַר אַ רעכט באַשולדיקט איר מיך אין אַנטיסעמיטיזם. איך בין אַ קאָמוניסט!...״ „אַנטשולדיקט״ — זאָג איך צו אים, — „איר זענט נישט קיין קאָמוניסט, איר זענט אַ מיטגליד אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. מען דאַרף זיך ערקונדיקן געננוי ווי אַזוי איר האָט זיך צוגעשמירט צו דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, ווייל איר זענט דאָך אַ געוועזענער אָפיציר פון דער פאַשיסטישער אַרמיי!״ ער איז געוואָרן בלייך ווי קרייד און מער קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. איך האָב אים געגעבן אַ זעץ מיט דער טיר און בין אַרויס פון זיין קאַבינעט. נאָר אויף מאָרגן, ווען ער האָט מיך באַגעגנט אין גאַס, האָט ער דער ערשטער אַראָפּגענומען דעם הוט פאַר מיר און מיך זייער העפלעך באַגריסט...

נאָר לאָמיר זיך ווידער אומקערן צום ענין וועגן די וויטערדיקע שטערונגען צו אונדזער אַרבעט.

בכדי צו שאַפן אַ נייע גרופּע ביי דער פילהאַרמאָניע דאַרף די מלוכה אויסטיילן ספּעציעלע פאָנדן פאַר צאָלן געהאָלט די מיטגלידער פון דער גרופּע. האָט מען אונדז געמאָלדן אין דער פאַרוואַלטונג פאַר קונסט־ענינים, אַז עס איז ניטאָ קיין פאָנדן פאַר אונדזער גרופּע. האָב איך זיך פאַרזענלעך געווענדעט וועגן דער פראַגע צו דער פאַרוואַלטונג ווו עס ווערן פּלאַנירט און באַשטימט די פאָנדן. האָט דער פאַרוואַלטער

פון דער געהעריקער אָפּטיילונג אויסגעטיילט ספּעציעל פאַר אונדזער גרופּע 100 טויזנט רובל יערלעך. דאָס איז געווען אַ סומע איבערגענוג פאַר אונדזער גרופּע. נאָר פּעטשוראַ האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם. דאָס זיינע פאָנדן צו אַנטוויקלען די ליטווישע קונסט און די יידישע קונסט זענען מיר נישט פאַרפליכטעט צו אַנטוויקלען... האָב איך אים געענטפערט אַז דאָס איז אַביסל ענלעך צו שאָוויניזם און זייער פיל ענלעך צו אַנטיסעמיטיזם. האָט ער קאַטעגאָריש געמאָלדן, אַז ער וועט אין קיין פאַל ניט דערלאָזן, אַז די אויסגעטיילטע פאַר אונדז פאָנדן זאָלן אויסגענוצט ווערן פאַר אונדזער גרופּע. האָבן מיר אָנגעשריבן אַ מעלדונג אין צענטראַלן קאָמיטעט פון דער ליטווישער קאָמפּאַרטיי, און אַ קאָפּיע צום מיניסטער באַנייטיס. און איך בין ווידער אַרויסגעפלויגן מיט אַן אַעראָפּלאַן קיין מאָסקווע. נאָר אויף מאָרגן האָט מען מיר פון ווילנע אָנגעקלונגען קיין מאָסקווע, אַז אַלץ איז שוין אין אָרדענונג. מען האָט פּעטשוראַן אַרויסגערופן אין פּאַרטיי־קאָמיטעט און געגעבן אַן אָנצוהערעניש, אַז מיט דעם קאָן ער זיך קאַליע מאַכן זיין גאַנצע קאַריערע... ער האָט זיך שטאַרק דערשראָקן, און בפרט, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז איך בין שוין ווידער אין מאָסקווע, און גיי זיך באַקלאָגן אויף אים... אויף מאָרגן איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע פונעם פאַרוואַלטער פאַר קונסט־ענינים אין מאָסקווע אונטערגעשריבן דורך פּעטשוראַ אַז אין רעזולטאַט פונעם דורכקוק פונעם קונסט־ראַט ביי דער ליטווישער פילהאַרמאָניע, איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָנצערט־גרופּע אין באַשטאַנד פון: בראַודאַ, ליפּשצייטע, כאַיאַטאַוסקאַס און דוקסטולסקייטע. די לעצטע איז געווען אונדזער פּיאַניסטין, אַ פאַרדינסטפולע אַרטיסטין פון דער ליטווישער רעפּובליק. זי פלעגט עפּענען אונדזערע קאָנצערטן מיט אַ סאָלאָ מיט איר אייגענער קאָמפּאָזיציע „דער יידישער קאַרניוואַל" און פלעגט אַקאָמפּאַנירן ליפּשיצייטע און כאַיאַטאַוסקאַס.

די דערפאלגן פון נחמה ליפשיץ

ענדלעך, האָבן מיר דעם 2־טן יולי 1957 יאָר אין ריגע אָנגעהויבן אונדזערע קאָנצערטן, וואָס זענען אומעטום אויפגענומען געוואָרן מיט גרויסער באַגייסטערונג. פון ריגע פאָרן מיר קיין קרים. און מיר לויפן דורך אַ היבשע שטרעקע אָנהויבנדיק פון קערטש איבער סעוואַסטאָפּאָל,

נחמה ליפשיץ אין יאָר 1957 אין ווילנע

יאַלטאַ, סימפעראָפּאָל און יעווּפּאַטריע. נאָכהער האָבן מיר באַזוכט אַ ריי שטעט אין אוקראַינע: ווינניצע, כמעלניצקי (געוועזענער פּראָס־קוראָוו), קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, זשיטאָמיר, אָדעס, לוואָוו, טשערנאָוויץ, סטאַ־ניסלאַוו — און אין אָדעס האָבן מיר געגעבן 19 קאָנצערטן. און אומעטום דאַנקבאַרער פאַרכלינעטער ענטוזיאַזם פון אויסגעדאַרשיקן און אויסגע־הונגערטן יידישן צושויער.

אויף איינעם פון אונדזערע קאָנצערטן אין אָדעס זיינען צו אונדז אריינגעקומען הינטער די קוליסן דער געוועזענער אַטאַשע פון דער ישראל־אַמבאַסאַדע מר חזן מיט זיין פרוי. זיי האָבן אונדז זייער האַרציק באַדאַנקט און אַרויסגעזאָגט אַ הויכע מיינונג וועגן אונדזער קאָנצערט. אַלץ וואָס מיר האָבן געזען אין מאָסקווע, — האָבן זיי אונדז געזאָגט, — און בכלל אין ראַטנפאַרבאַנד, אויף דער יידישער שפּראַך, איז אַמיינסטן געווען זייער ביליקע ווערק אין זייער אַ פּרימיטיוור און צייטנווייז אַ באַנאַלער אויספירונג. מאַנכעס מאָל איז עס געווען אַ שאַנדע פארן יידישן פאָלק. נאָר דאָס וואָס מיר האָבן געזען היינט ביי אייך, איז עס אויף אַ גרויסער קולטורעלער הויך און עס איז אַ כבוד פארן יידישן פאָלק. בכלל, האָבן אַלע קונסט־טוער און אַלע אינטעלעקטואַלע צושויער, געהאַט זייער אַ הויכע מיינונג וועגן אונדזערע קאָנצערטן. עס האָט זיך גערעכנט אַז דאָס איז די בעסטע יידישע גרופּע אין ראַטנפאַרבאַנד.

אונדזער פּראָגראַם איז באַשטאַנען פון יידישע לידער פון די קאָמ־פּאָזיטאָרן: לייב פּולווער, ל. קאָהאַן, ג. ל. יאַמפּאָלסקי, ש. ז. סענדעריי, אויף די טעקסטן פון די יידישע דיכטער: שמואל האַלקין, יוסף קאָטליאַר, זלמן שניאור, א. אנסקי, אַ רייע לידער פון מרדכי געבירטיג און אַ גאַנצע ריי פאָלקס־לידער. איך האָב פאַרגעלייענט עטלעכע לידער פון שמואל האַלקין, הירש אָשעראָוויטש, יוסף קאָטליאַר, עטלעכע משלים פון אליעזר שטיינבאַרג און עטלעכע דערציילונגען פון שלום עליכם.

אין 1958 יאָר האָבן מיר באַזוכט אַ ריי שטעט אויף דער וואָלגע: קאַ־זאַן, אופאַ, אוליאַנאָווסק, קויבישעוו און אַנדערע, — און אויך מיט דעם זעלבן דערפאָלג. נאָכדעם זענען מיר אויפגעטראָטן אין לענינגראַד מיט 10 קאָנצערטן. די סאָוויעטישע פּרעסע האָט צום באַדויערן גאָרנישט געשריבן וועגן אונדזערע קאָנצערטן. וועגן אונדזערע קאָנצערטן פלעגן מיר לייענען אָפּרופן אין די אויסלענדישע צייטונגען, „פאָלקסשטימע“ און אַנדערע.

אין פעווראַל 1958 איז נחמה ליפשיץ אַרויסגעטראָטן אויפן אַלפאַר־באַנדישן קאָנקורס פון עסטראַדע פון יונגע אַרטיסטן און האָט פאַרנומען דעם ערשטן אָרט צווישן די וואָקאַליסטן און האָט באַקומען דעם טיטל „לאורעאַט פון אַלפאַרבאַנדישן קאָנקורס" פון עסטראַדע. אַלע אַרטיסטן פון יידישן אָפּשטאַם, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אינעם קאָנקורס, האָבן באַוווּנדערט איר דרייסטקייט און געוואַגטקייט, אויפצוטרעטן אין מאָסקווע אויף דער יידישער שפּראַך. זיי האָבן אַלע איר פעסט געדריקט די האַנט און איר באַדאַנקט פאַר דעם פאַרגעניגן, וואָס זי האָט זיי מיט איר זינגען פאַרשאַפט און פאַר איר דרייסטקייט... דאָס כאַראַקטעריזירט דעם מצב פון יידישער קולטור און קונסט אין ראַטנפאַרבאַנד... די באַ־וווּסטע טאַלאַנטפולע פאָלקלאָריסטישע זינגערין, די פאַרדינסטפולע אַר־טיסטין פון ראַטנפאַרבאַנד אירמאַ יאוּנזען האָט אָנגעשריבן אַן אַרטיקל אין סאָוויעטישן זשורנאַל „טעאַטער" וועגן דעם קאָנקורס און האָט צווישן אַנדערע שטאַרק געלויבט נחמה ליפשיץ. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס אין דער גרויסער פרעסע פון דער הויפּט־שטאָט מאָסקווע איז געווען אָפּגעמערקט אַ יידישע זינגערין. אויך איר פאָטאָ איז געווען אין זשורנאַל.

נאָכן קאָנקורס האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן אונדזערע קאָנצערטן אין לענינגראַד. אין לענינגראַד, ווי איך האָב פריער אָפּגעמערקט, האָבן מיר שוין געהאַט געגעבן 10 קאָנצערטן און איצט ווידער אַמאָל נאָך 10 קאָנצערטן און ווידער מיט גרויס דערפאָלג.

דאָ אין לענינגראַד איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג אין אונדזער גרופּע. דער באַוווּסטער רוסיש־יידישער זינגער אַלעקסאַנדראָוויטש און דער אַדמיניסטראַטאָר פון דער לענינגראַדער פילהאַרמאָניע האָבן גע־ווירקט אויף נחמה ליפשיץ און צוגערעדט זי, אַז זי זאָל זיך צעשיידן מיט דעם זינגער כאַיאַטאוסקאַס און זאָל אויפטרעטן אַליין מיט סאָלאָ־קאָנצערטן. דער ערשטער סאָלאָ־קאָנצערט איז פאָרגעקומען אין מאָסקווע. ביז נחמה ליפשיץ איז נישט דורך דעם קאָנקורס, איז געווען כמעט אומ־מעגלעך אירע קאָנצערטן אין מאָסקווע. איך האָב נישט ווייניק ענערגיע און נערוון אָוועקגעגעבן צוליב דעם. נאָר עס האָט ניט געהאָלפן. אַלע טאַ־לאַנטלאָזע יידישע זינגערס און זינגערינס זיינען אַרויסגעטראָטן אין מאָסקווע, נאָר אונדז האָט מען נישט צוגעלאָזט. ערשט איצט, נאָכן קאָנקורס, איז עס געוואָרן מעגלעך... עס איז זייער שווער צו באַשרייבן דעם דער־

פּאָלג וואָס נחמה ליפשיץ האָט געהאַט אין מאָסקווע. מען קאָן זאָגן דרייסט, אַז די ריכטיקע אָנערקענונג איז פאָרגעקומען אין מאסקווע. און דעם גרעסטן דערפאָלג האָט זי געהאַט אין מאָסקווע.

אַן אַפיש פון אונדזערע אויפטרעטן אין 1958 — 1959

נחמה׳ס נאָמען איז געוואָרן פּאָפּולער אין גאַנץ ראַטנפאַרבאַנד ווי אויך אין אויסלאַנד. לויט מיין איניציאַטיוו האָבן מיר אָנגעהויבן שרייבן אויף די אַפישן ניט „נאַדיעזשדאַ״ נאָר נחמה ליפשיצייטע. „נחמה״ דאָס הייסט אין יידיש „אַ טרייסט״ און ווירקלעך, נחמהלע איז געוואָרן פאַר אונדז, אַלע יידישע אַרטיסטן און בכלל טעאַטראַלע טוער און איבערהויפּט באַזונדערס פאַר מיר אַן אמתע גרויסע טרייסט. ווייל נחמהלע דאָס איז אַ דערשיינונג אויף דער יידישער בינע. נאָכדעם וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט אַזאַ „פּאָגראָם״ פון דער יידישער טעאַטראַלער קונסט און בכלל פון דער יידישער קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד. האָט נחמהלע מיט אירע לידער מיט איר גרויסן טאַלאַנט אונדז באמת געטרייסט און דערוויזן, אַז עס איז נאָך ניט אונטערגעגאַנגען די יידישע קונסט אין ראַטנפאַרבאַנד.

דער ערשטער קאָנצערט אין מאָסקווע אין אַדורך מיט גרויס דערפאָלג. דאָס איז געווען אַ פריידיקער יובל. אַן אויסערגעוויינלעכער יום טוב. דער קאָנצערט איז פאָרגעקומען אין קולטור־פּאַלאַץ פון די אייזנבאַנער. אַן אנגענעמער רונדיקער זאַל מיט אַ גוטער אַקוסטיק. אַלע בילעטן אויספאַרקויפט נאָך מיט אַ וואָך צוריק. אין צושויער־זאַל זענען בייגעווען עטלעכע יידישע שרייבער, צווישן זיי שמואל האַלקין. כמעט אַלע אַקטיאָרן פונעם געוועזענעם יידישן מאָסקווער מלוכה־טעאַטער. דער קאָנצערט האָט זיך שוין געענדיקט. נחמהלע האָט שוין אפשר 10 מאָל ביסירט. די דויערנדיקע ראַשיקע, סקאַנדירענדע אַפּלאַדיסמענטן האָבן שטורמיש געהילכט. מיר האָט זיך געדוכט, אַז זיי וועלן זיך קיינמאָל נישט ענדיקן. נאָר ענדלעך — אַ סוף! איך בין געווען צופרידן וואָס דער קאָנצערט האָט זיך שוין געענדיקט, ווייל נחמהלע גיט אַוועק זייער פיל ענערגיע און געזונט. עס איז נישט אַזוי לייכט אויסצופירן 25 לידער יעדן אָוונט.

דער קאָנצערט איז געענדיקט נאָר די גרעסטע טייל צושויער גייען נישט אַוועק. זיי שטייען אין פאָיע און וואַרטן אַז נחמהלע זאָל אַרויסגיין. מיר הינטער די קוליסן האָבן גערעדט אויף שמואל האַלקין, מיט וועלכן מיר האָבן זיך צוזאַמענגערעדט, אַז נאָכן קאָנצערט וועט ער צו אונדז אַריינקומען. מיט אַ צייט צוריק זענען מיר מיט נחמהלען געווען ביי אים אינדערהיים, און נחמהלע האָט אים געזונגען די בעסטע לידער פון איר רעפּערטואַר. האַלקין איז פּשוט געווען אַנטציקט פון איר זינגען.

ווען מען האָט אָנגעקלאַפּט צו אונדז אין טיר, האָבן מיר געמיינט אַז דאָס קלאַפּט האַלקין. ער איז טאַקע געשטאַנען נאָר ניט ביי דער טיר. דער עולם האָט ניט געוווסט, אַז דאָס איז האַלקין, האָט מען אים פּשוט ניט צוגעלאָזט צו דער טיר און ער האָט בשום אופן ניט געקאָנט צוגיין צו אונדז נענטער. און ווי נאָר איך האָב געעפנט די טיר, האָבן זיך אַריינגעריסן צו אונדז אַ כוואַליע מענטשן. אַלע באַגייסטערטע, מיט טרערן אין די אויגן, האָבן זיי באַדאַנקט נחמהלען פאַרן גרויסן פאַרגעניגן און פאַר דער גרויסער פרייד וואָס זי האָט זיי פאַרשאַפט מיט איר געזאַנג. צווישן עולם אַ סך יוגנט, סטודענטן. אַלע באַגריסן זי. דאָס האַרץ ווערט איבערפולט מיט פרייד. ערשט אין אַ צייט אַרום, ווען דער עולם איז זיך צו ביסלעך צעגאַנגען איז אַריין צו אונדז האַלקין. אין אונדזערער

פּראָגראַם זיינען צוגעקומען נייע זאַכן, וועלכע נחמהלע האָט נאָך נישט געזונגען אין אירע פריקע קאָנצערטן.

ראָזענפעלדס „ניגון אָן ווערטער", „די יידישע וויגליד", מוזיק פון רבקה באַיאַרסקאַיאַ, ווערטער פון דיכטער שיקע דריז. דאָס איז אַ סימ־באָלישע ליד געווידמעט „באַבי־יאַר". דאָס איז דאַמאָלט געווען איינע פון די בעסטע לידער אין איר רעפּערטואַר. אין מאָסקווע האָבן מיר געגעבן 10 קאָנצערטן. נאָכהער, ווידער לענינגראַד, ריגע, טאַלין, ווילניוס. לויט אַ באַפעל פון קולטור־מיניסטעריום פון פ.ס.פ.ס.ר איז אונדזער גרופּע אויף אַ יאָר צוגעפעסטיקט געוואָרן צו דער לענינגראַדער פילהאַרמאָניע. אין לענינגראַד האָבן מיר אין פאַרלויף פון יאָר 1959 געגעבן 41 קאָנצערטן און אַ שעפערישן אָוונט אין קונסט־פּאַלאַץ א.נ. פון ק.ס. סטאַניסלאַווסקי, וועלכער איז דורך מיט גרויס דערפאָלג און דאָס ערשטע מאָל אין דער רוסישער צייטונג „סמענאַ" איז געווען אָפּגעדרוקט אַ גרויסע רעצענזיע, וועגן אונדזערע קאָנצערטן. וועגן אונדזערע קאָנצערטן האָבן פיל קריטיקער געשריבן נאָר אין ערגעץ האָט מען זיי ניט גע־דרוקט... און זיי ליגן עד היום אין די רעדאַקציעס. אין אָדעס, ווען מיר האָבן דאָרט גאַסטראָלירט, איז צו אונדז אַריינגעקומען אַ זשורנאַ־ליסטין, וועלכע האָט געאַרבעט אין אָדעסער צייטונגען. זי האָט שטאַרק געדאַנקט און געקושט נחמהלען מיט טרערן אין די אויגן. זאָג איך צו איר: „וואָס ווייַנט איר? שרייבט בעסער אָן אַ רעצענזיע אין אייער צייטונג, וועגן דעם קאָנצערט". האָט זי מיר געענטפערט: אַז פאַר דעם טאַקע ווייַנט זי, ווייל זי ווייס זיכער, צו איר גרויס באַדויערן, אַז וואָס זי זאָל ניט שרייבן וועגן יידישן קאָנצערט, וועט מען עס ניט דרוקן...

פון מאָסקווע זיינען מיר אָפּגעפאָרן קיין אוקראַינע. דאָס איז געווען ניט אַזוי לייכט. קריגן אַ דערלויבעניש אויף אויפטרעטן אין אוקראַינע און איבערהויפּט אין קיעוו. אויף דעם דאַרף מען פּטרן אַ סך נערוון. וואָס אָנבעלאַנגט קיעוו איז עס פּשוט אַן אוממעגלעכע זאַך. קיעוו, לאָזט ביזן היינטיקן טאָג ניט אַריין קיין אײן יידישן קאָנצערט, נאָר אַ דאַנק מיין אָנגעשטרענגטער ענערגיע און עקשנות זיינען מיר סוף 1959 יאָר אויפ־געטראָטן אין קיעוו. דערפאַר האָב איך נאָך דעם פאַרלאָרן די אַרבעט. מען האָט אונדז צעשיידט מיט נחמהלען... נאָר וועגן דעם שפּעטער.

מיט גרויס מי האָב איך זיך ענדלעך דערשלאָגן אַ דערלויבעניש צו אַרבעטן אין אוקראַינע. מיר האָבן באַזוכט זייער פיל שטעט. אין

אייניקע שטעט האָט מען אונדז געמאַכט שטערונגען. נאָר איך האָב זיך פאַרט דערשלאָגן. פון עטלעכע שטעט, האָבן מיר זיך געמוזט אָפּזאָגן. צווישן זיי איז געווען די הויפּט־שטאָט קיעוו און לעצטנס אָדעס.

אין 1959 האָבר מיר צוגעגרייט אַ ספּעציעלע פּראָגראַם צום הונ־דערט יאָריקן געבוירן־טאָג פון שלום עליכם. אברהם רובינשטיין האָט ספּעציעל פאַר אונדז מאָנטירט אייניקע סצענעס לויט שלום עליכם'ס ראָמאַן „בלאָנדזשענדע שטערן". דאָס איז אייגענטלעך געוואָרן אַ מאָנטאַזש, אין וועלכע עס זיינען געווען אַריינגעפלאָכטן פאָלקס־לידער ווי אויך אַריעס פון אָפּערעס. דאָס האָט געזאָלט הייסן „דער לעבנס־וועג פון ראָזאַליע ספּיוואַק" נאָר די אַדמיניסטראַציע פון לענינגראַדער פילהאַרמאָניע האָט עס אָנגערופן „בלאָנדזשענדע שטערן".

דעם מאָנטאַזש האָט אויסגעפירט דער פאַרדינסטפולער טוער, רע־זשיסאָר פון ווילנער רוסישן טעאַטער, ראובן לוריע. מוזיק פון פאָלקס־אַרטיסט לייב פולווער, דעקאָראַציעס און קאָסטיומען פון ר. כוואָלעס.

אין דעם מאָנטאַזש, האָט זיך נחמהלע באַוויזן ווי אויך אַ טאַלאַנט־פולע דראַמאַטישע אַרטיסטין.

אין ערשטן טייל, אין וועלכן זי האָט געשפּילט „רייזעלען", איז זי געווען אויסגעצייכנט. ס'האָט זיך זייער געפּאַסט איר אינדיווידואַ־ליטעט צו דער ראָל. נחמהלע איז פון קליינעם וווקס און ווען זי טוט אָן שיכלעך אָן קנאָפּל, זעט זי אויס ווי אַ מיידעלע פון 15 — 16 יאָר. איך האָב פאַרגעלייענט פונעם מחבר, וועלכער האָט פאַרבונדן די עפּיזאָדן, און אייניגע עפּיזאָדן האָב איך אויסגעפירט די ראָל מוראַווטשיק, נאָר אָנגעטאָן בין איך געווען באַדינגלעך און אָן אַ געהע־ריקן גרים און קאָסטיום. אין ערשטן טייל זיינען אַריין פאַרשידענע לידער: אַן אַריע פון דער מוזיקאַלער דראַמע „שולמית", די ליד „אין בית המקדש", „די שבועה", מוזיק לויט גאָלדפאַדן, באַארבעט פון לייב פולווער. די לידער פון דער „כישופמאַכערין" — „צו דיין געבורטסטאָג", מירעלעס ליד „אוי איר יידן בני רחמנים" און דער דועט „קום, קום צו מיר" וועלכן איך האָב אויסגעפירט מיט נחמהלען אין דער ראָל מו־ראַווטשיק. פאָלקס־לידער — „קאַטערינאַ מאַלאַדיצאַ", „פון כאַסלאַוויטש ביז לובאַוויטש", „פּרייטיק אויף דער נאַכט", צוויי לידער פון „שיר השי־רים", מוזיק און מוזיקאַלישע באַאַרבעטונג פון לייב פולווער.

אין צווייטן טייל זיינען אַריין די אַריעס: וויאָלעטאַ פון דער

אָפּעראַ „טראַוויאַטאַ", די אַריע פון ראַזינאַ פון דער אָפּערע „דער פּריזירער פון סעווילי", מוזיק רוסיני, שובערט"ס „אַווע מאַריאַ", ראַסיניס „טאַראַנטעלאַ", מאַקס ברוכס „כל נדרי" אַ טראַנסקריפּציע אַן ווערטער און צום פינאַל פלעג איך אַרויסגיין און דערציילן לויטן מחבר: אַז די „בלאַנדזשענדע שטערן" האָבן זיך ענדלעך געטראָפן נאָר זיך צעגאַנגען. אַז איין טרייסט איז איר נאָר געבליבן אין לעבן, דאָס איז די בינע. נאָר ווען איר וואָלט הערן ווי זי זינגט יידישע לידער? זי דרינגט אייך פשוט אין דער נשמה אַריין!...

נאָכדעם פלעגט נחמהלע אויפטרעטן מיט די בעסטע לידער פון איר רעפּערטואַר. מיט דעם נייעם פּראָגראַם האָבן מיר זיך ווידער גע־לאָזט אין אַ טערנע איבער די שטעט פון אוקראַינע און מאָלדאָוויע.

אין מאָלדאָוויע זיינען אונדזערע קאָנצערטן, פּונקט ווי אין אַנדערע שטעט געגאַנגען מיט גרויס דערפאָלג. נאָר באַזונדער וויל איך זיך אָפּ־שטעלן אויף אונדזערע קאָנצערטן אין קעשעניעוו. דער זאַל פון קעשע־ניעווער פילהאַרמאָניע האָט זיך צו יענער צייט רעמאָנטירט. אונדזערע קאָנצערטן זיינען פאָרגעקומען אינעם קלוב פון אוניווערזיטעט, וועלכער האָט נאָר 400 פּלעצער. ס'פאַרשטייט זיך, אַז דער זאַל האָט נישט געקאָנט באַפרידיגן אַלע צושויער פון קישעניעוו, וועלכע האָבן גע־וואָלט הערן אונדזערע קאָנצערטן. די אָנפירער פון דער פילהאַרמאָניע האָבן דערזען אַז עס איז דאָ אַזאַ גרויסער אַזשיאָטאַזש, אַלע פאָדערן בילעטן און דער זאַל פון נעם קלוב האָט נאָר געקאָנט באַפרידיקן 800 פּערזאָן אויף צוויי קאָנצערטן, האָבן זיי פאַרגעלייגט געבן צוויי קאָנצערטן אינעם „גרינעם טעאַטער". דאָס איז אַן אָפענע סצענע מיט אַן אַמפי־טעאַטער, וועלכער פאַסט 6000 פּלעצער. איך האָב קאַטעגאָריש זיך אָפּגעזאָגט פון די קאָנצערטן. עס איז שוין געווען סעפּטעמבער, און די אָוונטן זיינען שוין קילע. אַרויסלאָזן אַ זינגערין מיט אַזאַ לירישער שטימע איז אַ ריזיקע. זי קאָן חלילה פאַרלירן די שטימע. נאָר די די־רעקציע פון דער פילהאַרמאָניע האָט צוגעשיקט אירע פאַרשטייער די־רעקט צו נחמהלען און זיי האָבן זי איינגערעדט. זי האָט געגעבן איר הסכמה אויפצוטרעטן אויף דער פרייער לופט אינעם גרינעם טעאַטער. אויב, — האָט זי געזאָגט, — אַז אַזויפיל יידן ווילן זי הערן? קאָן איך זיי ניט אָפּזאָגן אין דעם...

אין צווישנצייט פון די קאָנצערטן אין קלוב און אין גרינעם טעאַטער

האָבן מיר באַזוכט אַ ריי שטעט אין מאָלדאַוויע. בעלץ, טיראַספּאָל, סאָראָקע, בענדערי און אנד. קומענדיק צוריק אין קעשענעוו, האָבן זיך צו אונדז געווענדעט די היגע יידישע שרייבער, מאָטל סאַקציער, שרייבמאַן, יאַקיר און אויך אַנדערע באַקאַנטע יידישע אַרטיסטן, און האָבן אונדז געבעטן צו קריגן פאַר זיי בילעטן אויף אונדזערע קאָנצערטן. האָב איך זיך געווענדעט אין פילהאַרמאָניע און געבעטן עטלעכע בילעטן פאַר אונדזערע באַקאַנטע און פריינט. האָט מען מיר געענטפערט, אַז אַלע בילעטן זיינען שוין לאַנג אויספאַרקויפט. אפילו די 60־טע ריי אויף וועלכער יידן קויפן קיינמאָל קיין בילעטן ניט, איז אויך אויס־פאַרקויפט. מיר פאַרקויפן איצט נאָך 500 בילעטן שטייענדיקע פּלעצער... אַזוי אַרום וועלן מיר האָבן אַן אוידיטאָריע פון 7.000 צושויער. אַזאַ איינגאָמע האָט נאָך אונדזער פילהאַרמאָניע קיינמאָל ניט געהאַט, האָט מען מיר געענטפערט. נאָר פאַר אונדזערע פריינט האָט מען אַוועק־געשטעלט ספּעציעלע בענקלעך.

די בינע איז געווען זייער גוט ראַדיאָפיצירט און מיר זיינען אַרויס־געטראָטן דורך מיקראָפאָנען. קיין איינציק וואָרט, ניט פון מיינע פאַר־לעזונגען ווי אויך פון נחמהלעס לידער איז ניט פאַרלוירן געגאַנגען.

עס איז שווער אויסצודריקן מיט ווערטער, מיט וואָס פאַר אַן ענטוזיאַזם דער צושויער האָט אויפגענומען נחמהלען. די אַפּלאָדיס־מענטן זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין לאַנגדויערנדיקע אָוואַציעס.

ווען דער קאָנצערט האָט זיך געענדיקט, איז דער גאַנצער עולם געבליבן אין פּאַרק, און געוואַרט מיר זאָלן אַרויסגיין. בשום אופן האָבן זיי ניט געוואָלט זיך צעגיין: מען וואַרט אויף נחמהלען. איך האָב גע־פרעגט דעם אַדמיניסטראַטאָר, אפשר איז דאָ אַן אַנדער אַרויסגאַנג? צוליב געוויסע טעמים האָבן מיר זיך באַמיט אויסצומיידן אַזעלכע דעמאָנסטראַציעס... ליידער, — האָט מיר געענטפערט דער אַדמיניסטראַ־טאָר אַז קיין אַנדער אַרויסגאַנג איז ניטאָ. סיידן אין דער אַזערע, וועלכע געפינט זיך נעבן טעאַטער. אַנדערטהאַלבן שעה האָבן מיר געוואַרט און דער עולם איז זיך ניט צעגאַנגען. מיר האָבן קיין אנדערע ברירה ניט געהאַט און מיר זיינען אַרויס אין פּאַרק. עס האָבן זיך אָנגעהויבן שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן מיט אויסגעשרייען. עס איז געוואָרן אַזאַ גע־פילדער מיט אַ געשריי — און פּלוצים האָט מען זי ממש אַרויסגעכאַפּט פון מיינע הענט. נעבן מיר איז געשטאַנען דער שרייבער יאַקיר. ער

איז אַ הויך געבויטער, פעסטער מאַן, האָב איך אים געבעטן אַרויסבאַקומען נחמהלען פון דער מאַסע. זי איז זייער אַ שוואַכע מיטן געזונט און קאָן פאַלן חלשות פון אַזאַ אָוואַציע... יאַקיר האָט זיך אַריינגעריסן אין דער מאַסע מיט גרויס מי אַרויסגעריסן זי פון דעם עולם און אויף די הענט זי צוגעטראָגן צו דער מאַשין וועלכע האָט אויף אונדז געוואַרט. האָט דער עולם אַרומגערינגלט די מאַשין און זי ניט געלאָזט זיך רירן פונעם אָרט. — „נחמהלע! קום צו אונדז אָפּטער! אַ געזונט אויף דיין קאָפּ" — האָבן אַלע מיט די ווערטער, מיט טרערן אין די אויגן זי באַגריסט. דער פאָרשטייער פון דער פילהאַרמאָניע וועלכער איז געזעסן מיט אונדז צוזאַמען אין דער מאַשין, האָט אונדז געזאָגט, אַז אַזאַ דערפאָלג האָט נאָך קיינער ניט געהאַט אין קעשעניעוו. 64 טויזנט רובל האָט די פילהאַרמאָניע געהאַט איינגאמע פאַר דעם ערשטן קאָנצערט אינעם גרינעם טעאַטער.

פון קעשעניעוו זיינען מיר געקומען קיין טשערנאָוויץ און דאָ איז ווידער די זעלבע צרה: די קאָנצערטן זיינען געמאָלדן אויך אין אַ זומער־טעאַטער אין פאַרק. אַלע בילעטן זיינען אויספאַרקויפט. אָבער אין דרויסן איז קיל און פונקט דעם אָוונט האָט אָנגעהויבן רעגענען. דער טעאַטער איז באַדעקט מיט אַ ברעזענט נאָר די לופט איז קיל און ס'איז ווידער אַ ריזיקע פאַר נחמהלעס שטים. אויפצוטרעטן ביי אַזאַ וועטער אין אַ קאַלטער געביידע. דער עולם איז אָנגעטאָן אין וואַרעמע מאַנטלען; נחמהלע דאַרף אויפטרעטן אין דער ראָל פון רייזעלע אין אַ דינעם, ציצענעם קליידל... דער שטעלפאַרטרעטער פונעם דירעקטאָר פאַליק איז זייער צעטראָגן. אויב דער קאָנצערט וועט נישט פאָרקומען וועט מען דאַרפן אומקערן די צושויער דאָס געלט פאַר די בילעטן... נעמט ער אונטערן אָרעם נחמהלען און פירט זי צום פאָרהאַנג און וויזט דורך אַ שפאַרונע אויפן פובליקום: „אָט איר זעט, — זאָגט ער צו איר, — אָט דאָ זיצן יידן, עלטערע מענטשן, פיל פון זיי ליידן אויף מערידן... און אַנדערע יידישע קראַנקייטן. זיי אַלע זענען געשטאַנען אונטער אַ שלאַקס־רעגן אין דער ריי צו קריגן אַ בילעט אויף אייערע קאָנצערטן. ווי אַזוי קאָן איך זיי מעלדן, אַז אייער קאָנצערט וועט ניט פאָרקומען?... די פרווי פון פאַליקן די באַוווסטע אַרטיסטין סידי טאַל, האָט ספּעציעל צוגעשיקט נחמהלען אירס אַ פוטערנעם מאַנטל, זי זאָל עס אָנטאָן און זאָל חס ושלום זיך ניט פאַרקילן. פאַליק האָט געבראַכט הייסע קאַווע מיט אַ פלעשל קאָניאַק.

דעם קאָניאַק האָב איך מיטן פּיאַניסט פייגין צורעכט געמאַכט... נחמהלע האָט נאָר אויסגעטרונקען אַ קליין גלעזעלע און האָט זיך גלייך צע־וואַרעמט... און דער קאָנצערט האָט זיך אָנגעהויבן. אין דעם אָוונט האָט זי געזונגען מיט אַ באַזונדער היץ און טעמפּעראַמענט, — דער קאָנצערט איז אַדורך מיט אַן אומגעהויערן דערפאָלג. דאָס פּובליקום האָט זי אויך דאָ אָפּגעוואָרט און ווען זי איז אַרויס, האָט מען איר געמאַכט ווידער אַן אָוואַציע. ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס אין דרויסן האָט נאָך געגאָסן אַ דריבנע רעגנדל, נאָר נאָך דעם קאָנצערט האָט זיך ביי נחמהלען געזעצט די שטים. צום גליק איז עס געווען דער לעצטער קאָנצערט אינעם סעזאָן און זי האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט אָפּרוען זיך.

אויפן פערטל קוואַרטאַל פון 1958 איז ביי אונדז געווען פּלאַנירט ווייסרוסלאַנד. דריי מאָל בין איך געפאָרן אין מינסק וועגן אונדזערע גאַסטראָלן אין ווייסרוסלאַנד. און יעדעס מאָל האָט מען מיר אָפּגעלייגט פון איין יאָר אויפן צווייטן, פון איין קוואַרטאַל אויפן צווייטן. ביז מען האָט מיר ענדלעך צוגעזאָגט סענטיאַבער 1958 אומבאַדינגט אויפנעמען אונדזערע גאַסטראָלן. ווען איך בין געקומען צו דער באַשטימטער צייט, האָט מען ביי מיר געפאָדערט אַ דערלויבעניש פון מאָסקווע, בין איך ספּעציעל אַרויסגעפלויגן מיט אַן עראָפּלאַן קיין מאָסקווע און צוריק אין מינסק און געבראַכט אַ ספּעציעלע דערלויבעניש אויף אונדזערע קאָנצערטן פון מאָסקווע.

האָט זיך דערמאָנט דער שטעלפאַרטרעטער פונעם מיניסטער פאַר קולטור אַז אין דעצעמבער 1958 איז 40 יאָר סאָוויעטישע ווייסרוסלאַנד. צו אַזאַ יובל וועט מען זיך גרייטן גאַנצע דריי חדשים, וועלן אַלע טעאַטער געביידעס זיין פאַרנומען. דעריבער קאָנען זיי אונדז אויפנעמען אין יאַנואַר 1959. האָב איך שוין מסכים געווען אויף יאַנואַר, נאָר איך האָב געבעטן אַז מען זאָל עס מיר שריפטלעך באַשטעטיקן. האָט ער תחילת נישט געוואָלט, נאָר ווען איך האָב זיך געווענדעט צום צווייטן סעקרעטאַר פון צ.ק. גאַרבונאָוו, האָט ער אַפילו אין אָנפאַנג ניט געוואָלט רעדן וועגן דעם. נאָר ווען איך האָב אים געזאָגט: אַז דס איז אַ פול־קאָמע דיסקרימינאַציע פון יידישער קונסט אין ווייסרוסלאַנד און דאָס ווידערשפּרעכט די לעניניסטע פּרינציפּן פון דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק און אַז איך וועל זיין געצווונגען זיך ווענדען וועגן דעם ענין אין

מאָסקווע אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער אַרטיי, — האָט ער מיך אָנגעהויבן שרעקן, אַז ער וועט מיך צוציען צום געריכט פאַר רכילות אויף דער סאָוויעטן־מאַכט אין ווייסרוסלאַנד. האָב איך אים געענטפערט, אַז איך וועל זיין זייער צופרידן אַרויסצוטרעטן אין גע־ריכט, — איך וועל דאָן האָבן די מעגלעכקייט דערוויזן מיט פאַקטן, אַז עס איז דאָ אין ווייסרוסלענדישן קולטור־מיניסטעריום אַ ספּעציעלע טענדענץ, קעגן יידישע קאָנצערטן. קורץ, נאָך לאַנגע דיסקוסיעס, האָט ער פאַרט אַרויסגערופן דעם וויצע קולטור מיניסטער שאַראַכאָווסקען אים געהייסן שריפטלעך באַשטעטיקן אונדזערע קאָנצערטן אויף דער 2־טער העלפט יאַנואַר 1959.

נאָר מיט דעם האָט זיך עס נאָך ניט געענדיקט. ווען איך בין געקומען אין דעצעמבער אונטערשרייבן אַן אָפּמאַך אויף אונדזערע גאַסט־ראָלן, האָט מען מיר געמאָלדן, אַז מען קאָן אונדז אויפנעמען נאָר אין פּעוורויאַל. בין איך שוין מסכים געווען אויף פעווראַל. האָט מען אָנגעהויבן אויסאַרבעטן אַ מאַרשרוט. 3 טעג האָט מען צוזאַמענגעשטעלט דעם מאַרשרוט און פינף מאָל האָט מען אים איבערגעמאַכט. ענדלעך, האָט מען צוזאַמענגעשטעלט דעם מאַרשרוט אין וועלכן מען האָט אונדז דערלויבט צו איין קאָנצערט אין יעדער שטאָט און נאָר אין באָברויסק 2 קאָנצערטן און אין מינסק האָט מען אונדז בכלל ניט דערלויבט קיין איין קאָנצערט אפילו...

מיר האָבן אָנגעהויבן אונדזער גאַסטראָלן און אומעטום, אין אַלע שטעט, וויטעבסק, מאָהילעוו, האָמעל, — האָט מען געפאָדערט נאָך קאָנצערטן. האָבן מיר שוין געגעבן צו צוויי און אפילו צו דריי קאָנ־צערטן אין יעדער שטאָט. די היגע קולטור־אָנפירער פון די שטעט האָבן גענומען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויף זיך...

אַלע קאָנצערטן זענען געגאַנגען מיט דעם זעלבן דערפאָלג ווי אין אוקראַינע. נאָכן קאָנצערט אין אָרשע, איז ביי אונדז געווען אַ פּאָר פריי טעג. האָבן מיר זיך מישב געווען מיט נחמהלען, אַז זי זאָל פאָרן קיין מינסק און זאָל זיך אַליין ספּעציעל מעלדן צום סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון ווייסרוסלענדישער קאָמוניסטישער פאַרטיי צו גאַרבונאָוו, און בעטן אים, אַז ער זאָל אונדז דערלויבן עטלעכע קאָנ־צערטן אין מינסק.

דער סעקרעטאַר האָט זי פּשוט גראָב אויפגענומען. „יעדער טוי־

געניכטס, — האָט ער איר געזאָגט, — פּלייסט זיך אויפצוטרעטן אין מינסק!... און ווען זי האָט אים געזאָגט: „אַז זי איז אַ לאַורעאַט פון אַלפאַרבאַנדישן קאָנקורס פון עסטראַדע־זינגערס און אַז זי איז אַרויס־געטראָטן מיט אירע קאָנצערטן אין מאָסקווע, לענינגראַד, ריגע און אַנדערע שטעט... — האָט ער איר געענטפערט: „אַז וויניק אידיאָטן איז דאָ ביי אונדז אין לאַנד?... און אַז זי האָט אים געזאָגט: „אַז אונדזער פּראָגראַם איז געווידמעט דעם הונדערט־יאָריקן געבוירן טאָג פון שלום עליכם, האָט ער איר ווידער גראָב געענטפערט: „ווער איז עס געווען שלום עליכם און וואָס פאַר אַ שייכות האָט ער מיט מינסק?... זייט צופרידן, וואָס מען האָט אייך דערלויבט צו גאַסטראָלירן אין דער פּראָווינץ"...

ווען איך האָב געמאָלדן דעם דירעקטאָר פון דער ווייסרוסישער עסטראַדע טשערנאָוסן, אַז מען האָט מיר צוגעזאָגט, אונדז אויפנעמען אין דער 2־טער העלפט פון יאַנואַר 1959, האָט ער מיט אַ שמייכל געזאָגט: איר וועט דאָ קיינמאָל ניט אויפטרעטן, אַלץ ווענדט זיך אָן גאָרבונאָוון. און גאָרבונאָוו איז אַן אויסגעשפּראָכענער אַנטיסעמיט. זאָג איך אים: גוואַלד, וואָס רעדט איר. ווי אַזוי קאָן אַ סעקרעטאָר פון קאָמוניסטישער פּאַרטיי זיין אַן אַנטיסעמיט?! האָט ער מיר דערציילט: אַז זיין פרוי אַ זינגערין, אַ רוסישע, האָט צוגעגרייט אַ קאָנצערט פון יידישע לידער, און מיט יידישע לידער האָט זי געהאַט דעם גרעסטן דערפאָלג. נאָר גאָרבונאָוו, האָט אים אַרויסגערופן און געזאָגט: אַז אויב זי וועט ניט איבעררייסן אויפטרעטן מיט יידישע לידער, וועט ער אויסגעשלאָסן ווערן פון דער פּאַרטיי און אַראָפּגענומען ווערן פון זיין אַמט. או זי האָט געמוזט אויפהערן אויפצוטרעטן מיט יידישע לידער.

דער יידישער פּאַרדינסטפולער אַרטיסט טרעפּעל, פון געוועזענעם ווייסרוסישן יידישן טעאַטער, האָט אָרגאַניזירט אַ טעאַטראַלע גרופּע און האָט אָנגעהויבן אויפטרעטן אויף יידישע אָוונטן, האָט ער אים שטרענג פאַרבאָטן. ער איז דער איינציקער וועלכער לאָזט ניט קיין יידישע קאָנצערטן אין ווייסרוסלאַנד. אויב איר וועט באַקומען זיין דערלויבעניש, וועט איר קאָנען דאָ אויפטרעטן. נאָר ער וועט אייך אפילו ניט אויפ־נעמען — אַזוי האָט ער מיר געזאָגט.

בין איך אַוועק אין צ.ק. פון דער ווייסרוסישער קאָם־פּאַרטיי און האָב אָנגעקלונגען גאָרבונאָוון.

איך: כ׳בעט מיך אויפנעמען.

גאַרבונאַוו: וועגן וואָס פאַר אַ פראַגע?

איך: וועגן פאַרקריפּלונג פון לענינישע פּרינציפּן אין דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק.

ער: וואָס פאַר אַ נאַרישקייט רעדט איר?

איך: עס רעדט מיט אייך אַ מענטש מיט גראָע האָר, און אַ טעאַטראַלער טוער, וועלכער אַרבעט אויף דער בינע שוין העכער 40 יאָר. איך בעט מיך אויפנעמען. איר קאָנט מיר אָפּזאָגן אין מיין פראַגע, מיט וועלכער איך קום צו אייך, נאָר אויפנעמען מיך זענט איר פאַר־פליכטעט. אויב איר וועט אָפּזאָגן מיך אויפצונעמען, וועל איך זיך ווענדן אין מאָסקווער צ.ק. איך בעט נאָר 10 מינוט מיר שענקען.

בקיצור, ער האָט מיך אויפגענומען. ווען איך בין אַריין, האָב איך דערזען פאַר זיך אַ ברייטפּלייציקן גראָען מענטש, מיט אַ בייזן פּנים. צווישן אונדז איז פאָרגעקומען אַ קורץ געשפּרעך.

עס קאָן זיין, האָט ער מיר געזאָגט, אַז עס איז דאָ אַ וויכטיקע סיבה, פאַרוואָס דער קולטור־מיניסטעריום, וויל ניט אויפנעמען אייערע קאָנצערטן.

די סיבה, האָב איך אים געזאָגט, זענט איר!

וואָס הייסט? פרעגט ער מיך. — מען זאָגט: אַז איר האָט ניט ליב קיין יידישע קאָנצערטן! — איז געווען מיין ענטפער.

פאַרשטייט זיך, בין איך ממשיך, אַז דאָס איז רכילות. איך קאָן זיך ניט פאָרשטעלן, אַז אַ קאָמוניסט, אַ סעקרעטאַר פון צ.ק. קאָן זיין אַן אַנ־טיסעמיט. נאָר איך שטאָט גייען אַרום אַזעלכע קלאַנגען, און דאָס דערגייט צו דער פרעסע אין אויסלאַנד, און דאָרט שרייבט מען שוין, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד איז דאָ אַנטיסעמיטיזם.

איך האָב געהאַט גרויס עגמת נפש. מיך האָט שוין פאַרדראָסן פאַרוואָס האָב איך איר געראַטן זיך צו ווענדן צום סעקרעטאַר.

איך דאַרף צוגעבן אַז וועגן דעם סעקרעטאַר גאַרבונאָוו האָט מיר דער געוועזענער דירעקטאָר פון דער ווייסרוסישער עסטראַדע, טשערנאָווס, געזאָגט, אַז ער איז דער איינציקער שטערער פון יידישע קאָנצערטן אין ווייסרוסלאַנד. אַז ער האָט אויך ליקווידירט דעם יידישן אַנסאַמבל פון ווייסרוסלאַנד, אונטער דער אָנפירונג פונעם פאַרדינסטפולן אַרטיסט פונעם געוועזענעם יידישן טעאַטער אין ווייסרוסלאַנד, טרעפּעל.

אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען מיר זיינען געווען מיט קאָנצערטן אין באָברויסק, האָט מען אונדז אָנגעקלונגען פון לענינגראַד, אַז נחמהלע דאַרף צוגרייטן אירע דאָקומענטן, זי דאַרף פאָרן קיין פּאַריז. מיר האָבן איבערגעריסן אונדזערע גאַסטראָלן און געקומען קיין מאָסקווע.

פאַרן אָפּפאָרן קיין פּאַריז, האָט נחמהלע געבעטן דעם פאַרוואַלטער פון דער אָפּטיילונג פאַר קולטור אינעם צענטראַלן קאָמיטעט פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, דעם חבר פּאָליקאַרפּאָוו אַז ער זאָל איר געבן אַן אודיענץ אונטער פיר אויגן. און האָט אים דערציילט דעם גאַנצן געשפרעך, וואָס זי האָט געהאַט מיט גאַרבונאָוון אין מינסק. זי האָט געפרעגט: צי זי וועט נאָכן אויפטרעטן אין פּאַריז האָבן אַ מעגלעכקייט אויפטרעטן מיט אירע קאָנצערטן דאָ אין אונדזער „היימלאַנד", אין ראַטנפאַרבאַנד?... ווייל צום ביישפּיל: ווען זי האָט געבעטן אַ דערלויבעניש אויפצוטרעטן אין מינסק, האָט מען איר קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט און דערצו גראָב באַליידיקט..." פּאָליקאַרפּאָוו האָט זי אויפמערקזאַם אויסגעהערט און געבעטן אַלץ אָנשרייבן אויף פּאַפּיר און צוגעזאָגט, אַז ער וועט אָננעמען מיטלען... זי האָט אים אַלץ געגעבן, מיט אַלע איינצלהייטן אָנגעשריבן נאָר דאָס פּאַפּיר ליגט ערגעץ ביז היינטיקן טאָג. קיין מיטלען זיינען ניט אָנגענומען געוואָרן. אמת, גאַרבונאָוו אַרבעט שוין ניט אין צענטראַל-קאָמיטעט, נאָר מען האָט אים איבערגעפירט אויף אַן אַנדער פּאָסטן, ניט דערפאַר, וואָס ער איז אַנטיסעמיטיש געשטימט... מען האָט אים פּשוט איבערגעפירט לויט זיין פּערזענלעכער ביטע אין דער ווייסרוסישער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע.

אין מערץ 1959 איז נחמהלע מיט דעם זינגער מ. ד. אַלעקסאַנדראָוויטש אויפגעטראָטן אין פּאַריז אויף די אָוונטן, וועלכע זיינען געווען געווידמעט דעם הונדערטיאָריקן געבוירן-טאָג פון שלום עליכם. איך מוז דאָ באַמערקן, ווי אומגעלומפּערט דאָס קולטור-מיניסטעריום האָט צוזאַמענגעשטעלט די גרופּע, וועלכע איז געפאָרן קיין פּאַריז. אויב מען האָט אָפּגעמערקט אַזאַ דאַטע, פון אונדזער גרויסן פאָלקס-שרייבער, האָט מען לויט מיין מיינונג געדאַרפט אויף די אָוונטן פאָרלייענען דאָס בעסטע פון זיינע ווערק. האָט דער קולטור-מיניסטער געפינען פאַר נויטיק שיקן קיין פּאַריז מיט דער גרופּע אַ פאָרלייענער, וועלכער באַזיצט ניט די יידישע שפּראַך. דעם אַרטיסט עמאַנואיל קאַמינקאַ איז

אַ ייד לויטן אָפּשטאַם, אָבער ער לייענט פאַר שלום־עליכם״ס ווערק אין רוסיש.

איך וויל ניט לייקענען, איך בין געווען פאַראינטערעסירט צו פאָרן מיט נחמהלען קיין פּאַריז. פאַרוואָס ניט?... איך בין די גאַנצע צייט אויפגעטראָטן מיט איר. דערצו האָבן מיר געהאַט אַ ספּעציעלן פּראָגראַם געווידמעט דעם הונדערט־יאָריקן געבוירן־טאָג פון שלום עליכם. מיר האָבן צוגעגרייט אַ מאָנטאַזש פון די „בלאָנדזשענדע שטערן״ וועלכער איז געגאַנגען ניט גרויס דערפאָלג. נאָר קאַמינקאַ איז אַ פאַר־דינסטפולער אַרטיסט. און איך האָב ניט באַוויזן צו ווערן „פאַרדינסט־פולער״, ווייל אונדזערע טעאַטערס און בתוכם דער אָדעסער מלוכה־טעאַטער ווו איך האָב געאַרבעט די לעצטע צייט, האָט מען ליקווידירט...

אויפן לעצטן קאָנצערט פאַרן אָפּפאָר פון דער גרופע אין פּאַריז, איז בייגעווען דער אָנפירער פון דער גרופע ב. ד. וולאַדימירסקי, וועלכער האָט באַקומען אַ ספּעציעלע פאַראָרדענונג פון קולטור־מיניסטעריום צופּעסטיקן אונדזער גרופּע מיט נחמהלען בראש ביי דער ליטווישער רעפּובליקאַנישער פילהאַרמאָניע און ער האָט זייער פיל מיטגעהאָלפן די גרופּע זאָל עקזיסטירן.

אונדזער קאָנצערט האָט ער געהערט צום ערשטן מאָל. פּונקט אויף דעם אָוונט האָב איך פאַרגעלייענט דעם מאָנאָלאָג „ווען איך בין ראָטשילד״. דעם זעלבן מאָנאָלאָג האָט קאַמינקאַ געלייענט אויף די אָוונטן אין פּאַריז.

נאָכן קאָנצערט איז געקומען הינטער די קוליסן צו אונדז וולאַדימירסקי און האָט מיר געדריקט די האַנט און געזאָגט: „ערשטנס, אַ גרויסן דאַנק אייך פאַר שלום עליכם, — איר לייענט פאַר דעם מאָנאָלאָג לפּי ערך בעסער פון קאַמינקען. ווען איך וואָלט אייך פריער געהערט, וואָלט איך זיך דערשלאָגן אַז איר זאָלט בעסער פאָרן אין פּאַריז אַנשטאָט קאַ־מינקאַ. און צווייטנס, אַ דאַנק אייך פאַר נחמהלען — איצט פאַרשטיי איך פאַרוואָס איר האָט אַזוי ענערגיש געקעמפט.״

קאַמינקאַ איז ניט קיין שלעכטער פאַרלייענער, הגם איך בין ניט מסכּים מאַט זיין אינטערפּרעטאַציע פון שלום עליכמ׳ס ווערק שטעכאָוון און מאָפּאַסאַנען לייענט ער פאַר ניט שלעכט. נאָר וואָס פאַר אַ שייכות האָט ער מיט פאַרלעזונגען אויף יידיש? און וואָס איז ער פאַר אַ פאַרשטייער אין אויסלאַנד פאַר יידישער קונסט. אַלעקסאַנדראָוויטש איז אויך ניט קיין פאַר־שטייער פון יידישער קונסט אין ראַטנפאַרבאַנד. מילא, זיינע קאָנצערטן

גיט ער דאָ אין רוסיש. זעלטן ווען ער זינגט אַ פּאָר יידישע לידער. נאָר ער באַזיצט די יידישע שפּראַך און זינגט זייער גוט יידישע פאָלקס־לידער.

ס׳פאַרשטייט זיך, אַז איך וואָלט אויף די אוונטן פאַרגעלייענט ניט איין מאָנאָלאָג פון שלום עליכם. איך טרעט איצט אויף מיט זעלבשטענדיקע אוונטן פון שלום עליכם. איז צו וואָס האָט מען באַדאַרפט שיקן קאַמינקאַ׳ן ער זאָל פאַרלייענען שלום עליכמס ווערק אין אַזאַ צעקליעטשיטן יידיש ? . . .

נאָר אָט איז נחמהלע געקומען צוריק פון פּאַריז אין זייער אַ גוטער שטימונג און עס האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן אונדזערע קאָנצערטן. שוין איצט אין אוקראַינע. אָרגאַניזירן אונדזערע טורנע אויף אוקראַינע איז דאָס מאָל אָנגעקומען ניט אַזוי לייכט. פאַר דער צייט איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג אין די קאָנצערט־אָרגאַניזאַציעס. פריער האָט מען אין מאָסקווע פּלאַנירט אַלע קאָנצערטן אין אַלע שטעט פון גאַנץ ראַטנ־פאַרבאַנד. נאָר איצט, האָט אוקראַינע באַקומען דאָס רעכט אַליין פּלאַנירן אַלע קאָנצערטן ביי זיך אין דער רעפּובליק. די ענדערונג איז פאָר־געקומען פּונקט אין 1957 יאָר, ווען מיר האָבן פאַרענדיקט אונדזערע גאַסטראָלן אין אַדעס. ווי איך האָב שוין געשריבן האָבן מיר אין אַדעס געגעבן 19 קאָנצערטן און עס זענען שוין געווען גרייט אַפישן אויף נאָך צוויי קאָנצערטן. אין דער צייט איז אָנגעקומען קיין אַדעס, דער נאָר וואָס באַשטימטער נייער מיניסטער פאַר קולטור־ענינים באַביטשוק, אויך ווייזט אויס אַן אויסגעשפּראָכענער אַנטיסעמיט. אין דעם זעלבן טאָג, ווען מען האָט נאָך ניט באַוויזן אַרויסצוהענגען די אַפישן אויף די לעצטע צוויי קאָנצערטן, איז ער צוגעגאַנגען צום לאָקאַל פון אַדעסער פיל־האַרמאָניע און האָט באַמערקט אַ פּלאַקאַט מיט אַ שורה אויף יידיש, „יידישע לידער״. האָט ער זיך געווענדעט צום הויפּט אַדמיניסטראַטאָר פון דער אַדעסער פילהאַרמאָניע, וועלכער איז צופעליק דערביי גע־שטאַנען. אויף אוקראַיניש: „כטאָ צע דאָזוואָליל ? (ווער האָט עס דער־לויבט ?) האָט אים דער אַדמיניסטראַטאָר געענטפערט, אַז די קאָנצערטן זיינען פּלאַנירט דורך דער מאָסקווער אַלפאַרבאַנדישער גאַסטראָל־ביוראָ. האָט ער מיט רוגזה אויסגעשריען: „אוקראַינע איז אַזאַ רעפּובליק, וואָס זי דאַרף און וועט אַליין באַשטימען וועמען איינצולאַדן אויף גאַסטראָלן !....

די צוויי קאָנצערטן זיינען שוין ניט פאָרגעקומען . . . און מיט גרויס

מי און דערנידערונגען איז מיר איצטיקעס מאָל אָנגעקומען צו באַקומען אַ דערלויבעניש צו אַרבעטן אויף אוקראַינע און באַזונדערס אין אָדעס. וועגן קיעוו איז בכלל ניטאָ וואָס צו רעדן. קיעוו לאָזט ביזן היינטיקן טאָג ניט אַריין קיין יידישע קאָנצערטן. נאָר וועגן קיעוו וועל איך זיך נאָך אומקערן באַזונדער. דאָס איז אַ גאַנץ באַזונדער קאַפּיטל.

אין 1959 יאָר האָבן מיר לויט דער פאַראָרדענונג פונעם אַלפאַר־באַנדישן קולטור־מיניסטעריום אַ יאָר צייט געאַרבעט פון דער לענינ־גראַדער פילהאַרמאָניע. בין איך אָנגעקומען קיין קיעוו מיט אַ בריוו פון דער אויבנדערמאָנטער פילהאַרמאָניע צו דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פאַר קונסט ־ענינים מיט אַ ביטע אונדז צו דערלויבן צו גאַסטראָלירן אין אוקראַינע. נאָר פריער האָב איך געהאַלטן אַן עצה מיטן דירעקטאָר פון דער אוקראַאינישער גאַסטראָל־ביוראָ חבר שקנעווסקי. ווען ער האָט איבערגעלייענט דעם בריוו זאָגט ער צו מיר מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן: „מיט וואָס קאָן איך אייך העלפן? אויב איך וועל אייך דערלויבן צו קאָנצערטירן, וועט מען מיך גלייך אַראָפּנעמען פון דער אַרבעט...״ זאָג איך צו אים: „אַלץ איינס וועט איר דאָ ניט אַרבעטן אַלס דירעקטאָר. פריער אָדער שפּעטער וועט מען אייך, אַלס אַ ייד, אַראָפּנעמען פון דער אַרבעט. איז ביז וואַנען איר זענט נאָך בעל־בית, איז טוט כאָטש עפּעס אויף אַ געוויסער צייט (?) פאַר אונדזערע אָרעמע יידן וועלכע גאַרן נאָך אַ יידיש וואָרט.״ זאָגט ער מיר: „איר ווייסט, ס'איז אַ גדאַנק! גייט מיטן בריוו אין מיניסטעריום און דערשלאָגט זיך אַז דער פאַרוואַלטער, צו וועמען איר דאַרפט זיך ווענדן מיטן בריוו, זאָל מיר אָנקלינגען אין טעלעפאָן און איך וועל שוין געפינען עפּעס אַן אַרגומענט.

דער פאַרוואַלטער איז געווען אין דער צייט אין אורלויב און זיין שטעלפאַרטרעטער האָט זיך לאַנג געקווייקלט. בקיצור, איך האָב אים געראַטן אָנקלינגען שקנעווסקן און שקנעווסקי האָט אים אונטערגעזאָגט ווי אַזוי עס צו מאַכן עס זאָל ניט אויספאַלן באַקאָם.

אַזוי ווי אין קיעוו איז דאָ אַ יידישע גרופּע פּורמאַנאָוו און כאַליף און זיי זיצן אָן קאָנצערטן, איז לאָמיר דאָס מאַכן אויפן גרונט פון זיך טוישן מיט קולטור־כוחות. זאָל די לענינגראַדער פילהאַרמאָניע געבן אונדזער יידישער גרופּע קאָנצערטן אין לענינגראַד און מיר וועלן אויפנעמען די לענינגראַדער יידישע גרופּע.

און מיר האָבן ווידער אָנגעהויבן סוף מערץ 1959 אונדזער גאַסטראָלן

אויף אוקראַינע. נאָר ניט אומעטום אויף אוקראַינע האָט מען אונדז אָן שטערונג דערלויבט אויפצוטרעטן מיט אונדזערע קאָנצערטן...

אַ דערלויבעניש פון קיעוו איז נאָך ניט אַלץ... מען דאַרף נאָך אַז יעדע געגנטלעכע פילהאַרמאָניע זאָל וועלן אויפנעמען יידישע קאָנ־צערטן... צום ביישפּיל: די זשיטאָמירער פילהאַרמאָניע האָט באַשטעטיקט טעלעגראַפיש אין אוקראַינער גאַסטראָל־ביוראָ אַז זי נעמט אויף אונדזער גרופּע אויף 5 קאָנצערטן. נאָר ווען איך האָב זיך געווענדעט אין דער דירעקציע פון דער זשיטאָמירער פילהאַרמאָניע מיט אַ פּאָר טעג פריער, איידער מיר האָבן באַדאַרפט קומען קיין זשיטאָמיר, אַז מען זאָל אונדז צוגרייטן צימערן אין האָטעל אויף דער צייט פון אונדזערע גאַסטראָלן, האָט מען מיר געענטפערט, אַז אונדזערע קאָנצערטן זיינען „נאָך" ניט דערלויבט... קום איך דרינגענד מיט אַ מאַשין אין זשי־טאָמיר פון קיעוו ווו איך בין אין דער צייט געווען. זאָגט מיר דער דירעקטאָר, אַז ער קאָן מיר ניט זאָגן דירעקט, ווער עס האָט פאַרבאָטן אונדזערע קאָנצערטן. נאָר ער האָט מיר געראָטן זיך ווענדן וועגן דעם ענין אין פּאַרטיי־קאָמיטעט. בין איך געקומען אין פּאַרטיי־קאָמיטעט. האָט מען מיר געזאָגט אַז דאָס איז אַ מיספאַרשטענדעניש... די פּאַרוואַל־טערין פון דער אָפּטיילונג פאַר אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע האָט מיר געהייסן גיין צוריק אין פילהאַרמאָניע און ס'וועט זיין, — האָט זי מיר געזאָגט, — אַלץ אין אָרדנונג. און ווירקלעך. ווען איך בין געקומען אין פילהאַרמאָניע איז שוין געווען אַלץ דערליידיקט. נאָר ווער עס האָט פריער פאַרבאָטן אונדזערע קאָנצערטן זאָגט קיינער ניט...

ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין שטאָט אויף די קאָנצערטן, איז אין שטאָט קיין איין אַפישע ניט געווען אַרויסגעהאָנגען אַחוץ נעבן דער געביידע פון דער פילהאַרמאָניע. איך ווענד זיך צום דירעקטאָר, זאָגט ער מיר: „צו וואָס אַפישן? אַלע בילעטן זיינען שוין אויספאַרקויפט." האָבן מיר אים געשטעלט אַ באַדינג: אויב עס וועלן אין גאַס ניט זיין אויסגעקלעפּט קיין אַפישן, וועלן מיר ניט אַרויסטרעטן. האָט ער אויס־געהאָנגען אַ 4 — 5 אַפישן... די קאָנצערטן זיינען דורך מיט גרויס דערפאָלג. דער דירעקטאָר פרעגט מיך צי מיר קאָנען געבן נאָך 5 קאָנצערטן? זאָג איך אים: „מיט פאַרגענוגן" — נאָך איך מוז, — זאָגט ער, — באַקומען אויף די קאָנצערטן אַ הסכמה פון פּאַרטיי־קאָמיטעט." האָב איך אים פאַרגעלייגט, אַז איך וועל גיין וועגן דעם

אין פּאַרטיי־קאָמיטעט. זאָגט ער מיר, אַז איצט מוז ער אַליין גיין. און מיר האָבן זיך צוזאַמענגערעדט אַז ער וועט אונדז טעלעגראַפירן אין לוואָוו ווו מיר זיינען אויפגעטראָטן נאָך זשיטאָמיר. טעלעגראַפירט ער מיר נאָך ביז היינטיקן טאָג... דערנאָך האָב איך זיך דערוווסט אַז אונדזערע קאָנצערטן האָט פאַרבאָטן דער ערשטער סעקרעטאַר פון זשיטאָמירער געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט. איך וואָלט געקאָנט באַשרייבן זייער פיל אַזעלכע פאַקטן נאָר עס וועט פאַרנעמען צופיל צייט.

דעריבער ווען מיר זיך אָפּשטעלן אויף דער עפּאָפּייע קיעוו און אָדעס. אין יולי, ווען מיר האָבן שוין כמעט פאַרענדיקט אונדזערע גאַסטראָלן אויף אוקראַינע, האָט מען אַרויסגערופן נחמהלען אין מאָסקווע. ס׳איז געווען אַ פּראָיעקט צו שיקן אין ניו־יאָרק אויף דער אויסשטעלונג אין סאָוויעטישן פּאַווילאָן אַ גאַנצע גרופּע אַרטיסטן פון ראַטנפאַרבאַנד און אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדע אַרטיסטן פון אַלע סאָוויעטישע נאַציאָנאַלע רעפּובליקן און אויך נחמהלע האָט באַדאַרפט אַרויסטרעטן אויף די קאָנצערטן מיט יידישע לידער. אויפן דורכקוק פון דער דאָזיקער גרופּע איז בייגעווען דער שטעלפאַרטרעטער פונעם קולטור־מיניסטער דאַנילאָוו. נאָכן דורכקוק איז צו נחמהלען צוגעגאַנגען דער דאַנילאָוו און האָט איר געדריקט די האַנט און מיט טרערן אין די אויגן זי באַגריסט. „איך פאַרשטיי ניט די יידישע שפּראַך, — האָט ער איר געזאָגט, — נאָר איר האָט געזונגען מיט אַזויפיל האַרץ. מיט אַזאַ עמאָציע, אַז אַר האָט מיך גערירט ביז טרערן. איר זענט פשוט אַ פּערל אין אונדזער עסטראַדע״.

נאָר ס׳האָט זיך געמאַכט אַזוי, אַז די גרופּע איז ניט געפאָרן קיין ניו־יאָרק. די אַמבאַסאַדע פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט ניט געגעבן קיין וויזעס דער גרופּע, ווייל אין ניו־יאָרק זיינען שוין געווען פאַרפּלאַנירט עטלעכע גרופּן סאָוויעטישע אַרטיסטן.

דערווייל איז אונדזער גרופּע געבליבן אָן אַרבעט. האָב איך פאָרגעלייגט נחמהלען זי זאָל זיך ווענדן פערזענלעך צום חבר דאַנילאָוו, אַז ער זאָל איר געבן אַ רעקאָמענדאַציע אין אוקראַאינישן קולטור־מיניסטעריום, מען זאָל אונדז דערלויבן אויפטרעטן מיט אונדזערע קאָנצערטן אין קיעוו און אין אָדעס. דער חבר דאַנילאָוו האָט גלייך באַפוילן צוגרייטן אַזאַ בריוו נאָר אין דער זעלבער צייט איז אין מאָסקווע געקומען דער פאַרוואַלטער פונעם אָפּטייל פאַר מוזיקאַלישע אַנשטאַלטן באַם אוקראַאינישן

קולטור־מיניסטעריום, דער חבר באָגדאַנאָוויטש. האָט דער פאַרוואַלטער פונעם אָפּטייל פאַר קונסט־ענינים ביי דעם אַלפאַרבאַנדישן קולטור־מיניסטעריום זיך צו אים געווענדעט, און דער חבר באָגדאַנאָוויטש האָט אים געזאָגט, אַז מען דאַרף ניט שרייבן אים קיין בריוו אויב דער חבר דאַנילאָוו רעקאָמענדירט. איז זאָל קומען אין קיעוו אַ פאַרשטייער פון דער גרופּע און די קאָנצערטן וועלן זיין דערלויבט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום בין איך געקומען קיין קיעוו. און דער חבר באָגדאַנאָוויטש האָט געהאַלטן וואָרט. ער האָט גלייך געגעבן אַ באַפעל דעם דירעקטאָר פון דער אוקראַינישער גאַסטראָל־ביוראָ אָרגאַניזירן אין קיעוו קאָנצערטן און אין אָדעס 8 קאָנצערטן אויף סעפּטעמבער 1959 יאָר.

דער דירעקטאָר פון גאַסטראָל־ביוראָ חבר שקנעווסקי האָט מיר אַרויסגעגעבן אַ פּאַפּיר אַדרעסירט צום דירעקטאָר פון דער אוקראַינישער עסטראַדע וועגן באַשטימען די קאָנצערטן און די לאָקאַלן ווו די קאָנ־צערטן וועלן דאַרפן פאָרקומען, זיך קאָנסולטירן מיטן שטאָט־קאָמיטעט פון דער קאָם־פּאַרטיי. פאַר מיר איז עס געוועזן אינגאַנצן אומפאַר־שטענדלעך: וואָס פאַר אַ שייכות האָט דער פּאַרטיי־קאָמיטעט מיט די געביידעס, ווו מיר וועלן דאַרפן אויפטרעטן?... און דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן אונטערהאַנדלונגען צווישן דער קיעווער עסטראַדע מיטן פּאַרטיי־קאָמיטעט, נאָך וועלכע דער דירעקטאָר פון דער קיעווער עסטראַדע דער חבר סטאַראָסטין האָט מיר געמאָלדן אַז: „דער פּאַרטיי־קאָמיטעט האָט ניט גאָרנישט קעגן אונדזערע קאָנצערטן, נאָר ניט אויף איצט, נאָר שפּעטער...". אַזעלכע ענטפערן, האָב איך שוין באַקומען עטלעכע מאָל אין פאַרלויף פון 2 יאָר... „גלייבט מיר, — האָט מיר דער דירעקטאָר געזאָגט, — אַז מיר זיינען פאַראינטערעסירט מיט אייערע קאָנצערטן ניט ווייניקער פון אייך, ווייל אונדזער עסטראַדע האָט היינטיקס יאָר אַ גרויסן דעפיציט, און אייערע קאָנצערטן זענען רענטאַבעלע. דאָס איז געזיכערטע איינגאַמע. נאָר אונדזער שטאָטישער פּאַרטיי־קאָמיטעט האָט אונדז פאַרבאָטן ניט נאָר יידישע קאָנצערטן אויפנעמען, נאָר אייניקע רוסישע אַרטיסטן מיט יידישע פאַמיליעס. דער צווייטער סעקרעטאָר שעווען דיקטירט אונדז שטענדיק ווען מיר זאָלן אויפנעמען און ווען ניט...".

פון קיעוו בין איך אָפּגעפאָרן קיין אָדעס אין אַ געדריקטער שטימונג.

און אין אָדעס האָט מיך געוואַרט דאָס זעלבע... דער דירעקטאָר פון אָדעסער פילהאַרמאָניע פּרעזע, האָט שוין מיר ניט איין מאָל אָפּגעזאָגט אויפצונעמען אונדזערע קאָנצערטן. און ווען איך האָב אים געזאָגט אַז דאָס איז דיסקרימינאַציע פון יידישע קאָנצערטן, האָט ער מיר געענטפערט, אַז דאָס איז זייער „דרייסט" פון מיין זייט, אַרויסצוזאָגן אַזאַ מיינונג!... האָב איך אים געענטפערט, אַז עס איז נאָך דרייסטער פון זיין זייט דיסקרימינירן יידישע קאָנצערטן. „עס איז ניט אין מיר געווענדעט" — האָט ער מיר געענטפערט.

ווען איך האָב דערלאַנגט דעם פּאַפּיר פון אוקראַאינישן קולטור־מיניסטעריום, דעם שטעלפאַרטרעטער פון דער אָדעסער פילהאַרמאָניע (דער דירעקטאָר איז פּונקט געווען אין אורלויב) אַז עס איז אונדז דער־לויבט אויפצוטרעטן אין אָדעס מיט אַכט קאָנצערטן, האָט ער אַרויס־גערופן דעם פאַרוואַלטער פון דער אָפּעראַטיווער אָפּטיילונג דעם חבר קאָטליאַרסקי און האָט אים געפרעגט ווער איז ליפשיצייטע? האָט אים קאָטמיאַרסקי געענטפערט: „די גרופּע איז ביי אונדז געווען אין 1957 יאָר און די פילהאַרמאָניע האָט פון אונדזערע קאָנצערטן באַקומען ריינעם רווח 120 טויזנט רובל". — „אויב אַזוי, שליסט מיט זיי אָן אָפּמאַך, וועלן מיר אפשר קענען מיט זייערע קאָנצערטן דעקן אונדזער דעפיציט."

נאָר ווען איך בין געקומען אין אַ פּאָר שעה אַרום אונטערצושרייבן דעם אָפּמאַך, האָט מיר קאָטליאַרסקי געזאָגט, מיט אַ פאַרביטערונג: די סיטואַציע האָט זיך געענדערט צום שלעכטן. דער שטעלפאַרטרעטער פונעם דירעקטאָר, האָט ניט געוווּסט, אַז דאָס זיינען יידישע קאָנצערטן ווייל אין זיין בריוו איז ניט געווען אָנגעמערקט אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך עס טרעט אויף ליפשיצייטע און ווען ער האָט זיך דערוווּסט אַז זי טרעט אויף אין יידיש, האָט ער זיך געווענדעט צום נאַטשאַלניק פון דער פאַרוואַלטונג פאַר קולטור־ענינים, איוואַכניוק און יענער האָט אים שטרענג פאַרבאָטן אויפצונעמען אונדזערע קאָנצערטן.

נאָך לאַנגע אַמפּערנישן מיטן וויצע־דירעקטאָר האָט ער מיר מודה געווען אַז ער איז ניט שולדיק... גייט, — האָט ער געזאָגט, — צום נאַטשאַלניק פאַר קולטור־ענינים. אויב ער וועט דערלויבן, האָב איך גאָרנישט קעגן.

דריי שעה האָב איך געוואַרט ביז דער נאַטשאַלניק איוואַכניוק האָט מיך אויפגענומען. און ווען איך האָב אים דערלאַנגט דעם בריוו

פונעם קולטור־מיניסטעריום, האָט ער מיר אַ שמיץ געטאָן דעם בריוו אין פּנים און האָט אויסגעשריען: אַלע האַלב־יאָר קאָנען מיר ניט אויפנעמען ליפּשיצייטע!... האָב איך אים געזאָגט, אַז ליפּשיצייטע איז געווען אין אָדעס מיט צוויי יאָר צוריק. — „אַלץ איינס, — זאָגט ער, — מיר וועלן די קאָנצערטן ניט אויפנעמען. פאַרוואָס האָט איר דעם דירעקטאָר פון דער פילהאַרמאָניע ניט געזאָגט אַז די קאָנצערטן ווערן געגעבן אין יידיש?...

האָב איך אים געזאָגט: „אַז דאָס איז אַן אָפענע גראָבע דיסקרימי־נאַציע פון יידישער קונסט, דאָס איז אַ פאַרקריפּלונג פון דער לענינישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק!” איך בין גלייך אַוועק אין דער צענטראַלער טעלעפאָנען־סטאַציע און אָנגעקלונגען אין מאָסקווע אין דער פאַרוואַל־טונג פון דער קולטור־אָפּטיילונג ביים צענטראַלן אַלפאַרבאַנדישן קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. צום טעלעפאָן איז צוגעגאַנגען דער חבר ריומין. האָב איך אים אין קורצן געמאָלדן: אַז דער אוקראַינישער קולטור־מיניסטעריום האָט דערלויבט אַזעלכע קאָנצערטן אי אין קיעוו אי אין אָדעס, נאָר אין קיעוו האָט פאַרבאָטן אונדזערע קאָנצערטן דער צווייטער סעקרעטאָר פון פּאַרטייאישן שטאָט קאָמיטעט שעווען אין אָדעס האָט פאַרבאָטן דער נאַטשאַלניק פון דער פאַרוואַלטונג פאַר קולטור־־ענינים, איוואַכניוק. פּשוט דערפאַר, ווייל דאָס זענען יידישע קאָנצערטן. דער חבר ריומין האָט מיך געבעטן אים אָנקלינגען אין אַ פּאָר טעג אַרום. איך האָב שוין געקלונגען פון קעשעניעוו ווו מיר האָבן אין דער צייט גאַסטראָלירט.

דער חבר ריומין האָט מיר געמאָלדן אַז ער האָט זיך צוזאַמענ־גערעדט אי מיט קיעוו אי מיט אָדעס. אונדזערע קאָנצערטן זיינען דער־לויבט. נאָר צו וואָס, — האָט ער געזאָגט, — שטעלט איר אַזוי שאַרף די פראַגע?...

האָב איך אים געענטפערט: אַז איך שטעל די פראַגע לויט אונדזער סאָוויעטישער קאָנסטיטוציע. לויט מיין מיינונג, האָט שאַרף געשטעלט די פראַגע דער אוקראַינישער שאָוויניסט איוואַכניוק.

אין אָנפאַנג נאָוועמבער זיינען מיר אויפגעטראָטן אין קיעוו אין דער געביידע פון דער אוקראַינישער מוזיקאַלישער קאָמעדיע. ס׳איז שווער אויסצודריקן מיט ווערטער, מיט וואָס פאַר אַן ענטוזיאַזם די יידישע באַפעלקערונג פון קיעוו, האָבן אויפגענומען אונדזערע קאָנצערטן. ווען

עס האָבן זיך באַוויזן אויף די סטענדן פון קיעווער גאַסן אונדזערע אַפּישן האָבן אייניקע יידן מיט די הענט געגלעט די יידישע אותיות, וועלכע זיינען געווען אָפּגעדרוקט אויף די אַפּישן. נאָר לאַנג זיינען די אַפישן ניט געהאַנגען. מען האָט אָנגעקלונגען פון פּאַרטייאישן שטאָט־קאָמיטעט צו דער אַדמיניסטראַציע פון דער אוקראַאינישער עסטראַדע, מען זאָל וואָס אַמשנעלסטן פאַרקלעפּן די אַפּישן מיט די יידישע בוכ־שטאַבן. אַלע בילעטן אויף אונדזערע קאָנצערטן זיינען געווען אויספאַר־קויפט מיט אַ צייט צוריק, ביז מיר זיינען אָנגעקומען אין קיעוו. די דירעקציע פון דער עסטראַדע האָט דערזען, אַז עס איז דאָ אַן אומ־געהויערער אינטערעס צו אונדזערע קאָנצערטן האָט זי געמאָלדן נאָך צוויי קאָנצערטן אויף פּאדאל, דאָרט ווו ס׳זיינען אַממייסטן יידישע איינוווינער. האָט מען ווידער באַפוילן פון פּאַרטייאישן שטאָט־קאָמיטעט אַראָפּנעמען די קאָנצערטן. עס איז דאָ אַ דערלויבעניש אויף 6 קאָנ־צערטן, דאַרף מען זיך האַלטן ביי דער דערלויבעניש... און מען האָט געמוזט אומקערן צוריק דאָס געלט פאַר די בילעטן. די יידן פון פּאדאל האָבן פּראָטעסטירט, נאָר עס האָט ניט געהאָלפן... נאָך יעדן קאָנצערט, זיינען די צושויער געשטאַנען אין דרויסן און ווען מיר זיינען אַרויס־געגאַנגען האָבן זיי יעדעס מאָל געמאַכט נחמהלען גרויסע אָוואַציעס. אויפן דריטן קאָנצערט איז געקומען אַ גרויסע קאָמיסיע, קאָנטראָלירן די פּראָגראַם פון אונדזער קאָנצערט. די קאָמיסיע איז באַשטאַנען פון פאָר־שטייער פון צענטראַלן קאָמיטעט פון דער אוקראַאינישער קאָמפּאַרטיי, פון קולטור־מיניסטעריום און פון פּאַרטייאישן שטאָט־קאָמיטעט. ווען נחמהלע האָט געזונגען „די יידיש וויג־ליד" ווערטער פון ש. דריז און מוזיק פון ר. באָיאַרסקאַיאַ — דאָס ליד איז געווידמעט דעם קיעווער באַבי יאַר", האָבן זיך אַלע צושויער אויפגעשטעלט. דאָס איז שטאַרק נישט געפעלן געוואָרן דער קאָמיסיע און זיי האָבן אַרויסגעטראָגן אַ מיינונג, אַז דער פּראָגראַם פון אונדזער קאָנצערט איז אַ פּעסימיסטי־שער...

פון קיעוו זיינען מיר אָפּגעפאָרן קיין אָדעס, ווו אַנשטאָט 8 קאָנ־צערטן האָבן מיר געגעבן 10 קאָנצערטן. מען דאַרף אויך צוגעבן אַז די פּרייזן אויף די בילעטן סיי אין אָדעס סיי אין קיעוו זיינען געווען זייער הויכע. דער לימיט פון אונדזער קאָנצערט איז געווען אומגעפער צוויי טויזנט רובל (אַלטע געלט) און די פילהאַרמאָניע האָט יעדע נאַכט

געהאַט איינגענומען 25 טויזנט רובל. עס איז גענוג צו זאָגן: אַז די בילעטן פון די ערשטע 14 רייען האָבן געקאָסט 25 רובל אַ בילעט און די פאָלגענדע 14 רייען צו 23 רובל אַ בילעט. עס זיינען געווען פּראָטעסטן פון אַרבעטער און אויך פון אינוואַלידן וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו באַזוכן אונדזערע קאָנצערטן!... האָט דער דירעקטאָר געענטפערט: נישקשה, יידן האָבן געלט, זאָלן זיי צאָלן!...

נאָך אַדעס האָבן מיר באַזוכט ריגע. אין ריגע איז נחמהלע קראַנק געוואָרן און איז אָפּגעלעגן אין האָטעל 3 וואָכן. נאָכדעם ווי זי איז געקומען צו זיך האָט מען זי אַרויסגערופן קיין מאָסקווע, פון וואַנען זי האָט באַדאַרפט צוזאַמען מיטן זינגער מ. אַלעקסאַנדראָוויטש ווידער אַרויס־פאָרן קיין פּאַריז. פאַרן אַוועקפאָרן האָבן מיר געגעבן אין ווילנע איין קאָנצערט דאָס איז געווען דער לעצטער קאָנצערט אין וועלכן איך האָב זיך באַטייליקט. מער האָב איך מיט נחמהמען, צו מיין גרויס באַדויערן ניט געאַרבעט מען האָט אונדז פּשוט צעשיידט...

קומנדיק פון מאָסקווע צוריק קיין ווילנע נאָכדעם ווי איך האָב באַגלייט נחמהלען, צום אַעראָפּאָרט, פון וואַנען זי איז אָפּגעפלויגן אין פּאַריז און איז אויפגעטראָטן דאָרט אין אַ ריי שטעט פון פראַנקרייך ווי אויך אין בעלגיע, מיט גרויס דערפאָלג, בין איך צופעליק אַריין אין דער פילהאַרמאָניע. האָט מען מיר דערלאַנגט אַ באַפעל פונעם דירעקטאָר מיט פאָלגענדן אינהאַלט: „דערפאַר וואָס דער חבר בראודא אַלס אָנ־פירער פון דער גרופּע ליפשיצייטע, האָט באַציטנס ניט געמאָלדן דער פילהאַרמאָניע, אַז ליפשיצייטע האָט אין קיעוו אויף די קאָנצערטן, זיך ניט געהאַלטן לויטן באַשטעטיקטן פּראָגראַם, וועט דער חבר בראודא פאַרלויפיק צו דער אַרבעט ניט צוגעלאָזט ווערן, סיי שעפעריש און סיי אַדמיניסטראַטיוו".

איך האָב זיך געווענדעט צום דירעקטאָר און אים דערקלערט: „אַז עס איז ניט געשטויגן און ניט געפלויגן!... ליפשיצייטע האָט אין קיעוו געזונגען אַלע לידער, שטרענג לויטן באַשטעטיקטן פּראָגראַם פון ליטווישן קולטור־מיניסטעריום.

האָט ער געענטפערט, אַז ער ווייס פון גאָרניט... ער האָט אויס־געפירט דעם באַפעל פון מיניסטער פאַר קולטור. בין איך אַוועק צום מיניסטער. האָט דער מיניסטער דער חבר באַניטיס מיר באַוויזן אַ בריוו פונעם אוקראַינישן מיניסטער פאַר קולטור, אַדרעסירט צום אַלפאַר־

באַנדישן מיניסטער פאַר קולטור צום חבר מיכיילאָוו און אַ קאָפּיע צום מיניסטער פאַר קולטור פון דער ליטווישער רעפּובליק, ווו דער צורר היהודים מיניסטער באַביטשוק שרייבט: „ליפשיצייטע האָט אין קיעוו אויף אירע קאָנצערטן זיך ניט געהאַלטן לויטן באַשטעטיקטן פּראָגראַם. זי האָט ניט געזונגען די אַריע פון דער אָפּערע „לאַקמע" פון דעליב, „צוויי שוואַלבן" פון ברוסילאָווסקי, און „רושניטשאַק (אַן אוקראַיניש פאָלקס־ליד) און דערפאַר האָט זיך באַקומען: אַז זי האָט געזונגען לידער, וועלכע שילדערן דעם טרויעריקן שיקזאַל פונעם יידישן פאָלק אין דער צייט פון צאַרישן רעזשים און לידער וועגן דיליידן פונעם פאָלק אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. נאָר וועגן בויאונג פון קאָמוניזם האָט זי גאָרניט געזונגען... דעריבער איז דאָס פּראָגראַם פונעם קאָנצערט אידעאָלאָגיש נישט אויסגעהאַלטן און איז ניט אין איינקלאַנג מיט דער היינטיקער צייט און איז זייער פעסימיסטיש.

באַקומט זיך אַזוי: אַז אויב ליפשיצייטע וואָלט געזונגען „לאַקמע", „צוויי שוואַלבן" און „רושניטשאַק", וואָלט דאָס געווען וועגן בויאונג פון קאָמוניזם?...

ווען איך האָב דערוויזן דעם מיניסטער, אַז דאָס איז אַן אַבסורד, — נחמהלע האָט קיין איין ליד נישט געזונגען אויסערן באַטעטיקטן פּראָגראַם און אַז פאַר דער אידעאָלאָגיע פון פּראָגראַם בין איך בכלל ניט פאַראַנטוואָרטלעך, האָט ער מיר געענטפערט: „אַז אויב באַביטשוק וואָלט אים פערזענלעך אָנגעשריבן אָט דעם בריוו, וואָלט ער געוווּסט וואָס אים צו ענטפערן. נאָר ער האָט באַקומען פון מאָסקווע נאָר אַ קאָפּיע פונעם בריוו מיט אַ באַפעל פון חבר מיכיילאָוו, ער זאָל אָננעמען מיטלען. האָב איך, זאָגט ער, אָנגענומען מיטלען. איך האָב אייך אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט. נחמהלען, זאָגט ער, קאָן איך ניט אַראָפּנעמען פון דער אַרבעט. זי האָט שוין איצט אַ וועלט־נאָמען... און איר, זאָגט ער, פאָרט קיין מאָסקווע און פאָדערט מען זאָל אייך אויפשטעלן צוריק אויף דער אַרבעט.

דערווייל זיינען אַלע אונדזערע פאַרפלאַנירטע קאָנצערטן אויפן יאָר 1960 אַראָפּגענומען געוואָרן. געקומען קיין מאָסקווע האָב איך קודם־כל באַגעגנט נחמהלען, וועלכע איז געקומען פון פּאַריז. ווען איך האָב איר דערציילט, וועגן דעם אומגליק וואָס איז געשען, האָט זי געזאָגט: אַז איך זאָל זיך ניט ערגערן: „אויב דו וועסט מיט מיר ניט אויפטרעטן,

וועלן די קאָנצערטן בכלל ניט זיין״. דאָס זיינען געווען אירע ווערטער. נאָר באַקומען האָט זיך גאַנץ אַנדערש. צו די אַלע קולטור־טוער, צו וועלכע נחמהלע האָט זיך געפּרווט ווענדן, האָט קיינער זי ניט געוואָלט אויפנעמען, ניט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי און אויך ניט אין קולטור־מיניסטעריום. מיר האָט מען געענטפערט אין קולטור־מיניסטעריום, אַז קיין פאַראָרדענונג פונעם אַלפאַרבאַנדישן קולטור־מיניסטעריום וועגן באַפרייען מיך פון דער אַרבעט איז ניט געווען. און מען האָט מיר געראָטן אַנגעבן אַ מעלדונג אין אַרטקאָם פון אונדזער פּראָפּפאַריין.

דער אַרטקאָם פון דער ליטווישער פילהאַרמאָניע, האָט אַ לאַנגע צייט, בכלל זיך ניט געוואָלט פאַרנעמען מיט מיין ענין. נאָר נאָך לאַנגע דיסקוסיעס, האָט דער אַרטקאָם סוף כל סוף באַוויליקט זיך פאַרנעמען מיט מיין פראַגע. נאָר דער אַרטקאָם האָט באַשטעטיקט דעם באַפעל פונעם דירעקטאָר. איז דער ענין אַריבער אין פאָלקס־געריכט.

אין געריכט האָב איך צוגעשטעלט אַ בריוו פונעם דירעקטאָר פון אוקראַינישן גאַסטראָל־ביוראָ פונעם חבר שקנעווסקי ווו ער האָט באַשטעטיקט, אַז ליפשיצייטע האָט געזונגען אויף די קאָנצערטן אין קיעוו לויט אַ באַשטעטיקטער פּראָגראַם פון קולטור־מיניסטעריום פון דער ליטווישער רעפּובליק. נחמהלע איז אַרויסגעטראָטן אויפן געריכט אַלס עדות און זי האָט געזאָגט בזה הלשון: אויב איך האָב געזונגען לידער אויסער דער באַשטעטיקטער פּראָגראַם בין איך פערזענלעך פאַראַנט־וואָרטלעך, ניט דער חבר בראודא, ווייל איך בין אַ מיטגליד פון דער קאָמפּאַרטיי. און איך בעט אויפשטעלן אויף דער אַרבעט דעם חבר בראודא, וועלכער איז אין גאַרניט שולדיק. דער פּראָקוראָר איז אויך אַרויסגעטראָטן און האָט פאַרטיידיקט מיינע אינטערעסן. זי האָט געזאָגט: אַז דאָס איז אַן אומדערהערטע עוולה באַגאַנגען געוואָרן בנוגע מיר און האָט געפאָדערט מיך אויפשטעלן אויף דער אַרבעט.

נאָר דאָס געריכט האָט אַרויסגעטראָגן אַזאַ באַשלוס: „עס איז ווירקלעך דערוויזן געוואָרן אַז דער חבר בראודא איז אין גאָרניט שולדיק. דעריבער איז דער באַפעל וועגן באַפרייען דעם חבר בראודא פון דער אַרבעט אַנולירט. נאָר צוריק אויפשטעלן בראודא אויף דער אַרבעט איז אוממעגלעך, ווייל ער איז ניט אין שטאַט פון דער ליטווישער פילהאַרמאָניע...״

נאָר ווען איך האָב זיך געווענדעט אונטער פיר אויגן צום ריכטער, און האָב אים דערוויזן, אַז יעדער אַרבעטנדער וועלכער אַרבעט 3 חדשים אויף איין אָרט, ווערט אויטאָמאַטיש פאַררעכנט אַלס אַרבעטענדער לויטן שטאַט און איך אַרבעט אין דער ליטווישער פילהאַרמאָניע 3 יאָר, האָט ער מיר קאָנפידענציעל געזאָגט: אַז ער קאָן גאָרניט מאַכן — מען האָט אויף אים געדריקט פון דער העכערער מאַכט אַז ער זאָל אין קיין פאַל מיך ניט אויפשטעלן אויף דער אַרבעט... און האָט מיר געראָטן זיך ווענדן וועגן מיין ענין אין צענטראַלן קמיטעט פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָפּאַרטיי אין מאָסקווע.

בין איך ספּעציעל ווידער געפאָרן קיין מאָסקווע און זיך געווענדעט צום חבר ריומין אין צ.ק. און האָב אים געוויזן דעם באַשלוס פונעם געריכט אַז איך בין אין גאָרניט שולדיק. און אויב איר האָט צו מיר וועלכע ניט איז תרעומות, בין איך גרייט צו זיין פאַראַנטוואָרטלעך, פאַר אַלע מיינע טאַטן וואָס איך בין באַגאַנגען. „ווו זשע איז יושר, ווו איז גערעכטיקייט?...״ — האָב איך ביי אים געפרעגט. מיט דעם וואָס איך האָב זיך דערשלאָגן מיט אייער הילף אַז אונדזערע קאָנצערטן זאָלן פאָרקומען אין קיעוו, האָב איך אויפגעטאָן אַ פּאָזיטיווע אַרבעט. איך האָב דערוויזן אַז ביי אונדז אין אונדזער לאַנד ווו מען בויט קאָמוניזם קאָן ניט זיין קיין אָרט פאַר דיסקרימינאַציע פון וועלכער עס איז נאַציאָ־נאַלער קונסט. איז וואָס האָט זיך באַקומען. אַנשטאָט מיר צו באַדאַנקען פאַר מיין אויפטו, האָט מען מיך אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט און אַט דער אויסגעשפּראָכענער אוקראַינישער שאָוויניסט איוואַכניוק פאַרנעמט אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן?... אין דער צייט, ווען ער האָט אויס־דריקלעך באַפוילן דעם דירעקטאָר פון אָדעסער פילהאַרמאָניע אין קיין פאַל ניט אָננעמען די קאָנצערטן, נאָר דערפאַר ווייל זיי ווערן אויסגעפירט אין דער יידישער שפּראַך?... אויף מיינע ווערטער האָט דער חבר ריומין אויסגעמיטן צו ענטפערן ער האָט מיר נאָר געזאָגט, אַז צו מיר האָט קיינער קיינע פּרעטענזיעס ניט. נאָר פּשוט דער דירעקטאָר פון דער ליטווישער פילהאַרמאָניע האָט באַשלאָסן צו געבן ליפּשיצייטעס קאָנצערטן אָן אַ פאַרלייענער און קיינער קאָן אים ניט צווינגען, ווייל איך בין ניט אין שטאַט... נאָר ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז איך מיט נחמהלען האָבן ספּעציעל באַשטעלט אַ פּראָגראַם אויף דער טעמע „שלום און פרידן״ביים ווילנער יידישן דיכטער הירש אָשעראָ־

וויטש, און אין דעם פּראָגראַם קאָן מען זיך אָן אַ פּאַרלייענער ניט באַ־גיין, „דאָס איז עפּעס אַנדערש, — האָט ער געזאָגט, און ער האָט אין מיין געגנוואַרט אַנגעקלונגען אינעם צענטראַלן קאָמיטעט פון דער ליט־ווישער קאָמפּאַרטיי און האָט געזאָגט מיט די ווערטער: דערוויסט זיך ביי ליפּשיצייטע, אויב דער חבר בראודא איז ווירקלעך וויכטיק אין דעם נייעם פּראָגראַם „וועגן שלום" אַלס פּאַרלייענער. איז די מיינונג פונעם אָפּטיילונג פאַר קולטור אין דעם אַלפאַרבאַנדישן צענטראַלן קאָמיטעט פון דער קאָפּאַרטיי אַז מען זאָל דעם חבר בראודא אויפשטעלן אויף דער אַרבעט. צוויי חדשים האָט זיך ווידער געצויגן דער ענין און קיין טאָלק האָב איך ניט געקענט דערגיין.

עס איז אַ סך צו רעדן, וועגן דעם, וואָס עס איז דערנאָך פאָרגעקומען און די הויפּט־זאַך ווי אַזוי נחמהלע האָט זיך צום ענין באַצויגן. עס איז דאָ אַ מיינונג, אַז מען האָט זי פון דער העכערער מאַכט אַנגעשראָקן, אַז אויב זי וועט אָנהייבן אַרבעטן מיט מיר, וועט מען איר בכלל פאַרווערן אירע קאָנצערטן. דעריבער האָט זי זיך סוף כל סוף אָפּגעזאָגט פון מיר... נאָר איך האַלט, אַז דאָס איז ניט אינגאַנצן ריכטיק. אויף איר האָבן ווירקלעך געווירקט אייניקע טוער פון דער פילהאַרמאָניע, וועלכע האָבן זיך צו מיר באַצויגן נעגאַטיוו... נאָר מער פון אַלעמען האָט אויף איר געווירקט דער געוועזענער אַקטיאָר און רעזשיסאָר פון דעם גע־וועזענעם טשערנאָוויצער יידישער מלוכה־טעאַטער מ. גאָלדבלאַט, וועלכער האָט אויפגעפּירט די נייע פּראָגראַם.

איך האַלט, אַז יעדערער קאָן זיך האָבן זיין מיינונג. עס זיינען דאָ מיינונגען וועגן גאָלדבלאַטן, אַז ער איז אַ טאַלאַנטפולער רעזשיסאָר. גאָלדבלאַט איז ווירקלעך אַ פעיקער אַקטיאָר, ער באַזיצט קולטור און האָט פעיקייטן אַלס רעזשיסאָר. נאָר לויט מיין מיינונג איז ער געווען אַ גוטער אַקטיאָר, ווען ער האָט געשפּילט אין אַלטן יידישן טעאַטער אונ־טערן פּסעוודאָנים „בן־עמי" נאָר גאַנץ אַנדערש האָט ער געקלונגען ווען ער איז געקומען אין דער באַרירונג מיט דער פאָרמאַליסטישער ריכטונג אין טעאַטער־קונסט פונעם געוועזענעם קינסטלערישן אָנפירער גראַנאָווסקי.

אינטערעסאַנט, ווען איך האָב פאַרגעגעבן גאָלדבלאַטן אַ פראַגע, — דאָס איז נאָך געווען ווען מירביידע זענען נאָך געווען יונג, איך אַ סטודענט פון שלום־עליכם־סטודיע און ער אַלס אַן אַקטיאָר פון מאָס־

קווער קאַמער־טעאַטער, — ווי קומט עס, — האָב איך אים געפרעגט, — וואָס איר אַלס רעאַליסטישער אַקטיאָר אַרבעט אין אַזאַ פאָרמאַליסטישן טעאַטער, קאָן דאָס זיין אַז איר זענט מסכים מיט אַט די אַלע קונץ־שטיק אין אייער טעאַטער? האָט ער מיר געענטפערט: „אַז ס'פאַר־שטייט זיך, אַז ניט מ'יט אַלץ וואָס ווערט געטאָן אין דעם טעאַטער איז ער מסכים, נאָר דער טעאַטער וועט זיין דער אָנפירנדיקער יידישער טעאַטער אין גאַנץ ראַטנפאַרבאַנד. און ווער עס וויל זיך מאַכן אַ קאַריערע אין יידישן טעאַטער מוז גיין אויפן וועג פון דעם טעאַטער". אַזוי איז ער געגאַנגען אין זיין גאַנצער טעטיקייט אי אַלס אַן אַקטיאָר אי אַלס רעזשיסאָר. ער האָט זייער פיל דערגרייכט, אין דער הינזיכט פון באַקומען באַלוינונגען. עס איז גענוג צו זאָגן, אַז ער האָט דעם טיטל, „פאַרדינסטפולער אַרטיסט פון פסרפר. פאָלקס־אַרטיסט פון דער קאַ־זאַכישער רעפובליק און פאַרדינסטפולער אַרטיסט פון דער אוקראַינישער רעפובליק" און דאָס האָט נחמהלען פאַרדרייט דעם קאָפּ. נאָך וועגן דעם שפעטער.

נאָר איך קאָן ניט זאָגן, וועגן גאָלדבלאַטן, אַז ער האָט קיין טאַלאַנט ניט. ס'קאָן זיין, ווען ער זאָל זיך אַנטוויקלען אין איין ריכטונג אויף איין סיסטעם, לאָמיר זאָגן אויף סטאַניסלאַווסקיס סיסטעם, וואָלט ער אפשר דערגרייכט אַ גרויסע קוואַליטעט אַלס רעזשיסאָר און אויך אַלס אַקטיאָר. נאָר גאָלדבלאַט האָט ניט זיין אייגענע ליניע, קיין אייגענעם קרעדאָ אין דער דראַמאַטישער קונסט.

דאָ איז ניט דאָס אָרט אָפּצושטעלן זיך גענויער אויף דער אַרבעט פון גאָלדבלאַטן אַלס רעזשיסאָר. איך לאָז דאָס איבער פאַר די קריטיקער. איך האָב זיך אַ ביסל אָפּגעשטעלט וועגן גאָלדבלאַטן, ווייל ער האָט אַ גרויסן שייכות צו מעדם, וואָס מיר האָבן זיך צעשיידט מיט נחמהלען.

איז אָט, אָט דעם רעזשיסאָר האָט נחמהלע איינגעלאַדן אויפצופירן דעם נייעם פראָגראַם וועלכן אַשעראַוויטש האָט פאַר אונדז ביידן אָנגעשריבן וויפל איך האָב מיט איר ניט געטענה'ט, אַז גאָלדבלאַט איז ניט איר רעזשיסאָר, אַז ער האָט מיט איר טאַלאַנט קיין שום שייכות ניט, זי איז אַן אַקטריסע פון אמתע אויפריכטיקע געפילן און ער איז אַ רעזשיסאָר פאַר אויסערלעכע עפעקטן. זי איז אַן אַקטריסע פון אינערלעכע איבער־לעבונג און ער איז אַ רעזשיסאָר פון אויסערלעכע פאָרמען...

נאָר זי האָט זיך איינגעשפאַרט. אויף איר האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן

איינדרוק זיינע רייד. דאָס איז אמת, שיין רעדן קאָן ער. און ווי איך האָב פריער באַמערקט: גאָלדבלאַט באַזיצט אַ הויכע קולטור. דעריבער איז נחמהלע אויף אַ צייט אַרונטערגעפאַלן אונטער זיין ווירקונג. נאָר מיין צרה איז געווען, וואָס גאָלדבלאַט האָט געוווסט מיין מיינונג וועגן אים אַלס רעזשיסאָר, דעריבער האָט ער דעם גרעסטן חלק אין דעם וואָס מיר האָבן זיך צעשיידט מיט נחמהלען. ער איז קאַטעגאָריש געווען קעגן דעם, איך זאָל אַנטייל נעמען אין דעם נייעם פּראָגראַם. קורץ ער האָט זיך דערשלאָגן, אַז אַנשטאָט מיר, האָט מען איינגעלאַדן אַן אַנדערן אַקטיאָר. נעמלעך דעם פּאַרלייענער לעווין.

צום מיין גרויס באַדויערן, איז דער פּראָגראַם דורכגעפאַלן. און נחמהלע האָט אים אַראָפּגענומען פון איר רעפּערטואַר. איך שרייב צו מיין באַדוי־ערן ווייל איך האָב געלייגט זייער פיל האָפענונגען אויף דעם פּראָגראַם. עס איז דאָך געווען אויך מיין איניציאַטיוו צו שאַפן אַזאַ פּראָגראַם. און מירביידע, איך און נחמהלע האָבן באַשטעלט ביי אַשעראַוויטשן אַנצושרייבן אַט דעם פּראָגראַם. דערצו מוז איך מודה זיין, יעדער נחמהלעס דורכפאַל קאָסט מיך געזונט. ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס זי האָט מיר זייער שטאַרק וויי געטאָן. אָבער כ'וויס, אַז זי איז אַ קינסטלערין, און איך קאָן אויף איר ניט טראָגן קיין האַס. איך האָב זי ליב פאַר איר טאַלאַנט, פאַר איר יידישער נשמה, פאַר איר דרייסטקייט, איך האָב זי ליב ווייל דאָס פאָלק האָט זי ליב און איך האָב ליב מיין פאָלק.

ווען זי איז געקומען קיין מאָסקווע און איז אַרויסגעטראָטן אין אַקטיאָרן־ קלוב מיט דער נייער פּראָגראַם, נאָך די פּראָגראַם איז דורכגעפאַלן. דאָס איז געווען די אַלגעמיינע מיינונג, פון אַלע שרייבער און אַרטיסטן. די פרוי אזארך, וועלכע האָט דאָס ערשטע מאָל געזען און געהערט נחמהלען פונקט אין דעם פּראָגראַם, האָט אַרויסגעזאָגט אַזאַ מיינונג וועגן דעם פּראָגראַם נחמהלע איז טאַלאַנטפאָל. נח־מהלע איז האַרציק, באַ'חנ'ט, נאָר אלץ האָט קאָליע געמאַכט גאָלד־בלאַט. ער האָט איר געגעבן אַזעלכע מיזאַנסצענעס, וועלכע פּאַסט פאַר אַנאַ גוזיק, וועלכע איז אַ ספּעציעלע עסטראַדע־אַרטיסטין אָבער ניט פאַר נחמהלען. צי וואָס דאַרף זי אַליין פאַרלייענען דאָס אַריינפיר־וואָרט? צו וואָס באַדאַרף זי בכלל פאַרלייענען?

וואָס אָנבעלאַנגט לעווינען, האָט זי געזאָגט, אַז לויט איר מיינונג טאָר ער בכלל ניט אויפטרעטן אויף דער בינע. די פרוי אזראך איז די פרוי

פונעם פאַרשטאָרבענעם רעזשיסאָר אַלעקסאַנדער גראַנאָווסקי, דער ער־שטער קינסטלערישער אָנפירער און גרינדער פונעם מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער. זי איז אַ באַגאַבטער רעזשיסאָר און פּעדאַגאָג. זי האָט געאַרבעט אַלס פּעדאַגאָג אינעם יידישן טעאַטראַלן טעכניקום, ביים יידישן מלוכה־טעאַטער. איר מיינונג, האַלט איך, איז זייער אַן אויטאָרי־טעטע.. און אָט איז די מיינונג פון נחמהלען זעלבסט. איך ציטיר דאָ אַן אויסצוג פון נחמהלעס אַ בריוו צו מיר פון ווילנע, 25 פעברואַל 1965.

...„אַ גרויסן דאַנק דיר פאַר דיין ערשטן רעצענזיע־בריוו און אויך פאַרן צווייטן.

כ׳ווייס ניט צי דו ביסט גערעכט אין ערשטן, נאָר אין דער צווייטער רעצענזיע ביסטו גערעכט. אַ פאַקט האָסטו, אַז ס׳איז זייער גיך אַראָפּ פון דער בינע, ס׳איז דורכגעפאַלן. דער גאַנצער ספּעקטאַקל מיטן רעזשיסאָר צוזאַמען, אַפילו מיטן פאַרלייענער. אַז אַך און ווי איז צו זיינע יאָרן. זיין געזונט אויף גאַרבונאָוון און איוואַכניוקן מיט נאָך אַזעלכע שיינע לייט געזאָגט געוואָרן״.

מיינע חברים און פריינט האָבן מיך געפרעגט פאַרוואָס איך בין ניט געווען אויפן אָוונט אין אַקטיאָרן־קלוב? „דו וואָלסט באַקומען אַ מאָראַלישע באַפרידיקונג, ווייל אַלע האַלטן אַז דו ביסט לפי ערך בעסער פון לעווינען״ — אַזוי האָבן זיי מיר געזאָגט. האָב איך זיי געענטפערט: אַז זיי האָבן אַ טעות. „אויב לעווין איז ערגער פון מיר וואָלט איך נאָר מער געהאַט פאַרדרוס, ווייל אויב מען וואָלט געהאַט מיך פאַרביטן, מיט אַ יונגערן און הויך קוואַליפיצירטן אַקטיאָר (אַזוי האָט נחמהלע געזאָגט אויף אַ זיצונג אין ליטווישן קולטור־מיניסטעריום, ווי מען האָט באַהאַנדלט מיין פראַגע) איז וואָלט עס מיך אַביסל גע־ערגערט. נאָר לאָגיש וואָלט איך עס געמוזט באַרעכטיקן. וואָס זאָל מען טאָן? קונסט פאָדערט קרבנות... נאָר אויב מען האָט מיך פאַרביטן אויך ניט מיט קיין יונגן און נאָך אַן ערגערן פון מיר, וואָלט עס מיר נאָך מער וויי געטאָן.״

מיט שווערן געמיט בין איך אַרויס פון קולטור־מיניסטעריום, ווו מען האָט באַהאַנדלט מיין פראַגע. ווו איך האָב זיך דערוווסט אַז נחמהלע האָט מיך „פאַראַטן״. עטלעכע חדשים האָב איך זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. דער קלאַפּ איז געווען צו גרויס איך זאָל זיך קאָנען אַזוי גיך

באַרואיקן. געקומען איז עס פון נחמהלען, פאַר וועלכער כ׳בין געווען גרייט אויף גרויסע קרבנות, פאַר דער, פאַר וועלכער איך האָב איינ־געשטעלט מיין קאָפּ, ווען איך בין געגאַנגען זיך באַקלאָגן אויף די קיעווער און אָדעסער קולטור־טוער אין צענטראַלן קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. און דערפאַר בין איך געבליבן אָן אַרבעט מיט חובות איבערן קאָפּ. ווייל זיצנדיק אַ צייט אָן אַרבעט און פאָרן עטלעכע מאָל אַהין און צוריק קיין מאָסקווע, האָט געקאָסט ניט ווייניק געלט.

ווען איך האָב זיך אַביסל באַרואיקט, האָב איך אָנגעהויבן צווייפלען: אפשר איז זי גערעכט? איך בין שוין ניט יונג... אויף זיך זעט מען דאָך ניט... אפשר האָב איך טאַקע ניט קיין רעכט אויפצוטרעטן אויף דער בינע? מען דאַרף באַצייטנס אַוועק פון דער בינע און ניט מאַטערן דער צושויער נאָר דערפאַר, ווייל איך וויל פאַרזעצן מיין שפּעריש־טעטיקייט...

איך האָב באַשלאָסן פאָרן קיין מאָסקווע, זיך ווענדן צו אויטאָריטעטע רעזשיסאָרן און זאָלן זיי אַרויסטראָגן זייער אורטייל: צי האָב איך נאָך רעכט אַרבעטן אויף דער בינע אָדער איך דאַרף שוין אַרויס אין טי־ראַזש?... און דרך אגב, אויב איך וועל זיך איבערצייגן, אַז איך האָב נאָך רעכט אויפצוטרעטן פרן צושויער, נעמען גרייטן אַ נייעם פּראָגראַם מיט אַ נייער זינגערין אָדער זינגער. דער געדאַנק אויפצוטרעטן מיט זעלבשטענדיקע וואָרט־קאָנצערטן האָט נאָך געשוועבט ביי מיר אין דער לופט... איך האָב די גאַנצע צייט געהאַלטן אַז איך האָב ניט קיין רעכט אויף דעם. אין דעם זיינען שולדיק „די גרויסע מבינים" פון קונסט, אין דער ליטווישער פילהאַרמאָניע און אייניקע יידישע קולטור־טוער אין ווילנע. איך מוז דאָ אויך פעסטשטעלן אַז אייניקע יידישע שרייבער אין מאָסקווע האָבן אויך אַ געוויסן חלק אין דעם. די צרה איז, וואָס יעדערער איז אַ מבין אויף קונסט. אָפט מאָל טרעפן מיר זייער פעיקע שרייבער נאָר אין דראַמאַטישער קונסט זיינען זיי גרויסע פּראָ־פאַנען און זאָגן אָפט מאָל אַרויס אַזעלכע אומגעלומפּערטע מיינונגען, וואָס עס איז פּשוט לעכערלעך זיי צו הערן. קריטיקער אויף דראַמאַטישער קונסט ווי אויך אויף קינסטלערישע פאַרלעזונגען, זיינען נאָר די וואָס האָבן אַליין געלערנט די קונסט. דאָס זעלבע איז אויך מיט מוזיק. אַן אמתער מוזיקער אַ ספּעציאַליסט אויף מוזיק קאָן זיך אַרויסזאָגן וועגן דעם. פאַרוואָס קאָנען ניט אַלע זיך אַרויסזאָגן וועגן פיזיק אָדער מאַטע־

מאַטיק און אַנדערע וויסנשאַפטן? און אויף אַרטיסטן זיינען אַלע מבינים...

אין מאָסקווע האָב איך זיך געווענדעט צו דער פרוי אַזאַרד, וועגן וועלכער איך האָב שוין פריער דערמאָנט. זי האָט מיך קיינמאָל ניט געזען אויף דער בינע און איך האָב זיך מיט איר באַקענט אין אַ געשפּרעך דורכן טעלעפאָן. איך האָב זי געבעטן, זי זאָל מיך אויסהערן און מיר זאָגן דעם ריינעם אמת, ווי ביטער ער זאָל פאַר מיר ניט זיין. צי בין איך שוין אַזוי אַלט, אַז איך דאַרף פאַרענדיקן מיין אַרטיסטישע טעטיקייט. און צו האָב איך נאָך רעכט צו אַרבעטן אויף דעם געביט. איך האָב איר פאַרגעלייענט עטלעכע זאַכן פון שלום עליכם׳ס ווערק און אויך פון אונדזערע דיכטער. זי האָט מיר געמאַכט אייניקע באַמערקונגען וועגן מיין פאַרלייענען, „נאָר עס איז פשוט לעכערלעך, — אַזוי האָט זי מיר געזאָגט, — איצט שטעלן די פראַגע, צי האָט איר רעכט אויפצוטרעטן אויף דער בינע. איר האָט צו דעם אַלע געגעבענע אי די שטים, אי טעמפּעראַמענט אי מייסטערשאַפט און עס איז ביי אייך אַ גוטע יידישע שפּראַך א. א. וו. מען קאָן דיסקוטירן וועגן אייער אינטערפּרעטאַציע נאָר אין דעם פּלאַן, ווי עס איז ביי אייך געמאַכט, איז עס פּראָ פעסיאָנעל. און ווען איך האָב איר געזאָגט, אַז איך אַרבעט אויף די ווערק אַליין אָן אַ רעזשיסאָר, האָט זי מיר געזאָגט, אַז מיט אַ רעזשיסאָר וואָלט איך אַ סך מער דערגרייכט, ווייל די גרעסטע קינסטלער פון וואָרט אַרבעטן מיט רעזשיסאָרן. אמת געזאָגט האָב איך אויף די ווערק וואָס איך האָב פאַרגעלייענט אַרבעטנדיק מיט ליפשיצייטע, זייער ווייניק אַכט געלייגט. איך האָב וועגן זיך ווייניק וואָס געטראַכט, ווייל מיין אידעאַל איז געווען נחמהלע. איר דערפאָלג איז אויך געווען מיין דער־פאָלג. און אין מיינע אַרויסטרעטונגען האָב איך זיך פאַרלאָזט אויף מיין דערפאַרונג. דערצו האָב איך קיין צייט ניט געהאַט צו אַרבעטן אויף זיך, ווייל איך האָב דאָך געמוזט באַזאָרגן אונדזער גרופּע מיט קאָנצערטן און דאָס איז געווען ניט פון די לייכטע זאַכן. אַנשטאָט צו אַרבעטן אויף זיך שעפעריש, האָב איך פאַרשווענדעט די צייט אויף אָפּשלאָגן די שוועלן פון די אַנשטאַלטן זיך דערשלאָגן די דערלויבענישן אויף אונדזערע גאַסטראָלן. האָב איך פאַרגעלייגט דער פרוי אזארד זי זאָל מיט מיר אַרבעטן אויף עטלעכע זאכן. נאָר אַזוי ווי זי איז געווען פאַרנומען, האָט זי מיר רעקאָמענדירט איר אַסיסטענטין דינאַ גריגאָריעוונאַ שעכטמאַן,

וועלכער באַזיצט אויך אַ הויכע קולטור און הויכע טעאַטער־בילדונג. האָבן מיר מיט איר אָנגעהויבן אַרבעטן אויף איינער פון די דערציילונגען פון טוביה דעם מילכיקן, „חוה״. אַ גרויסן נחת־רוח האָב איך געהאַט אין דער צייט פון דער ארבעט מיט פרוי שעכטמאַן. עס האָט מיר דערמאָנט אָן די גוטע אינטערעסאַנטע צייטן ווען איך האָב געלערנט אין דער סטודיע „פרייקונסט״ אונטער דער אָנפירונג פון ב.א. ווערשילאָוו.

איך בין דאַנקבאַר פונעם גאַנצן האַרצן דער פרוי שעכטמאַן ווי אויך דער פרוי אזארך, וועלכע האָט אויך אָנטייל גענומען אין אונדזער אַרבעט. ווייל מיר פלעגן פון צייט צו צייט ווייזן דער פרוי אזארך אונדזער אַרבעט און זי פלעגט מאַכן אירע זייער נוצלעכע באַמערקונגען, וועלכע האָבן געהאָלפן זייער פיל צו אַנטפלעקן דעם טעקסט ווי אויך דעם אונטערטעקסט און אַזוי אַרום האָבן מיר געשאַפן אַ פאַרענדיקטע אַרבעט פון שלום עליכם׳ס ווערק, וועלכע האָט באַקומען גאָר אַ הויכע אָפּ־שאַצונג.

אויפן קונסט־ראַט פון מאָסקווער „מאָסקאָנצערט״ וועלכער איז באַ־שטאַנען פון די בעסטע רעזשיסאָרן און בינע־קינסטלער, ווען איך האָב זיי געשטעלט די פראַגע: צי מעג איך נאָך אויפטרעטן אויף דער בינע? ווייל עס איז דאָ אַ מיינונג, אַז איך דאַרף שוין אַרויס אין טיראַזש. האָבן זיי מיר געענטפערט: אַז אויב איך וואָלט געווען אַ באַלעט־טענצער, וואָלט איך שוין באַדאַרפט אַרויס אויף פענסיע, נאָר אַלס פאַרלעזער פון ליטעראַטור, האָבן מיר באַשלאָסן, אַנשטאָט דער ביז איצטיקער ערשטער קאַטעגאָריע, אייך צו געבן: די העכסטע קאַטעגאָריע. לויט דער קאַטע־גאָריע האָט איר דאָס רעכט אויפצוטרעטן מיט זעלבסטשטענדיקע „וואָרט־קאָנצערטן״. איר דאַרפט איצט ניט קיין זינגערין. די זעלבע אָפּשאַצונג האָב איך באַקומען אויפן לענינגראַדער קונסט־ראַט ביי דער קאָנצערט־אָרגאַניזאַציע „לענקאָנצערט״, ווי אויך ביים צושויער און אין דער פרעסע.

אָט די אַרבעט מיט די צוויי רעזשיסאָרן האָבן מיר דערוויזן, אַז די אַלע קולטור־טוער מיט נחמהלען בראש, וועלכע האָבן געהאַלטן אַז איך דאַרף שוין אַרויס אויף פענסיע און פאַרלאָזן די בינע, האָבן געהאַט אַ גרויסן טעות. איך טרעט איצט אויף מיט אַ ספּעציעלן פּראָגראַם אין צוויי אָפּטיילונגען. אַ זעלבשטענדיקער סאָלאָ־קאָנצערט איך האָב שוין געגעבן 10 קאָנצערטן אין די שטעט פון ווינניצער געגנט, פון קינסטלערישן וואָרט. איך בין אויפגעטראָטן אין לענינגראַד, מאָסקווע,

אין וויניצער געגנט האָב איך באַזוכט שאַרגאָראַד, מאָהיליאָוו־פּאָדאָלסק, דזשורין, זשמערינקע, יאַמפּאָל, טאָמאַשפּאָל, טולטשין, שפּיקאָווע, כמעלניק און בערשאַד. אָט די אַלע שטעטלעך האָבן דערוויזן אַז עס איז דאָ גרויס דורשט נאָכן יידישן וואָרט. און אַז עס איז אַ פאַלשע מיינונג פאַר אַ סך יידישע טוער, אַז יידן אין ראַטנפאַרבאַנד דאַרפן ניט קיין יידישע קולטור.

איך בין אויפגעטראָטן אין סאָטשי מיט 3 קאָנצערטן. 10 קאָנצערטן האָב איך געגעבן אין מאָלדאַוויע און איך מוז צוגעבן אז דעם גרעסטן דערפלג האָב איך געהאַט פון אַלע שטעט און שטעטלעך אין מאָלדאַוויע, איבערהויט אין קעשעניעוו און אין בעלץ. אין דעצעמבער 1965 בין איך אויפגעטראָטן אין באַקו — 3 קאָנצערטן, אין טביליסי — קאָנצערטן, אַ קאָנצערט אין גראָזנוי און איין קאָנצערט אין קיראָוואָגראַד אין אוקראַינע.

אייגנטלעך זיינען מיינע זכרונות פאַרענדיקט נאָר איך וויל צום סוף זיך אָפּשטעלן וועגן דעם, וואָס עס שרייבן אייניקע צייטונגען פון דער אויסלענדישער פּרעסע ווי אויך אייניקע באַהויפּטונגען, פון די פּערזענלעכקייטן וועגן דער אויפלעבונג פון דער יידישער קולטור און קונסט אין ראַטנפאַרבאַנד.

דאָ אין לענינגראַד, לייענען מיר די „פּראָגרעסיווע" צייטונגען און זשורנאַלן, וועלכע קומען אָן אינעם פיליאַל פון דער מלוכהשער ביבליאָטעק א.נ. פון סאַלטיקאָוו־שטשעדרין. די „נייע פּרעסע" פון פּאַריז, די „פאָלקס־שטימע" פון וואַרשע, „מאָרגן־פרייהייט" פון ניו־יאָרק, „קול העם", „למתחיל", „פריי ישראל" פון ישראל און אַנדערע. דאָ אין ביבליאָטעק קאָן מען לייענען זייער פיל ביכער אין יידיש און העברעאיש, קלאַסישע און היינטצייטיקע ליטעראַטור; נאָר לייענען קאָן מען נאָר אין לייען־זאַל, — אַהיים גיט מען נישט אַרויס קיין יידישע ביכער. אָפּטמאָל לייען איך אַרטיקלען, נאָטיצן פון זשורנאַליסטן און קאָרעספּנדענטן פון ראַטנפאַרבאַנד. און פון אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן וועלכע האָבן באַזוכט ראַטנפאַרבאַנד, און זאָגן אַרויס אַזעלכע פאַרקריפּלטע און פאַלשע מיינונגען און אַזעלכע פאַקטן, וועלכע זעען אויס ווי אַנעקדאָטן. און עס איז צו שטוינען, פון וואַנען שעפּן זיי עס?...

ראַבינאָוויטש פון מאָסקווע און פערצאָווסקי פון לענינגראַד שרייבן אין דער אויסלענדישער פּרעסע וואָס שטימען ניט, איידל גערעדט מיט דער

די ערשטע אַפיש פון דעם וואָרט־קאָנצערט אין לענינגראַד און מאָסקווע

ווירקלעכקייט, און רופן אַרויס ביי אונדזער לייענער אין ראַטנפאַרבאַנד גרויסע פּראָטעסטן. ס׳ איז אמת, אַז אַ סך יידישע וויסנשאַפטלעכע, געלערנטע פאַרנעמען זייער הויכע פּאָסטנס אין די סאָוויעטישע וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן.

ס׳איז אויך אַן אמת, אַז עס לערנען זיך זייער פּיל סטודענטן אין אוניווערזיטעטן און אויך אין אייניקע אינסטיטוטן, נאָר פאַרוואָס שרייבן זיי ניט וועגן דעם, אַז עס זיינען דאָ אינסטיטוטן, וווּ אָפיציעל ווערן ניט אָנגענומען קיין יידן ?... ווי צום ביישפּיל אין אינסטיטוט פאַר צופונפטיקע דיפּלאָמאַטן (אינסטיטוט פאַר אויסלענדישע באַציונגען), „אינ־סטיטוט פאַר זשורנאַליסטן", „אוויאַ־אינסטיטוט". פאַרוואָס שרייבן זיי ניט וועגן דעם אַז סטודענטן יידן נאָכן פאַרענדיקן דעם אינסטיטוט, קומט זיי אָן שווער צו באַקומען ארבעט לויט זייער קוואַליטעט ? זיינע דאָ ניט קיין אָפיציעלע פאַראָרדענונגען: „יידן ניט דערלאָזן !..." זיי שרייבן וועגן יידישע קאָנצערטן, פון פאַרשיידענע אַקטיאָרישע גרופּקעס איבערן לאַנד, אָבער זיי שרייבן ניט, וויפל מי, נערוון, ענערגיע, האַרץ־ווייטאָג מען דאַרף פאַרשווענדן ביז מען דערשלאָגט זיך אַ דערלויבניש אויף אויפצוטרעטן מיט די קאָנצערטן. עס זיינען דאָ אַזעלכע שטעט, ווי צום ביישפּיל קיעוו, וועלכע נעמען בכלל ניט אָן קיין יידישע קאָנצערטן. דער הויפּט־רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל „סאָוויעטיש היימלאַנד" אהרן ווערגעליס, האָט אין אַן ענטפער אויף אַ בריוו פון פילאָזאָף לאָרד ראַסעל אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג „אַז די יידן פון ראַטנפאַרבאַנד ווילן ניט און דאַרפן ניט קיין יידישע קולטור". ס׳איז אמת אַז עס זיינען דאָ אַ גרויסע צאָל יידן אין ראַטנפאַרבאַנד, וועלכע זיינען געצוווּנגען זיך צו אַסימילירן און אייניקע לייקענען אָפּ אַפילו זייער יידישער אָפּשטאַמונג, נאָר צוליב דעם זיי זאָלן קאָנען פאַרנעמען גרויסע פּאָסטנס אין מלוכה־אַנשטאַלטן אָדער געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן. נאָר דאָס איז דאָך געצוווּנגענע אַסימילאַציע.

און מיט וואָס פאַר אַ רעכט זאָגט ער אַרויס אין נאָמען פון אַלע יידן פון ראַטנפאַרבאַנד „אַז יידן ווילן ניט און דאַרפן ניט קיין יידישע קולטור" ? ווער האָט אים באַפולמעכטיקט צו רעדן אין נאָמען פון אונדז אַלעמען. יידישע אָוונטן, קאָנצערטן, ציען צו גרויסע יידישע מאַסן. עס איז דאָ אַ גרויסער דורשט נאָכן יידישן וואָרט. צום באַדויערן, טרעטן אָפּט אויף יידישע גרופּעס מיט זייער אַ נידעריקער קוואַליטעט און אויך אַ נידעריקער קולטור מען טראָגט צו דעם צושויער ניט גאָר קיין קינסטלערישע ווערק, און דער רעד. ווערגעליס שטיצט אָפּט כאַלטורע־גרופּעס, וועלכע האָבן ניט קיין שום קינסטלערישן ווערט... הויך קיסטלע־רישע, און הויך קוואַליפיצירטע אַרטיסטן, האָבן מורא צוטרעטן צו

יידישער קינסטלערישער טעשיקייט. צום ביישפּיל די סאָליסטן פון מוזי־קאַלן טעאַטער א.ג. פון סטאַניסלאַווסקי און נימיראָוויטש־דאַנטשענקאָ, דינה פּאָטאַפּאָווסקאַיאַ, וועלכע האָט אויך לויט מיין איניציאַטיוו צו־געגרייט אַ פּראָגראַם פון יידישע לידער, — זי האָט נאָר זיי געזונגען אין ישראל ווען זי איז דאָרט געווען אַלס מיטגליד פון דער סאָוויעטישער דעלעגאַציע צו דער פייערונג צוואַנציק יאָר נאָכן זיג איבערן פאַ־שיסטישן דייטשלאַנד. נאָר דאָ, ווען זי האָט זיך געווענדעט אין קולטור מיניסטעריום וועגן אַ דערלויבעניש אַרויסצוטרעטן מיט יידישע קאָנ־צערטן, האָט מען איר ניט אָפיציעל געענטפערט, אַז אויב זי וויל אַרבעטן אין טעאַטער, זאָל זי פאַרגעסן וועגן יידישע קאָנצערטן. דער זינגער האַראָוויץ איז אַריבער אויף רוסישע קאָנצערטן, ווייל יידישע געבן זייער אַ קליינעם פּראָפיט... ווייל ס׳איז שווער צו באַקומען אַ הסכּמה אויף יידישע קאָנצערטן. ווען מען זאָל געבן אַ מעגלעכקייט, וואָלטן זייער פיל הויך קוואַליפיצירטע אַרטיסטן אויפגעטראָטן אויף יידיש. דער איינ־ציקער, וועלכער שרייבט נאָר טיילווייז אָביעקטיוו, וועגן דער יידישער קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד, איז דער שעף־רעדאַקטאָר פון „מאָרגן־רפייהייט" פסח־נאָוויק. ער איז פאָלקאָם גערעכט טווען ער שרייבט, אַז קיין צוואַנגס־אַסימילאַציע איז ניט דערלאָזבאַר אין אַ לאַנד פון סאָ־ציאַליזם ווו מען בויט קאָמוניזם.

אין 1962 יאָר האָב איך זיך געטראָפן מיטן שעף־רעדאַקטאָר פון פּאַריזער „נייע פּרעסע" מיטן חבר קעניג. איך האָב אים געגעבן דער־ציילט, פאַרוואָס מען האָט מיך צושיידט מיט נחמה ליפשיץ און מיט וואָס פאַרא שוועריקייטן מיר איז אָנגעקומען צו אָרגאַניזירן די גרופּע בראש מיט ליפשיצייטע, — האָט ער מיר געענטפערט: „אַז וועגן שוועריקייטן קאָנען מיר ניט שרייבן... „פאַרוואָס? הייסט עס, אַז די צייטונגען שרייבן נאָר וועגן פּאָזיטיווע דערשיינונגען אין ראַטנפאַרבאַנד?... און וועגן די אומרעכטן, וואָס עס ווערן געטאָן קעגן יידישער קולטור און בכלל קעגן יידן אין ראַטנפאַרבאַנד, פאַרשווייגט איר? ווו איז יושר?...

ניט לאַנג האָב איך געלייענט אין דער „נייער פּרעסע" אַרויסזאָ־גונגען פון עטלעכע יידן, סאָוויעטישע געלערנטע, פּראָפעסאָרן קאָזאַלב, אַקאַדעמיקער לעוו לאַנדאו און יעווסעי ליבערמאַן. זיי לייקענען אָפּ, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד איז דאָ אַנטיסעמיטיזם, „אַז עס איז לעכערלעך און אומגעלומפּערט פון די „רכילות־טרייבער" וועלכע שרייבן שלעכטס

וועגן ראַטנפאַרבאַנד, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד איז דאָ אַנטיסעמיטיזם...״ דאָס איז ניט לעכערלעך. דאָס איז אַ טראַגעדיע פון אַ פאָלק, ווען אַזעלכע מענטשן פון קולטור, פון הויכע וויסנשאַפט, זאָגן אַרויס אַזעלכע גוזמאות. מיר האָט זיך ניט געלאַכט, נאָר דאָס האַרץ האָט מיר געבלוטיקט יעדעס מאָל, ווען איך האָב זיך געווענדעט וועגן אַ דערלויבעניש אויף יידישע קאָנצערטן און עס איז מיר אויך געווען ניט צום לאַכן, ווען מען האָט מיך באַזייטיקט פון מיין אַרבעט, נאָר דערפאַר, וואָס איך האָב געוואַגט זיך צו באַקלאָגן אויף אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען אין קיעוו און אין אָדעס.

איך וואָלט דאָ געקאָנט ברענגען נאָך זייער פיל פאַקטן פון דיסקרי־מינאַציע פון יידישער קולטור און קונסט, נאָר ניט דאָ איז דאָס אָרט. איך האָב זיך אויף דעם אָפּגעשטעלט דערפאַר, ווייל זייער פיל פון אונדזערע אחינו בני ישראל, בכדי אויסצודינען זיך פאַר זייערע אָנ־פירער, לייקענען אָפּ אַז אין ראַטנפאַרבאַנד איז דאָ אַנטיסעמיטיזם. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז קיין אָפיציעלער אַנטיסעמיטיזם איז אין ראַטנ־פאַרבאַנד ניטאָ, נאָר דאָס איז נאָך ערגער, ווען מיר ווייסן גענוי, ווער עס זיינען אונדזערע שונאים, קאָנען מיר לכל הפחות קעמפן מיט זיי. אָבער מיט פאַרביסענע שונאים איז שווער צו קעמפן. ווען די יידישע פערזענלעכקייטן וועלכע פאַרנעמען הויכע ערטער אין דער סאָוויע־טישע געזעלשאַפטלעכקייט, וואָלטן דרייסט אַרויסגעטראָטן און וואָלטן פּראָטעסטירט קעגן די פאַרביסענע פאַרבאַהאַלטענע דיסקרימינאַציעס בנוגע צו יידישער קולטור און קונסט, וואָלט מען זיך אפשר דערשלאָגן, אַז עס זאָלן איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָפּגעשטעלט ווערן אָט די רעשטלעך פון דעם צאַרישן אַנטיסעמיטיזם. נאָר לאָמיר האָפן אויף בעסערע צייטן.

דעם 3־טן אויגוסט 1965 האָב איך פאַרענדיקט מיינע זכרונות, נאָר נאָכדעם זענען פאָרגעקומען אין מיין לעבן אַזעלכע געשעענישן, וועלכע מיר ווילט זיך אויך באַשרייבן. דעריבער וויל איך פאַרזעצן מיינע זכרונות.

אין מאַרט 1966 האָב איך באַקומען אַ דערלויבעניש, צייטווייליק צו פאָרן אין ישראל. איך מוז צוגעבן, אַז דאָס איז געווען מיין פלאַמענ־דיקער טרוים, צו פאָרן אין לאַנד, ווו איך בין געווען מיט 50 יאָר צוריק. דעם 21־טן אַפּריל 1966 בין איך געקומען קיין תל־אביב. קיינער

האָט מיך נישט באַגעגנט, הגם איך האָב געמאָלדן טעלעגראַפיש מיינע קרובים און פריינט וועגן מיין קומען. נאָר עס איז פאָרגעקומען אַ מיס־פאַרשטענדעניש: איך האָב טעלעגראַפירט אַז איך קום דעם 22־טן אַפּריל, ווייל אַזוי האָט מען מיר געזאָגט, אין מאָסקווע אין אַעראָפּאָרט. אַז איך וועל דאַרפן נעכטיקן אין ניקאָסיע (ציפּערן). נאָר עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז נאָך אין דעם זעלבן טאָג דעם 21־טן אַפּריל בין איך אָנגעקומען קיין לוד. איך האָב לאַנג געזוכט די אַדרעסן פון מיינע פריינט און ענדלעך אָפּגעזוכט. מיך האָט צום ערשטן אויפגענומען מיין פריינט יצחק ליוביטש, מיט וועלכן איך האָב זיך באַקענט ווען ער האָט געוויילט אין לענינגראַד אַלס טוריסט. אויף מאָרגן איז צו מיר געקומען דער ברודער פון רפאל ורדי, וועדכער וווינט אין כפר ויתקין. מיטאָנ־דערהאַלבן חדשים פריער געקומען קיין ישראל זיך אויף שטענדיק צו באַזעצן. ער איז געקומען לויט דער איינלאַדונג פון זיין ברודער רפאל ורדי, וועלכער וווינט אין כפר ויתקין. ער איז געקומען מיט אַ ספּעציעלער מאַשין און מיך געבראַכט צו זיין ברודער פּונקט אויף שבת, ווו מען האָט מיך זייער וואַרעם אויפגענומען. פּרייטיק נאָכן אָוונט־ברויט זיינען געקומען אַ סך שכנים פונעם דאָרף מקבל פנים זיין אַ גאַסט פון ראַטן־פאַרבאַנד. אויפצומאָרגנס פאַרנאַכט האָט מיך רפאל ורדי מיט מיין פריינט אליעזר בליומין אָפּגעפירט אויף אַ מאַשין צו מיין קוזינע אניע כהן אין תל־אביב. לײדער איז זי ניט געווען אינדערהיים. זי איז אָפּגעפאָרן מיט איר מאַן אין פערו. ווו ער האָט באַקומען אַרבעט לויט זיין ספּעציאַליטעט און אויפגענומען האָט מיך מיין קוזינעס טאָכטער ליאַראַ.

אַרומגייענדיק אויף די גאַסן פון תל־אביב האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אפשר חלומט זיך מיר דאָס אַלץ. קען דאָס זיין אַז איך בין אין ישראל? ... דאָס לאַנד האָט אויף מיר געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק. אין 1915 האָב איך איבערגעלאָזט אַ לאַנד, וואָס האָט זיך ערשט אָנ־געהויבן אַנטוויקלען. עס זיינען געווען איניקע גאַסן פון תל־אַביב, איצט האָב איך גאָרניט דערקענט. אויפן אָרט פון דער גימנאַזיע „הרצליה" ווו איך בין אויפגעטראָטן דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן אויף די בינע, שטייט אַ הימל־קראַצער פון 38 שטאָק און דער אוניווערסאַלער מאַגאַזין „שלום". די גאַס שדרות רוטשילד איז ניט צו דערקענען. אָפּזוכן די הויז ווו איך האָב געוווינט מיט 50 יאָר צוריק איז געווען אוממעגלעך. אַ

ראַשיקע באַוועגונג, אַזויפיל אויטאָמאָבילן, אויטאָבוסן, — ווען אין דער צייט, ווען איך בין געווען אין תל־אביב, האָט מען קיין איין מאַשין ניט געזען. מען פלעגט פאָרן פון יפו קיין תל־אביב אויף אַ דיליזשאַנס.

ווען איך בין געזעסן אויפן פאַראַד נעבן חיפה, אין יום העצמאות און ווען עס האָבן זיך באַוויזן די אַוויאָנען און דערנאָך די אַרמיי, ווען איך האָב דערזען יונגע, קרעפטיקע יידישע סאָלדאַטן ווי אויך יונגע שיינע, קרעפטיקע מיידלעך אין דער אַרמיי, — זיי האָבן מאַרשירט דיסציפּלי־נירט, מיט שטאָלצע, אויפגעהויבענע קעפּ, — האָבן מיר זיך באַוויזן טרערן אין די אויגן. איך האָב זיך צעוויינט פאַר פרייד. נאָך אַזויפיל יאָרן פאַרפאָלגונגען, נאָכדעם, ווי עס זיינען אויסגעראָטן געוואָרן 6 מיליאָן — אַ דריטל פון אונדזער פאָלק, — און דאָ א יידישע אַרמיי, באַוואָפנט מיט געווער, מיט אַנטוויקלטער, הייבטצייטיקער טעכניק. דאָס האָט ניט נאָר ביי מיר, נאָר אויך ביי מיינע שכנים וועלכע זיינען געזעסן נעבן מיר, אַרויסגערופן טרערן פון פרייד.

אין אַ פּאָר טעג אַרום קלינגט מיר אָן אין טעלעפאָן מיין חבר בליומין וועלכער האָט דעמאָלט געלערנט אין אולפּן אין חיפה, און פרעגט מיך, פאַרוואָס איך קלינג ניט אָן דעם חבר רעזניק? פרעג איך אים, ווער איז דער חבר רעזניק? דערמאָנט ער מיך, אַז דאָס איז אויך איינער פון די טוריסטן, מיט וועמען מיר האָבן זיך באַקענט אין לענינגראַד. איך האָב זיך דערמאָנט, אז איך בין מיט אים געווען באַקאַנט אפשר 20 מינוט. לאָזט זיך אויס, אַז דער חבר שלמה רעזניק, איז אַ בכבודיקער געזעלשאַפטלעכער טוער אין חיפה און אַרבעט אַלס אַ פאַר־וואַלטער פון קופּת־חולים. ער און זיין פרוי רבקה האָבן מיך אויפ־גענומען מיט אַזאַ האַרציקער וואַרעמקייט, גלייך ווי מיר וואָלטן מיט אים געווען באַפריינדעט לאַנגע יאָרן. אַ דאַנק אים בין איך אויפ־געטראָטן אין חיפה אין „ביתנו" מיט אַ וואָרט־קאָנצערט, וועלכער האָט געהאַט דערפאָלג. איך בין אויך אויפגעטראָטן א דאַנק דער זאָרג פון שלמה רעזניק אין קרית מוצקין און אין קרית אליעזר און אין „בית רוטשילד" אויפן הר כרמל. אַלע קאָנצערטן האָט מען וואַרעם אויפגענומען.

אין תל־אביב האָב איך געהאַט מיינע ערשטע אויפטריטן אין „בית תבורי" און „בית ליסין", אין ירושלים אין קרית היובל. אין אַלגעמיין האָב איך געהאַט 30 אָוונטן אין ישראל אין פאַרלויף פון 6 חדשים. אַ גרויסן נחת־רוח האָב איך געהאַט פון מיינע אויפטריטן אין די קיבוצים. ליידער

האָב איך באַזוכט נאָר 4 קבוצים: „לוחמי הגיטאות", „יד מרדכי" „עין השופט" און „יפעות". די קיבוצים האָבן מיך אין מייַן ערשטן באַזוך באַיינדרוקט זייער פיל דאָ אין לאַנד.

דעם 26־טן מערץ 1969 בין איך געקומען מיט מיין פרוי און האָב זיך באַזעצט אויף שטענדיק אין ישראל. ענדלעך האָב איך פאַרווירקלעכט מיין פאַרלאַנג וועגן וועלכן איך האָב געטרוימט מיין גאַנצן לעבן.

תל־אביב, 16 אויגוסט 1969.